STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02228

DI KOMETE

Khaim Zilberman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כאַיִם זילבערמאַן

די קאָמעטן

ראָמאַן

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע. 1976

דער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער כאַים זילבערמאַן (1907—1975) האָט שוין איינעם סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן זיך אַקטיוו באַטייליקט אַלס זשורנאַליסט אין די אָדעסער, כאַרקאָווער און מאָסקווער צײַטונגען און זשורנאַלן. אין 1932 יאָר דערשײַנט זײַן בוך דערציילונגען „ברויט געזאַלצנס".

אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז כ. זילבערמאַן אוועק אַפן פראָנט און מיטן ביקס און פעדער זיך געשלאָגן קעגן דעם פאַרביטערטסטן סוינע פון אונדזער לאַנד. געוועזן באַלוינט מיט אַן אָרדען און מיט אַ סאַך מעדאַלן.

באַגאַבט מיט אַ כוש פאַר קינסטלערישער באַאָבאַכטערישקײַט, וועבט אויס זילבערמאַנס שרײַבערישע פאַנטאַזיע אַפן סמאַך פון זײַן מילכאָמע־דערפאַרונג דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין ביכער: „ווי לאַנג איז עס געווען" (ייִדיש, 1948) און „דער אופשטאַנד אין דער אונטערערד" (רוסיש, 1962).

די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט דער שרײַבער געווידמעט דעם ראָמאַן „די קאָמעטע". דאָ ווערט דערציילט, וויאַזוי אַ גרופּע קאָמיוגיסטן אין אָדעס שאַפט אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַ ייִדישן טעאַטער. זײַן אַנטשטייונג און אָנפאַנגלעכן שעפערישן פּראָצעס באַווײַזט דער קינסטלער אַפן פאָן פונעם היסטאָרישן קאַמף פאַר דעם זיג פון דער ראַטנמאַכט אין אוקראַינע.

3 $\frac{70303—365}{083(02)—76}$212—76

С (Евр.) 2
З-61

פונעם אוטאָר

דאָס טעאַטערל, וואָס איז אין אָדעס באַקאַנט אונטערן נאָמען „קאָמעטא“, שטייט נאָך ביז איצט אַפן ראָג פון די גאַסן קוזניעטשנע און אוספּענסקע. גלײַכגילטיק גייען מענטשן פאַרבײַ דאָס דאָזיקע מויערל, און קיינער קוקט זיך אפילע ניט אום אַף דעם. און צוליב וואָס? די געבײַדע איז ניט באַפוצט מיט קיין מאַרמאָר, קיין שטרענגע קאָלאָנעס היטן ניט דעם אַרײַנגאַנג און אַף די גרויע ווענט הענגען ניט קיין מעמאָריאַל־ברעטלעך.

מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק איז די „קאָמעטא“ געווען אַן איליוזיאָן, ווו מע האָט געדרייט פאַרעלטערטע און אָפּטמאָל צענעריקטע „קינאָ שעדעוורען“, מערסטנס אויסלענדישע, וואָס זײַנען שוין ניט איין מאָל געוויזן געוואָרן אין די ערשטראַנגיקע און אַפילע צווייטראַנגיקע קינאָטעאַטערן. ווען עס פלעגט זיך צונויפשטעלן אַ טרופּע פון ייִדישע אַקטיאָרן, וואָס האָט גאַראַנטירט דעם באַלעבאָס אַן אָנשטענדיקן פּראָצענט פונעם פּידיען, פלעגט די „קאָמעטא“ צײַטווײַליק פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טעאַטער.

און אין די ערשטע פרילינג־טעג פונעם 1920, באַלד נאָך דעם, ווי אין אָדעס האָט זיך פאַרפעסטיקט צום דריטן מאָל, און שוין אַף שטענדיק, די ראַטנמאַכט, איז די „קאָמעטא“ לויטן באַפעל פונעם פּאָליטפּראָסוועט באַם אָדעסער גוברעווקאָם אָפּגעגעבן געוואָרן אַ טרופּע אַקטיאָרן, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס איז שוין ניט איין מאָל אַרויסגעטראָטן אין דעם דאָזיקן הויז. וואָס עמעס, איז עמעס, די מערהײַט פון די שטענדיקע צושויער האָבן אים ניט געקענט, — אַ ביז גאָר באַשיידענעם פּלאַץ האָט פאַרנומען אין טעאַטער מאָטקע ברען.

און דאָך איז ער געווען אַן אַקטיאָר, און בעפיירעש אַ טאַלאַנטפולער. דערצו אַ מענטש מיט אַ פעסטן ווילן און אַ קלוגן פאַרשטאַנד. ער האָט דער ערשטער אײַנגעזען, אַז די „טעאַטער־שטיק“, וואָס מע האָט געשפּילט אינעם אַלטן „קאָמעטא“־זאַל, אַזעלכע, ווי „כאַנטשע אין אַמעריקע“, „כינקע־פּינקע“ און קעדוימע, קאָנען מער ניט באַפרידיקן דעם נײַעם סאָוועטישן צושויער, וואָס האָט פאַרדינט דאָס רעכט אַף עכטער קונסט.

מיט דער צײַט איז מאָטיע ברען, דער אָנפירער און רעזשיסער פונעם נײַעם טעאַטער, געוואָרן אויך דער מעכאַבער פון אַ נײַער טעאַטער־שטיק. דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע האָט אים אונטערגעזאָגט דאָס לעבן אַליין.

מאָנטיק דעם 18 יאַנוואַר 1920, עטלעכע טעג פאַרן פאַרלאָזן אָדעס, האָט די דעניקינישע קאָנטרראַזוועדקע פאַרמוטשעט און אַכזאָריעסדיק אומגעבראַכט אַ גרופּע קאָמיוגיסטן אונטערערד־טוער, וואָס זײַנען געווען

פארורטײלט צום טויט לויטן באװוסטן „איניען װעגן 17״. פון דער טורמע, פארן טויט, האָט די קאָמיוגיסטן זיך אײַנגעגעבן איבערצושיקן זײער לעצטן בריװ:

„מיר שטארבן, נאָר מיט שטאָלץ באגריסן מיר דעם זיגפולן אָנגריף פון דער רויטער ארמײ. מיר האָפן און גלײבן אינעם ענדגילטיקן זיג פון די קאָמוניסטישע אידעאלן״.

דעם בריװ האָבן אונטערגעשריבן די פארורטײלטע: דאָרע ליובאר־סקאיא, אידע קראסנאָשטשאָקינא, יאשע רויפמאן („בעזבאָזשני״), לעװו ספיװאק („פעדיא״), באָריס מיכײַלאָװיטש (טוראָװסקי), דוניקאָװסקי („זיג־מונד״), װאסילי פעטרענקאָ, מישע פעלצמאן און פאָליע בארג.

מיט דער מערהײַט פון זײ איז דער רעזשיסער פונעם נײַעם טעאטער געװען פערזענלעך באקאנט, כאָטש ער האָט זיך ניט באטײליקט אין דער ארבעט פונעם אָדעסער קאָמסאָמאָל. װעגן דער טראַגעדיע פון די אומגע־קומענע יונגע קאָמוניסטן האָט מאָטיע ברען אָנגעשריבן זײַן פיעסע, װאָס האָט טאקע געהײסן „זיבעצן״.

דער שעף פונעם פאָליטפראָסװעט באם אָדעסער גובערעװקאָם האָט גע־קראָגן א דערלויבעניש פאר די ארטיסטן, זײ זאָלן קאָנען באזוכן די קא־מערעס פון דער אינערלעכער טורמע, װוּ סע זײַנען פארמוטשעט געװאָרן און אומגעקומען די קאָמיוגיסטן.

בײסן באזוך האָבן די ארטיסטן געפונען אן אופשריפט אף א װאנט. אפן בעטאָן זײַנען געװען אויסגעקריצט צװײ װערטער: „כאװער לענין״. דער דאָזיקער קורצער אופשריפט האָט דערװעקט באם רעזשיסער א געדאנק, אז אין דער פיעסע װעגן די זיבעצן דארף געגעבן װערן דאָס געשטאלט פונעם כאװער לענין, װאָס קומט צו די פארמישפטעטע קאָמיוגיסטן װי א לעבעדיקער טרוים, װײַל מיטן געדאנק װעגן אים האָבן זײ געלעבט און מיט זײַן נאָמען אף די ליפן האָבן זײ אָפגעגעבן זײערע יונגע לעבנס.

די געשיכטע װעגן דעם דאָזיקן אויסערגעװײנלעכן טעאטער, דער גוירל פון זײַנע אקטיאָרן, מערסטנס ליבהאָבער, ליגט אינעם גרונט פונעם ראָ־מאן „די קאָמעטע״.

קאַפּיטל איינס

אַן אומדערוואַרטע באַגעגעניש

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אים אין אַ ווינטיקן טאָג, און פלינק, ווי אַ ווינט, האָט ער זיך אַרײַנגעריסן אין מײַן לעבן. איך בין דעמלט געלעגן אויפן ברוק פון דער אוספּענסקער גאַס. נאָרוואָס איז פאַרבײַגעפאָרן אַ בינדיוגע, זי האָט געפירט אַ באַרג מייסים, וועלכע מע האָט צונויפגענומען איבער דער שטאָט. די טויטע האָט מען אפילו ניט צוגעדעקט מיט קיין ראָגאָזשע. אַן עלטערע פרוי איז איינזאַם נאָכגעגאַנגען און געשוויגן. ווען האָט זי באַגלייט אין לעצטן וועג? און ווי לאַנג וועט זי נאָך אַליין קויִעך האָבן צו שלעפּן זיך אויף די פיס?

לעבן דער פאַריגלטער טיר מיט די פאַרקלאַפּטע שטאָרן פון לאַזער אַמטשיסלאַווסקיס מאַגאַזין, וווּ אויף די ווענט זײַנען נאָך פאַרבליבן אויפֿשריפטן „וווּרשט״, „סקומבריעס און הערינג״, „קאָנסערוון נאָר פון דובינינס פאַבריק״ און אַנדערע, איז געשטאַנען אַ הײַפל מענטשן און, גלײַך ווי מע וואָלט זיי באַפוילן, געשריִען:

— מיר זײַנען הונ־גע־ריק! מיר זײַנען הונ־גע־ע־ריק!

— הערט נאָר אַ נײַס, זיי זײַנען הונגעריק! — איז ווי פון אונטער דער

ערד אויסגעוואקסן מאַטיע ברען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די שורײַער, אָפּגעמאָסטן זיי מיט א שטעכיקן בליק און א זאָג געטאָן:

— הערט נאָר, איך בעט אײַך, א מײַסע! זיי זײַנען הונגעריק! און אלע איבעריקע, קומט אויס, זײַנען זאַט?

און דאָ האָט ער מיך דערזען. דערזען און זיך שטארק דערפרייט. ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר בײדע הענט:

— ווו זשע ווערט איר פארפאלן, יונגערמאַן? — האָט ער געוואָלט וויסן. ער האָט געקוקט אף מיר מיט טיפן מיטגעפיל, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ארויסגעלאָזט א שטילן זיפץ:

— סיפּניאק?

און ניט ווארטנדיק אף קיין ענטפער, באשלאָסן:

— נו, דאנקען גאָט, וואָס מיר האָבן זיך ארויסגעדרייט! עס האָט דאָך געקאָנט זײַן פארקערט אויך!

נאָך א קורצער פּויזע האָט ער צוגעגעבן:

— אצינד וואָלט איר זיך באדארפט פּילנעווען, אָדער פּאַשעט גערעדט, עפּעס א קײַע טאָן. איז, באַרעכהאשעם, ניטאָ וואָס?!

מיטאמאָל, גלײַך ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט ער, קלוימערשט שטארק אופגעטראָגן, צעפּירט מיט די הענט און זיך צעשרײַען אזוי, אז די הונגעריקע לעבן אמטשיסלאווסקיס מאגאזין זײַנען שטיל געוואָרן:

— כ׳פארשטיי ניט, וואָס זיצט איר דאָ אין שטאָט? וואָס האלט אײַך דאָ, גיט מיר צו פארשטיין! ווען גייט איר אָן און ווען, זאָגט מיר, דארפט איר דאָ אזוי נײטיק האָבן? האַ? פארוואָס זאָל אזא באָכערל ניט ווערן, לאָמיר זאָגן, אן אקטיאָר? וואָלט איר גלײַך אָנגעקומען אין דער טרופּע, וואָס קלײַבט זיך ארויסצופאָרן אין די שטעטלעך! דאָרט וועט מען אײַך אלע טאָג האָדעווען מיט ווארעניקעס און ראָסלפלייש.

ער האָט מיך אפּסנײַ אָפּגעמאָסטן, דאָס מאָל מיט א ניצאָכן־בליק. איך האָב שווײַגנדיק באטראכט דעם אומבאקאנטן מענטשן און נאָך אלץ ניט פארשטאנען, וואָס ער וויל פון מיר.

— ווי אלט זײַט איר? — האָט ער א פרעג געטאָן גאנץ שטיל און באלד זיך ווידעראמאָל צעשרײַען: — נו, איז וואָס? נו, און אויב פופצן יאָר? וואָס זשע, א מענטש פון פופצן יאָר וויל דען ניט עסן? ווער שמועסט נאָך א סיפּניאק? נו, גוט! — האָט ער מיטאמאָל נאָכגעגעבן. — קעדיי צו ווערן אן ארטיסט, זענט איר נאָך צו יונג און מע דארף זײַן, זאָגט איר, געבענטשט מיט יענעם פונק, וואָס ניט אלע פארמאָגן אים. כאָטש ווער קאָן זאָגן אף זיכער, אז בא אײַך איז דער דאָזיקער פונק ניטאָ? נאָר איך וויל זיך ניט קריגן מיט אײַך. נו, און א סופליאָר? א סופליאָר! מיינט נאָר ניט, אז מאָטיע ברען פארעדט זיך! איך וועל מײַנע סאָנים ניט פארשאפן אזא פארגעניגן! א כאדאָשים דרײַ אָדער פיר צוריק בין איך געווען אף קוזניעטשנער גאס אינעם נײַן־און־פערציקסטן נומער באם גראָבן מעכאניק... און איך געדענק גוט, ווי איר האָט דעמלט געלייענט פאר די געסט דעם „דײַטש” און דעם „וויגרישנעם בילעט”. טאקע דעמלט איז בא מיר געבוירן געוואָרן א געדאנק, אז מע טאָר אײַך ניט ארויסלאָזן פונעם אויג. איר פארשטייט, צי ניין? ווען אונדזער רעזשיסער וואָלט געקענט אזוי

לייענען ווי איר... איך מיין, אַזוי ריין, אַזוי גיך און מיט אַזאַ ריכטיקער טנועה, וואָלט ער, מעגט איר מיר גלייבן, צוגענומען דעם גאַנצן פּידיען און וואָלט ניט געגעבן די אַקטיאָרן קיין צעבראָכענעם גראָשן. אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך זאָגן בעסאָד, אַז פּאַר זײַן ווײַב, דער גרויסער ווערע איסײַעוונע, שרײַבט מען קיינמאָל ניט איבער אירע ראָלן. דער טערעץ איז אַ פּאָשעטער: זי איז, נעבעך, שטומפּיק אין דער איוורע.

און גלײַך ווי ער האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס, האָט ער צעפּירט מיט די הענט:

— איר קאָנט מיר ניט זאָגן, צוליב וואָס האָבן מיר זיך אוועקגעשטעלט אויפן סאַמע ווינט? לאָמיר בעסער אַרײַנגיין צו קאַליקן אין טראַקטיר, ווו ס'איז וואַרעם און ווו מע קאָן עפּעס אַמאָל אַרײַנכאַפּן אין מויל אַרײַן. נו, שטעלן מיר פּיס? מע דאַרף אַנטלויפן פונעם דאָזיקן ווינט. כוץ דעם, האָב איך צוגעזאָגט אילױשען, אַז איך וועל זיך אַרײַנכאַפּן צו אים, נעפּרעמענאָ.

מיר זײַנען געגאַנגען לאַנגזאַם, שווײַגנדיק. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מײַן נײַעם באַקאַנטן, באַמערקט אַ מילדן שמייכל אין זײַנע אומרויִקע אויגן. מיר זײַנען געגאַנגען איבער קימאַט אַ פּוסטער גאַס, כאָטש ס'איז געווען העלער טאָג. אויפן ראָג פון דער באָלשאַיאַ אַרנאַוטסקאַיאַ איז געשטאַנען אַן עלנטע דראָזשקע, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער פורמאַן און זײַן פערדל שטייען דאָ לאַנגע יאָרן און זײַנען שוין פאַרשטיינערט געוואָרן. פון הינטער אַ טויער האָט געשריִען אַ פרוי, וואָס האָט זיך, ווײַזט אויס, אויסבאַהאַלטן פונעם ביטערן ווינט:

— איך בין הונ־געריק! מענטשן! איך בין הונ־געריק!

אויף דער סטאַראָרעזניטשער, לעבן באָלגאַראָווס טעאַטער, האָט מאָטיע ברען זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָ זענט איר כאָטש איין מאָל געווען? — האָט ער געוואָלט וויסן. — ניט געווען? איך האָב אָבער אַזוי געטראַכט. אויב אַזוי, דאַרפט איר וויסן, אַז יעדער אַרטיסט, יעדער מענטש, וואָס האָט ווען־ס'איז־ניט־איז אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון אָט דעם הויז, דאַרף, פאַרבײַגייענדיק, אַראָפּנעמען דאָס היטל און אָנבייגן דעם קאָפּ. אין דעם דאָזיקן באָלגאַראָווס טעאַטער איז אַרויסגעטראָטן די גאַנצע מישפּאָכע ראַפּפּעל, וואָס האָט אַ לאַנגע צײַט געשפּילט מיט אוּוראָם גאָלדפאַדענען, — אויף דער בינע פון אָט דעם הויז האָט מאַלווינע ראַפּפּעל ניט איין מאָל געוויזן, וואָס הייסט אַזוינס טעאַטער און ווי טיף אין דער נעשאָמע דרינגט אַרײַן די עמעסע קונסט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אוועק ווײַטער. אויפן סאַמע ראָג האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט:

— מע קאָן רעכענען, אַז מיר זײַנען שוין געקומען. יאָ, וואָס זשע האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן? ווי?אַזוי זשע באַציט איר זיך צו מײַן פאָרשלאָג? נו, אויב אַזוי, זענט איר מײַן מענטש! איך מיין, אַז אילױשע וועט זאָגן דאָס זעלבע. יאָ, וואָס נאָך האָב איך געוואָלט בא אײַך פרעגן? איר האָט אַמאָל געזען אילױשען? ניין, ניט אין לעבן, אויף דער בינע מיין איך. דאָ ניט לאַנג האָט ער געשפּילט די ראָל פון וולאַדימיר וואָראָבייטשיק אין יאַנקעוו גאָרדינס דראַמע „דער ווילדער מענטש". אין „קאָמעטאַ" האָט מען זיך ניט געקאָנט אַדורכשטופּן. מע איז געשטאַנען אויף קעפּ.

ער האָט א לײַכטן זיפץ געטאָן:

— אָן אוויירע, וואָס אזא טאלאנטירטער אקטיאָר, ווי אילױשע בלאנק, קאָן ניט ארבעטן אין טעאטער און מוז דינען בא זײַן פעטער אין טראקטיר...

מיט די ווערטער האָט ער ברייט אופגעעפנט די טיר און א געשריי געטאָן אין דער זײַט, ווו בא דער סטאָיקע, לעבן א גרויסן סאמאָוואר, אײַנגעהילט אין א געדיכטער פארע, האָט מען געקאָנט באמערקן א סילועט פון א מענטשן.

— אילױשע! מעגסט מיר זאָגן, אז איך בין א טיפּעש פון טיפּעשלאנד! — האָט מאָטיע אויסגעשריִען.

— דו ווייסט דאָך, מאָטיע, אז איך האָב פײַנט איבערצוכאזערן דאָס, וואָס אלע וויסן שוין!

אזוי האָט אים געענטפערט אילױשע בלאנק. ער איז גלײַך ארויס צו אונדז פון הינטער דער סטאָיקע און אפגיך אויסגעווישט די הענט אינעם פארטעך.

— גוט, וואָס איר זײַט געקומען! — האָט ער זיך באגריסט מיט אונדז, געדריקט די האנט. — זייער גוט!

— אזוי, אז א סופליאָר פארמאָגן מיר שוין! — האָט מאָטיע מיט היסלײַוועס געמאָלדן. — הער נאָר אויס, וואָס פאר א דראנג איך בין! אָפּגעלעבט אף דער וועלט אזויפיל יאָר, און ניט געוווּסט, ווו מע דארף זוכן אָן עמעסן סופליאָר!

— אצינד איז אונדז געבליבן איין קלייניקײַט — צונויפקלאפּן א טרופּע, — האָט אילױשע געשמייכלט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער סטאָיקע, א געשריי געטאָן צו עמעצן: — באלד קער איך זיך אום!

ער האָט אונדז ביידן ארומגענומען מיט די הענט און אוועקגעפירט אין דער סאמע טיפעניש פונעם טראקטיר־זאל, צו א טישל, וואָס איז געשטאַנען ליידיק, בא דער סאמע וואנט.

— אָט דאָ זעצט זיך אוועק!

דער גרויסער טראקטיר־זאל איז געווען געפּאקט. קימאט אלע פיר און צוואנציק טישלעך באזעצט מיט מענטשן: קליינהענדלער, איבערקויפער און גאנאָווימלעך, טרעגער און בינדיוזשניקעס פונעם אויבס־פּאסאזש, אלערליי גליקזוכער, קאָרטנשפּילער, מעקלערס, סוטעניאָרן און „קרוויוויםˮ[1], וואָס האָבן יעדע פרײַע שאָ, זומער און ווינטער, פארבראכט אין קאליקס טראקטיר. אַמאָל, אין די גוטע צײַטן, האָבן דאָ גאנץ פײַן געהאנדלט מאָלדאוואנער, וועלכע דער אלטער קאליק פלעגט פאר א געוויסן

---

[1] „קרויווויםˮ — אמאָל איז געווען אזא פראָפעסיע אין אָדעס: א „קאָרעווˮ פלעגט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאכט זיצן אין א רעסטאָראן צי אין א טראקטיר. דאָ פלעגט ער זיך צוזעצן צו אומבאקאנטע, מערסטנס פארפאָרענע געסט, טרינקען מיט זיי, באמיִען זיך, אז זײַן ניי־באקאנטער זאָל זיך אָנשיקערן ביז צו אזא צושטאנד, ווען ער קאָן שוין ניט שטיין אף די פיס. דעמלט קומט אים דער „קאָרעווˮ צוהילף. ער נעמט זיך אונטער אָפּצופירן אים אהיים אָדער אין אכסאַניע. אין דעם ערשטן ליק נעמט דער קאָרעוו אָפּ בא זײַן קאָרבן אלץ, וואָס יענער פארמאָגט, און ווערט נעלעם.

פראָצענט אָפּגעבן א טייל פון דער סטאָיקע אף צו פארקויפן זייערע ווײַנען.

מע דארף אים אָפּגעבן גערעכט, דעם אלטן קאליק, ער האָט געוווּסט, וואָס ער וויל פונעם לעבן.

— קוידעמקאָל, — פלעגט ער זאָגן, — אינדערפרי, ווי נאָר איר האָט זיך אופגעכאפּט און אויסגעריבן די אויגן, פאָלגט מיך און טרינקט אויס א גלאָז ווײַן. נאָכדעם ווישט אָפּ די ליפּן און סטארעט זיך אויסצוטרינקען די צווייטע גלאָז. דאָס גיט צו אפּעטיט און הייבט אוף די נאסטראָיעניע ביז צו אזא גראַד, ווען איר מוזט שוין אויסטרינקען די דריטע גלאָז!

אָבער איצט זײַנען די מאָלדאוואנער אנטרונגען געוואָרן און קיין פּעסער מיט ווײַן האָט מען שוין ווייסעך וויפל צײַט ניט געבראכט. אבראם אריעוויטש קאליק האָט געמוזט איבערגיין אף סאמאָהאָן. מע דארף דאָך צופרידנשטעלן דעם קוינע!

אף דער מיאסאָיעדאָווסקער גאס, אפן סערעדינסקער פּלאַץ, וואָס איז, ווי באוווּסט, ארומגעשטעלט מיט הײַזלעך, אין וועלכע מע קאָן אינמיטן העלן טאָג נעלעם ווערן, אינעם קאָסטעצקער געסל, אין יעדער שטוב האָבן טאָג און נאכט געארבעט סאמאָהאָן־אפּאראטן און אָן אופהער דערלאנגט סכוירע. עפּעס א קלייניקײַט! מע דארף פארזיכערן אזא קראַך, קיין אײַנהאָרע ניט, מיט א גלעזל מאשקע!

נאָר וויאזוי עס זאָל ניט זײַן — מיט מאשקע האָט אבראם אריעוויטש באזאָרגט זײַנע קונדן, א סאך ערגער איז באשטאנען מיטן צובײַסן. קיין ברויט איז שוין, בּאָרעכהאשעם, לאנג ניט געווען, האָט מען געקאָכט מאמעליגע, פלעגט אָבער טרעפן, אז אפן פּריוואָז איז ניט געווען צו קריגן א זעקל פּאפּשוי־מעל פאר קיין שום געלט, פלעגט מען נעמען קאָכן א לעמעשקע. וואָס איז אזוינס לעמעשקע? ס'איז די זעלבע מאמעליגע, נאָר ניט פון פּאפּשוי־מעל, נאָר פון רעטשענער. אין דעם איז געלעגן א סייכל: רעטשענע מעל האָט דעם קאָליר פון קלײַען, פלעגט מען טאקע קאָכן די לעמעשקע פון רעטשענער מעל און קאָרענע קלײַען, דערבײַ א לעפל רעטשענע מעל און א זאק קלײַען. געהייסן האָט עס — אף דער העלפט. נאָר דער קוינע איז אײַנגעגאנגען אף אלץ — אויסקלײַבן איז ניט געווען פון וואָס. א ברײרע האָט מען געהאט! אז מע כאפּט ארײַן אפן ניכטערן הארץ א גוטע קויסע, פארבײַסט מען גאנץ נישקאָשע מיט א געדיכטער לעמעשקע, ווער שמועסט, אז זי איז גוט באשאָטן מיט זאלץ און צוגעבראָקט מיט א ציבעלע — א בלויע ציבעלע, וואָס איז הארב מיט רוכעס!

נעענטער צו אָוונט, ווען אין טראקטיר ווערט ענג און אונטער דער סטעליע שטייט א געדיכטער איפּעשדיקער נעפּל, אין וועלכן ס'האָבן זיך אויסגעמישט קאָלערליי דערשטיקנדיקע רייכעס פון מאכאָרקע, פּאטיערוכע און אפילע פון גאשיש און קאליאן, איז אוממעגלעך צו הערן א וואָרט, מאכמעס עס שטייט דאָ א גוואלדיקער ליארעם; אלע ריידן מיטאמאָל, און יעדער איינער וויל איבערשרײַען דעם צווייטן. סע טרעפט, אז מיקע, דער הויכער רויטער מיקע פון דער מעל־ריי אפן פּריוואָז, שפּרינגט ארוף אף א בענקל און צעעפנט, אף וויפל ס'איז מעגלעך, זײַן קרומען פּיסק און שרײַט:

— שאַ! פארטויבט זאָלט איר ווערן! מע לאָזט ניט אויסריידן א וואָרט! הא? האָט איר געזען אזוינס?

אָבער אַלע האָבן שוין „געזען אַזוינס“ און קיינער לייגט ניט קיין אכט אף מיקען.

דער געפילדער ווערט בליץ־שנעל איבערגעריסן, ווען אף דער שוועל באַווײַזט זיך יאַנקאָ. אַלעמאָל קומט ער אַרײַן אין טראַקטיר אומדערוואַרט, און שטענדיק האָט ער צו דערציילן גאָר אַ וואַזשנע, דערשיטערנדיקע נײַס:

— טײַערע פרײַנט! — שרײַט אויס יאַנקאָ און הייבט אוף די האַנט איבערן קאָפּ. — טײַערע פרײַנט מײַנע! סע האָט זיך געטראָפן אַ גרויסער אומגליק! אף אײַער הילף וואַרט אַן אומגליקלעכער מענטש, אַן אַלמאָנע נעבעך...

אין טראַקטיר ווערט שטיל, אומרויִק. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּנעמער צו יאַנקאָן. ער שטייט בײַ דער טיר און שווײַגט, און ציט בײַ אַלעמען אַרויס די נעשאָמע. נאָכדעם הייבט ער אָן מיטן נוסעך פון אַ טראַגיק:

— אַ גרויסער אומגליק האָט געטראָפן, פרײַנט מײַנע! מע דאַרף אַ גמילעסכעסעד... ווער וויפל עס קאָן! אף אײַער הילף וואַרט אַן אומגליק־לעכע אַלמאָנע. איך וועל אײַך זאָגן בעסאָד, אַז זי איז שוין דאָס זעקסטע יאָר אַן אַלמאָנע און הײַנט איז שוין דער דריטער טאָג ווי זי גייט צו קינד. די געשרייען דערגרייכן ביז אונטערן הימל. ס'אַ סוואָרע, אַז עס וועט זײַן אַ צווילינג!..

אין טראַקטיר שיסט אויס אַזאַ געלעכטער, אַז עס דאַכט, דער הענג־לאָמפּ אונטער דער סטעליע וועט זיך באַלד נעמען וויגן...

פון די טישלעך לויפן מענטשן צו יאַנקאָן. צוויי צענדליק מענטשן, אויב ניט מער. יעדער איינער שלעפּט אים צו זיך.

— שעם זיך אין דײַן ווײַטן האַלדז אַרײַן, יאַנקאָטש! ועסט זיך ניט זעצן צו אונדזער טיש? וואָס איז? גיב אַ קוק, וואָס סע טוט זיך בײַ אונדז אפן טיש. מירן דיר דערלאַנגען אַ שטיק קאָלבאַס און אַ ווײַסע בולקע, זאָל איך אײַנעמען אַ מיסע מעשונע, אויב איך זאָג אַ ליגן! — אַזוי בעט זיך בײַ יאַנקאָן דער קאַצעוו זעץ פונעם שלאַשנעם געסל.

דער קאַצעוו עטעמט אים אין גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן מיט אַזאַ הארבן רייעך, פון וועלכן מע קאָן דערשטיקט ווערן, נאָר מיקע האַלט יאַנקאָן פאַר אַ האַנט און שרײַט אַזוי, אַז אַלע אינעם טראַקטיר זאָלן הערן:

— זאָלן זיי דיר ברענען, די ראַבאָנישע טעלערלעקער, זאָלן זיי! ביסט דאָך אונדזערער אַ מענטש, יאַנקאָשע! ווילסט זיך איבערגעבן אָט די דאָ־זיקע קאָשערע גאַנאָווים? ער וועט דיר געבן אַ שטיקל מאַמעליגע און פאַר־שרײַבן אין ביכעלע אף דײַן כעזשבן! קענסט זיי ניט, די גאָטס גאַנאָווים?!

דער קאַצעוו גייט אַרויס פון די קיילים: דאָס פּאָנעם זײַנס נעמט אָן דעם קאָליר פון אַ צעשניטענעם בורעק, די אויגן ווערן גלעזערנע. ער כאַפּט אָן מיט ביידע הענט מיקען פאַרן גאָרגל:

— אָט־אָ, וועל איך דיר באַלד פאַרשרײַבן, אָט־אָ! — ברומט ער. — דו, קרום פּיסקל, מאַך צו די פּאַמאָיניצע דײַנע, אויב דו ווילסט ניט, אַז איך זאָל זי דיר צומאַכן, אויב דו ווילסט ניט!..

אַרום זיי רוקט מען שוין אָפּ די טישלעך — אף צו שלאָגן זיך דאַרף מען דאָך האָבן פּלאַץ. דער אוילעם איז שוין אַרײַן אין אַזאַרט, מע שרײַט,

מע גיט אייצעס, ווי‌אזוי ס׳איז בעסער צו „דערלאנגען אונטערן לעפעלע און ארויסלאָזן די קישקעס״. דאָן מישט זיך אריין אבראם אריעוויטש. דער אלטער צעשטופט גרינג די נייגעריקע און רופט זיך אָן:

— יאנקאָ איז געקומען ניט צו דיר, און ניט צו דיר! ער איז געקומען צו מיר. אָט אזוי! און אויב איר ווילט זיך שלאָגן, איז אָט האָט איר פיר ווענט און שלאָגט אייך קאָפּ אין וואנט. און אזוי‌ווי יאנקאָ איז מיין גאסט, וועל איך אים אליין מעכאבעד זיין. אנו, גיסט נאָר אָן א גלאָז. און גיט דעם מענטשן עפּעס צוביישן...

עטלעכע מענטשן טראָגן אייבציימיק אונטער יאנקאָן גלעזער אָנגעפילטע מיט סאמאהאָן, עמעצער שטופּט אים אין דער האנט אריין א היימיש פּלעצעלע, אף וועלכן סע ליגט א האלבע געזייערטע אוגערקע. יאנקאָ טרינקט אפּגיך אויס און פארבייסט. נאָר דער אלטער קאליק שטייט אנטקעגן אים און צעטרייבט דעם אוילעם, וואָס וויל נאָך מעכאבעד זיין יאנקאָן.

— שפּעטער! שפּעטער! — באפעלט דער אלטער, — אצינד, יאנקעלע, וועסטו אונדז דערלאנגען עפּעס... לאָמיר זאָגן „אף די גרינע פעלדער, וועלדער״... האַ?

אין טראקטיר ווערט מיטאמאָל שטיל. ערגעץ־ווו טוט א סקריפּע א בענקל. אלע דרייען אויס די קעפּ, ווארפן א באַרויגעזן בליק, און איבערן זאל דערהערט זיך אָן אופגערעגטער, אומגעדולדיקער „ששש־או״, נאָכדעם ווערט ווידער שטיל. אלע וואַרטן, אז יאנקאָ זאָל אָנהייבן. פונעם הויך־אויסגעצויגענעם האלדז נעמען זיך גיסן טרויעריקע קלאנגען, וועלכע נעמען שטיקער פון דער נעשאָמע:

אויף די גרינע פעלדער, וועלדער
וויי, אוי־וויי!
ליגט באדעקט מיט גראָז א זע־על־עלנער
וויי, אוי־וויי!
און זיין הארץ איז אים צעריסן
וויי, אוי־וויי!
פון זיין הארץ טוען טייכן בלוט גי־יסן
וויי, אוי־וויי!

יאנקאָ זינגט מיט פארמאכטע אויגן. זיין פריש, נאָר לאנג ניט געגאָלט פּאָנעם ווערט איינגאָנצן פארענדערט. די הענט זיינען אויסגעשטרעקט צו די צוהערער און דארפן, ווייזט אויס, באווייזן דעם ווייטעק, מיט וועלכן ס׳איז איבערפולט דאָס הארץ פונעם זינגער.

און ווען די ליד איז פארענדיקט, בלייבן זיצן די צוהערער ווי פארקישעפטע אף זייערע ערטער. נאָר מיטאמאָל טוען זיך אלע א כאפּ אוף פון די ערטער, און עס הייבט זיך אוף אזא גערודער, אזא טומל, אז ס׳איז אוממעגלעך צו פארשטיין, וואָס קומט דאָ פאָר: וואָס איז עס? א פרייד־געשריי צי א גוואלד, א פּראָטעסט פון א גערעכטן צי א געוויין פון א שולדיקן, א וויי־געשריי פון א פארוואונדעטן צי א ניצאָכן־אויסרוף פון א זיגער?

דעם זינגער האָט מען ארומגערינגלט און מע לאָזט אים ניט אָפּעטעמען.

מע שמייכלט צו אים, מע כאנפעט אים, מע בעט, ער זאָל נאָך עפּעס „זאָגן", און יעדן איינעם ווילט זיך אָנרירן זײַן האנט אָדער כאָטש שטיין נעענטער צו אים.

— אָט דאָס איז ער, דער פונק, וועגן וועלכן מיר טרוימען! — זאָגט מאָטיע ברען. — אָט דאָס, מײַנע פרײַנט, ווערט אָנגערופן טאַלאַנט. — ווענדט ער זיך צו אילױשען, וואָס איז געקומען צו לױפן פון דער קיך און אוועקגעשטעלט אַף אונדזער טישל צוויי טעלער מיט געקעכץ און נאָך עפּעס, וואָס אים איז געלונגען ארויסטראָגן, בעשאס אבראם אריעוויטש איז געווען פארנומען מיט יאנקאָן.

— עסט! עסט וואָס גיכער, און זאָל אײַך זײַן צו געזונט! — בעט אונדז אילױשע.

ער רוקט אונדז אונטער די טעלער און צעלייגט אפן טיש עטלעכע שטיקער פרישע מאמעליגע. מאָטיע ברען טוט זיך א כאפּ צום לעפל און וואָרנט:

— ראטעווע זיך, אילױשע, ווײַל מיר קאָנען צוזאמען מיט די טעלער אײַנשלינגען דיך אליין אויך! — ער שלעפּט ארויס פון קעשענע א צײַטונג, וואָס איז געדרוקט אף בלויען פּאַק־פּאַפּיר, צעלייגט זי אפן טיש, גלעט זי אויס מיט די הענט און לייגט אף איר אוועק צוויי פּײַדעס מאמעליגע.

— ווי איר ווילט זיך, פרײַנט מײַנע! — זאָגט ער און שטופּט ארײַן דאָס פּאַקעטל אין דער ברייטער קעשענע פון זײַן אויבערראָק, — אף מיר, דארפט איר וויסן, ווארטן אין דער היים א ווײַב און א פּיטיוקל...

— וואָס איז דאָ פאראן צו ריידן, מאָטיע! — שלאָגט אים איבער אילױשע. — נעם! וואָס דארפסטו גאָר דערציילן!

— ווער איז ער, יאנקאָ? — פרעג איך, קעדיי איבערצופירן דעם געשפּרעך אף אן אנדער טעמע.

מאָטיע ברען שלינגט דעם לעצטן ביסן, ענטפערט מיט א געלעכטער:

— ווער איז אזוינס יאנקאָ? און ער אליין, מײַנסטו, ווייסט דען?

— מע זאָגט, אז די מאמע זײַנע איז געווען אן אקטריסע און האָט אים געבוירן אף דער בינע בעשאס א רעפּעטיציע, — מישט זיך ארײַן אילױשע, — ווער ס'איז דער פּאָטער, ווייסט מען, פארשטייט זיך, ניט. איר מעגט מיר גלייבן, אז זינט ער לעבט, יאנקאָ, איז ער נאָך קיינמאָל ניט זאט געווען.

— גאנץ פארשטענדלעך! — ווארטשעט מאָטיע. — אים אָנצוהאָדעווען דארף מען זײַן א פּאָמעשטשיק!

— עס דאכט זיך נאָר אזוי, מאָטיע! — דערווידערט אילױשע. — ער איז ניט אזא מוירעדיקער עסער...

— פארשטייט זיך, אז א טרינקער איז ער א גרעסערער.

— ניט צום באגרײַפן, א מענטש טרינקט א טאָג און א נאכט און ווערט ניט שיקער... און איז דערבײַ געזונט ווי א העלפאנד!

אין טראקטיר איז ראשיק. מע בעט שוין ווידעראמאָל בא יאנקאָן, ער זאָל „עפּעס זאָגן". דער אלטער קאליק דערלאנגט פון דער סטאָיקע זײַן פּירעקעכדיקע דעגוסטאציע־גלאָז, עמעצער פון די קאצאָווים פּילט זי אָן מיט בראנפן, און אבראם אריעוויטש אליין — גאָר א גרויסער קאָוועד — טראָגט זי אונטער יאנקאָן.

— און אָט אצינד וועט אונדז יאַנקעלע איבערלייענען א קאַפּיטל טילים, — זאָגט דער אלטער און וואַרפט א מאַמזער־שמייכעלע אפן אוילעם.

דעם אלטן קאַליקס וואָרט קלינגט ווי א געזעץ. יאַנקאָ קערט אפּגיך איבער די גלאָז צו זיך אין מויל אַרײַן, מיט דער דלאָניע ווישט ער אָפּ די פּליישיקע ליפּן און פאַרמאַכט די אויגן און הייבט אָן מיטן נוסעך פון א יאָמקיפּער־געוויין, דערבײַ שטרעקט ער אויס די הענט צום אוילעם:

— אשריי האָיִש אשער לוי האָלאַך... האָב איך געהאַט א זיידן, איז ער געווען א וואָלאַך... גייט ער אײנמאָל נאָך א רעגן אין מארק און געפינט א צעריסענעם בײַטל מיט דרײַ צעבראָכענע גראָשן. האָט ער זיך שטארק דערפרייט מיט דער גרויסער מעציִע און הייבט אָן פרעגן בא מענטשן, וואָס דאַרף מען זאָגן, אז גאָט אליין שיקט צו אין האַנט אַרײַן אזא קאָשערע מעציִע? ענטפערן דערויף מענטשן, אז אין אזא פאַל דאַרף מען זאָגן: „גאָט זאָל געבן, אז אזוינס זאָל זיך טרעפן אלע טאָג, און וואָס מער". גייט מײַן זיידע אפן צווייטן טאָג אין מארק און זעט, ווי מע טראָגט א באַרמיענען, שטעלט ער זיך אוועק לעבן דער מיטע און שרײַט אויס אף א קאָל: „זאָל גאָט געבן, אז אזוינס זאָל זיך טרעפן אלע טאָג, און וואָס מער!" האָט מען אים אָנגעהויבן פּאַטשן און שלאָגן אזוי, אז ער האָט זיך קוים ארויסגעריסן א לעבעדיקער, און פרעגט: וויִאזוי זשע דאַרף מען זאָגן? ענטפערט מען אים, אז אין אזא פאַל דאַרף מען זאָגן: „גאָט זאָל געבן, אז די ערד זאָל אים צונעמען!" גייט ער, מײַן זיידע, אפן אנדערן טאָג אין שטעטל און זעט: אונדזער גוויר רעב זאַלמען־יאָסיע פירט פאַר דער האַנט די מיזינקע זײַנע. לויפט ער צו, דער זיידע מײַנער, און שרײַט אויס בעקויל־ראָם: „זאָל גאָט געבן, אז די ערד זאָל זי צונעמען". זײַנען אָנגעפאלן אף מײַן זיידן דעם גווירס מעשאָרסים און האָבן אים געטראָטן מיט די פיס, אזוי אז ער איז קוים אופגעשטאַנען פון דער ערד. פרעגט דער זיידע מײַנער: „ריבוינעשעלוילעם! וויִאזוי זשע דאַרף מען זאָגן?" ענטפערט מען אים, אז מע דאַרף זאָגן: „זאָל גאָט געבן, אז זי זאָל אויסוואַקסן!" גייט ער אפן צווייטן טאָג אין מארק און באַגעגנט רעב בערישל דעם ראָוו, וואָס בא אים איז פונקט ארויסגעשפּרונגען א גוליע אפן האַלדז. לויפט צו צו אים דער זיידע מײַנער און שרײַט אויס: „זאָל גאָט געבן, אז זי זאָל אויסוואַקסן!" זײַנען ארופגעפאלן אפן זיידן אף מײַנעם דעם רעבנס כסידים און האָבן אים אזוי צעמיימעסט, אז ער האָט שוין ניט געקאָנט אופשטיין. ליגט ער אף דער ערד און פרעגט: „זאָגט זשע מיר, וויִאזוי דאַרף מען זאָגן?" גיט מען אים צו פאַרשטיין, אז אין אזא פאַל דאַרף מען זאָגן: „זאָל גאָט געבן, אז זי זאָל אויסרינען!"... גייט ער קוים מיט צאָרעס אפן צווייטן טאָג אין מארק און זעט, ווי מע פירט פעסער מיט ווײַן, טוט ער א געשריי, דער זיידע מײַנער: „זאָל גאָט געבן, אז זיי זאָלן אויסרינען". זײַנען אָנגעפאלן אף אים די ווײַנשענקער און האָבן אים געשלאָגן מיט א בײַטש. ליגט מײַן זיידע אף דער ערד און בעט זיך בא זיי ראַכמים, אז מע זאָל אים דערקלערן, וואָס דאַרף מען זאָגן. ענטפערן די ווײַנשענקער, אז מע דאַרף זאָגן: „זאָל גאָט געבן, אז ייִדן זאָלן אויסטרינקען!". גייט ער אפן צווייטן טאָג אין מארק, דער זיידע, און זעט, ווי אַן אָקס סיקעט, טוט ער א געשריי: „זאָל גאָט געבן, אז ייִדן זאָלן אויסטרינקען..."

אין טראַקטיר שטייט שוין אַווילדער גערויש. אַלע ווײַלע רײַסט זיך אַרויס אַ דונערדיקער געלעכטער אַף פּאַרטױבט צו ווערן. צוזאַמען מיט יאַנקאָן כאַזערט מען איבער יעדער אויסגעשריי פון „זײַן זיידן”, און דאָס „קאַפּיטל טילים” ווערט איבערגעריסן אַף אַ פּאָר מינוט, ביז וואַנען עס וועט אָפּהילכן דער מעכטיקער געלעכטער. מאָטיע ברען באַמערקט:

— אָט דאָס „קאַפּיטל טילים” קאָן ער לייענען ביז אײַנדערפרי.

— אָט וועמען מע וואָלט באַדאַרפט נעמען צו אונדז אין טרופּע! — טרוימט אילױשע. — נאָר אויב דו ווילסט מיטנעמען אין וועג אַרײַן יאַנקאָן, מוזסטו מיטנעמען עטלעכע פּעסלעך בראַנפן. אויב דו וועסט אים ניט געבן אויסטרינקען, וועט ער ניט שפּילן... אַזוי, ווײַזט אויס, טוען אַלע גרויסע קינסטלער!

— טע־טע־טע! — צעשרײַט זיך מאָטיע און צעפּירט מיט די הענט. — אויב מע זאָל אַזוי קלערן, קאָן מען זיך דעררײדן ביז צו אַן אַבסורד! רוועלע זאַסלאַווסקי, צום בײַשפּיל, נעמט ניט קיין טראָפּן אין מויל, און איז אַן אַקטיאָר זאָלן מיר שוין האָבן אַזאַ יאָר! און בראַנדעסקאָ? ווען וועראַ פּיאָדאָראָוונאַ קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט געזען בראַנדעסקאָן אין דער ראָל פון לײַזער באַדכן, האָט זי זיך צעוויינט. דערנאָך איז זי דעם גאַנצן אַנטראַקט געווען הינטער די קוליסן און האָט ניט אַרויסגעלאָזט פון אירע הענט בראַנדעסקאָס האַנט און אַלץ גערעדט, זיך ניט געקענט אָנריידן וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט זי גערירט מיט זײַן שפּילן. — מאָטיע ברען איז זיך צעגאַנגען. — אַן אַקטיאָר, וואָס טרינקט, איז אַ באַהעמע! אַ נידעריקער פּאַרשוין, וואָס פאַרשטייט ניט אַפילע, וויאַזוי מע דאַרף אַכטן טעאַטער, דעם צושויער! אַזאַ אַקטיאָר זעט אין מײַנע אויגן אויס ניט מער ווי אַ טראַקטירשטשיק, וואָס האַנדלט מיט קונסט פּונקט אַזוי, ווי דער אַלטער קאַליק האַנדלט מיט בראַנפן...

— און מיט וואָס האַנדלט יאַנקאָ? — פרעגט שוין אַן אויפגערעגטער אילױשע.

— ער האַנדלט ניט! מיט וואָס זאָל ער האַנדלען? — ווערט עטוואָס אָפּגעקילט מאָטיע ברען. — נאָר גיב אים צו פאַרשטיין, אַז מיר זײַנען פון אים אָפּהענגיק, וועט ער אָנהייבן צו האַנדלען. דאָס איז ניט קיין אַרטיסט!

— אויב אַ מענטש, וואָס האַלט אַזוי אָנגעשטרענגט אַ פּולן זאַל מיט מענטשן, איז ניט קיין אַרטיסט, איז זײַ אַזוי גוט און גיב מיר צו פאַרשטיין, ווער זשע איז אַן אַרטיסט?

אילױשע כאַפּט זיך אויף פונעם אָרט, שפּאַרט זיך אָן מיט ביידע עלנבויגנס אָפּן ווענטל פונעם בענקל און קוקט אַף מאָטיען. ער איז זיכער, אַז מאָטיע וועט ניט האָבן וואָס צו ענטפערן.

— ווער ס'איז אַן אַרטיסט? — פרעגט מאָטיע איבער, און אין זײַנע אויגן באַווײַזן זיך צוויי גרינע פינטלעך, שטראַלנדיקע און סוידעספולע. — אַן אַרטיסט, פרײַנט מײַנער, איז דער שנײַדער יאשע בוביס, וואָס האָט פאַראיאָרן געשאַפן אַ דראַמקרײַזל אַף דער פּראָכאָראָווסקע. זיי האָבן גע־

שטעלט פּערעץ הירשביינס „די נעווילע“. קאָנסט מיר גלייבן, קאָנסט מיר ניט גלייבן. מיר איז אלציינס. איך האָב זיך גאַנץ צופעליק וועגן דעם דערוווּסט, אַז די שנײַדער האָט זיך פאַרגלוסט שטעלן אַ פּיעסע. מיר איז עס אויסגעקומען עטוואָס לעכערלעך, פאַרוואָס האָבן פּלוצעם די שנײַדערוקעס באַשלאָסן, אַז זיי קאָנען שפּילן טעאַטער? קיין איין אַקטיאָר, ווי איך ווייס, האָט דאָך קיינמאָל ניט באַשלאָסן, אַז ער קאָן נייען טאַכטויבנים! בין איך געקומען, הייסט עס, אויף דער פּראָכאָראָווסקע אין קלוב צו די פאַלגעס. די שטימונג איז געווען בײַ מיר ווי בײַ אַ הונגעריקן הונט, וואָס מע האָדעוועט ניט, אַז ער זאָל וואָס בייזער זײַן. האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן: איך האָב אַלצדינג קריטיקירט, ס'האָט אין מיר געזאָטן דער גאַזלען. די דעקאָראַציעס? — אויף קאַפּאָרעס! אָרעמע, געשמאַקלאָזע, פאַסקודנע! דער פאָרהאַנג? — אַ קויטיקע שמאַטע. די שוישפּילער? — אַמעראַצים! באַטלאָנים! מיט איין וואָרט — פּראָפאַנאַציע, ניט קיין קונסט! אַזוי האָט געדויערט, ביז אויף דער בינע איז אַרויף יאָשע בוביס. ער האָט געשפּילט מענדלען. ער איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע אומבאַמערקט און האָט מיר דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ, אַז איך בין געבליבן זיצן מיט אָפענע מויל און אויערן, און די גאַנצע קריטיקע מײַנע איז אויסגערונען געוואָרן אין איין אויגנבליק. עס האָט זיך באַקומען, אַז דער דאָזיקער מענטש, ווי נאָר ער איז אַרויף אויף דער בינע, האָט ער מיך גלײַך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און, ניט לאָזנדיק מיך אויסצודרייען דעם קאָפּ, באַוויזן די ווונדן זײַנע, פון וועלכע עס טריפט הייס בלוט... איך ווייס, וואָס איר ווילט מיר זאָגן! — האָט ער זיך געווענדט צו אילִיושקען און צו מיר. — איר ווילט מיר זאָגן: וויבאַלד ער איז אַזאַ טאַלאַנט, פאַרוואָס זשע איז ער אַ שנײַדער? וועל איך אויף דערויף ענטפערן: פאַרוואָס האָט מײַן עלטערער ברודער, וואָס טרוימט פון קינדווײַז אָן צו היילן מענטשן, סאָפּקאָלסאָף געמוזט ווערן אַ סטאַריעווּשטשיק? הייסט עס, אַז ניט מיר זײַנען די באַלעבאַטים פונעם לעבן, נאָר דאָס לעבן קאָמאַנדעוועט מיט אונדז! וואָס דאַרפן מיר לאַנג זוכן? פאַרוואָס אַרבעטסטו דאָ, אילִיושע, אין טראַקטיר? נאָך גוט, וואָס דו האָסט אַ פעטער, וואָס וויל דיך דאָ האַלטן פאַר אַ מעשאָרעס!..

— אויב דו ביסט מיר מעקאַנע, מאָטיע... — האָט אילִיושע אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ.

אין טראַקטיר איז, ווי פריִער, געווען ראַשיק און דושנע. ס'האָט, ווײַזט אויס, ווידעראַמאָל געשמעקט מיט אַ געשלעג. עמעץ האָט זיך שוין געוואָרפן מיט די פויסטן אויף זײַן שאָכן. נאָר פּלוצעם איז פון יענער זײַט סטאָיקע, פון דער קיך, אַרויסגעלאָפן אַן עלטערע ייִדענע, אַ נידעריקע און אַ ברייטע, מיט אַ פאַרפלאַמט פּאָנעם און מיט וואָנצעס אויף דער אייבערשטער ליפּ, זי האָט אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ קאָל, ווי מע זאָל זי האָבן אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז:

— אויף לעקסאַנדרעווסקע און סטאַרעזניטשנע איז אַן אָבלאַווע!

און זי האָט זיך גלײַך געלאָזט צוריק אין קיך אַרײַן, איין מאָל נאָר האָט זי אויסגעדרייט דאָס פאַרפלאַמטע פּאָנעם און צוגעגעבן:

— פון דער קאָנטראַזווערקע!

אילױשע האָט אונדז אָנגעכאַפּט פאר די הענט:

— קומט מיט מיר! שטעלט פּיס!

ער האָט אונדז אוועקגעפירט הינטער דער סטאַיקע, פון דאָרט אפגיך פארבײַגעלאָפן די קיך און דורך א שמאָלער טיר זיך ארויסגעכאפּט אין א הויף, וואָס פירט אפן פריוואָז צי עפּשער אין שאלאשנע געסל...

אין דרויסן איז שוין געווען שטאָקפינצטער.

קאפּיטל צוויי

א סאָף?

דען די נײַגעריקײַט ווערט דערפירט ביז צו א לײַדנשאפט, ווערט עס אָנגערופן ליבע. אויב מע זאָל רעכענען, אז דאָס שוסטערל דאָווידל מאגאלניק האָט נאָר אין די אָוונטן ארויסבאוויזן אזא פלאמיקע נײַגעריקײַט צו אונדזער טרופּע, איז אפילע דאן קאָן מען זאָגן, אז ער איז געווען פארליבט איבער די אויערן. און ווי סע טרעפט מיט אלע פארליבטע, האָט דאָווידל מאגאלניק שטיל און געדולדיק איבערגעטראָגן אלץ, וואָס איז אויסגעפאלן אף זײַן גורל. ער האָט איבערגעטראָגן שווערע בענק בעשאס די רעפּעטיציעס (ער איז גע־ווען באשטימט אלס פּאָמרעזש), און דעריקער האָט ער איבערגעטראָגן בייזן שפּאָט פון אונדזער פרימאדאָנע קלארע סעגאל.

אונדזער פרימאדאָנע איז מאגאלניק זייער ניט געפעלן געוואָרן.

— וווהין שטופּט זיך דער דאָזיקער לאטוטניק? — פלעגט זי פרעגן בא עמעצן פון די ארטיסטן אזוי, אז אלעמען זאָל קלאָר זײַן, וועמען זי מיינט. נאָר מאגאלניק האָט זיך געמאכט קעלוי־יאָדע און געטאָן זײַנס. — איך פארשטיי ניט! — האָט קלארע געצויגן מיט די אקסל. — וואָס טוט זיך דאָ?

— א סאך זאכן פארשטייט איר נאָך ניט, קייסערינע מײַנע! אָט, ווען גאָט וועט העלפן און איר וועט א ביסעלע אונטערוואקסן, וועט איר, קאָן זײַן, דעמלט פארשטיין!

אזוי האָט איר אָפּגעענטפערט מאָטיע ברען, דער אייניציקער מענטש, וואָס האָט זיך דערלויבט אזוי דרייסט ריידן מיט דער פרימאדאָנע. אין די דאָזיקע זײַנע ווערטער איז געווען אזויפיל גיפט, אז קלארע סעגאל האָט גלײַך צוגעמאכט דאָס מויל. די מײַסע באשטייט אין דעם, וואָס אונדזער פרימאדאָנע האָט אין פארגלײַך מיט אונדז אלעמען אויסגעזען ווי א זשי־ראף, וואָס האָט פארבלאָנדזשעט אין א טשערעדע שאָף.

דאָס קארטאָמישעווסקער געסל, ווו מיר האָבן רעפּעטירט, האָט פאר־מאָגט צוויי מײַלעס: ערשטנס, האָבן מיר זיך דאָ געקאָנט צונויפנעמען, ווען מיר האָבן געוואָלט, רעפּעטירן אפילע א גאנצן מעסלעס, און צווייטנס, — דאָ איז קיינער ניט געשטאנענען הינטער די פענצטער, קיינער איז אונדז ניט נאָכגעלאָפן, ווען מיר זײַנען געגאנגען איבער דער גאס, קיינער האָט אונדז ניט נאָכגעקרימט מיט קיין רעפּליקעס פון דער פּיעסע,

וואָס מיר האָבן געגרייט. דער איינציקער זײַטיקער מענטש, וואָס איז צו אונדז צוגעשטאַנען, איז געווען דאָווידקע מאַגאַלניק, א מאָגער באָכערל, אַן אויסגעטריקנטס, מיט א צעשויבערטן קאָפּ האָר, שטענדיק אַן אופּגערעגטער דערפאַר, ווײַל אַלץ אַף דער וועלט איז אים מעסוקן געפעלן געווען, א יונג מענטשעלע מיט זקייניִשע קנייטשן אַפן שטענדיק פאַרכיִדעשטן שטערן, מיט א פּענעמל פון לימענע־קאָליר און זייער צאַרטע פאַרטראַכטע און עטוואָס שמייכלענדיקע אויגן.

איינמאָל, דאָס איז שוין געווען שפּעט אַפּדערנאַכט, גלײַך נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרענדיקט די פּראָבע (די רעפּעטיציע, הייסט עס), האָט דאָווידקע מאַגאַלניק, וואָס האָט זיך שוין ביז דעמלט א פּאָר מאָל באַוויזן אינעם קאַרטאַמישעווסקער געסל, אָפּגעשטעלט אונדזער אימפּרעסאַריאָ, זיך א נייג געטאָן צו אים און אָנגעהויבן:

— קוקט ניט אַף מיר בייז דערפאַר, וואָס איך שטיי צו צו אײַך, און מיינט ניט, פּאָזשאַלעסטע, אַז איך שטיי צו צו אײַך דערפאַר, ווײַל איך האָב ניט וואָס צו טאָן! מיך רופט מען דאָוויד מאַגאַלניק, איך בין א שוסטער, מײַן מעלאָכע, קאָן זיך מאַכן, וועט זײַן זייער נייטיק פאַר אײַער טעאַטער, ווײַל, אַף וויפל מיר איז באַוווּסט, האָבן אַלע אַקטיאָרן און אויך אַלע אַקטריסעס א טעווע צו טראָגן שיך אַף די פיס. און שיך פאָדערן אָפט א דאָקטער, און איך בין דער עמעסער דאָקטער, מע קאָן זאָגן א פּראָפעסאָר אַף צו היילן שיך. פאַרשטייט זיך, אַז בא די אַקטיאָרן, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, בא די אַקטריסעס האָב איך קיינמאָל ניט געפאָדערט קיין געצאָלטס פאַר מײַן אַרבעט. זאָלן מיר אָפּדאַרן די הענט, אויב איך זאָג א ליגן!

מאָטיע ברען האָט אויסגעהערט דעם נײַעם באַקאַנטן זײַנעם מיט גרויס נײַגעריקײַט, נאָכדעם געפרעגט:

— וויפל זשע ביסטו אַלט, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— וויפל איך בין אַלט? — האָט מאַגאַלניק איבערגעפרעגט. — האַלעווײַ זאָל דעניקינען אַזויפיל יאָר וואַרפּן אין קאַדאָכעס! אויב שוין רעכענען אַרום און אַרום, שוין מיט שאַבאָסים און יאָמטויווים, וועל איך אין א פּאָר כאַדאָשים אַרום ווערן נײַנצן יאָר. איז פון זיי האָב איך, מעגט איר רעכענען, געלעבט ווי א מענטש אינגאַנצן אַזש דרײַ כאַדאָשים: דאָס איז די צײַט, ווען איך בין געווען אין טעאַטער אָדער כאָטש לעבן טעאַטער. איר מעגט שוין זײַן זיכער, אַז וויבאַלד איך בין צו אײַך צוגעשטאַנען, וועט איר זיך שוין פון מיר ניט אָפּטשעפּען.

— האָסטו, הייסט עס, באַשלאָסן, — האָט מאָטיע געשמייכלט, — אַז מיר וועלן דיך נעפרעמענאָ נעמען?

— ווי דען?

— נו, גוט! — האָט מאָטיע נאָכגעגעבן. — לאָמיר זאָגן, אַז מירן דיך נעמען. איז מיט דײַן שטאַלט און מיט דײַן נעזעלע, וואָס פאַרנעמט צופיל פּלאַץ אַפן פּאָנעם, וואָלסטו מיסטאַמע געדאַרפט שפּילן ליובאָווניקעס צי העלדן־ראָלן, ווי, לאָמיר זאָגן, מאַרקוסן צי באַר־קאָכבע...

— ניט אַלע אַקטיאָרן מוזן דאָך שפּילן דאַפקע באַר־קאָכבע, — האָט דאָווידל איבערגעשלאָגן.

— הער מיך אויס, פרײַנט מײַנער! אנו, לאָמיר זיך אראָפּכאַפּן צו מיר אהיים, דאָרטן ליגן בא מיר אונטערן בעט א פּאָר שטיוול, וואָס ווארטן אָף א דאָקטער שוין א היפּשע צײַט!

— זאָל מיך אָנכאַפּן א סיפּניאַק, אויב איר וועט מאָרגן ניט באַקומען קיין פּאָר נײַע שטיוול... קימאט נײַע שטיוול! — האָט א געשריי געטאָן דאַווידקע מיט אזא פרייד, ווי גלײַך עס איז אים געלונגען צו דערלאַנגען א שטערן אין הימל.

אפן וועג צו מאָטיען אהיים האָט זיך בא מאגאלניקן ניט צוגעמאַכט דאָס מויל:

— איר מיינט, אז איך בין א שוסטער, אזא ווי אלע טאַנדעטניקעס? איך בין גאָר אָן אַנדער שוסטער! ערשטנס, קאָן איך לייענען און שרײַבן, צווייטנס, פּרוּווט, פרעגט מיך, ווער וואָס פאר א פּיעסע סע האָט אָנגעשריבן, וועל איך אײַך באלד ענטפערן, ווײַל איך ווייס אָף אויסווייניק אלע מעכאַברים פון די דראמעס, וואָס גייען אין ייִדישן טעאַטער, — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס, הויך פאריסן דאָס דארע הענטל זײַנס און איז שוין גרייט געווען אָנצוהייבן עפּעס דעקלאַמירן. נאָר לעבן זיי זײַנען, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן צוויי כעווריעלײַט.

— איך גיב איין מאָמענט אָף אויסטאָן דעם בימבער! — האָט איינער פון זיי א זאָג געטאָן און א ווײַז געטאָן אָף עפּעס, וואָס האָט געסטאַרטשעט פון זײַן קעשענע. אין דער פינצטער איז אוממעגלעך געווען צו באַמערקן, וואָס עס איז אזוינס — א מעסער צי א קנאַלער. דער צווייטער כעווריעניק האָט דערווײַל אָנגעכאַפּט מאָטיען פארן קאָלנער:

— ברענג מיך ניט ארויס פון די קיילים! נו? — האָט ער אויסגעשרײַען און זיך מײַעס אויסגעזידלט.

— ע־ע! — האָט מאָטיע ברען א פּאָנפּע געטאָן און געפּרוּווט ארויסקוועטשן אפן פּאָנעם א שמייכל, דערמאָנענדיק זיך, אז מיט א שמייכל קאָן מען אונטערקויפן דעם טויט אליין. — ע־ע! — האָט ער איבערגעכאַזערט, — איר האָט, מײַנע הערן, ווײַזט אויס, א טאָעס... מײַן זייגער, גאָספּאָדאַ, האָב איך איבערגעלאָזט אפן וואָקזאַל, מאכמעס ער קריכט ניט ארײַן אין קעשענע...

איינער פון די כעווריע האָט אים א שטארקן שטויס געטאָן אין ברוסט:

— באלד כאַפּסטו א פּיסטויל! ווארף אראָפּ דעם מאַנטל!

אין דער פינצטער האָט א בלישטשע געטאָן א מעסער.

— און די גייערס שלעפּ אראָפּ! נו!

מאָטיע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אָף דער ערד און מיט קאַלט געוואָרענע פינגער אָנגעהויבן אראָפּצײַען די שיך. אָף איין אויגנבליק איז געוואָרן שטיל, און אין דער שטילקײַט האָט זיך פּלוצעם דערהערט, ווי גאָר נאָענט שטעפּט א קוילנוואַרפער: טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! און נאָך אין א ווײַלע ארום האָט זיך דערהערט א פריידיקער אויסגעשריי:

— קאַ־טאָוו־צי!

די גאזלאָנים זײַנען אומבאמערקט אנטרונען געוואָרן. מאָטיע איז נאָך אלץ געזעסן אפן פארפרוירענעם שטיין פונעם טראָטואַר. ער האָט גאָרנישט ניט פארשטאַנען. מאגאלניק האָט אים אויסגעשטרעקט א האנט, און

ביידע האָבן זיך געלאָזט לויפן אָן אן אָטעם. אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך ערשט אפן ראָג פונעם טרעוגאָלנעם געסל לעבן יאָסקעס זאוועדעניע, פונ־וואנען ס'האָבן זיך געטראָגן קלאנגען פון מוזיק.

— הײַנט איז דאָך פונקט די נאכט פונעם נײַ־יאָר, דארפן זיי דאָך מאכן כאָטש א פּאָטשין? — האָט דערקלערט דאָווידקע.

— ווי האָסטו געזאָגט? הײַנט איז די נאכט פון נײַ־יאָר? — האָט מאָטיע א זיפץ געטאָן. — און איך האָב גאָר פארגעסן! אָט אזוי, גוטערברודער, באגעגענען מיר דאָס צוואנציקסטע יאָר פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט! זאָלסט עס ניט פארגעסן!

און מיטאמאָל האָט ווידער זיך אופגעכאפּט דער קוילנוואָרפער: טאָ־טאָ־טאָ־טאָ־טאָ! דאָס מאָל גאָר נאָענט, טאקע דאָ אפן אָרט. מאָטיע ברען האָט צופרידן געשמייכלט:

— ע־ע־ע! ווי איך זע, מאכסטו עס אָפּ גאנץ קונציק! סע באקומט זיך בא דיר גאָר פײַן!

ערשט אצינד האָט ער באמערקט, מאָטיע, וויאזוי דער יונגער פרײַנט זײַנער קוועטשט צונויף די ליפּן, בלאָזט אָן די באקן און, ניט צום פאר־שטיין צוליב וואָס, טאנצט ער אונטער אפן אָרט און לאָזט ארויס פון מויל אזעלכע קלאנגען, גלײַך אָנשטאָט א צונג וואָלט ער פארמאָגט א פּראָפּע־לער מיט א טראָמפּייט צוזאמען. האקלאל, ניט קיין צונג, נאָר אן עמעסן „מאקסים", וואָס שפּײַט מיט קוילן און מיט פײַער.

— כ'פארשטיי ניט! — רופט זיך אָן מאָטיע ברען. — נו, לאָמיר זאָגן, אז דו האָסט געשאָסן. ווער זשע האָט געשריִען?

— קאָ־טאָוו־צי! — שרײַט אויס מאגאלניק, און מאָטיע כאפּט אים אָן פאר דער האנט, ציט אים צו צו זיך און בעט:

— שרײַ! שרײַ העכער! קאָן זײַן, אז זיי וועלן דערהערן און גיכער קו־מען! שרײַ! ס'איז שוין ניטאָ מער קיין קויעך צו וואַרטן!

דעם דאָזיקן אָוונט איז געבוירן געוואָרן די פרײַנטשאפט פון צוויי גאנץ פארשיידענע מענטשן. קאָן זײַן, אז דעמלט האָבן זיי נאָך ניט גע־וווסט דערפון און ניט געטראכט וועגן דעם.

מאָטיע ברען איז געווען פארטאָן נאָר מיט איין זאך — שאפן א טעא־טער. וועגן זײַטיקע זאכן האָט ער ניט געקאָנט טראכטן, און וויפל ער האָט זיך ניט געמאטערט, וויפל ער איז ניט ארומגעלאָפן, געהאָרעוועט, געררופן, געבעטן, געפאָדערט — איז אלץ געשטאנען אפן זעלבן אָרט. ס'איז ניט געווען קיין פאסיקע פרימאדאָנע, און ביכלאל איז זייער שווער געווען מיט פרויען־פערסאָנאל. ס'איז ניט געווען קיין אָרט אָף צו רעפּעטירן, און מיר האָבן זיך געמוזט באנוגענען מיטן קעלער אינעם קארטאמישעווסקער געסל, וואָס האָט געהערט צו עליען — מאָטיעס עלטערן ברודער, דעם הענדלער מיט אלטוואָרג. שוין אָפּגערעדט פון דעם, אז עס האָבן אינגאנצן אויסגעפעלט קאָסטיומען, דעקאָראַציעס. פאקטיש איז גאָרנישט ניט געווען. ס'איז געווען א כאָלעם, ניט מער!

קלארע סעגאל האָבן מיר גערופן „אונדזער פרימאדאָנע" צוליב א סאך טעמים. ערשטנס, דערפאר, ווײַל קלארע אליין האָט געפאָדערט פון אונדז, אז מיר זאָלן זי אזוי רופן.

— אף קיין קליינע ראָלן, — האָט זי געטיינעט מיט א שטים פון א צײַטונגס־פּארקויפער און א ביסל בראָדעריש, צוליב שיינקײַט, — אף קליי־נע ראָלן קאָן איך גיין צו מײַן ברודער אין טעאטער. מײַן אומגליק באַ־שטייט אין דעם, וואָס סײַ מײַן ברודער, סײַ אונדזערע רעזשיסערן פאר־מאָגן ווײַבער...

— און אפילע ניט צו איינע... — האָט ארײַנגעשטעלט ליאָניע לאנדאו.

— ...איז אויב איך האָב שוין באשלאָסן ארײַנצוטרעטן אין אײַער טרופּע, — זי האָט אויסגעהאלטן א קליינינקע פויזע, באטראכט אונדז אלעמען מיט א קוק פון א געניטן סויכער, וואָס קויפט בעקיוון א זאך, וועלכע קאָן אים ברענגען נאָר העזעק, — איז אויב איך האָב זיך שוין באשלאָסן, איז — מערסי!

ווי אזוי זשע איז אָנגעקומען צו אונדז אין טעאטער קלארע סעגאל?

ווען דער אנטרעפּרעניאָר, דראמאטורג, רעזשיסער און הויפּט־ארטיסט מאָריץ סעגאל האָט זיך דערוווּסט, אז עס שאפט זיך א נײַער טעאטער, וואָס וועט ארומפאָרן איבער די שטעטלעך מיט גאסטראָלן, האָט ער גלײַך געשיקט זײַן מעשאָרעס צו אונדז און באפוילן, אז מאָטיע ברען, אונדזער אימפּרעסאריאָ, זאָל זיך באלד יאווען צו אים.

— ווייסט ניט, וואָס פארלאנגט פון מיר אָט דער כאזער אין דער יארמלקע? — האָט מאָטיע געפרעגט בא מיר.

מאָריץ סעגאל האָט אונדז אופגענומען בא זיך אין קאבינעט. דאָרט איז געווען ענג, ווי הינטער די קוליסן אין טעאטער. אלצדינג איז בא אים אין שטוב געווען ענלעך אף טעאטראלע קוליסן און האָט אויסגעזען בוטאפאָ־ריש. ס׳איז ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אז די גרויסע און שווערע פאָטעלן, מיט די שפּורן פון די נומערלעך, וואָס זײַנען אמאָל געווען צו זיי צוגעקלאפּט, און דער טיש, וואָס האָט זיך געהוידעט, און אפילע דער אומגעלומפּערטער אויסגעמאָלטער טישטעך זײַנען געקומען אהער פונעם טעאטער, ווו מע האָט זיי א סאך מאָל געוויזן פאר געלט. און עפּשער טאקע דערפאר האָט זיך אויסגעוויזן, אז מאָריץ מאָיסייעוויטשעס שמייכעלע איז אויך געווען א בוטאפאָריש שמייכעלע, וואָס ער האָט געבאָרגט אף פּראָקאַט.

— נו, וואָס ווערסטו זאָגן, זאָל מיר שוין גאָט אזוי העלפן! — האָט אויס־געשריגן מאָריץ מאָיסייעוויטש, ווען מיר האָבן זיך באזעצט באם טיש. — ניטים שעבעניסים! ווער וואָלט מיר געגלייבט, אז מאָטקע ברען, וואָס איז ערשט גאָר ניט לאנג געווען בא מיר אין טעאטער פאָמרעזש, אז דער זעלבער מאָטקע זאָל ווערן א באלעבאָס פאר זיך, אליין אנטרעפּרעניאָר און רעזשיסער. ניסים שעבעניסים!

מיר זײַנען געזעסן שטילע, ווי אמעראָצים באם רעבן אין פאָליש. מאָ־ריץ מאָיסייעוויטש האָט נאָך דערווײַל געהאלטן בא דער אוווערטיורע.

— און דאָס איז דײַן סופליאָרל? — האָט ער אָנגעוויזן אף מיר. — כ׳האָב געהערט! עס לאָזט זיך הערן! מע זאָגט, אז דאָס באָכערל פארשטייט אין די קליינע אויסעלעך! לאָז אײַך גאָט העלפן. איך בין אלע יאָרן געווען דערפאר, אז אין טעאטער זאָלן זײַן וואָס מער מענטשן, וואָס קאָנען

לייענען און שרײַבן! — ער האָט ארויסגעלאָזט א סאָלידן זיפץ. — דו קענסט דאָך, מאָטקעלע, די שוועסטער מײַנע...

מאָטיע האָט זיך א כאפ געטאָן פונעם אָרט.

— ...וועל איך זי צו זיך אין טעאטער ניט נעמען! — האָט מאָטיע קימאט אויסגעשרי:ען און איז אופגעשטאנען פון אָרט.

— וועסט זי שוין בעפיירעש יאָ נעמען! — האָט געוואָרנט מאָריץ מאָי־סייעוויטש.

די זיכערקײַט, מיט וועלכער עס זײַנען געזאָגט געוואָרן די דאָזיקע ווערטער, האָבן עטוואָס איבעראשט מאָטיען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן סעגאלן און געסטארעט זיך צו פארשטיין, פונוואנען קומט צו אים אזא זיכערקײַט. מאָריץ מאָי:סייעוויטש האָט זיך געלאָזט אָנקוקן. ער האָט ניט געאײַלט.

— דו הייבסט קוים־קוים אָן, שטעלסט די ערשטע טריט, און ווילסט זיך שוין פארפירן מיט מאָריץ מאָי:סייעוויטשן! דארפסט נייטיק, אז איך זאָל דיר ווערן א סוינע? איך פרעג דיך... הא?

— אצינד זײַנען אנדערע צײַטן! — האָט מאָטיע א בורטשע געטאָן.

— ריבוינעשעלוילעם! וואָס זשע האָט זיך איבערגעביטן?! — האָט זיך גאנץ אופריכטיק געכידעשט מאָריץ מאָי:סייעוויטש. — גיב א קוק אָף זיך, מאָטיע! וואָס איז געשען מיט דיר? לאָמיר צוגיין צום פענצטער און א קוק טאָן אָף דער גאס! נעם קוק, וויפל דו ווילסט, און זאָג מיר: נו, עס האָט זיך עפּעס איבערגעביטן? ווי:אזוי לעבן מענטשן? זיי לעבן אזוי ווי צוריק מיט יאָרן. ווער עס האָט מיט וואָס — דער לעבט, ווער עס האָט ניט — איז אראָפּ פונעם וואָגן! אזוי ווי ס'האָט געלעבט מײַן עלטערזיידע, אזוי לעבט מען הײַנט, אזוי וועט זײַן טאָמיד!

מאָריץ מאָי:סייעוויטש האָט זיך אויסגעהוסט מיט א דריידעלע אין האלדז, האָט אויסגערייניקט דעם גאָרגל און פאָרגעזעצט גאנץ רו:יק:

— איך גיב איר א גוטן נאדן! קאָסטיומען פאר איר און פאר איר פארטניאָר! אָף דער גאס וואלגערן זיך ניט אזעלכע זאכן!

— זי איז א פאָרע אדומע! — האָט אויסגעשרי:ען מאָטיע ברען, ניט ווערלנדיק, ווײַזט אויס, פארצי:ען דעם געשפרעך. מאָריץ מאָי:סייעוויטש האָט זיך אָבער גאָר ניט באליידיקט.

— עמעס! — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — א קו! נאָר גיב מיר צו פארשטיין, און ווער איז ראָזע ברוק, די פרעמיערשע בא מינדאלעסקאָן אין טעאטער, ניט קיין קו? ראָזע ברוק איז נאָך א יאלעווע קו! נו, איז וואָס זשע? שרײַבט מען דען ניט איר נאָמען מיט פעסלעך־אויס:עס אָף די אפישן? לאָזט מען דען ניט ארויס קיין ספעצי:עלע אנאָנסן, אין וועלכע איר נאָמען ווערט געשטעלט אין פארגלײַך מיט, לעהאוודל, עלעאָנאָרע דוזע? דרוקט מען דען ניט אָף די אפישן אלעמאָל איר פעטע, צעשווומענע, קאָלירלאָזע און נארישע מאָרדע? און סאָפּאָטשקע אָרלאָווסקאיא — די טאַ־לאנטפולסטע סאָפּאָטשקע אָרלאָווסקאיא, פאר וועלכער פערעץ הירשביין האָט געשריבן צינעלען אין „די גרינע פעלדער", האלט מען אין טעאטער אָף ארויסגאנג־ראָלן! און ווען דו ווילסט געפינען איר נאָמען אָף דער אפישע, דארפסטו אָנטאָן שפּאקולן אָף די אויגן. און א מארקע באקומט

זי פונקט אזא, וואָס גאראנטירט איר די מעגלעכקייט דריי מאָל אין טאָג שטארבן פון הונגער. דערפאר אָבער וואקסן בא איר אפן קאָפּ גראָוועהאָר... איז עס פאר דיר א נייס, מאָטיע?

— אינגיכן וועט אלץ זיין גאָר אנדערש! — האָט מאָטיע געוואָרנט.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען מאָטיע ברען האָט נאָכגעגעבן. ביז היינט קאָן איך ניט פארשטיין, פארוואָס האָט ער דעמלט זיך געלאָזט איינריידן.

צו דער ערשטער רעפעטיציע איז קלארע סעגאל געקומען צו פאָרן אף א שטייגער. אלע ארטיסטן האָט זי געדריקט די האנט און געשמייכלט, באוויינזנדיק די ציין־לאָפּעטעס, וואָס האָבן געדינט ווי א פלויט פאר די פעסט־אָנגעפארבטע ליפּן.

— קלארע מאָזסייעוונע! — האָט זי זיך פאָרגעשטעלט. — איך דערלויב איך, איר זאָלט מיך רופן פּאָשעט קלארע. א פרימאדאָנע דארף זיין באַשיידן, ניט עמעס? מערסי!

און ווי עס פּאסט פאר א פרימאדאָנע, פלעגט קלארע קומען אף פּראָבע שפּעטער פון אלעמען. זי פלעגט זיך אוועקזעצן אפן טישל, וואָס איז געשטאנען אינמיטן צימער, פארווארפן א פוס אף א פוס און פארייכערן א לאנגן שמעקנדיקן פּאפּיראָס (ווו פלעגט זי באקומען די פּאפּיראָסן?). צו מאָטיע ברען האָט זי געזאָגט אזוי:

— נו, וואָס ווילן מיר טאָן, רעזשיסער? פארגעסט ניט, אז פרימאדאָנעס האָבן ניט ליב צו זיצן אָן א שטאָך ארבעט!

און האָט זיך דערביי הויך צעלאכט.

— נעמט דערווייל פארליבט זיך אין עמעצן! — האָט איר מאָטיע אָן אייצע געגעבן.

— „אויב אין אייער הערץ וועט זיך צעפלאקערן א ליידנשאפט“, — האָט מאגאלניק זיך געווענדט צו איר מיט א פראזע פון א פּיעסע, וואָס ער האָט פארגעדענקט, און דערביי צונויפגעלייגט די הענט אף דער ברוסט, ווי עס פלעגן טאָן די פארליבטע העלדן אין די הארצרייסנדע דראמעס.

— זוכט אייך, יונגערמאן, ארישניעס פון אייער גראד, ערגעץ אינעם קארטאמישעווסקער געסל!

— איך האָב אייך טאקע געפונען אינעם קארטאמישעווסקער געסל! — האָט מאגאלניק באמערקט.

זי האָט זיך אָנגעצונדן, און דאָס פּאָנעם אירס האָט זיך אויסגעצויגן. ווי אָן אָפּגעבריטע איז זי אראָפּ פונעם טישל, א ווארף געטאָן אין ווינקל דאָס ניט דערייכערטע פּאפּיראָסל און אויסגעשיט אפן פּאָמרעזש אזא האָגל ברודיקע קלאָלעס, צווישן וועלכע „פארשיווער גאנעוו“ און „געפייגערטער הונט“ זיינען געווען די סאמע איידלסטע ווערטער.

אין יענעם אָוונט האָט זיך די רעפּעטיציע ניט געקלעפּט. מאָטיע האָט אלץ געפּאָדערט, אז די פרימאדאָנע זאָל רעפּעטירן מיט א פול מויל און

ניט שפּאַנען איבער דער בינע ווי אַ העלפאַנד. קלאַרע סעגאַל איז צוויי מאָל אַרויס אַף דער „בינע”, און מאָטיע האָט זי ביידע מאָל אומ־געקערט:

— גרינגער דאַרף מען, גרינגער! — האָט ער געטײַנעט צו איר מיט אַזאַ קאָל, וואָס קאָן אַרויסברענגען פון די קיילים אַפילע אַ טויטן. נאָר ווען ער האָט צום דריטן מאָל פאַרגעלייגט, אַז זי זאָל זיך אומקערן, האָט קלאַ־רע אַ פּאַך געטאָן מיטן פויסט, איבערגעקערט דאָס טישל און היסטעריש אויסגעשריִען:

— שוין!

— ניין, ניט שוין! — האָט גאַנץ רויִק דערווידערט דער רעזשיסער.

— נישקאָשע! עס וועט אַזוי אויך זײַן גוט! — האָט פאַרזיכערט די פּרימאַדאָנע און שווער געעטעמט דערבײַ. זי האָט געזוכט מיט דער האַנט אין רידיקיול אַ נײַעם פּאַפּיראָס.

מאָטיע איז שטאַרק בייז געוואָרן:

— „אַזוי וועט זײַן גוט” דאָרטן, אָפּן פּריוואָז! אָפּן טאָלטשאָק! דאָ וועט אַזוי גוט ניט זײַן! — האָט ער געשריִען.

קלאַרע סעגאַל האָט אַפּגיך פאַרשפּיליעט אַף זיך איר מאַנטאָ, אַרײַנגע־שטופּט די פיס אין די וואָליקעס, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט לעבן דער טיר, און אויפגעהויבן די האַנט אין אַ געזעגעניש־זשעסט:

— מערסי!

און איז אוועק צום אַרויסגאַנג. דאָ האָט זי זיך אויסגעדרייט צו די שטיל געוואָרענע אַקטיאָרן, אין מויל באַ איר האָט געפלאַקערט אַ גענעם:

— איר וועט זיך נאָך וואַלגערן באַ מײַנע פיס! — פון די טרעפּ האָט זי זיך אומגעקערט. — אַף די קני וועט איר בעטן, אַז קלאַרע סעגאַל זאָל זיך אומקערן! נאָר קלאַרע סעגאַל האָט ניט צו טאָן מיט קיין לאַפּיטוטני־קעס, מיט באָרוועסע, מיט אָפּגעריסענע, לײַזיקע קאַפּצאָנים! מערסי!

און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אין דעם איז באַשטאַנען דער בראָך אונדזערער. אין דער טרופּע איז דעמלט געגאַנגען אַן אומופהערלעכע קריגערײַ וועגן רעפּערטואַר. מאָטיע ברען האָט פאַרזיכערט אַלע מיטגלידער פון אונדזער קאָלעקטיוו, אַז צום אַרויספאָר איז גענוג איין פּיעסע מיט אַ דיווערטיס־מענט, נאָר מיט איין טנײַ, אַז דער ספּעקטאַקל און דער קאָנצערט זאָלן זײַן אַזוי צוגעגרייט, אַז אָט די מאָריץ סעגאַלס, אַלבערט מינדאַלעסקאָס צי די סאַמויל אַבראַמאָווס זאָלן פּלאַצן פאַר ווייטעק, ווען זיי וועלן אַ קוק טאָן אַף אונדזערן אַ ספּעקטאַקל, סע זאָל זיי אָנכאַפּן אַ אַפּאָפּלעקציע, זיי זאָלן פאַר קינע רײַסן אַף זיך די האָר און זיי זאָלן סאַפּקאָלסאָף פאַרשטיין, וואָס פאַראַ קאַליקעס זיי זײַנען, לאָפּוכעס, פּאַראַזיטן, וואָס האָבן באַלאַ־גערט דעם טעאַטער ווי די היישעריקן...

מאָטיע ברען איז געווען אַ זון פון זײַן פאָלק און האָט ליב געהאַט צו ריידן. און קוים האָט ער זיך שוין צערעדט, אַרײַן אין עקסטאַז, איז שוין שווער געווען אים אָפּצושטעלן. מיקע טולקיס, וואָס איז אַרײַנגעטראָטן אין קאָלעקטיוו אַף די ראָלן פון הויפּט־העלדן (אין דער ריי מיט אַליִר־שען) און וואָס האָט פּרעטענדירט אויך אַף זעלבשטענדיקע שטעלונגען,

האָט אויסגעהערט אונדזער אימפּרעסאַריאָ מיט א שטילן שמייכל און א פרעג געטאָן:

— צי קלערסטו ניט, מאָטיע, אז מיר קלײַבן זיך אף גאסטראָלן קיין פּעטערבורג?

— דאָס איז א מיִעסע פראגע! — איז שטארק בארויגעז געוואָרן מאָ־טיע. — א מיִעסע און א נארישע!

— פארוואָס? — האָט איליושע געפרעגט. — כ'פארשטיי ניט? מיר קלײַבן זיך ארויסצופאָרן אין די שטעטלעך, אין יעדער שטעטל דארפן מיר זײַן, זאָגן מיר, אמיינסטנס א וואָך...

— עס גייט אפילע ניט נאָר אין דעם! — האָט צוגעגעבן מיקע טול־קיס. — לאָמיר זאָגן, אז מיר האָבן שוין געשאפן אזא שטעלונג, פון וועל־כער מאָריץ סעגאל וועט כאפּן די פּאָפּלעקציע. ווער זשע, פרעגט זיך, וועט זי פארשטיין אין שטעטל? וועמען ווילן מיר איבעראשן? — ער האָט א קוק געטאָן אף מאָטיען און געווארט אף ענטפער.

מאָטיע איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— הייסט עס, — האָט ער גערעדט צו זיך אליין, — אז מיר שאפן נאָך איין „טריִאטער" פאר די קורעלאפּניטשקעס און פאר די מעקלער פון עם טאָלטשאָק? אזוי צי ניט אזוי?

ס'איז געוואָרן שטיל.

מאָטיע האָט פארשטאנען, אז ער איז עלנט.

— מיר וואָלטן בעסער באדארפט שטעלן די קאָמעדיע „זײַן ווײַבס מאן", — האָט אמזעל פאָרגעלייגט, — דער אוילעם פאָדערט די דאָזיקע נײַע אמעריקאנער קאָמעדיע. „זײַן ווײַבס מאן" איז פּונקט דאָס, וואָס דער אוילעם זוכט. אינעם דריטן אקט קומען אלע אָנטיילנעמער ארויף אף דער בינע, וואָס שטעלט פאָר א שלאָפצימער, דורכן פענצטער און גייען ארויס דורכן פענצטער. מע וועט צעכאפּן די בילעטן. פאר איין כוידעש וועלן מיר זיך אָנעסן, אָנטאָן זיך, אָפּלייגן א מעזומענע קאָפּעקע...

ס'איז ווידעראמאָל געוואָרן שטיל.

— איך האָב געמיינט, — האָט נאָך א לאנגער פּויזע א זאָג געטאָן מאָ־טיע, — איך האָב געמיינט, אז מיר פאָרן מיט אײַך אף א כאסענע, לאָזט זיך אויס, אז מיר גייען גאָר אף א לעווײַע.

— ביסט א טשודאק, מאָטיע! — האָט אים אָפּגעשטעלט איליושע. — מיר דארפן דאָך לעבן!

— איך זאָג דאָך אויך דאָס זעלבע! — האָט ער א שמייכל געטאָן, מאָ־טיע. — נאָר גיב מיר, זײַ מויכל, צו פארשטיין, וואָס הייסט עס אזוינס לעבן? א פעטער בארשטש און א פּאָר נײַע טאכטוינים איז אויך לעבן! אויב מיר פרעטענדירן ניט אף מער, איז גוט! לאָמיר כאפּן אָט די קאָמע־דיע, וואָס מע האָט אונדז דאָ פאָרגעלייגט, און גלײַך אָנהייבן טרינקען אינדערפרי פויגלמילך און פארבײַסן מיט מאָן־בייגל. וואָס דארפן מיר דען נאָך, אויב אזוי? אויב אונדזער ארטיסט אמזעל אינטערעסירן אזעלכע ווערק, וואָס קומען צו אונדז אָן מעיווער־לעיאַם, קאָן איך אים דערציילן, אז דאָ ניט לאנג האָבן מיר באקומען צוגעשיקט פון דאָרט א דראמע, וואָס הייסט „די בלינדע מאמע". אויב מירן שטעלן די דאָזיקע דראמע,

ווען מען אונדז, איר מעגט זײַן זיכער, צעטראָגן דעם טעאַטער אף שטי־קער: איין קלייניקייט! אלע פיר אקטן זוכט די בלינדע מאמע איר זון, וואָס איז אימיצקעדרינען ערגעץ אנטרונען געוואָרן, נאָך ווען ער איז געווען א קליין קינד.

אילייושע האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט. דאָס מאָל איז ער געווען שטארק אופגערעגט:

— נאָר מיר זײַנען דאָך הונגעריק, מאָטיע! ווי קאָנסטו עס ניט פאר־שטיין? קעדיי א שווערגעלאָדענער צוג זאָל זיך רירן פון אָרט און אוועק פאָרויס, מוז מען אים א שטופּ טאָן עטוואָס אף צוריק... אזא איז דער געזעץ פון דער נאַטור!

— דערפאר דארפן מיר שטעלן „די בלינדע מאמע"? — מאָטיעס שטים האָט געציטערט.

אילייושע האָט אים ניט געענטפערט. אלע זײַנען ווידער געזעסן שטיל.

מאָטיע ברען האָט פארשטאנען, אז איצט שטייט אים פאָר א האַרבער קאמף מיט זיך אליין. מאָטיע האָט שוין, ווײַזט אויס, געוווסט, אז דאָס איז א שווערער קאמף, נאָר ער האָט נאָך ניט געוווסט, אז באזיגן זיך אליין איז קימאט אומעגלעך...

ווען דאָווידקע מאגאלניק איז אף מאָרגן דער ערשטער געקומען אין קארטאמישעווסקער געסל, האָט ער דערזען א בילד, פון וועלכן ער איז א דערשיטערטער געבליבן שטיין: די ארײַנגאנג־טיר איז ניט געווען. אינ־ווייניק אין קעלער איז געווען פינצטער, ווי אין א טיפער גרוב. שווער עטעמענדיק איז דאָווידקע אראָפּ פון די טרעפּ, ארײַנגעלאָפן אין רעפּע־טיציע־צימער און געבליבן שטיין געפּלעפט, — דער צימער איז געווען פּוסט — ניט קיין טישל, ניט קיין בענקל, — פּוסט!

עליע, מאָטיעס ברודער, איז אומבאמערקט ארײַן אין צימער, געבליבן שטיין אנטקעגן פאָמרעזש מיט א פארגליווערט שמייכעלע אפן פּאָנעם. א שמייכעלע, וואָס רופט ארויס מער טרויער, ווי דער ביטערסטער ווײ־געשריי. עליע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געפרעגט:

— ווער זשע טוט עס אָפּ אזוי, ווי איר האָט אָפּגעטאָן, פרײַנט מײַנע? ווער גייט עס אוועק פון א שטוב און פארשפּארט ניט די טיר... אין וואָס פאר א צײַט לעבט איר, פרײַנט מײַנע? ווער זשע טוט אַצינד אזוי?..

מאגאלניק האָט אפילע ניט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים. ס'האָט זיך געדאכט, אז ער האָט גאָרנישט ניט געזען. אף זײַן שטערן, וואָס איז באדעקט געוואָרן מיט גרויסע טראָפּנס שווייס, האָט זיך גערירט און געציטערט אן אָדערל. מיטאמאָל האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט לויפן. עליע האָט קוים באוויזן צו פארהאלטן אים.

— ווהין? ווילסטו לויפן? — האָט ער זיך געכידעשט.

— נישקאָשע! — האָט דאָווידקע עמעצן געדראָעט. — מירן געפינען! אלץ געפינען! אָט וועל איך באלד...

— וואָס וועסטו געפינען, שויטע? דעם טיש, די בענק צי די טיר? ווו וועסטו זיי געפינען? גיי בעסער ארויס אף דער גאס און כאַפּ א קוק אף

די דעכער, פון וואָס פּאר א קוימען עס גייט א רויך. עמעצער האָט שוין, פאר אײַער נארישקײַט, הײַנט אויסגעהייצט די הרובע... אויב אין שטוב זײַנען פאראַן קליינע קינדערלעך, איז מיילע, זאָל זיי זײַן צו געזונט! — ער האָט נאָך א מאך געטאָן מיט דער האנט און זיך געלאָזט צו די טרעפּ־לעך. — נו, הייסט עס, א סאָף צו אײַער טעאטער? — האָט ער נאָך א פרעג געטאָן.

דאַווידקע האָט ניט געענטפערט. עס האָט אים א שארפן שטאָך געטאָן דאָס וואָרט „א סאָף".

א ביטער וואָרט, א ביטער וואָרט...

קאַפּיטל דרײַ

אין איינער א נאכט



וין עטלעכע טעג, אז אין שטאָט האָט זיך קיינער ניט גע־לייגט שלאָפן. די שטאָט האָט זיך פארטײַעט, אומגעדולדיק געוואַרט אף עפּעס.

די טויערן זײַנען געווען פאריגלט, די פענצטער פאר־קלאַפּט, די טירן — פעסט צוגעמאכט. אין יעדער הויף האָט מען דעזשורעוועט גאנצע מעסלעסן. אין די דעזשורסטוועס האָבן זיך באַ־טייליקט אלע אײַנוווינער, דערין אויך קינדער און זקיינים. דורך יעדער שפּאַרונע האָט מען געקוקט אף דער גאס. יעדער ווײַטער געהילך האָט ארויסגערופן פאַרדאכט, געמאכט וואכזאמער, קאמפּסגרייט. אלעמאָל, ווען פון דער גאס פלעגט זיך דערטראָגן א געשריי צי אפילו גלאַט א הויך קאָל, פלעגט מען זיך לאָזן לויפן. נײַ אפן רוף פון אן אליארעם, זיך צו־נויפנעמען אינמיטן הויף און מיט א פארכאַפּטן אָטעם הערן, וואָס טוט זיך דאָרט, פון יענער זײַט טויער.

און פון יענער זײַט טויער איז געלעגן א פּוסטע, פארגליווערטע גאס. קיין לעבעדיקער נפש. דער שניי, וואָס איז צוריק מיט עטלעכע טעג אויסגעפאלן, איז געווען ניט באַרירט און האָט געפינקלט מיט זײַן זויבע־רער אומשולדיקײַט. און עפּשער דערפאר ווײַל קיינער האָט אים ניט באטראָטן, איז ער אײַנגעפאלן, באדעקט געוואָרן מיט א קרענקלעכער בלויקײַט.

אויך אינעם האפן האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לעבן. די לעצטע שיף איז פארזונקען אין א שווערן נעפּל און האָט נאָך לאנג געוואָיעט, איידער זי איז ארויס אין אָפענעם יאם. אזוי האָט זיך די שיף געזעגנט מיט דער שטאָט, וואָס האָט ניט געוואָלט ארויסגיין באגלייטן זי. די פּאסאזשירן, וואָס האָבן ניט באוויזן זיך ארופצוכאפּן אפן צווישנדעק, האָבן אופגעהויבן א בייזן וויי־געשריי, זיי האָבן פון גרויס ווייטעק געוואָיעט, ווי די אוועק־גייענדיקע שיף, פארשאָלטן אלץ אף דער וועלט און מער פון אלעמען די געוועזענע גוטעפרײַנט זייערע, וואָס האָבן באוויזן בלויז מיט איין מינוט

פריִער פון זיי ארופּצוכאַפּן זיך אויף טראַפּ, ווען ער האָט זיך שוין אופגעהויבן פון דער ערד. ארופגעכאַפּט זיך אויף צווישנדעק, האָבן זיי אפילו פארגעסן זיך אויסצוקערעווען צו זייערע פריַינט, שיקן א געזעגעניש־קוש די, וואָס זיַינען איבערגעבליבן אויף ברעג. און עפּשער האָבן זיי געמיינט, אז גליַיך נאָך זיי וועט אוועק נאָך א שיף, וואָס וועט ארויספירן אלע די, וואָס זיַינען געבליבן? זיי האָבן טאַקע עפּשער ניט געוווּסט, אז דאָס איז געווען דער לעצטער רייס פון דער רוסישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפן ווהין די אויגן טראָגן.

ניט באַטאָג, ניט באַנאַכט האָט אין שטאָט ניט אויפגעהערט דאָס שיסעריַי. עס האָבן געשאָסן די דרוזשיניקעס פון די ארבעטער־מאַכנעס, וואָס האָבן אָפּגעהיט די אונטערנעמונגען; עס האָבן געשאָסן מישע יאַפּאָנטשיקס נאַליאָטשיקעס, וואָס האָבן זיך געמאָלדן פאר די שטאָט־באַלעבאַטים; עס האָבן געשאָסן די רעשטן פון דעניקינס ארמיי, וועלכע האָבן אין איַילעניש געשלעפּט אלץ וואָס ס'איז געקומען אונטער די הענט. אָן אופהער האָבן געשאָסן די דרוזשיניקעס, ניט דערלאָזט צערויבן די פאבריקן און זאַוואָדן. עס איז געגאַן א שיסעריַי צווישן די נאַליאָטשיקעס פון פארשיידענע באַנדעס. עס פלעגט אָפּט טרעפן, אז אין איַילעניש האָט א באַנדע באַשאָסן אירע אייגענע רויבער.

ווי נאָר די נאַכט פלעגט צופאלן, האָט דאָס שיסעריַי זיך פארשטאַרקט און די גוואַלד־געשרייען האָבן זיך געגומען טראָגן פון פארשיידענע זיַיטן. דערוויסן זיך, ווער עס שריַיט, איז געווען אוממעגלעך. צו די געשרייען האָט זיך נאָך צוגעמישט א געקלאַנג פון צעזעצטע שויבן און א קלאַפּעריַי פון גרויסע בינדיוגעס, וואָס האָבן געפּילט איבער די טויטע גאַסן, קעדיי וואָס גיכער צו פארשווינדן מיטן אָנגערויבטן גוטס. אין אזא פאל פלעגן אלע דעזשורנעס אין די הויפן און די אלע, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן הינטערן טויער, צופאלן צו די שפּאַרונעס, אָנשטעלן מויל און אויערן, קעדיי כאַפּן א וואָרט, טרעפן, אין וואָס פאר א זיַיט איז אוועק די בינדיוגע. יעדער אופגעכאַפּט וואָרט, אָדער אלץ, וואָס ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אז מע האָט דערהערט, האָט מען איבערגעגעבן איינער דעם אנדערן:

— אָט דאָס פאָרן זיי פון דער טראַיִצקער גאַס! איר מעגט שוין זיַין זיכער, אז בליומבערגס סקלאַד איז אוועק אין ראַסכאָד!

— דאָס איז נאָך דערוויַיל גאָרניט! וואַרט צו א ביסל! ניט וויַיט פון בליומבערגן האָט איר דאָס אוטשיניקאָווסקער געסל, און דאָרט געפינען זיך די קעלערס פון אודעלנע ווערדאַמסטווע... אָט ווו עס וועט זיַין פריילעך!

— און איר, וויַיזט אויס, מיינט, אז זיי וואַרטן, ביז איר וועט זיי אונטערזאָגן, ווו עס זיַינען די קעלערס?

— זיי וואָלטן שוין פון לאַנג זיך צוגעכאַפּט אהין, שטייט אָבער דאָרט אַן ארבעטער־דרוזשינע. פּרווו נאָר!

— מע וועט פּרוּוון, אויב מע וועט דאַרפן! מע וועט פּרוּוון!

— נו, אויב אזוי, זיַיט זשע מויכל, כאַפּט זיך אראָפּ צו זיי און הייסט זיי, אז זיי זאָלן זיך צוויַילן, מאַכמעס, וועדליק מע זאָגט, איז שוין קאָטאָווסקי אויף באַלטער וועג. קאָן זיַין, אז פּונקט אין דער מינוט גייט ער שוין צו צום פּערעסיפּ.

— און מישקע יאַפּאַנטשיק האָט צוגעזאָגט, אַז אַ שאַ פאַר דעם ווי קאַטאַווסקי וועט קומען, וועט ער אונטעררײַסן די שטאָט און ניט איבער־לאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין!

— שאַ! די מײַלער זאָלן זיך באַ אײַך שטעלן קאַפּויר, מע האָט זיך צעגראַגערט, ווי פּורים נאָך דער סודע! לאָזט הערן, וואָס סע טוט זיך. האַ?.. עמעצער קלאַפּט דאָך אין טויער. האַ? צי ס׳האָט זיך מיר אויסגע־דאַכט?

אין צימער איז געוואָרן טויט־שטיל. דאָס פלעמל פונעם קאַנעצל האָט געפלאַטערט און באַדעקט דאָס טישל מיט אַ ליכט־פלעק, וואָס האָט זיך געוויגט און געהוידעט צוזאַמען מיטן שאָטן אויף דער וואַנט. איצט, ווען ס׳איז געוואָרן שטיל, האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז דאָ, אין צימער, געפינען זיך אַ פּאָר צענדליק מענטשן, מערסטנס זקיינים אומבאַהאָלפענע, ווי קינדער, און קינדער פילבאַרע און קלוגע, ווי זקיינים. פאַרזיכטיקע און אָנגעשטרענגטע, האָבן זיי, די קינדער, די ערשטע דערהערט, אַז באַם טויער שטייט עמעץ.

— נו, איצט הערט איר שוין, אַז מע פּאָרעט זיך באַם טויער? — האָט אַ פרויִש קאָל געפרעגט מיט אַזאַ ניגון, גלײַך זי וואָלט עמעצן געכאַפּט פאַר דער האַנט באַ אַ גנייווע.

— נו, און אַז מע פּאָרעט זיך, איז וואָס? — האָט זיך אָנגערופן אַ זאָקן פון אַ פינצטער ווינקל און פאַרהוסט זיך מיט אַ באַלעבאַטיש הוסטל. — אָט באַלד לויף איך עפענען! האַלט מיך צו, אַניט וועל איך זיך באַלד צעפּלאַטשען און אַוועק צום טויער!

— נאָר עמעץ איז דאָך געקומען! איר הערט דאָך, אַז מע קלאַפּט! — האָט זיך שוין צעשריִען די פרוי.

אַ זאָקן מיט אַ פאַרקילטער הייזעריקער שטים האָט זיך אופגעהויבן פון דער קישן און געגעבן צו פאַרשטיין:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווער קאָן קומען אין אַזאַ צײַט? איך פרעג אײַך! ווו איז פאַראַן אַזאַ מעשוגענער, וואָס קאָן זיך באַשליסן אין אַזאַ צײַט גיין איבער דער שטאָט עמעצן זוכן! גיט מיר צו פאַרשטיין!

צוויי ייִנגלעך, וואָס האָבן, ווײַזט אויס, ניט געקאָנט געבן צו פאַר־שטיין דעם אַלטן, צי ס׳איז פאַראַן אַזאַ מעשוגענער, האָבן זיך מיטאַמאָל, ווי צונויפגערעדט, אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר און אַרויס אין הויף. איינער פון די ייִנגלעך האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק און אויסגעש־ריִען:

— מע פרעגט זיך נאָך אויף בוביסן!

— וואָס פאַר אַ בוביס? דעם שנײַדער?

— טפו!.. וואָס עס האָט זיך מיר געכאָלעמט די נאַכט, און יענע נאַכט, און אַ גאַנץ יאָר...

— זיי ווילן עקסטרע זיך אופנייען נײַע טאַכטויכים! — האָט דערקלערט ד׳ער צוגעקילטער.

— טאַכריכים זאָל מען זיי שוין נייען! — האָט געשאָלטן די ייִדענע. — געפונען אַ צײַט. בוביס איז דען פאַראַן אין שטוב? — האָט די ייִדענע פאַר־געזעצט. — ער איז דאָך, ווי שטענדיק, דאָרט, אין דער דרוזשינע...

ס'האָט זיך געהערט, ווי עמעצער האָט געעפנט א טיר, דערנאָך א האַרטער סקריפּ פון אַלטע הילצערנע טרעפּ. אין דער פינצטערניש האָט מען געפרעגט:

— ווער דאַרף עס מיך?

בוביס איז צוגעגאַנגען צום טויער.

— ווער דאַרף מיך האָבן?

— ווער עס דאַרף אייך האָבן, דער איז געקומען! — האָט געענטפערט פון יענער זייט מאָטיע ברען, יאָ, דאָס איז געווען מאָטיע. — זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך, פון ווען אָן איז עס געוואָרן, אַז יאָשע בוביסן קאָן מען זען נאָר, ווי לעהאַוודל, אָרן־האַקויהען דורך א פאַרמאַכטן טויער? אי דאָס נאָכדעם ווי מע דאַלאָזשעט אים, ווער ס'איז צו אים געקומען?

— ווער זשע פאַרט איז דאָרט? — האָט נאָכאַמאָל געפרעגט בוביס.

— דער גרויסער ביניאָמין־האַשלישי און זיין טרייער דינער סענדערל די יידענע! — האָט געענטפערט מאַגאַלניק. — איר קלערט אמאָל עפענען און אונדז אַריינלאָזן? — האָט ער זיך צעשריגן. — מיר קאָנען שוין מער ניט שטיין, די פיס זיינען בא אונדז געוואָרן ווי שטיקער אייז.

— עפשער האָט איר מוירע, אַז מיר וועלן אייך כאָלילע דערהאַרגענען, איז בין איך אייך אָרעוו, אָט טראָג איך אַריין א זאַלאָג א דעניקינסקע טאַקער מיט גלעקעלעך, — האָט פאַרזיכערט מאָטיע ברען.

— און איך, פון מיין זייט, טראָג אַריין צוויי קערענקעס, — האָט צוגעגעבן מאַגאַלניק.

די כעוורע האָבן געלאַכט.

בוביס האָט געעפנט דעם טויער.

— איך הער אייערע שטימען צום ערשטן מאָל, — האָט ער געזאָגט, — נאָר פילן פיל איך, אַז פון אייך שמעקט מיט יידיש טעאַטער. ניט שוין זשע האָט איר צו מיר אַזאַ וואַזשנע געשעפט, וואָס איר האָט ניט געקאָנט צוואַרטן כאָטש ביז אינדערפרי?

— מיר קאָנען ניט, פריינט מיינער, מיר קאָנען ניט וואַרטן! — האָט אים פאַרזיכערט מאָטיע און זיך איילנדיק געלאָזט אין הויף אַריין. — איר פירט אונדז ערגעץ אָפּ, ווו ס'איז וואַרעמער, — האָט ער געבעטן, — ביזוואַנען מיר האָבן אייך געפונען, האָבן מיר זיך געקושט מיטן פראָסט. א פאַר־געניגן, דאַרף איך אייך זאָגן, גאָר א קליינער!

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די הילצערנע לאַנג צעפוילטע, סקריפּענ־דיקע טרעפּ, נאָכדעם, טאַפּנדיק די פינצטערניש, געשפּאַנט איבער א לאַנגן גאַנעק מיט א סאַך פאַרקלאַפּטע טויטע פענצטער און טירן. סאָפקאָלסאָף האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן א טיר, וועלכע בוביס האָט געעפנט. אין דער פינצטער האָט א פרוי געפרעגט:

— ווער איז עס, יאָשע?

— גיי, שלאָף, ס'איז צו מיר.

די פרוי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון יענער זייט אויוון, וואָס האָט צעטיילט אויף העלפט דעם צימער און איז געווען פאַרהאַנגען מיט א ביי־קענער קאָלדרע. דער קאַנעץ אָפן טיש האָט אָנגעפילט דעם צימער מיט א גיפטיקן טשאַד. אויף דער סטעליע האָט זיך געזען קימאַט א ריכטיקער

קרײַז פון געדיכטער שווארצער סאזשע, א פעטער בלישטשענדיקער קרײַז. פון אונטערן אויוון איז ארויסגעקומען א פארשלאָפענע קאץ און זיך סאָליד אויסגעצויגן, דערנאָך אויסגעבויגן דעם רוקן ווי א האלבקײַלעכדיק בריקל אף פיר דארע פיסלעך.

— איך קען אײַך, — האָט געזאָגט יאשע בוביס, — איר שאפט א טעאַטער, האָב איך געהערט, און מע רופט אײַך...

— און מע רופט מיך מאָטיע ברען! — האָט מאָטיע פארענדיקט. — אלץ, וואָס איר האָט געזאָגט, איז עמעס וועיאצעוו, נאָר מיט איין אָפנייג: ניט איך שאף, נאָר איך וויל שאפן א טעאטער! פון דעם, וואָס כ'האָב ביז איצט געטאָן, האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם.

— און איך האָב געהערט, אז בא אײַך איז שוין אלצדינג גרייט און אז איר פאָרט אינגיכן ארויס אף גאסטראָלן.

— אלצדינג איז ריכטיק! — האָט באשטעטיקט מאָטיע ברען. — וואָס איז שײַעך מיר, בין איך גרייט! נאָר סע פעלט אונדז אויס איין קלייניקײַט — מיר האָבן נאָך דערווײַל ניט קיין טעאטער! נאָר אויב איר זײַט גרייט מיך אויסצוהערן, קאָן איך אײַך זאָגן, וועמען מיר דארפן האָבן.

— טשיקאווע! — האָט בוביס זיך צוגעגרייט הערן.

— אײַך! — האָט מאָטיע אויסגעשטרעקט צו אים די האנט.

— מיך? א שנײַדער? — האָט זיך בוביס צעלאכט.

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אז איר זײַט א שנײַדער? — האָט מאָטיע אים איבערגעשלאָגן.

— טשיקאווע, ווי איר זעט מיך לעבן! — האָט בוביס געלאכט. — ליובע! ליובע! — האָט ער געגומען רופן. פון הינטער דעם קאָלדרע־פאָרהאנג האָט זיך ווידער באוויזן בוביסעס פרוי. — זאָג מיר נאָר, ליובע, זײַ אזויפיל גוט, זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער בין איך? דו ביסט שוין דאָס זעקסטע יאָר מײַן פרוי און דו מוזט דאָך פאָרט וויסן, ווער איך בין.

— געפונען בא וועמען צו פרעגן! — האָט זיך ארײַנגעמישט מאגאלניק. — כ'וואָלט א באלן זײַן זען כאָטש איין פרוי, וואָס ווייסט אף אן עמעס, ווער איר מאן איז.

— און איך, פארקערט, האלט, אז די פרויען ווייסן קעסיידער וועגן זייערע מענער א סאך מער, ווי זיי וואָלטן באדארפט וויסן! — בא ליובען האָבן אין דער פינצטערניש געלויכטן צוויי ווארעמע און העלע פײַערלעך.

— אויב איר ווילט אויסהערן א רעצענזיע וועגן זיך, איז ביטע. איך האָב אײַך געזען שפילן מענדלען, נאָר אויב דאָס איז פאר אײַך ווייניק, קאָן איך אײַך דערמאָנען, אז איך האָב געהערט, ווי איר לייענט יויסעף באָוושאָווערן...

ליובע, וואָס האָט געהערט שוויַיגנדיק, האָט געמאכט א שפאן צום טיש, אָפגעשטעלט זיך און אָנגעהויבן לייענען אף א קאָל:

איך קום, ווי א שטאָלצער קאָמעט,
ווי די זון, ווען עס הייבט אָן צו טאָגן...

מאָטיע ברען האָט געהערט מיט אן אָפן מויל. ליובעס שטימעלע האָט אים גלײַך געפלעפט. מאמעש א זילבערן גלעקעלע. די פרוי האָט גע־

לייענט, און ס׳האָט זיך געדוכט, אז די ווענט פון דעם אלטן צימער צעררוקן זיך, ווערן פארשווונדן, און אלץ, וואָס געפינט זיך דאָ, קלינגט... נאָך דעם, ווי ליובע האָט פארענדיקט, האָט קיינער ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. מע האָט געהערט, ווי דאָס קנייטל אין קאנעץ טרישטשעט.

— און נאָך דעם קומט איר און זאָגט, אז איר זײַט א שנײַדער? — האָט מאָטיע אָנגעכאפּט בוביסן פאר דער האנט. — זאָגט מיר, ווו האָט איר געזען, אז א שנײַדער זאָל פארמאָגן אזא ווײַב? א שנײַדערס א ווײַב דארף זיך פּאָרען ארום די טעפּלעך, פּירן פּליאָטקעס, דינגען זיך אין מארק פאר יעדער מיליאָן, און יאָר נאָך יאָר קינדלען...

דאָס פּאָרפּאָלק האָט זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט. ס׳איז זיי, ווײַזט אויס, געווען צום הארצן, וואָס דער נײַער באקאנטער זייערער האָט געזאָגט. זיי האָבן זיך פּלוצעם אָנגענומען פאר די הענט, ארויס אף דער מיט פונעם צימער און אָנגעהויבן זינגען שטיל און פארטרוימט:

גענפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאווע
איבער אלע יאמען...

— אציגנד וועל איך שוין ניט באשטיין, אז אלץ, וואָס איך האָב געטאָן, איז אוועק מיטן ווינט. עפּעס האָבן מיר פּאָרט אָפּגעטאָן! הערט מיך אויס, — האָט מאָטיע גענומען אויסרעכענען: — בא אונדז אין טעאטער וועט זײַן איליושע בלאנק. דאָס איז אן אויסגעשפּילטער ארטיסט! א ווײַגרישנער בילעט... איר ווייסט עס, מיסטאמע, אליין. קאָן זײַן, אז בא אונדז אין קאָלעקטיוו וועט פארבלײַבן מיקע טולקיס, כאָטש מיט אים בין איך ניט זיכער — ער וויל אי טעאטער, און דערבײַ וויל ער א גרינג לעבן, און דאָס איז אויסגעשלאָסן! נאָכדעם האָבן מיר נאָך ליאָניע לאנדע, א יונגער ארטיסט, א ביסל א קראנקער, נאָר א הייסער, מיט א גאָטסגעבענטשטן פונק...

— כוץ דעם, האָט דער טעאטער געפונען אן אויצער אין מײַן פּערזאָן! — האָט מאגאלניק געלאכט.

— און אויב אין אונדזער טעאטער וועט נאָך צוקומען אזא פּאָר, ווי איר, אזא דועט... — האָט מאָטיע מיט ליבע געקוקט אפן פּאָרפּאָלק.

— אנטשולדיקט! וואָס זשע באקומט זיך? — האָט יאשע בוביס געמאכט דעם כעזשבן. — איך בין א שנײַדער. ער, — האָט ער אויסגעשטרעקט די האנט צו מאגאלניקן, — איז א סאנדלער, ליאָניע לאנדע איז א צירולניק, איליושע בלאנק — א פּריקאשטשיק. ווו זשע איז דער טעאטער? ווו זשע זײַנען די אקטיאָרן?

— די אקטיאָרן זײַנען דאָ! — האָט מאָטיע געענטפערט זייער רויק. — אף דער וועלט, זעט איר, איז געווען א קליינינקער מישמאש, א שטיקל כאאָס, א צײַטווײַליקער טויהו־וואָוויהו. דערפאר האָבן זיך די מענטשן באדארפט בײַטן מיט די יאָצרעס. איצט איז געקומען די צײַט, ווען דער מאסקאראד פארענדיקט זיך, אלצדינג דארף זיך שטעלן אף זײַן אָרט, אלץ דארף זיך אָנהייבן אפסנײַ. און מיר האָבן באשלאָסן ארויסצוגיין מעקאבלפּאָנעם זײַן אָט דאָס נײַע. מיר זײַנען די אקטיאָרן, מיר זײַנען דער טעאטער!

מאָטיע האָט זיך נײַגעריק אײַנגעקוקט אין די אופגערעגטע פּענעמער פון זײַנע נײַע פרײַנט. אים האָט זיך זייער פארגלוסט נאָכאמאָל הערן דאָס צארטע קלינגען פונעם זילבערנעם גלעקעלע.

— פארשטייט זיך! — האָט ער אויסגעשריִען. — ווען מיר זאָלן אצינד זיצן בא א געדעקטן טיש, וואָלטן מיר זיך געפילט גאָר אנדערש! יעדער איינער פון אונדז וואָלט באוויזן, וואָס ער קאָן, און דעמלט וואָלטן מיר עפּשער אויך באוויזן אונדזער קונסט! — און ער האָט א ווונק געטאָן צו מאגאלניקן.

— בא! — האָט ליובע אים איבערגעשלאָגן. — מיינט ניט, אז מיר זײַנען אזעלכע ביטערע קאפּצעניאקעס! מיר קאָנען טאקע אפּאנעמעסן באלד עפּעס צוטראכטן מיקויעך א געגרייטן טיש. יאשע! — האָט זי מיט א ווונק אָנגעוויזן אף דער טיר. — אנו, כאפּ זיך נאָר אראָפּ צום געשטופּלטן, ווּעסטו נעמען בא אים... נישקאָשע! נישקאָשע! ער שלאָפט ניט! און אויב ער שלאָפט, וועט ער זיך אופכאפּן! איך וועל דערווײַל גרייטן צום טיש. נאָר, יאשע, א פוס אהער, א פוס אהין!

— ביסט מע־שור־גע! — האָט יאשע א צי געטאָן מיט די אקסל און זיך צעלאכט. — ווי געפעלט אײַך מײַן ווײַב? — און ניט וואַרטנדיק אף קיין ענטפער, אוועק פון שטוב.

אין איין אויגנבליק האָט ליובע פארדעקט דעם טיש מיט א ריין, שטארק־אָנגעקראכמאלעטן און, ווײַזט אויס, שוין לאנג ניט גענוצטן טישטעכל, און באלד האָבן זיך באוויזן טעלער און טעלערלעך, גאָפּלען און א מעסער, טיי־לעפעלעך און גלעזלעך, און אפילע א גרויסער, שווע־רער קעלישעק. ליובע האָט גענומען זיך פּאָרען באם אויוון און דערווײַל גערעדט צו די געסט:

— מיינט ניט, כאָלילע, אז איך וועל אײַך שטעלן אפן טיש א גילדענע יויך מיט געפילטע פיש!..

— וואָס רעדט איר? — האָט זיך קלוימערשט שטארק אָנגעבארויגעזט מאָטיע. — אפילע קיין געפילטע פיש וועלן ניט זײַן? אויב אזוי, גייען מיר באלד אוועק. מאגאלניק, קום!

— וווּהין וועלן מיר גיין? — האָט מאגאלניק געמאכט א וויינענדיק פּאָנעם. — וווּהין קאָנען מיר אצינד גיין? ווער וועט אונדז ארויסלאָזן? דער טויער איז צוגעמאכט, אף דער גאס איז פינצטער...

יאשע האָט זיך אומגעקערט און אוועקגעשטעלט אפן טיש א הויכע פירקאנטיקע פלאש, ביז דער העלפט אָן אָנגעפילטע מיט א מוטנער גריני־לעכער פליסיקײַט. דאָס פיסקל פון דער פלאש איז געווען צוגעדעקט מיט א נאס שמאטקעלע, פון וועלכן ס׳האָט זיך צעגאָסן איבערן צימערל א הארבער גערוך.

— אָט דאָס פארשטיי איך! — האָט מאגאלניק באגריסט יאשעס צוריק־קומען.

— קיין כאָליערע קאָן מען גאָר ניט אויסבעטן אף זיי! — האָט יאשע געקלאָלעוועט. — טשיקאווע, ווו קריגן זיי אין אזא צײַט סאמאָהאָן?

— דאָס איז ניט וואַזשנע, ווו זיי קריגן סאַמאָהאָן, — האָט דערווידערט מאָטיע, — זאָגט בעסער, ווו געפינען זיי אין אַזאַ צײַט קוינים?

הייסע קאַרטאָפּליעס אין דער שאָלעכץ, זאַפּטיקע בלעטער פון געזײַערטער קרויט, מײַסטעריש צעשניטענע אף קלייניקע ראָמביקלעך און שטערנדלעך, געשניצטע רובינאָווע בורעקעס און אויערינגלעך פון ציבעלעס, אויסגעמישטע אין בורשטינענעם מערן־זאַפּט, האָבן דערוועקט אַ גוואַלדיקן אַפּעטיט.

יאַשע האָט צעגאָסן די גרינע פּליסיקײַט און דערלאַנגט מאָטיען דעם גרויסן קעלישעק, וואָס איז אָנגעפילט געווען ביזן סאַמע ברעג.

מאָטיע האָט אופגעהויבן דעם קעלישעק, געשטאַנען אַ רעגע אַ שווײַגנדיקער און נאָכדעם אָנגעהויבן שטילערהייט:

— דעם גורל האָט זיך געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך באַגעגענען אינמיטן דער נאַכט. איז זאָל זײַן אַזוי. דער גורל קוקט ניט אפן זייגער. עפּשער איז אַזוי גאָר בעסער. די נאַכט איז אַן אויסערגעוויינלעכע צײַט! באַנאַכט פאַרענדיקט זיך אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען נעכטן, און עס הייבט זיך אָן דאָס, וואָס עס דאַרף פאָרקומען מאָרגן. וואָס איז געווען נעכטן, ווייסן מיר, נאָר וואָס וועט זײַן מאָרגן? וואָס וועט זײַן מאָרגן?..

אין הויף איז געוואָרן ראַשיק, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפערײַ. באַם טיש האָבן אַלע אָנגעשטרענגט גענומען זיך צוהערן. אין דער שטילקײַט האָט מען שוין געקאָנט דײַטלעך הערן, ווי אין הויף האָבן מענטשן גערעדט הויך, אָן מוירע. עס איז געווען אומגלייבלעך. עס האָבן זיך דערהערט שטימען פון דער גאַס — הייסט עס, אַז דער טויער שטייט אָפן. דער גערויש איז אַלץ געוואַקסן.

דער ערשטער איז אַרויס פון טיש יאַשע בוביס. ער האָט אָפּגערוקט זײַן גלעזל, צו וועלכן ער האָט נאָך ניט באַוויזן צורירן זיך מיט די ליפּן, און איז אַוועק צו דער טיר:

— אונדזערע זײַנען אַרײַן אין שטאָט!..

עס האָבן זיך דערהערט זײַנע פעסטע טריט איבער די סקריפּענדיקע טרעפּ. באַלד נאָך אים זײַנען אַרויס פון שטוב ליובע, מאָטיע ברען און מאַגאַלניק. באַם טויער איז קיינער ניט געווען. איבער דער באַנאַכטיקער גאַס, אין דער טיפער כאַשכעס, זײַנען מענטשן גרופּעסווײַז געלאָפן אין דער זײַט פון פערעסיפּ, ווו עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רויטאַרמייִשע טיילן.

מאָטיע און מאַגאַלניק האָבן זיך אויסגעמישט מיטן האַמוין און פאַרשווונדן געוואָרן. אינעם פוסטן צימערל איז געשטאַנען אַ געשמאַקער גערוך פון הייסע קאַרטאָפּליעס. אפן טיש איז געזעסן די קאַץ און האָט געדרעמלט. די אָנגעפילטע גלעזלעך און דער גרויסער קעלישעק זײַנען געשטאַנען אף זייערע ערטער. דאָס קנייטל פונעם קאַנעץ האָט זיך אַלעמאָל צעפלאַקערט און צעגאָסן אַ מוטנע שײַן איבער די ווענט.

נאָר די דאָזיקע שײַן איז געווען איבעריק — עס האָט שוין גענומען טאָגן. אינעם פענצטערל האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ בלוילעכע פרימאָרגנדיקע שײַן.

קאַפּיטל פיר

אסיע

אין דער פריִער קינדהייט האָט אסיע ניט געוווּסט פון קיין שלעכטן טאָג. דער טאַטע אירער איז געווען אַ טרעגער אין האַפן, און ניט געקוקט דערויף, האָט ער קיינמאָל ניט גענומען דעם ביטערן טראָפּן צו די ליפּן. אַזעלכס האָט זיך געקאָנט פאַרגינען נאָר אַזאַ מענטש, וואָס איז מיט די הוילע הענט אימשטאַנד געווען איבערקערן אַ פול־געלאָדענע בינדיוגע. פאַר אַזעלכן האָט מען דערעכערעץ געהאַט אַפילע אין האַפן, ווו עס האָבן זיך געהאַלטן גאַנאָווים, גאָרגלשניידער, ביינברעכער און נאָך אַזוינע פאַרשוינען. אַלע האָבן זיי „געדינט“ בא די קרעמער און באַלעבאַטים פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, וועלכע פלעגן באַקומען סכוירע אין האַפן. אָבער די קרעמער און באַלעבאַטים פלעגן צאָלן בלויז אַ העלפט פון דעם, וואָס די קוילער איז „געקומען“, די צווייטע העלפט האָבן געמוזט אַריינטראָגן די טרעגער. יעדער טרעגער האָט אָפּגעגעבן אַ כיילעק פון פאַרדינסט פאַר די דאָזיקע גאָרגלשניידער.

אַזוי איז געווען איינגעפירט פון קאַדמוינים!

אַריע טשודאַק האָט אָבער קיין שום כיילעק ניט געצאָלט.

זיין פאַרדינסט פלעגט ער ברענגען אַהיים. מיט זיין היים האָט ער זיך געגרויסט. און ס'איז געווען מיט וואָס. אַריע האָט אַלע יאָרן געוווינט אַף דער באָלגאַרסקע גאַס אינעם הויז נומער דריי. דאָ האָבן געלעבט אָנשטענדיקע, סאָלידע באַלעבאַטים. אַזעלכער, וואָס האָט אַ שלעכטן שעם, ווער שמועסט אַ שיקער צי, גאָט זאָל אָפּהיטן, אַן אַפּיקוירעס, וואָס לאַכט פון יידישקייט, האָט שייע באָקסער, דער באַלעבאָס פונעם מויערל, ניט צוגעלאָזט נאָענט אַפילע. און טאַקע בעעמעס, וויאַזוי קאָן מען אַריינלאָזן אַזעלכע פאַרשוינען אין אַ הויז, ווו ס'איז פאַראַן אַן אייגענע קלויז און אַן אייגן שעכטהויז, און ווו שייע באָקסער, ס'הייסט רעב שייע באָקסער, איז אַליין געווען דער גאַבע און איז אַליין אַלע דאָנערשטיק געשטאַנען אין שעכטהויז, געקוקט, אַז עס זאָל כאָלילע ניט פאָרקומען עפּעס, אַז יידן זאָלן כאָלילע ניט עסן קיין טרייף געוואָרן אָף. עמעס, דערפאַר האָט רעב שייע באַקומען בא זיינע שכיינים אַ קאַפּעטשקע מער דירעגעלט...

אַריע דער טרעגער האָט פאַרשטאַנען, וויאַזוי מע דאַרף לעבן. וועגן זיין מוירעדיקן קויעך האָט מען געוווּסט ניט נאָר אין האַפן. און מענטשן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט אָפּשיי.

האָט זיך געטראָפן איינמאָל אַן אומגליק — און ווער איז אָפּגעהיט פון אַ צאָרע? — מע האָט דעמלט אין איילעניש אויסגעלאָדן די שיף „מאַרסעל“. איינגעבויגן אינדריי‍ען האָט אַריע געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן טראַפּ. ווירא — מיטן זאַק אַף די פּלייצעס, מיינא — מיט אַ גרויסן קאַסטן יאַפּער מאַראַנצן, אונטער וועלכן דער טרעגער איז ווי נעלעם געוואָרן. עס האָט אויסגעזען, אַז דער קאַסטן אַליין באַוועגט זיך אַף אַ פּאָר פיס

פונקט אין דער צײַט, ווען אריע האָט געשפּאַנט מיטן קאסטן אַף דער פּלייצע, האָט עמעץ אַראָפּגעלאָזט פונעם צווישנדעק א שווער־געקאָוועטע פּאַס אפן טראַפּ. די פּאַס האָט זיך געקאַטשעט מיט א שטאַרקן קויעך, דעריאָגט דעם טרעגער, אים אומגעוואָרפן פון די פיס, זיך אַריבערגע־קויקלט איבער זײַן קערפּער, מיט א גרילצעניש אַראָפּ אַף דער ערד און זיך ווײַטער געקויקלט אַזש ביז צו די אײַזנבאַן־רעלסן. דער קאסטן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעריסן פון אריעס פּלייצע, איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד און געפּלאַצט. איבערן פּאַנעל זײַנען זיך צעלאָפן אין אַלע זײַטן שמעקנ־דיקע מאַראַנצן, אײַנגעהילטע אין דינינקע בלויע פּאַפּירלעך.

רעב שײַע באָקסער אַליין איז געקומען אין שפּיטאָל מעוואַקער־כוילע זײַן דעם שאָכן זײַנעם. זיי האָבן ניט דערקענט איינער דעם צווייטן. רעב שײַע האָט נאָך זינט ער לעבט ניט געזען קיין מענטשן מיט אַן איבער־געבראָכענעם רוקן. צוויי גרויסע בלוטיקע לעכער זײַנען געווען בא אריען אָנשטאָט אויגן. דער טרעגער האָט שוין ביכלאַל קיינעם ניט דערקענט. און נאָר דעמלט, ווען אין דער פּאַלאַטע האָט זיך מיט א שטאַרק געוויין אַרײַנגעריסן דאָס ווײַב זײַנס, נעכע, וועלכע האָט געשלעפּט פאַרן הענטל אַן איבערגעשראָקן קינד, האָט אריע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געלעגן שטיל, געפּרוווט אַרויסרײַסן פון אונטער דער קאָלדרע די איבערגעבונ־דענע הענט.

— יעסוימעלע מײַנס! — האָט ער שטיל אַרויסגעזיפצט.

אַסיען איז דעמלט געגאַנגען דאָס זיבעטע יאָר.

ערשט דעמלט האָט רעב שײַע באָקסער אַרויסגעוויזן, וואָס פאַר א מענטש ער איז. אַז ניט אומזיסט איז ער א באַלעבאָס און א גאָטספאָרכ־טיקער מאַן. באַלד נאָך שלוישים האָט ער באַפוילן, אַז די נײַע אַלמאָנע זאָל קומען צו אים. ער איז געזעסן מיט נעכען באַם טיש און צוזאַמען מיט איר געזוכט אַן אויסוועג פון דער שווערער לאַגע, גערעדט מיט איר ווי א געטרײַער טאַטע.

— דו ווייסט בא מיר אין שטוב, — האָט געזאָגט רעב שײַע, — דאַרפסט־טו וויסן, אַז איך וואַרף ניט אַרויס קיין מענטשן אַף דער גאַס. פאַרשטייט זיך, אַז עס וועט אויסקומען א ביסל ענג, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? ריישיס, אַז דו זאָלסט קאָנען צאָלן פאַר דער דירע, נעם טאַקע הײַנט און צי זיך איבער אין באַשקע. עמעס, אין באַשקע איז ניטאָ קיין פענצטער און ס׳איז עטוואָס פײַכט, נאָר דערפאַר ווינטער, אויב דו וועסט הייצן, איז דאָרט וואַרעם ווי אין אַן אויוער. פאַר דער דאָזיקער באַשקע וועל איך בא דיר נעמען... מיט איין וואָרט, מירן זיך צונויפריידן! אַצינד דאַרף מען א קלער טאָן, ווו וועסטו נעמען געלט אַף צו צאָלן כאָטש פאַר דער באַשקע... נו, און מע דאַרף דאָך לעבן אויך. דעריבער האָב איך באַשלאָסן: וועסט פּליקן פעדערן. מיר האָבן באָרעכהאַשעם אַן אייגן שעכטהויז, פעדערן וועלן סטײַען, וועסטו האָבן אַרבעט א גאַנץ יאָר. בעקיצער, וועסט אַרבעטן בא מיר. טאָמער וועט זיך מאַכן א וואָך־צוויי אָן אַרבעט, וועסטו וואַשן די דילן אין שול. דיר פאַרטרוי איך, ווײַל איך ווייס, אַז דו ביסט אַן אישע צנועע... מיט איין וואָרט — גאָט וועט דיך ניט פאַרגעסן, איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן.

נעכע האָט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן:

— זאָל איך גאָט געבן, רעב שייע, לאַנגע יאָר! וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן אייך?

קעדיי אַרײַנצוקומען אין באַשקע, האָט מען זיך באַדאַרפט אַראָפּלאָזן מיט אַכט און צוואַנציק טרעפּ. די שטיינער פון די טרעפּ זײַנען ערטערווײַז געווען צעשפּאָלטן און פאַרוואַקסן געוואָרן מיט מאָך. אַסיע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען די נײַע דירע.

— מאַ־אַם! ס'איז פינצטער, מאַ־אַם! כ'האָב מוירע! מאַ־אַ־מע!

נעכע האָט געוויינט. זינט ס'האָט זיך געטראָפן דער אומגליק, האָבן אירע אויגן אַף קיין רעגע ניט אויסגעטריקנט. נאָר זי האָט געוווּסט, נעכע, אַז אַ מענטש ווערט צו אַלצדינג צוגעוווינט. אַ מענטש איז ניט קיין כײַע, לעהאַוודל. מע דאַרף נאָר צײַט. צײַט איז דער בעסטער רופֿע, געדולד איז די בעסטע רעפֿוּע.

דעם טאַטנס פּאָנעם אין שפּיטאָל מיט די צוויי בלוטיקע גריבער אָנשטאָט אויגן האָבן לאַנג ניט געלאָזט צורו דאָס קינד. אַסיע פלעגט זיך אויפכאַפּן אינמיטן דער נאַכט מיט אַ שטאַרק געוויין. זי האָט זיך געטוליעט צו דער מאַמען, געציטערט מיט אַלע אייוורים, און די ציין אין מויל האָבן געקלאַפּט.

נאָר דאָס האָט זיך אויך געענדיקט, ווײַל די צײַט איז דער בעסטער רופֿע און געדולד איז די בעסטע רעפֿוּע.

...אינדערפרי פלעגט אַסיע אַראָפּשפּרינגען פונעם בעט און מיט אַ ווילדן פריידגעשריי נעמען לויפן איבער די טרעפּ. אַרוף און אַראָפּ. אַכט און צוואַנציק טרעפּלעך אַרוף, און אַכט און צוואַנציק — אַראָפּ, קיינער האָט זי ניט געזען אין דער צײַט, קיינער האָט איר ניט געשטערט. די מאַמע פלעגט אַוועק אַף דער אַרבעט, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער און די טאַפּליע אין דער טיר פון דער באַשקע איז געווען שוואַרץ. פלעגט זי זיך אָפּשטעלן, אַסיע, אויבן, לעבן דער טאַפּליע, וואָס איז געווען באַמאָלט מיט שעמערירנדיקע פראָסט־בלומען, און געזוכט אַ שפּאַרונע, דורך וועלכער מע קאָן כאַפּן אַ קוק אין דרויסן אַפן קאַלטן ווײַסן שניי, איבער וועלכן מע קאָן אָבער ניט לויפן באָרוועסערהייט.

זי איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ גרויסע — ניט לויטן עלטער וווּקסיק און מיידלש. די צעשויבערטע האָר זײַנען געווען ניט רויטע און ניט קיין מעשענע — זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער שײַטער מיט אַ מין בראָנזענעם אָפּגלאַנץ. אַזעלכע האָר האָבן קיינמאָל נישט פאַרמאָגט ניט אַריע, ניט נעכע. און נאָך האָט זי פאַרמאָגט אַ כיינפינטל, עטוואָס בידערייקער פונעם לינקן אויג. ניט שטענדיק האָט מען דאָס פינטעלע געקאָנט באַמערקן אַף איר מאַטעוווע פּאָנעם, דאָס פינטעלע פלעגט זיך אָפּט צונויפגיסן מיטן גאַנצן געזיכט אירן און דערטרונקען ווערן אין די גרויסע און טיפע בלויע אומרויִקע און כשאַדפולע אויגן. קאָלזמאַן די מאַמע איז ניט געווען אין שטוב, האָט זיך ניט אויפגעהערט דאָס אַרומלויפן, דאָס אײַלן

ארוף און אראָפּ איבער די טרעפּ, און ווען עס פלעגט זיך טרעפן, אַז זי איז מיד געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן הויך אַף אַ קאָל זינגען...

אסיע האָט ניט געקענט קיין לידער, זי האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט. און דאָך האָט זי געזונגען הויך אַף אַ קאָל, אָפּטמאָל שטאַרק צעצויגן... זי האָט אליין צוגעטראַכט דעם מאָטיוו און די ווערטער... און באַקומען האָט זיך, אַז זי רופט עמעצן, באַקלאָגט זיך...

איינמאָל אינדערפרי, ווען אסיע איז אראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און איז אין איין אויגנבליק ארוף צו דער טיר, האָט זי פלוצעם דערזען אַ נײַע ערד, וואָס האָט זיך געבאָדן אין װאַרעמע זון־שטראַלן. זי האָט צעפּראַלט די טיר און איז ארויס אין דרויסן. מיט איין שפּרונג איז זי אריבער דעם נידעריקן פּלויט, כאָטש באַנאַנד איז געשטאַנען אָפן דאָס טירל, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער גאַס מיט אַזאַ פרייד־געשריי, מיט אַזויפיל אימפּעט, גלײַך זי װאָלט זיך ארויסגעריסן פון אַ טפיסע.

ניט זעלטן פלעגט טרעפן, אַז אסיע האָט פאַרפירט אַ געשלעג מיט די הויף־ייִנגלעך. זי האָט זיי ניט ליב געהאַט, די ייִנגלעך, נאָר מער פון אלעמען האָט זי פײַנט געהאַט מאָניע דעם רויטן, מיט וועלכן זי פלעגט זיך אָפט קריגן און פירן מילכאָמעס.

מאַלע וואָס דער דאָזיקער מאָניע איז געווען אַ רויטער, האָט ער זיך נאָך געגרויסט דערמיט, אים איז געפעלן, וואָס ער פאַרמאָגט אַזאַ פײַער־דיק־רויטן קאָפּ און אַ פּאָנעם פול מיט קלײַען. ער פלעגט ארופקריכן אָפן דאַך פונעם שעכטהויז און, שטייענדיק אַף איין פוס ווי אַ צאַפּליע, שרײַען איבערן גאַנצן הויף:

— איך בין אַ רויטער, און מײַן מאַמע איז אַ רויטע, און דער טאַטע מײַנער איז אויך אַ רויטער. איך האָב געהאַט אַ זיידן, איז ער געווען דער סאַמע רויטער אַף דער גאַנצער וועלט, און די קאַלע מײַנע וועט אויך זײַן אַ רויטע...

איינמאָל בעשאַס אַ געשלעג האָט זיך פלוצעם באַוויזן שײַע באָקסער. די ייִנגלעך האָבן אים גלײַך דערזען און זײַנען זיך צעפלויגן. אסיע האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי זײַנען אַנטלאָפן, און איז געבליבן שטיין אינמיטן הויף. ווען זי האָט זיך ארומגעקוקט און דערזען אַנטקעגן זיך דעם באַלעבאָס, איז זי דערשטוינט געוואָרן. נאָר, אַ מאָדנע זאַך, דער באַלעבאָס האָט זיך ניט געבייזערט. שײַע באָקסער האָט אָנגענומען אסיען פאַר דער האַנט, מיט גרויס מיטגעפיל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ שמייכל געטאָן.

— אַנו, דערצייל מיר נאָר, אַנו! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זי אָפּגע־פירט פאַרן הענטל אין שעכטהויז. — וויאַזוי זשע האָט זיך עס געמאַכט, אַז אַ מיידל, אַ טאַטנס אַ קינד, זאָל זיך גאָר שטעלן שלאָגן מיט ייִנגלעך?

ניט אָפּלאָזנדיק איר האַנט, האָט רעב שײַע זיך אוועקגעזעצט אַף אַ קאַסטן מיט זאַמד, צוגעצויגן צו זיך אסיען; מיט צוויי פינגער זי אָנגענומען באַם גוידערל און עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט, ניט בייז כאָלילע, פאַרקערט — בעטנדיק:

— נו, גיב מיר צו פאַרשטיין, גיב מיר!..

ער האָט צוגעצויגן אסיען צו זיך, מיט אַן עטוואָס ציטערנדיקער האנט געגלעט איר פּלייצע, זיך צוגערירט צו איר קאָפּ, אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און, שוין ניט געדענקענדיק דעם באַטײַט פון די ווערטער, געפּאָדערט:

— אנו, גיב מיר נאָר צו פאַרשטיין, אנו!..

ער האָט א פּרווו געטאָן אוועקזעצן זי צו זיך אף דער קני, נאָר אסיע האָט זיך דערשראָקן, זי האָט זיך ארויסגעריסן פון זײַנע הענט און איז אנטלאָפן אין דער סאַמע טיפעניש פונעם שעכטהויז. דאָרט איז זי געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געציטערט, כאָטש אין דרויסן איז געשטאַנען א הייסער זומער־טאָג.

נאָר רעב שײַע איז ניט געווען בייז. ער איז דערווײַל צוגעגאַנגען צו איר אין סאַמע עק פונעם שעכטהויז. ער האָט ווידעראמאָל אָנגענומען מיט צוויי פינגער איר גע̄ווידערל און א זאָג געטאָן:

— ווּעסט איבערגעבן דער מאַמען, אז זי זאָל הײַנט אַרײַנקומען צו מיר!

דאָס איז געווען דאָס סאַמע ערגסטע, וואָס זי האָט געקאָנט דערוואַרטן.

— איך וועל גאָרנישט ניט זאָגן! איך וועל גאָרנישט ניט זאָגן! — האָט זי זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגן אים, גרייט צו באַקומען, זאָל זײַן, די סאַמע העכסטע שטראָף.

די הענט האָבן בא איר געציטערט, די אויגן האָבן זיך צעשטראַלט און געבעטן. זי האָט מיטאמאָל ארומגעכאַפּט מיטביידע הענט רעב שײַען און זיך צוגעטוליעט צו אים מיטן קאָפּ:

— איך וועל גאָרנישט ניט זאָגן דער מאַמען! מע דאַרף ניט, — זי האָט זיך צו אים געלאָנטשעט, געזוכט אין זײַן בליק א פונק פון ראַכמאָנעס. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר, רעב שײַע, און ארומגענומען מיט ביידע הענט איר קאָפּ.

— אויב אזוי, וועל איך אליין מוזן זאָגן דער מאַמען דײַנער!

נאָר געזאָגט געוואָרן זײַנען די דאָזיקע ווערטער ווייך און צאַרט. אסיע האָט אופגעהויבן די אויגן און זיך באַגעגנט מיטן באַלעבאָס׳ שמייכעלע. ער האָט זיך נאָכאמאָל אָנגעבויגן צו איר, און די באָרד זײַנע האָט זיך אײַנגעשניטן אין איר פּאָנעם ווי א ריב־אײַזן. נאָר זי האָט געליטן, אסיע.

— איר וועט גאָרנישט ניט זאָגן דער מאַמען! איר וועט גאָרנישט ניט זאָגן! — האָט זי ניט נאָר געבעטן, נאָר זיך אליין אײַנגערעדט. רעב שײַע האָט געשמייכלט.

— נו, זאָל זײַן אזוי! — האָט ער באַשלאָסן. — אויב דו האָסט אזוי מוירע! — איז ער מאַסקים געווען און זיך ארומגעקוקט, צו עפּעס צוגעהערט זיך. אין הויף איז געשטאַנען א טויטע שטילקײַט. די קונדייסים זײַנען, ווײַזט אויס, ווײַט אנטלאָפן.

— נו, זאָל זײַן ווי דו ווילסט! — האָט רעב שײַע איבערגעכאַזערט זײַן באַשלוס. — נאָר אויב אזוי... — ער האָט זיך ווידעראמאָל ארומגעקוקט, צוגעהערט זיך, — אויב אזוי, ווּעסטו אליין קומען צו מיר!

— ווּוהין? — האָט זי א פרעג געטאָן מיט סוידעספולער גרייטקײַט, זייער א צופרידענע דערפאַר, וואָס אזא גרויסער מענטש האָט צו איר א געשעפט.

ער האָט געענטפערט ניט באלד. א טראכט געטאָן. געזאָגט קוים הערנדיק:

— אין שול!

— קיין מיידלעך לאָזט מען אהין ניט ארײַן! מע טאָר ניט! — האָט זי דערווידערט.

— ווען מע דאַוונט! — האָט ער געגעבן צו פארשטיין. — און דו וועסט ארײַנקומען באטאָג, ווען דאָרט איז קיינער ניטאָ...

און ארײַנגעשעפּטשעט א סאָד אין סאמע אויער:

— וועסט ארײַן ניט פון דער גאס־טיר, נאָר פונעם הויף, דורכן ליק. ווייסט ווו?

זי האָט אפגיך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— די טיר וועט שטיין אָפן. אין ליקל דארפסטו זיך ארײַנכאפּן, אז קיינער זאָל דיך ניט זען...

זי האָט אלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט צו זאָגן איר עפּעס זייער וויכטיקס. ער איז אוועק אין א זײַט. אהין, ווו ס׳איז געלעגן דאָס ליכט־סטעזשקעלע, האָט זיך געפּאָרעט מיט דער האנט אין קעשענע, דערלאנגט דאָס בײַטעלע, צעשפּיליעט עס, לאנג געזוכט, ארײַנקוקנדיק אין בײַטעלע מיט דער נאָז, און געפונען דאָרט א זילבערנע גריוועַנקע.

— וועסט זיך קויפן איריסלעך! — האָט ער געזאָגט און אויסגע־שטרעקט איר די מאטבייע.

אסיען איז געגאנגען דאָס צוועלפטע יאָר, ווען זי האָט פּאַרזיכטיק, ארומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, זיך ארײַנגעשמוגלט אין ליקל און פון דאָרט דורך דעם אָפענעם טירל אהין, ווו גאָט אליין האָט איר פארווערט ארײַנצוגיין.

...איבער די שמאָלע און פינצטערע טרעפּ איז זי געלאָפן ווי א דולע. זי האָט שטארק מוירע געהאט. ווען זי האָט נאָר באוויזן צומאכן דאָס טירל הינטער זיך, איז זי ארײַנגעפאלן אין עמעצנס שווערע הענט און פאר שרעק שיר ניט אומגעפאלן. דאָך האָט זי ניט געשריִען — אף איר געשריי האָבן געקאָנט קומען צו לויפן זײַטיקע מענטשן, און פאר דעם האָט זי נאָך מער מוירע געהאט.

— ווער איז? — האָט זי געפרעגט נאָכדעם ווי זי האָט פארשטאנען, אז מער ראנגלען זיך קאָן זי ניט. פון די הענט, וואָס האָבן זי געהאלטן, איז אומעגלעך געווען ארויסצורײַסן זיך.

— ווייסט קלוימערשט ניט? — האָט זי דערהערט מאָניעס דעם רויטנס קאָל. זי איז געוואָרן מאָלע־רעציכע. וואָלט זי ארײַנגעפאלן אין די הענט צום שעד אליין, וואָלט איר מער ניכע געווען. נאָר צום רויטן! זי האָט ווידעראמאָל זיך אָנגעהויבן ראנגלען, שלאָגן זיך מיטן קאָפּ, מיט די פויסטן, נאָר דער רויטער איז געווען שטארק מיט רוכעס. ער האָט זי פארקלעמט מיט די הענט ווי מיט א צוואנג, ניט צו רירן זיך. זי האָט געפּרוווט זיך אײַנהריזען מיט די ציין אין זײַן האנט, נאָר ער האָט נאָר א פיר געטאָן מיט דער פּלייצע, און אסיע האָט זיך פארביסן די צונג און דערפילט אזא ווייטעק, אז זי האָט שיר זיך ניט צעוויינט.

— כוץ מיר, ווייסט קיינער ניט! — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געשוויגן. דאַן האָט ער זי אָפּגעלאָזט. אַליין זיך אוועקגע־שטעלט באַם טירל, פאַרשטעלט עס מיט דער פּלייצע:

— מיינסט, איך ווייס ניט, וווּהין דו גייסט? — האָט ער געזאָגט.

— וווּהין גיי איך? — האָט זי צונויפגעצויגן די ברעמען. — וואָס זשע, איך טאָר שוין ניט אַ קוק טאָן אויפן טויבנשלאַק?

— ניט צום טויבנשלאַק גייסטו, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן. — דו פאַר׳עד מיר ניט די ציין!

אין דער פינצטער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן, אָנגעכאַפּט איר האַנט און דורך די פאַרביסענע ציין שטרענג געזאָגט:

— אויב דו וועסט נאָכאַמאָל גיין אַהין... — ער האָט אַ פּיר געטאָן מיטן קאָפּ צו די טרעפּ, — דו ווייסט, וווּהין איך מיין. אויב דו וועסט נאָכאַמאָל... וועל איך טאָן... איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך וועל טאָן! איך וועל אונ־טערצינדן דאָס הויז... נאָך הײַנט באַנאַכט.

— פאַרוואָס? — האָט זי זיך געכידעשט.

— פרעגסט נאָך? — האָט ער מיט קאַס פאַרקלעמט און צונויפגעדרייט די הענט אירע אַזוי, אַז זי האָט אַ היכץ געטאָן. — נו? אַזוי געפעלט דיר? — האָט ער געפרעגט. — איך בין שוין אַלט זעכצן יאָר. פאַרגעדענק עס! ווער עס וועט זיך צורירן צו דיר מיטן קלענסטן פינגער, וועט האָבן צו טאָן מיט מיר! — ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און צוגעגעבן: — איך וועל דערהאַרגענען!

— וועסטו גיין אין אָסטראָג! — האָט זי געוואָרנט.

— מאַכשייפע! אַ מאַכשייפע ביסטו! — האָט ער אויסגעשרי׳ען.

— זאָל זײַן אַ מאַכשייפע, נאָר דיך וויל איך ניט קענען, — האָט זי געשיפּעט אים אין פּאָנעם אַרײַן. זי האָט אָפּגיך צורעכט געמאַכט די צעפּלעד און אַ שטויס געטאָן די טיר. אין פינצטערן קאָרידאָרל האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ פּאַס העלע שײַן. אסיע האָט נאָר אויף איין אויגנבליק פאַר־מאַכט די אויגן, אַ דריי געטאָן זיך אויפן אָרט און אויסגעשרי׳ען:

— רויטער אינדיק!

און איז אַרויס אין ליקל.

ווען אסיע פלעגט פאַרבלײַבן איינע אַליין, האָט זי אָפּסנײַ איבערגע־לעבט אַלץ, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען. ערשט דעמלט פלעגט זי זיך אָנהייבן אָפּאַנעמעסן שרעקן, כאָטש די געפאַר איז שוין פאַרבײַ. עטלעכע טעג איז זי ניט געגאַנגען „אַהין״, זי האָט מוירע געהאַט פאַרן רויטן.

אויפן טאָלטשאָק, אין דער סאַמע געדיכטעניש פון מענטשן, האָט זי עמעץ אָנגענומען פאַר דער האַנט. אַנטקעגן איר איז געשטאַנען רעב שײַע באָקסער. פון דער געקרײַזלטער באָרד זײַנער, וואָס איז געוואָרן אַ סאַך קירצער, האָט געשטראַלט אַ שמייכעלע. ער האָט זיך עטוואָס אָנגעבויגן:

— העלפסט דער מאַמען? — האָט ער געפרעגט.

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַז זי האָט ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט. זי האָט געקוקט אויף רעב שײַען מיט גרויסע פאַר־וווּנדערטע אויגן. ער האָט זיך נאָך נידעריקער אָנגעבויגן צו איר.

— און וואָס טוסטו גאַנצע טעג? — פרעגט ער. — זיצסט אין שטוב?

— איך זיץ אין שטוב! — האָט זי זיך מוידע געווען.

— וואָס איז?

— כ'האָב מוירע! — האָט זי אָפּנהאַרציק דערקלערט און אים אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם.

— פֿאַר וועמען? — האָט ער געשמייכלט.

— מאָניע דער רויטער... גייט צום טירל... אהין... ער האָט מיך געכאַפּט...

— געשלאָגן? — איז פֿון רעב שײַעס באָרד אַנטרונען געוואָרן דאָס שמייכעלע.

— געוואָלט. איך בין אַנטלאָפֿן.

רעב שײַעס פּאָנעם האָט פֿאַרהילט אַ וואָלקן.

— נישקאָשע! גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. עמעצער ווייסט וועגן דעם?

— קיינער! — האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

ער האָט איר אַרײַנגעשטופּט אין האַנט אַ גריוועניקע.

— וועסט זיך קויפֿן איריסלעך!

זי האָט אָפּגיך באַהאַלטן די מאַטבייע. ער האָט זיך אויסגעדרייט, אויסגעמישט זיך מיטן האַמוין און ניט געסטײַעט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, אינדערפֿרי, ווען זי איז נאָך געלעגן אין דער מאַמעס גרויסן בעט, איז געקומען דער רויטער. גאָרנישט ניט געפֿרעגט און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ.

— מע טאָר ניט! מע טאָר ניט! — האָט זי געשריען און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ.

— און איך פֿרעג דען בא דיר, צי מע מעג צי מע טאָר ניט! — האָט ער געענטפֿערט גאַנץ רויִק, גייענדיק צו איר.

— מאַ־מע! מאַ־מ־מע! מאַ־אַ־אַ־מע!

די האָר אירע זײַנען צעשויבערט געוואָרן, צעפֿאַלן זיך איבערן פּאָנעם, זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ און געשפּרונגען אויפֿן אָרט. אַ כידעש, וויאַזוי דאָס בעט האָט אויסגעהאַלטן. מאָניע איז אָפּגעטראָטן. ער איז געשטאַנען אינמיטן שטוב, געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, אַ פּאָר אויגן פֿאַרמאַגסטו, זאָלן זיי נאָר פּלאַצן בא דיר! — האָט ער אויסגעשריען און ווידער אָפּגעטראָטן. — ווילסט שטענדיק זײַן אַזאַ?..

— וויפֿל איך וועל לעבן! — האָט זי אָפּגעשניטן.

— איך וועל דיר עס פֿאַרקירצן, דאָס לעבן דײַנס! — האָט ער געדראָעט.

— פֿאַרוואָס? — האָט זי זיך איבערגעשראָקן.

— אַז דו זאָלסט ניט אויסוואַקסן אַזאַ... אַזאַ־אָ!..

זי האָט אַ דריי געטאָן מיט די פּלייצעס, הויך פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ, אַזוי אַז די האָר האָבן זיך צעשאָטן איבער אירע אַקסל, דערבײַ האָט זי צונויפֿגעצויגן די ברעמען, ווי איינער זאָגט, כ'פֿאַרשטיי ניט, וואָס דו רעדסט צו מיר. דעמלט איז ער צוגעגאַנגען צום סאַמע בעט, זי איז אָפּגעטראָטן ביז צו דער וואַנט.

— אונדז... — האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ... — אונדז וואַרפֿט מען אַרויס פֿון דער דירע!

...די סרייפע האָט זיך אָנגעהויבן באַנאַכט און האָט געדויערט ביז זון־אופגאַנג. דער בייזער און ביטערער ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם יאַם, האָט געהאָלפן דעם צעבושעוועטן פייער, אַפּצולאָכטע דיי, וואָס האָבן געלאָשן. אף צו לעשן אזא סרייפע האָט מען באַדאַרפט האָבן א סאַך וואַסער, און אלע שכיינים, קינד־און־קייט, יונג און אַלט, האָבן געהאָלפן די פייערלעשער. זיי זיינען געלאָפן צו דער קאָלאָנקע, מיט עמערס, טשייניקעס, באַליעס, מולטערס — ווער מיט וואָס עס האָט געהאַט. יעדע רעגע האָט געשטיגן די צאָל ניסראָפים. מענטשן האָבן פיבערדיק געאַרבעט, מע האָט געשריען, און די קוילעס האָבן דערגרייכט ביז אונטערן הימל. ווייבער האָבן נאָך געוויינט דערביי, ווייל דאָס פייער האָט יעדע רעגע צוזאַמען מיט די ווענט אַלץ מער אומבערעכמאָנעסדיק געפרעסן און אופגעפרעסן דעם אָרעמען סקאַרב זייערן.

איין מענטש איז געווען רויק. ער איז אין ערגעץ ניט געלאָפן, ער האָט ניט געשריען. דאָס איז געווען רעב שייע באַקסער. זיין הויז מיט אַלץ אַרום איז געווען פעסט פאַרסטראַכירט.

אין באַשקע, צו נעכען, האָט מען שוין אף מאָרגן נאָך דער סרייפע אַריינגעזעצט דריי מישפּאָכעס. צייטווייליק, פאַרשטייט זיך. ביז רעב שייע וועט אַפּסנייִ אויסבויען א הויז. און אַז ער וועט איינגיכן אופשטעלן דאָס הויז, האָט רעב שייע מאַווטיעך געווען שאַבעס אין שול. „נאָך איידער עס וועלן זיך אָנהייבן די אָסיען־רעגנס, וועל איך, אימירצעהאַשעם, פאַרזאָרגן אַלע מיינע שכיינים מיט א דאַך איבערן קאָפּ. ווי דען?"

אַצינד האָט אין באַשקע גאַנצע מעסלעסן געבערענט דאָס לעמפּל. דאָ איז געווען פול מיט פעק, מיט טאַפּטשאַנען, מיט קינדער. א גאַנצן טאָג איז דאָ געשטאַנען אַזאַ ראַש, ווי בעשאַס דער סרייפע, שוין אָפּגערעדט, אַז באַלד שוין אפן ערשטן טאָג זיינען אַנטדעקט געוואָרן אַלע אַסיעס געהיימניסן. די מאַטאָנעס, וואָס זיינען דאָרטן געווען באַהאַלטן, זיינען אַנטרונען געוואָרן.

נאָר אַסיע האָט געשוויגן. זי האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן בעשאַס דער סרייפע און האָט א צייט ניט געקאָנט קומען צו־זיך. נאָכדעם איז זי גאַנצע טעג געזעסן באַ זיך אין ווינקל אף דער מאַמעס בעט און האָט געשוויגן. אַז קיינער זאָל ניט הערן, האָט זי שטילערהייט געבעטן באַם ריבוינעשעלוילעם:

— גאָטעניו, העלף מיר! גאָטעניו, העלף מיר! גאָטעניו, העלף מיר!

סאַמע אין יענע טעג האָט מען אין שטאָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז סע האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע און אַז רעב שייע האָט באַשלאָסן אוועקפאָרן קיין אַמעריקע צו זיין ברודער. ווערדליק רעב שייע האָט דערציילט, האָט אים דער ברודער זיינער שוין לאַנג צוגעשיקט שיפסקאַרטן. ער וואָלט עפשער ניט געפאָרן, רעב שייע, נאָר די מילכאָמע...

— ס'אַ פייער, פאַרשטייט איר מיך! — האָט רעב שייע צעפירט מיט די הענט און געשמייכלט אין באָרד אַריין. — עפשער ווילט איר פון מיר, אַז איך זאָל גיין אף דער פּאָזיציע?

אַסיע האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם פון איינער א שכיינע אין באַשקע. ס'איז איר מיטאַמאָל געוואָרן ביטער, אַסיען, דאָס מויל איז פול געוואָרן

מיט ביטערער סלינע, דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, און די הענט זײַנען מיטאמאָל קאַלט געוואָרן. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און אַזוי געשטאַנען מיט צוגעמאַכטע אויגן. גוט, וואָס די שכיינעס זײַנען געווען פאַרנומען מיט זייערע זאַכן און האָבן גאָרניט באַמערקט.

„וויאַזוי זשע פאָרט ער עס אַוועק? און וואָס וועט זײַן מיט מיר?״ — האָט זי געפרעגט בא זיך אַליין.

„הײַנט איז פרײַטיק, — האָט זי ווײַטער געקלערט, — מוז ער זײַן דאָרט, אין שול״.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן אָרט, ווו ס'איז געווען דאָס שעכטהויז. אַצינד איז דאָ געבליבן אַ פּוסטער פּלאַץ מיט אַ גרויסער גרוב אין דער מיט. פון אויבן האָט געקוקט אויף איר אַ דין לעוואָנע־ריפּטעלע, אַ בלייכס און ציטעריקס, ווי אַ ניט אויסגעטראָגן קינד. דאָס ריפּטעלע האָט געוווּנ־קען, געשעמערירט, אײַנגערוימט אַ סאָד. נאָר זי האָט גאָרנישט ניט גע־הערט, אַסיע. ס'איז איר מיטאמאָל געוואָרן קאַלט.

אין שול האָט מען נאָך אַלץ געדאַוונט.

רעב שײַע איז אַרויס פון שול דער לעצטער. ווי עס פירט זיך, זײַנען אים נאָכגעגאַנגען אַלערליי גוטעפרײַנט, גוטעברידער און גלאַט גוטע לײַט, וואָס זײַנען גרייט געווען זיך לייגן אונטער זײַנע פיס, אויסלעקן דעם שטויב פון זײַנע שיך. רעב שײַע האָט נאָך ניט באַוויזן אַ שמייכל צו טאָן, ווי זיי האָבן שוין געלאַכט הויך אויף אַ קאָל. רעב שײַע האָט נאָך ניט גע־זאָגט קיין וואָרט, און זיי האָבן שוין געגאַפט פון זײַן כאָכמע.

אויף די גאַסן און געסלעך איז שטיל געוואָרן. פּוסט אַרום און אַרום. נאָר ערגעץ ווײַט האָבן נאָך שווער מאַרשירט די נאָוואָבראַנצעס און לויט דער פאָדערונג פונעם פעלדפעבעל געזונגען אַ ליד וועגן דעם, אַז אַ צאַרע איז נאָך ניט קיין אומגליק. אויפן קײַלעכדיקן פּלאַץ פון יענער זײַט פּריוואָז האָט געסקריפּעט און געגרילצט מיט די רעדער אַ טראַמוויי־וואַגאָן.

— נו! נו! — האָט זיך געכידעשט רעב שײַע, ווען אין דער פינצטער איז אַסיע פּלוצעם אויסגעוואַקסן לעבן אים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איבער־צײַגט זיך, אַז ער איז אַליין, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו איר:

— וויאַזוי זשע האָסטו זיך אָנגעשטויסן, ווו דו קאָנסט מיך טרעפן?

און, ניט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער, צוגעקלאַפּט מיט דער צונג:

— אוי־וואַ! זאָל גאָט שוימער־אומאַצל זײַן, ווי באַרויגעז דו ביסט! — האָט ער געפּרוווט אַ שמייכל טאָן. — מע קאָן מיינען, אַז דו ביסט שטענ־דיק אַזאַ באַרויגעזע...

— איר פאָרט אַוועק? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס הייסט, איך פאָר אַוועק? — האָט ער צעפּירט מיט די הענט. — ביזוואַנען איך וועל זיך ניט געזעגענען מיט אַלעמען, וועל איך ניט אַוועק־פאָרן. וואָס הייסט? איך געדענק אַלצדינגס! — ער האָט אַרײַנגעשטופּט צוויי פינגער אין זשיליעט־קעשענקעלע, געפונען דאָרט אַ האַלב קערבל און עס אונטערגעטראָגן אַסיען צו דער סאַמע נאָז: — כמע! — האָט ער אַ שמייכל געטאָן. — און דו האָסט שוין געמיינט, אַז איך וועל אַוועקפאָרן אָן אַ „זײַ־געזונט״? — ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַלעבאַטישן זיפץ. — ביסט נאָך, ווי איך זע, גאָר אַ קינד!

רעב שײַע, װעלכער האָט, זינט ער לעבט, ניט געמאַכט קײן טאָעס, איז דאָס מאָל באַגאַנגען אַ גרױסן פעלער. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען שױן ניט קײן קינד. נײן!

אסיע האָט אַרױסגעריסן פון זײַן האַנט דאָס האַלבע קערבל און עס אַ שלײַדער געטאָן אין דער פינצטער מיט אַזױפיל כּאַס, אַז רעב שײַע איז שיר ניט אומגעפאַלן פון די פיס. אַזױנס האָט ער נאָך ניט געזען, זינט ער לעבט. װאָרפן האַלבע קערבלעך? מע דאַרף דאָך זײַן, זאָל גאָט אָפּהיטן, כּאַסערדײע!

...קײנער האָט ניט געזען, װי זי האָט זיך אומגעקערט אַהײם, אסיע. ס'איז שױן געװען קימאַט האַלבער טאָג — אַ גרױער, שלעפּעריקער, אומ־באַװעגלעכער שאַבעס־טאָג, נאָר אין שול איז נאָך געװען פול מיט מענטשן. רעב שײַען האָט מען פאַרן אװעקפאָרן אױפגערופן מאַפטיר... דער אױלעם װיל שױן הערן, װיפל װעט ער מענאַדער זײַן, רעב שײַע! ער מעג אַרײַנ־טראָגן װאָס מער! דער רועך װעט אים ניט נעמען!

אסיע איז געשטאַנען אױפן בערגל פון אַ פאַרשאָטענער גרוב. פונדאַנען האָט זי גוט געזען, װי אַזױ רעב שײַע פאַרגײט זיך אין דװײקעס. ער הילט זיך אײַן מיטן טאַלעס איבערן קאָפּ, און אַרום אים שטײט אַ רעדל מענטשן. זי פילט אפילע ניט, אסיע, װי זי בײגט זיך אָן צו דער ערד, הײבט אױף אַ שװערן קאַלטן שטײן, אַ שאַרפן שטײן... זי געדענקט אױך ניט, װען די פיס האָבן זי אַ טראָג געטאָן פאָרױס. אָן אָן אָטעם איז זי צו צום גרױסן שול־פענצטער... און געקומען צו־זיך איז זי ערשט דאַן, װען עס האָט זיך דער־הערט אַ דונער, אין װעלכן עס האָט זיך צונױפגעמישט דער קלאַנג פון צעבראָכענעם גלאָז, װאָס איז אַרױסגעפאַלן צוזאַמען מיט דער ראַם, און אַ געשרײ פון צענדליקער קולעס.

זי װאָלט עפּשער נאָכאַמאָל זיך אָנגעבױגן צו דער ערד אױפצוהײבן אַ צװײטן שטײן, נאָר זי האָט ניט באַװיזן, אסיע. אױף איר זײַנען מיטאַמאָל אָנגעפאַלן צװײ צענדליק בלוטיק־באַלײדיקטע, צעװילדעװעטע פאַנאַטיקער.

— אַזױ קומט איר! — האָבן געשריִען אין אײן קאָל די װײַבער, די נײַע שכײנעס פון באַשקע. — הערט נאָר, איך בעט אײַך, װאָס אַ מײדל קאָן אָפּטאָן! זינט מיר לעבן אױף דער װעלט, זינט מיר שטײען אױף די פיס, האָבן מיר אַזױנס ניט געהערט און ניט געזען!

נאָר אסיע האָט גאָרנישט ניט געהערט. זי איז געלעגן אױף דער מאַמעס בעט מיט פאַרמאַכטע אױגן און געשװיגן. ניט קײן זיפץ, ניט קײן װאָרט, ניט קײן געװײן — דאָס האָט געטאָן פאַר איר די מאַמע. אסיע האָט אפילע ניט געבעטן קײן טרונק װאַסער. כאָטש אַלץ אין איר האָט געברענט. ערשט װען די װײַבער האָבן זיך גוט אָנגעשריִען און זיך צעקראָכן, יעדער אין איר װינקל, האָט זי אױסגעשטרעקט די בלױע האַנט, אסיע, און אָן װער־טער געבעטן די מאַמע, אַז זי זאָל איר דערלאַנגען אַ קװאָרט װאַסער.

נעכע האָט זיך װידער צעװײנט און צעיאָמערט. װאָס האָט מען געטאָן מיט איר קינד!

— װײן ניט, מאַמע! — האָט אסיע אױסגעדרײט צו איר דאָס צעבלוטיק־טע פּאָנעם. — װײן ניט, — האָט זי שטיל געבעטן, — אַצינד איז מיר אַ סאַך בעסער, װי פריִער...

און אפן פארלאָפענעם, צענעריקטן פּאָנעם האָט זיך באוויזן א שמייכעלע. נעכע האָט זיך איבערגעשראָקן אף טויט און איז אָפּגעטראָטן פונעם בעט.

...זי האָט שוין מער גאָרנישט ניט פארמאָגט, אסיע: ניט קיין טרוימען, ניט קיין האָפענונג און ניט קיין סוידעס, וועגן וועלכע קיינער־קיינער אף דער וועלט זאָל ניט וויסן. די קינדהײַט אליין האָט זי שוין אויך אָנגעווירן, זי איז מיטאמאָל אויסגערונען, נעלעם געוואָרן. אסיע האָט אריבערגעשפאנט איבער איר קינדהײַט זייער פרי, אומבאמערקט און לײַכט, גלײַך זי איז גאָר קיינמאָל קיין קינד ניט געוועזן.

איצט האָט זי אלץ אופגעבראכט, גערעגט, געמאכט בייז. זי האָט ניט געקאָנט אויסהאלטן דעם געשריי, דאָס געוויין פון די קינדער, וואָס זײַנען גאנצע טעג געלעגן אין באשקע. אין דרויסן האָט געהוליעט דער ווינט, און אלע הײַזער זײַנען פון קאיאָר געווען אײַנגעהילט אין א גרוויליק־קאלטן נעפל. די ווײַבער אין באשקע האָבן זיך צוואנציק מאָל א טאָג געפּאטשט, געזידלט זיך, געשטופּט פײַגן איינע דער אנדערער און צוואנציק מאָל זיך איבערגעבעטן.

און אז מע בעט זיך איבער, הייבט מען אָן באטראכטן, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט: וויי! וויי! וואָס עס טוט זיך, אז „דער אווסטריאַק איז שוין, זאָגט מען, געווען בא פערעמישעל, איז געקומען דער דײַטש און האָט אים דערלאנגט אזא באגראָב, אז ער איז קוים ארויס פון דאָרט א לעבעדיקער; איז געקומען דער רוס און האָט זייביידן דערלאנגט „פּאָ טאטע אי פּאָ מאמע"; איז געקומען אונדזערער און האָט זיי נאָך צוגעגעבן פון אויבן, וואָס עס איז אים געלעגן אפן הארצן, אז זיי האָבן געמוזט אנטלויפן צום טערק! וואָס זשע טוט גאָט! פארכאפן זיי אפן וועג א פאראָכאָד מיט צוקער און דערטרינקען אים. דערפאר טאקע איז אזוי אופגעבלאָזן געוואָרן די פרײַז אף צוקער, און ברויט ווערט אויך, מיט גאָטס הילף, טײַערער פון טאָג צו טאָג!..."

פארנאכט פלעגט זיך אומקערן אין באשקע דער נײַער שאָכן, דער אלטער באָכער מענדל מיט דער בעלמע, אָדער, ווי מע פלעגט אים שוין אצינד רופן — מענדל דער בעלאָבילעטניק, — א מענטש א רירעוודיקער, ווי א שטיק קוועקזילבער, מיט א קײַלעכדיק פליכעלע צווישן די שווארצע, צעשויבערטע האָר, מיט א צוגעפלעטשטער נאָז און א ווײַס־ראָזע בעלמע אפן רעכטן אויג, און מיט א פּאָר לאנגע הענט, ווי, לעהאוודל, בא א מאלפע. שטענדיק איז אים גוט אפן הארצן, מענדלען, שטענדיק איז ער האָפערדיק.

— נו? הא? שוין ווידעראמאָל דער אווסטריאַק בא פערעמישעל? — פלעגט ער, ארײַנקומענדיק, פרעגן. ער טוט אויס דעם ברייטן בורנוס, וואָס איז אונטערגעשלאָגן מיט וואטע, וואָס קריכט ארויס פון טויזנט לעכער, רײַבט די הענט, באווײַזט א פּאָר גרויסע געלע ציין אין מויל און שמייכלט: — נו, הא? שוין ווידער פאראן נײַס?

קיינער ענטפערט אים ניט. גאנוועט ער זיך אונטער צו איינער פון די נײַע שכיינעס, צו א ברייטער יאָדערדיקער ייִדענע פון א יאָר דרײַסיק, טוט זי א קניפּ און שרײַט דער ערשטער אויס מיט א געמאכטן קוויטש: —

אוי! אוי! נו? הא? וויאַזוי? גוט? כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! ווילסט עפּשער נאָך?
די פרוי טאַנצט אונטער פון ווייטעק און צעשרייַט זיך:
— האָסט פינגערלעך, זאָלן זיי דיר נאָר אָפּדאַרן!
זי וואַרפט זיך אָף מענדלען און וויל אים דויִרעס זייַן.
מענדל טרעט ניט אָפּ. ער מאַכט זיך ניט הערנדיק.
— און מיט וואָס איז אַזוי שלעכט אַ מילכאָמע? — פרעגט ער בא די ווייַבער. — זייער גוט! פאַרוואָס ניט? פריִער האָט מען זיך געשעמט צו ריידן מיט מיר, אַצינד בין איך אויך אַ כאָסן־באָכער און קאָן כאַסענע האָבן!
— זאָלסט שוין כאַסענע האָבן מיטן מאַלעכהאַמאָוועס! — ווינטשט אים די פרוי, וועלכע ער האָט אַ קניפּ געטאָן. נאָר מענדל הערט ניט די קלאָלע, ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און לאָזט זיך צום בעט, וווּ אַסיע ליגט. ער דרייט נאָר אויס דעם קאָפּ צו די ווייַבער און וואַרנט:
— איקער שאָכאַכטי! גאָר פאַרגעסן! זאָל אייַך גאָט געבן קויעך, ווייַבער! לויפט העגדעם־פּענדעם אין מאַרק און כאַפּט אַרייַן וויפל איר קאָנט שוועבעלעך, מאַכמעס פון זיי וועט מען מאַכן ברען־קנויטן, וואָס מע דאַרף אַרייַנשטופן דעם דייַטש!..
— ווי איז מיר! — שרייַט אויס אַ ייִדענע. — וואָס הייסט? וואָס זשע וועלן מיר טאָן אָן שוועבעלעך?
אַלע שיסן אויס אַ געלעכטער.
מענדל האָט ליב אַ וויץ, מאַכמעס ער איז אַן אַפּיקוירעס און קאָן אַמאָל אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט, פון וועלכן אַלע אַרום עפּענען מויל און אויערן. ער האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן אַסיען:
— וווּ זשע איז געווען דער נאַרישער קאָפּ דייַנער? האָסטו שוין אופּגעהויבן אַ שטיין, וואָס זשע האָסטו זיך איבערגעשראָקן? וואָלסט זיי באַדאַרפט פּלעטן די קעפּ. זאָלן זיי זען, ווי מיר זייַנען פאַרליבט אין זיי!
מענדל שטופּט אַרונטער אַ פולן פויסט מיט ניסלעך צו אַסיען אונטער דער קאָלדרע. דאָס מיידל וואַרפט מיטן קאָפּ, דרייט מיט די אַקסלען.
— גיי מיר אין דר׳ערד, אַלטער טערעך! — שרייַט זי.
נאָר באַלד דערהערט זיך, ווי אונטער דער קאָלדרע טרישטשען די ניסלעך. אַסיע קנאַקט זיי איינס נאָכן אַנדערן. מענדל זיצט, הערט זיך צו און קוועלט פון פאַרגעניגן. נאָכדעם טוט ער זי אַ טאָרע באַם אַקסל און בעט:
— וואָלסט עפּעס געזונגען אַ טראָוועריקס, הא, אַסיע? זינג, לעמאָשל, „איך האָב קיין לאָמפּ ניט אָנגעצונדן”.
און קעדיי איר צוגעבן כיישעק, הייבט ער אַליין אָן צו זינגען מיט אַ שטים, ווי אַ האָגל זאָל קלאַפּן איבער אַ בלעכענעם דאַך:

איך האָב קיין לאָמפּ ניט אָנגע־ע־צונדן,
פינצטער איז באַ־אַ־אַ מיר אין שטוב...

אַסיע ליגט באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע און קנאַקט די ניסלעך.
נעכע קומט פון דער אַרבעט שפּעטער פון אַלעמען. ווען זי קערט זיך אום אַהיים, איז אין באַשקע שוין שטיל.

די נאַכט גייט ניט ווילנדיק אוועק פונדאַנען און קערט זיך גיך אום צוריק.

אין באַשקע זײַנען אַלע אָנגעכמורעט. אויב עמעצער לאַכט דאָרט, איז דאָס אַ ביטערער געלעכטער, אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס. אָבער באַ־נאַכט זײַנען די אײַנוווינער פון דער באַשקע פונקט ווי אַלע איבעריקע מענטשן. די נאַכט קילט אָפּ זייערע צעהיצטע מויכעס און אין כאַלעם ווערן פאַרווירקלעכט זייערע טרוימען. טשעפּעט ניט די מענטשן, לאָזט זיי שלאָפן...

מע האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. צוערשט שטיל, קוים־קוים. אַזוי האָט געקאָנט קלאַפּן דער ווינט, נאָר באַלד האָט זיך דאָס קלאַפּערײַ פאַרשטאַרקט. פון יענער זײַט טיר האָט עמעץ געפּויקט מיט די פינגער איבער דער שויב. אין דער פינצטערניש האָט זיך גענומען אויסטיילן אַ סילועט פון אַ מענטשן.

דאָס איז געווען אומדערוואַרט און אַ ביסל שרעקלעך. אַ קינד אין באַ־שקע האָט זיך אופגעכאַפּט און זיך צעוויינט. אַ שכיינע איז אַראָפּ פון דער וואַרעמער סאָפּקע און, ניט ווייסנדיק, וואָס זי טוט, אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער דער באַשקע, אַלעמאָל אָנשטויסנדיק זיך אָף עמעצנס געלעגער, און דערבײַ ניט אופגעהערט צו קלאָלעווען מיט אַזעלכע ווערטער, אַז גאָט זאָל אויסהיטן. נאָכדעם איז אַראָפּ פון זײַן געלעגער מענדל. ער האָט אַרויס־געדרייט דעם קנויט פונעם לעמפּל, און אָף דער סטעליע האָט זיך באַלד באַוויזן אַ מאָדנע גרויסער, אומגעלומפּערטער שאָטן, וואָס האָט זיך געהוידעט, געוואָרפן זיך פון רעכטס אָף לינקס.

דער איינציקער מאַנצבל אין באַשקע, האָט מענדל ווי עס באַדאַרף צו זײַן אַ הוקע געטאָן אָף אַלעמען: „שטיל זאָל זײַן!”, געהייסן, אַז מע זאָל ליגן אָף די ערטער און ניט ליאַרעמען, ווי לעהאַוודל ראָשעשאָנע נאָך שויפער בלאָזן. אַליין איז ער געווען רויק, קאַלטבלוטיק. ער האָט ניט אײַלנדיק אַרײַנגעשטופּט די באָרוועסע פיס אין די שטיוול און, ווערליק ס'האָט זיך געדאַכט, זייער פּאַמעלעך זיך אופגעהויבן אָף די טרעפּ. אָפּגע־שטעלט האָט ער זיך, עמעס, עטוואָס ווײַטלעך פון דער טיר, נאָר אַ פרעג געטאָן מיט אַזאַ פעסטקײַט, מיט אַזאַ שטרענגן טאָן, אַז די ווײַבער האָבן זיך פאַרכידעשט איבערגעקוקט:

— כטאָ טאַם? האַ?

פון יענער זײַט טיר האָט זיך געהערט אַ שטים. מענדל האָט זיך אָנגע־בויגן, אײַנגעקוקט זיך אין דער שוואַרצער שויב פון דער טיר, אָנגע־שטרענגט דאָס געזונטע אויג און מיט דער דלאָניע פאַרשטעלט די בעלמע. נאָכדעם האָט ער אַראָפּגענומען דאָס קייטל און זיך אויסגעצויגן אין וואַר־טעניש. די טיר האָט זיך אופגעעפנט, און ס'האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט אַ געדיכט־פאַרוואַקסן פּאָנעם. אָפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ קאַשקעט, וואָס איז געווען אַראָפּגערוקט ביז די אויגן; דעם האַלדז האָט אַרומגעכאַפּט אַ באַשליק. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ שינעלכל, וואָס האָט, ווי־זט אויס, געדינט ניט איין סאָלדאַט און איז שוין ניט איין מאָל געווען אונטער אַ שלאַקסרעגן; אַזעלכע שינעלעכלעך פאַרקויפט מען אָפן פריוואָז פאַר אַ

האלב לעבל קאָרן־ברויט. דער אומדערוואַרטער באַנאַכטיקער באַזוכער איז אַראָפּ פון די טרעפּ און האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן שטוב.

— זדראַווסטוויטיע! — האָט ער געזאָגט און דערבײַ באַטראַכט דעם קע־לער און אַלע זײַנע אײַנוווינער, וואָס האָבן אויסגעשטרעקט פון אונטער די קאָלדרעס זייערע פאַרכידעשטע פּנעמער.

מענדל איז גלײַך נאָך אים אַראָפּ פון די טרעפּ, האָט אים דערלאַנגט אַ בענקל און פאָרגעלייגט:

— וואָס וועט איר שטיין?

— גוט איז אין דער וואַרעם! — האָט געזאָגט דער אומבאַקאַנטער און צעבונדן דעם באַשליק. נאָכדעם האָט ער געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט, אַרויסגעטריבן פון זיך די קעלט און סאָפּקאָלסאָף זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל. מענדל איז דערווײַל אַוועק צו זיך אין ווינקל, געפונען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן „סאַלווע״ און עס געבראַכט דעם גאַסט.

— פאַררייכערט! — האָט ער אים געבעטן. דער גאַסט האָט זיך געכיי־דעשט, געווען מאָלעסימכע. „ווי קומט אַהער אַזאַ טײַער פּעקל פּאַפּי־ראָסן?״ — האָט באַטײַט זײַן פאַרכידעשטער בליק.

— איך מאַך זיי אַליין! — האָט מענדל געגעבן צו פאַרשטיין. — מיך קאָסטן זיי גאָרניט!

דער אומבאַקאַנטער האָט פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, זשעדנע אַרײַנגע־עטעמט אין זיך דעם רויך און מיט גרויס פאַרגעניגן געררייכערט. נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטאָן אויף די גאָלדענע אויסיעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף דער הילזע, און אַ שמייכל געטאָן:

— זאָגט איר, אַז זיי קאָסטן אײַך גאָרניט? — האָט ער אַ צי געטאָן מיט די ברעמען.

— קיין קאָפּעקע! איך אַרבעט דאָך אויף דער פאַבריק! — האָט מענדל געגעבן צו פאַרשטיין.

— איך פאַרשטיי שוין.

קיינער אין באַשקע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. מע האָט געוואַרט, אַז דער גאַסט זאָל זיך פאָרשטעלן און זאָגן, צו וועמען און צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער אין אַזאַ ניט פּאַסיקער צײַט. נאָר דער אומ־באַקאַנטער האָט, ווײַזט אויס, זיך ניט געאײַלט. ער האָט זיך נאָר אַנטשול־דיקט פאַר דעם, וואָס ער האָט אַלעמען אופגעוועקט, און מיט פאַרגעניגן געשלונגען דעם רויך פונעם פּאַפּיראָס.

אויפן סאָבאָרנעם פּלאַץ האָט דער זייגער געקלונגען איין מאָל. קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס באַטײַט דער קלונג — צי איז איינס באַנאַכט, צי עפּשער האַלב פיר.

— דאָס זײַט איר, ווײַזט אויס, די טשודאַטשקע? — האָט דער גאַסט מיטאַמאָל אַ ווונק געטאָן צו אַסיען און דערבײַ זיך צעשמייכלט. אַסיע איז שטאַרק רויט געוואָרן. זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, מוירע האָבנדיק אַ קוק צו טאָן אויפן אומבאַקאַנטן גאַסט, און געוואָרפן אומרויִקע בליקן אויף דער ערד. דאָס האַרץ בײַ איר האָט געקלאַפּט און געצאַפּלט, ווי אַ פויגל, זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט, אַסיע, מיטן קאָפּ אין דער מאַמעס פּלייצע, און מיט אומגעדולד, אומרויִק געוואַרט, אַז דער מענטש, וואָס איז געקומען אינמיטן

נאכט, זאָל עפּעס זאָגן... אסיע האָט שטענדיק געוואָרט אף עפּעס, נאָר אף וואָס זי האָט געוואַרט — האָט זי אַליין ניט געוווּסט.

— וויאַזוי דאַרף מען אײַך רופן? — האָט נעכע געפרעגט דעם אומבאַ־קאַנטן.

יענער האָט דורכגעלאָזט די פראַגע, גלײַך זי האָט צו אים ניט געהאַט קיין שײַכות. ער האָט אוועקגעוואָרפן דאָס אָפּשניצל פונעם פּאַפּיראָס אין ווינקל, וווּ ס'איז געשטאַנען א קוויטיקער עמער.

— מיך האָט געבעטן איינער א מענטש, אַז איך זאָל אײַך איבערגעבן א גרוס פון אים... — האָט ער א זאָג געטאָן נאָך א לאַנגער פּויזע.

איינע פון די שכיינעס האָט אויסגעשעאָסן:

— אָט דאָס איז גאָר?

אַלע האָבן א קוק געטאָן אף אסיען. ווען ס'איז געוואָרן שטיל, האָט זיך דער אומבאַקאַנטער עטוואָס א רוק געטאָן מיטן בענקל צו אסיען און שוין גערעדט נאָר צו איר:

— אײַך שיקט א גרוס א מענטש, וועלכן איר קענט גאַנץ גוט. ער קאָן איצט ניט קומען צו אײַך... ער איז זייער ווײַט פונדאַנען. מיר זײַנען געווען מיט אים צוזאַמען... ער דערמאָנט אײַך אָפט... פריִער האָט ער געוווינט דאָ, בא אײַך אין הויף.

— אוי! מײַנע סאָנים!.. — האָט א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט אַלץ יענע אומצופרידענע שכיינע. — אויך מיר א מענטש! ווי געפעלט עס אײַך! ער רעדט דאָך וועגן לעווערטן, וועגן מאָניע דעם רויטן. ער זיצט נאָך אין אָסטראָג. וועגן אים רעדט איר דאָך, האַ? — האָט זי זיך געווענ־דעט צום אומבאַקאַנטן.

דער געקומענער האָט זיך א דריי געטאָן אפן בענקל, גענומען א פּאַפּי־ראָס און ווידעראַמאָל פאַררייכערט.

— די צונג דײַנע זאָל דיר נאָר אָפּדאַרן! — האָט מענדל געוואָרפן א בייזן בליק אף דער באַריידעוודיקער שכיינע און אויסגעשפּיגן.

— נו, נו! אַזא אָנשיקעניש! — די ייִדענע האָט געצוקט מיט די אַקס־לען, אַרײַנגעקוקט אַלעמען אין די אויגן, ווי איינער רעדט: „וואָס וויל מען פון מיר? איך רייד דאָך צו דער זאַך!" נאָר קיינער האָט איר ניט מיטגעפילט, קיינער האָט שוין מער ניט געקוקט אין איר זײַט.

— ער איז עטוואָס א היציקער, — האָט שטיל פאָרגעזעצט דער אומבאַ־קאַנטער אַזוי, אַז נאָר אסיע זאָל הערן, — אָבער א באָכער איז ער א גוּ־טער, מיט אַן אָפן האַרץ. אים מעגט איר גלייבן. נו, און איצט דאַרף איך שוין גיין! א דאַנק!

— זיצט נאָך א ביסל! — האָט געבעטן נעכע. — אין דרויסן איז אַזא אומגליק, אַזא ווינט!

— איך קאָן ניט לאַנג זיצן! — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין. — איך וואָלט זייער גערן! — האָט ער צעפּירט מיט די הענט. — איך בעט אײַך נאָכאַמאָל מיר פאַרצײַען, וואָס כ'האָב אײַך אופגעוועקט!

מענדל האָט אים באַגלייט. אפן וועג האָט ער אומבאַמערקט אַרײַנגעצ־שטופּט דאָס פּעקל „סאַלווע" אין יענעמס שינעל־קעשענע. אויבן, בא דער פּינצטערער טיר, האָבן זיי געפונען איינער דעם צווייטנס הענט און זיך

געזעגנט. זיי זײַנען געשטאַנען א פּאָר רעגעס, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און אין שויב האָבן זיך באוויזן בלויע פּאסן, איז אסיע אראָפּ פונעם בעט, אפגיך זיך אָנגעטאָן, צוגעגאנגען צו מענדלען, וואָס איז נאָך געלעגן אף זײַן טאָפּטשאַן.

— מענדל, א, מענדל! — האָט זי אים געטאָרעט פאר דער פּלייצע.

— וואָס ווילסטו?

זײַן בעלמע איז פאר דער נאכט, דאכט זיך, אויסגעוואקסן, געוואָרן גרעסער. אצינד איז זי אָנגעצילט אף איר, די בעלמע.

— איך וויל, אז דו זאָלסט מיך נעמען מיט זיך אף דער טאבעק־פאבריק, איך וועל ארבעטן, ווי דו האָסט געזאָגט, אונטער דײַן האזשגאָכע.

זי קוקט אף מענדלען, בייגט זיך אָן צו אים און ווארט, אז ער זאָל זיך אופהייבן. נאָר מענדל אײַלט זיך ניט, ער ליגט און קוקט אף איר מיט מיטגעפיל, שאָקלט פּאמעלעך מיטן קאָפּ.

— אויב דו ווילסט, איז מאכטייסע! כ'וועל דיך אָפּפירן אף דער פאבריק און דיך אָפּגעבן גלײַך אין די הענט פון אונדזער באלעבאָס מאָני גוראריע, א גרייטע טויב אין מויל ארײַן... רעב גוראריע האָט ליב אזעלכע טײַבעלעך... נאָר ארבעטן אונטער מײַן האזשגאָכע וועסטו שוין ניט קאָנען. פונקט נעכטן, א מין שאָ איידער מיר האָבן פארענדיקט די ארבעט, האָט מען מיר געבראכט א פּאָוועסטקע, איך זאָל הײַנט צען אזייגער קומען אין פּריסוטסטווע. נעפרעמענע! עלע ניט, וועט, כאָלילע, ניט זײַן, ווער עס זאָל מילכאָמע האלטן. קומט אויס, — האָט ער אויסגעשריִען שוין קימאט מיט א פרייד, — קומט אויס, אז איך טויג שוין אויך? הא? גאָדיען!

קאפּיטל פינף

איין טאָג

דער מויער פונעם געוועזענעם גראדאָנאטשאלניק, וואָס פארנעמט א גאנצן קווארטאל, פון דער סאבאנייעווער בריק ביז צום וואָראָנצאָווער געסל, איז געווען ענלעך אף אן אומגעהייער גרויסער אָקעאַן־שיף, וועלכע האָט נאָך א שווערער און דויערנדיקער נעסיִע סאָפּקאָלסאָף דערגרייכט דעם ברעג. איבער די פּילצאָליקע צימערן־קאיוטעס האָבן געאײַלט מענטשן, וואָס זײַנען געקומען צו לויפן, קעדיי הארציק צו באגריסן די טײַערע ברידער, אף וועלכע מע האָט אזוי לאנג געווארט. אהער, אפן יעקאטערינסקער פּלאץ, פלעגן קומען רעדנער, וואָס האָבן זיך געווענדט מיט פלאמיקע ווערטער צו די, וואָס האָבן פארפולט דעם גרויסן פּלאץ פון גאנצפרי ביז שפּעט אין אָוונט. אָנגעטאָן אין סאָלדאטסקע שינעלן, אין בושלאטן פון יאם־לײַט צי אין מאַטראָסן־טעלניאשקעס, זײַנען זיי ענלעך געווען איינס אפן אנדערן. אָפּט פלעגט טרעפן, אז אפן גאנעק פלעגט זיך ארופכאפּן איינער פון די, וואָס

איז געשטאַנען אונטן צווישן אוילעם, און זײַן שטים פּלעגט נעמען הילכן איבערן גאַנצן פּלאַץ.

די גאַנצע צײַט האָבן צו דעם דאָזיקן הויז זיך געצויגן מענטשן. עס זײַנען געגאַנגען אַהער אומגעדולדיקע און רוישיקע דעפּוטאַציעס, גרופּעסווײַז פּלעגן קומען מענער און פֿרויען מיט רויטע לענטעס אױף די אָרבל. עס זײַנען געווען צווישן זיי עקיפּאַזשן פֿון שיפֿן, באַרזשעס און בערלינעס, וואָס זײַנען שוין לאַנג געשטאַנען אָן אַרבעט. אַהער זײַנען געקומען אײַזנבאַנער, שטאָלגיסער, פֿישער, בעקער און אַלערליי אַנדערע אַרבעטער־מענטשן, וועמענס הענט עס האָבן געלעכצט נאָך אַרבעט. פֿונדאַנען פּלעגן זיי אַרויסקומען צעהיצטע, באַגײַסטערטע און שטאַרק פֿאַרטאָנענע. דאָס זײַנען געווען נײַ־געבוירענע דירעקטאָרן, געשעפֿט־פֿירער און זייערע שטעלפֿאַרטרעטער, קאָמאַנדירן פֿון לאַנג־פֿאַרלאָזטע און אַפֿילע פֿון דערווײַל ניט עקזיסטירנדיקע אונטערנעמונגען, סקלאַדן, קלייטן, גאָרקיכן, בעדער.

דער שנײ איז שוין צעגאַנגען, און אומעטום זײַנען געשטאַנען שוואַרצע קאַליוזשעס. אין דער געדיכטער וואַסער האָבן זיך געבאָדן זון־שטראַלן. אַ ווינט האָט געבלאָזן פֿונעם יאַם, געיאָגט זיך איבער דער גאַס. דער פֿרילינג האָט שטורמיש אײַנגענומען די שטאָט און געוואָרפֿן זיך אויפֿן אָפּגעשוואַכטן, אָבער נאָך אַלץ בייזן ווינטער, וואָס האָט זיך בעשום־אויפֿן ניט געוואָלט אונטערגעבן. דער ווינט אַפֿילע, וואָס קומט אױף דער וועלט נאָר צוליב איין זאַך — טראָגן זיך אומרויִק פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן, דער ווינט פֿלעגט שוין אויך גאַנץ אָפֿט איבערוואַרפֿן זיך אױף דער זײַט, ווו דער פֿרילינג האָט געזיגט, און דעמלט פּלעגט ער ווערן אַ וואַרעמער, אַ צאַרטער און ליבער. ניט אַלע פֿאַרטרויען זיך אין אַזאַ צײַט דעם וועטער — האָט מען טאַקע געקאָנט זען פֿאַרשיידן אָנגעטאָנענע מענטשן: אָט גייט עמעץ אין אַן אַלטן פֿאַרשמאָלצעוועטן טולופּ — דער האָט נאָך מוירע פֿאַרן ווינטער, און אָט, פֿאַרקערט, גייט אים אַנטקעגן אַ יונגערמאַנטשיק אין אַ רעקעלע מיט לעכער, אין אַ צעכראַסטעטע העמדל — דער לויפֿט שוין אַרומגענומען מיטן פֿרילינג.

באַם אַרײַנגאַנג אין גרויסן מויער איז געשטאַנען אַ הויכער מאַטראָס און פֿון געוווינהײַט אויסגעצויגן זיך און פֿאַרוואָרפֿן הויך דעם קאָפּ פֿאַר יעדן איינעם, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן אױף די טרעפּ. און ווען מע פֿלעגט זיך צו אים ווענדן מיט אַ פֿראַגע, פֿלעגט ער אַ שמייכל טאָן און מיט גרויס כיישעק ענטפֿערן:

— צום כאַווער כוואָטיעוו דאַרפֿט איר זיך אויפֿהייבן אויפֿן דריטן שטאָק. דאָרט וועט אײַך דער טשאַסאָוואָי אָנווײַזן, אין וועלכער טיר!..

אָדער:

— וועגן ברויט־קאַרטלעך דאַרפֿט איר זיך ווענדן צום כאַווער רעקיס, דורך דעם טויער וועט איר אַרײַנגיין אין הויף, דאָרט וועט איר פֿאַרקערעווען אױף רעכטס...

דערבײַ האָט ער גאַסטפֿרײַנטלעך געשמייכלט און דער שראַם אױף זײַן קאָרן פּאָנעם, וואָס האָט זיך געצויגן פֿונעם לינקן אויג ביז צום מויל, פֿלעגט זיך אויסגלעטן און ווי אַנטרונען ווערן.

איבערן פּלאַץ איז געלאָפן אַן עלטערע פרוי און האָט גערעדט צו זיך אליין. זי האָט זיך געשטופּט צווישן האַמויִן, געאַרבעט מיט ביידע הענט, און די גרויסע, געלאַטעטע שאַל אויף אירע פּלייצעס האָט זיך אַלעמאָל אַראָפּגעגליטשט, געפּלאָנטערט זיך אונטער די פיס און זיך נאָכגעשלעפּט איבער דער ערד. קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, איז זי אַרויף אויף די טעלעכע טרעפּ, וווּ ס׳איז לעבן אַריַינגאַנג געשטאַנען דער מאַטראָס.

ער האָט זיך אויסגעצויגן, ווי דער שטייגער איז, און אַ פרעג געטאָן:

— צו וועמען דאַרפט איר, מאַמאַשאַ!

— וואָס הייסט צו וועמען? — איז זי באַרויִגעז געוואָרן. — איך דאַרף האָבן צום סאַמע גלאַוונע נאַטשאַלניק.

דער מאַטראָס האָט אַ שמייכל געטאָן און איר אויסגעמאָלט, ווּהין זי דאַרף גיין. די פרוי האָט געשפּאַנט איבער די מאַרמאָרנע טרעפּ און אַליין ניט באַמערקט, וויאַזוי זי איז אַרופגעקומען אויפן סאַמע העכסטן שטאָק, וווּ ס׳איז געווען זייער ליכטיק, מאַכמעס דאָ איז געווען אַן אָפענער קאָרידאָר מיט אַ וואַנט פון סאַמע שויבן, און געפירט האָט דער קאָרידאָר אויפן באַלקאָן, וואָס האָט זיך איצט געבאָדן אין זון־שטראַלן. די פרוי איז אַרויף אויפן באַלקאָן, וווּ די טיר איז געווען צעפּראַלט, און האָט אַ קוק געטאָן אַראָפּ אויף דער ערד.

ס׳איז געווען מעסוקן טשיקאַווע זען אונטער זיך אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס איז פול מיט מענטשן, און אַ לאַנגע גאַס, וואָס שליסט זיך אָן אין אים פּלאַץ; אויף וויפל דאָס אויג דערגרייכט, קאָן מען זען אַ לאַנגע מענטשן־ריי, וואָס טוליעט זיך צו די ווענט פון די הײַזער. דאָס וואַרטן זיי, די מענטשן, מע זאָל זיי פאַרעגיסטרירן אויף דער אַרבעטס־בירזשע. נעכע דרייט אויס דעם קאָפּ און דערזעט אַן אומענדלעכן העל־גרינעם שעטעך, אַ פּליין, וואָס האָט ניט קיין סאָף און קיין ענד, און די כוואַליעס הערן ניט אויף אויף קיין איין אויגנבליק צו לויפן הין און צוריק. פונדערוויַיטנס זעען זיי אויס, ווי אומגעהייער גרויסע געפּאַנגענע פיש, וואָס וואַרפן זיך, מאַטערן זיך און קאָנען זיך ניט געפינען קיין אָרט.

אינגיכן האָט נעכע פאַרשטאַנען, אַז זי איז פאַרקראָכן ניט אַהין ווּ מע דאַרף, און זיך געלאָזט צוריק מיט די טרעפּ. דאָ האָט זי דערזען אַ האַלבפינצטערן קאָרידאָר, איבער וועלכן עס זײַנען אַרומגעלאָפן מענטשן, און נאָך האָט זי באַמערקט אָן אַ צאָל טירן. גרויסע, מאַסיווע טירן. האָט זי זיך געלאָזט איבערן קאָרידאָר.

פּלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן קאָרידאָר, אומרויִק אַ קוק געטאָן אַרום זיך און איז קימאַט אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו איינער אַ טיר, וואָס איז געשטאַנען עטוואָס אָפן. אויף דער טיר איז אויף צוויי קנאָפּקעס געהאַנגען אַ ווײַס פּאַפּירל די גרייס פון אַ פּאָטשט־קאַרטל. עפּעס איז געווען אָנגעשריבן אויפן פּאַפּירל, נאָר וואָס — האָט נעכע ניט געוווּסט. זי האָט אַפילע ניט געוווּסט, וויאַזוי דאַרף מען זיי לייענען, די אויסיִעס, פון רעכטס אויף לינקס, צי פאַרקערט. נעכען האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז פון יענער זײַט טיר רעדט אַ באַקענטער מענטש. ווען נעכע וואָלט געקאָנט איבערלייענען דאָס פּאַפּירל אויף דער טיר, וואָלט זי זיך דערוווּסט, אַז דאָ אין אים קאַבינעט געפינט זיך דער באַפולמעכטיקטער פונעם פּאָליטפּראָסוועט

באַם גוברעווקאָם, אַ מענטש מיט אַ קורצער פאַמיליע — קיט. וויקטאָר איוואַנאָוויטש קיט. דעמלט וואָלט זי זיכער אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט, נעכע, און וואָלט אַוועק ווײַטער זוכן דעם נאַטשאַלניק, וואָס זי באַדאַרף. ווײַל אַזאַ פאַמיליע, ווי קיט, האָט נעכע, זינט זי לעבט, ניט געהערט...

איז זי געשטאַנען באַ דער טיר, זיך צוגעהערט, און דאָס האַרץ באַ איר האָט געטיאָכקעט, געפלאַטערט, געציטערט: ערגעץ האָט זי דאָך פאָרט געהערט ריידן אָט דעם מענטשן! נעכע האָט אַ שטויס געטאָן די טיר און אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין צימער.

אַלע, וואָס זײַנען דאָ געזעסן אין צימער, האָבן געהאַט איין אויסזען: אַלע זײַנען געווען אויפגערעגט, צעהיצט און אומגעדולדיק. נעכע האָט קיין טאָעס ניט געהאַט, די באַקאַנטע שטים האָט געהערט דעם אומדערוואַרטן גאַסט, וואָס איז צוריק מיט אַ צײַט געקומען צו זיי באַנאַכט אין באַשקע. ער איז עס געזעסן באַם טיש. אָבער ניט צו אים האָט זי געשטרעבט צו קומען. נעכען האָט פאַרקלעמט באַם האַרצן, און זי האָט זיך צעוויינט.

— ווען מיר וואָלטן געוווּסט, ווי לאַנג איר קלײַבט זיך צו ווייַנען, וואָלטן מיר אָף דער צײַט געמאַכט אַ האַפּסאָקע! — האָט זיך געווענדט צו איר מאָטיע ברען, וואָס איז געזעסן אָפן דיוואַן. ער איז געווען שטאַרק באַרויגעז דערפאַר, ווײַל די ייִדענע איז אַרײַן אין צימער פּונקט דעמלט, ווען ער האָט געהאַלטן אינמיטן ריידן.

וויקטאָר איוואַנאָוויטש קיט, וואָס איז געזעסן באַם טיש, האָט מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק באַטראַכט מאָטיען און צעפּירט מיט די הענט:

— זי האָט דאָך ניט געוווּסט, ווי לאַנג איר האָט בעדייע צו ריידן! — ער איז אַרויס פאַרן טיש, דערלאַנגט דער פרוי די האַנט און איר פאָרגעלייגט אַ שטול.

— זיצט! באַרויִקט זיך! — האָט ער געבעטן. — וואָס איז מיט אײַך?

נעכע האָט געקוקט אָף אים און האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. די שטים איז דאָך געווען יענע, די זעלבע, וואָס האָט געהערט צו דעם מענטשן, צו וועלכן זי איז געקומען. זײַן שטים.

— וואָס האָט געטראָפן? — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט.

— קאָן זײַן, אַז זי וויל אַרײַנטרעטן צו אונדז אין טרופּע!.. — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מאַגאַלניק. זײַן שפּאַס האָט באַ אַלעמען אַרויסגערופן פאַרדראָס.

— ביסט אַ קוויטיקער באַלאַגאַנשטשיק! — האָט זיך צעשריִען יאַשע בורביס און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— גרינגער איז אַראָפּצושלינגען אַ כיילעוון ליכטל, איידער דײַנע אַ כאָכמע! — האָט באַמערקט אילײַושע בלאַנק, וואָס איז געזעסן אין ווינקל אין אַ גרויסאַרטיקן פאָטעל, אַ באַצירטן מיט אַלערליי צלאָמים און קרוינען.

— נו, שולדיק! — האָט מאַגאַלניק זיך געבעטן. — שולדיק! איך בין זיך מוידע!

— אַנטשולדיקט אים, איך בעט אײַך! — האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר מאַגאַלניקן מאָטיע ברען. — ער האָט בעפּיירעש אַ גרויסן טאַלאַנט צו ריידן נאַרישקײַטן.

וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך צעלאַכט.

נעכע האָט גאָרניט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס זי האָט געהערט. זי האָט מיט פאַרדאַכט זיך אומגעקוקט אין אַלע זײַטן. ווּהין איז זי אַרײַנגעפאַלן? זי האָט באַטראַכט דעם מענטשן, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, און פלוצעם איז איר אײַנגעפאַלן:

— איך האָב זיך געוואָלט בא אײַך דערוויסן, — האָט זי אַ פרעג געטאָן און עטוואָס אַ צעטומלטע אַרומגעקוקט זיך, — איך האָב געוואָלט בא אײַך פרעגן, צי איר געדענקט נאָך מאָניען... דעם רויטן... לעווערט איז זײַן פאַמיליע, ער איז פון אונדזער גאַס, פון דער באַלגאַרסקע...

— פאַרשטייט זיך! — האָט זיך שטאַרק דערפרייט וויקטאָר איוואַנאָוויטש און האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט. — אַוודאי געדענק איך! — האָט ער באַשטעטיקט. — איר זײַט זײַן מאַמע? — האָט ער געוואָלט טרעפן.

— איך בין אַן אַנדער מאַמע. איך בין אסיעס מאַמע.

— וואָס רעדט איר? — האָט ער איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און באַדויערנדיק צעפּירט מיט די הענט. — ווי זשע קומט עס, וואָס איך האָב אײַך גלײַך ניט דערקענט? ווײַזט אויס, אַז איך ווער שוין אַלט! — האָט ער באַשלאָסן. — איצט דערמאָן איך זיך, ווי־אַזוי איך בין געווען בא אײַך אין שטוב. און אײַער טעכטערל געדענק איך גוט, אַ העלער קאָפּ האָר און גרויסע אויגן, פאַרווּנדערטע. איך האָב איר דעמלט געבראַכט אַ בריוו פון מאָניען. איך דערמאָן זיך, בא אײַך האָט געוווינט איינער אַן אַרבעטער פון דער טאַבעק־פאַבריק... כ'האָב פאַרגעסן זײַן נאָמען...

— מענדל? — האָט זי אויסגעשרײַען. — פרעגט מיך, צי איר וועט אים שוין הײַנט דערקענען? ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פון דער פּאָזיציע, איז ער גלײַך אַוועק צו גוראַריען אויף דער פאַבריקע און געזאָגט אַזוי: „איך, זאָגט ער, האָב דאָ אָפּגעאַרבעט צוויי און צוואַנציק יאָר. הייסט עס, אַז די פאַבריקע איז מײַנע?” איר האָט שוין אַמאָל געהערט אַזוינס? אַצינד איז ער געוואָרן אַ גאַנצער יאַטעבעדאַם! די אַרבעטער האָבן אים געמאַכט פאַר זייער פּרעצידאַטעל, און כ'האָב געהערט זאָגן, אַז ער וויל שוין כאַסענע האָבן. פאַרוואָס טאַקע זאָל ער ניט כאַסענע האָבן, אַז ער האָט אַ גאַנצע פאַבריקע? — האָט זיך נעכע צעשמייכלט. — ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן!

— איך וואָלט אים געוואָלט זען! גיט אים איבער אַ גרוס פון מיר! — האָט געבעטן וויקטאָר איוואַנאָוויטש.

— ס'איז גוט צו זאָגן „גיט אים איבער אַ גרוס”! איר פרעגט בעסער, צי מיר זעען אים? אַז ער קומט גאָר ניט אַהיים. און ווען האָט ער צײַט אַהיימצוקומען, אַז ער איז אַ באַלעבאָס פון אַזאַ פאַבריקע? טאָג און נאַכט איז ער דאָרט!

— און דאָס טעכטערל אײַערס וואָס טוט? — האָט ער זיך אינטערעסירט.

— וואָס זי טוט? — אַ טיפער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ. די פרוי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט זי זיך ווידער צעוויינען. — רוכעס ווייסן זי, וואָס זי טוט! מע קאָן זיך דען דערוויסן בא איר, וואָס זי טוט, ווּ זי קומט אַהין? נאָר איך בין דאָך, ווײ איז צו מײַנע יאָרן, אַ וויסטע מאַמע! און אַ מאַמע מוז דאָך וויסן, ווייס איך... — זי האָט זיך אַרומגעקוקט און מיט אַ ראַכמים־בליק געבעטן, אַז

מע זאָל כאָלילע ניט ארויסטראָגן פונעם צימער דאָס, וואָס זי וועט באלד אלפי־סאָד זאָגן. — זי גייט אהין, אין קארטאמישעווסקער געסל, ווו קיין איין באלעבאטישער מענטש גייט ניט, שוין אָפגערעדט, אז א מיידל זאָל זיך דערוועגן אזעלכעס — שפּילן טיאטער! און זי איז דאָך א מיידל! ווײ איז דער מאמען, וואָס זאָל איך טאָן מיט איר, וואָס?

— אָט דאָס איז אונדזער צושויער! — האָט מיקע טולקיס אָנגעוויזן אף דער ייִדענע. — דאפקע צוליב איר האָט מאָטיע ברען באשלאָסן שאפן א נײַעם טעאטער מיט א גאָר נײַעם, אָריגינעלן רעפּערטואַר!

דאָס מאָל האָט אויסגעשאָסן א שטארקער געלעכטער. אפילו וויקטאָר איוואנאָוויטש, וואָס האָט די גאנצע צײַט שווײַגנדיק נאָכגעשפּירט נאָכן געשפּרעך, האָט זיך אויך צעלאכט.

— איר וואָלט בעסער א פרעג געטאָן בא איר, צי איז זי כאָטש איין מאָל פארן לעבן געווען אין טעאטער? — האָט פאָרגעלייגט אילײַשע.

— איז נאָך בעסער! — האָט אופגעשטראַלט מאָטיע ברען. — וויבאלד מיר האָבן באשלאָסן צו מאכן זי פאר א טעאטער־צושויער, זײַנען מיר טאקע מעכויעוו צו באזאָרגן זי מיט נײַעם רעפּערטואַר. און דאָס איז פאר אונדז א ריינער געווינס, וואָס זי ווייסט ניט וועגן קיין שום „כינקע־פינקע", וועגן „כאנטשע אין אמעריקע", מיט וועלכע מאָריץ סעגאל האָדע־וועט דעם אוילעם. וועט אונדז ניט אויסקומען ארויסצושלאָגן פון איר קאָפּ אָט דאָס אלץ! איר מעגט זײַן זיכער, אז זי וועט ווערן אונדזער דאנקבאַ־רער צושויער!

און קעדיי דאָס צו באשטעטיקן, האָט ער זיך געווענדט צו דער פרוי:

— ווען מיר זאָלן אײַך, לאָמיר זאָגן, אײַנלאדן אין טעאטער, וואָלט איר, מיין איך, געגאנגען?

— הערט מיך אויס, יונגערמאַן, — האָט זי געמאכט צו מאָטיען צוויי שפּאַן, — איך בין פאר אײַך ניט קיין מיידעלע, וואָס איר רעדט מיט מיר אזוי. איך האָב דאָס גאנצע לעבן מײַנס געוווינט צווישן באלעבאטישע מענטשן! פרעגט בא זיי, וועט מען אײַך ענטפערן, אז ניט מײַן באָבע, ניט מײַן זיידע, ניט מײַנע עלטערן, ניט איך און ניט מײַן מאַן, ער זאָל האָבן א ליכטיקן גאניידן, קיינער ניט פון אונדזער מישפּאָכע איז זינט ער לעבט ניט געווען אין טיאטער, און גאָט וועט אונדז העלפן אויך אף ווײַ־טער, אז אונדזער פוס זאָל דאָרט קיינמאָל ניט זײַן! וואָס בין איך עפּעס — א הולטײַקע? — טרערן האָבן זיך א גאָס געטאָן פון אירע אויגן. מיטן עק פון דער שאל האָט זי געגומען ווישן דאָס פּאָנעם. — מיר לעבן ניט אזוי פריילעך, אז מיר זאָלן לויפן אין די טיאטערן!

— טע־טע־טע־טע־טע! — איז מאָטיע, אופהייבנדיק די הענט, אָפּגע־טראָטן פון איר. — זאָגט זשע מיר, אויב אזוי, וועמען זשע דינט דער טעאַ־טער?

— ליידיקגייער! פּוסטעפּאסניקעס! — האָט זי אויסגעשריִען. — וואָס זשע, א מענטש, וואָס האָרעוועט אפּן שטיקל ברויט, טראכט אפילו וועגן אזעלכע זאכן? מער פעלט מיר ניט, ווי נאָר טי־א־טער!

— טשיקאווע! — האָט באשלאָסן וויקטאָר איוואנאָוויטש.

אילײַשע בלאנק, וואָס איז אזוי פעסט געזעסן אין פּאָטעל, איז מיטאַ־

מאָל אופגעשטאנען, געמאכט צוויי שפאַן איבערן קאבינעט און זיך אוועקגעשטעלט צווישן מאָטיען און דער פרוי. פאר אלעמען אין די אויגן איז דער מענטש פארענדערט געוואָרן, מאמעש ניט צום דערקענען. ער איז געוואָרן נידעריקער, די פּלייצע — ברייטער, דאָס פּאָנעם — אָפּגעצויגן, די אויגן — אויסגעלאָשן. ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַף דער ברוסט, און אלע האָבן דערזען פאר זיך א טרעגער, וואָס טראָגט א שווערע לאסט אַף דער פּלייצע, א לאסט, וואָס דריקט צו ביז צו דער ערד. פון זײַן שטערן האָט געגאָסן דער שווייס... די פארוואנדלונג איז פאָרגעקומען אזוי אומגעריכט, אז אין צימער זײַנען אלע מיטאמאָל אנשוויגן געוואָרן.

— פאראַן איז בא מיר א טעכטערל, — האָט אילָיושע בלאנק אָנגעהויבן, — א ליכטיקע, א זוניקע, און אזא כיינעוודיקע, אזא שטילינקע איז זי בא מיר, אזא קלייניקע, אז איך וואָלט זי געקאָנט אוועקזעצן אַף מײַן דלאָניע, ארײַנקוקן אין אירע שטראַלנדיקע אייגעלעך און צוזאמען מיט איר פרייען זיך, קוקנדיק אפן ווארעמען קאיאָר, וואָס קומט אָן צוזאמען מיט דער זון. אזא מילדע איז זי, מײַן טעכטערל, אזא צארטע, אזא שמייכלענדיקע... ווען איך קוק ארײַן אין אירע אייגעלעך, דוכט זיך מיר, אז די גאנצע וועלט איז מײַנע, די גאנצע וועלט, מיט איר פרייד, מיט איר וואַרעמקייט, מיט דער זון — אלץ געהערט צו מיר! נאָר איך זע זי ניט, מײַן טעכטערל, זעלטן־זעלטן פאלט מיר אויס דאָס גליק צו האלטן זי אַף מײַנע הענט, זען איר שמייכעלע, הערן איר שטימעלע! די ארבעט טרײַבט מיך ארויס פון שטוב, ווען אין דרויסן איז פינצטער און מײַן קינד שלאָפט נאָך, און ווען איך קום אהיים אָן אויסגעמאטערטער, אָן אויסגעמוטשעטער, זע איך מײַן קינד נאָר ווען זי שלאָפט. די ארבעט בארויבט מיך, זי רויבט בא מיר אָפּ מײַן גליק! און אָט שטיי איך א טויט־מידער, אײַנגעבויגן איבער מײַן קינדס וויגעלע, און די הענט מײַנע ציִען זיך צו איר געלעגער: „טעכטערל מײַנס! זון מײַנע!..״ — כאָטש איך איבער שטילערהייט צענדליקער מאָל.

אילָיושע איז אנשוויגן געוואָרן. אין צימער האָט קיינער זיך קיין ריר ניט געטאָן. אלע האָבן נאָך איבערגעלעבט צוזאמען מיטן פאָטער, וואָס איז צעשיידט מיט זײַן קינד. אילָיושע איז אוועק צוריק אַף זײַן אָרט. וויקטאָר איוואנאָוויטש האָט ניט אלץ פארשטאַנען, און דאָך איז ער גערירט געווען ביז טרערן. ער האָט זיך געווענדט צו נעכען:

— אָט דאָס הייסט טעאטער! און איר זאָגט, אז טעאטער איז פאר פּוסטעפּאסניקעס!

נעכע האָט געשוויגן. עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן בא איר אין הארצן, עפּעס האָט אין איר געזאָטן, און טרערן האָבן ווידעראמאָל א שטראָם געטאָן פון אירע אויגן. טרערן! צי איז זי זיך עפּשער באגאנגען אָן זיי כאָטש איין טאָג אין איר לעבן? נאָר דאָס זײַנען געווען גאָר אנדערע טרערן. פון זיי איז איר געוואָרן גרינגער און אין הארצן איז שוין מער ניט געווען קיין פּוסטקײַט. פאר די אויגן איז איר געשטאנען אריע, א ליכטיקן גאנגלען זאָל ער האָבן, וואָס פלעגט, קומענדיק אהיים פונעם פאָרט א פאַרמוטשעטער, א טויט־הונגעריקער, שטייט לאנג באם וויגעלע, ווו אסיע איז געשלאָפן.

— איך דערמאָן זיך, ווי־אַזוי כ׳בין אַמאָל געגאַנגען איבער דער מאַלאָ־אַרנאַוטסקע גאַס און געטראַכט גאָט ווייסט וועגן וואָס, — האָט מאָטיע ברען גענומען דערציילן, — ס׳איז געווען אַ ליבער פרילינג־טאָג, אַזאַ ווי היינט, מיט אַ ווינטעלע. פלוצעם בין איך געבליבן שטיין, ווי גלייך באַ מיר האָבן זיך אָפּגענומען די פיס. ערגעץ ניט ווייט האָט עמעצער געזונגען, אַ קינד צי עפּשער אַ יונג מיידל. ניין! דאָס איז געווען ניט קיין פּאַשעט געזאַנג! דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען. לעבאַטכילע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איבער מיין קאָפּ האָט זיך געעפנט דער הימל. בעקיצער, עס האָט געזונגען אַ מיידל אינעם הילזן־צעך באַ גוראַריען אין פאַבריק. צוערשט בין איך געשטאַנען אונטערן פענצטער און געהערט, אַ גליק, וואָס דאָס פענצטער איז געווען אָפן. קאָלזמאַן זי האָט געזונגען, האָב איך, פאַרשטייט זיך, וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט, נאָר ווען די ליד האָט זיך פאַרענדיקט, בין איך אַריינגעלאָפן אין טויער, פון דאָרט אין קאָנטאָר. שטעלט אייך פאָר, אַז מע האָט מיך באַגעגנט ביז גאָר העפלעך: „איר באַקומט באַ אונדז סכוירע?“, „איר ווילט מאַכן אַ באַשטעלונג?“, „איר וועט צאָלן מיט מעזומאָנים?“. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אַף צוריק, צום אַרויסגאַנג. מע האָט געקוקט אַף מיר מיט מיטגעפיל, ווי אַף אַ דולן... עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד בין איך געקומען צו גוראַריעס פאַבריק און געוואַרט, אַז דאָס מיידל זאָל ווידעראַמאָל זינגען אירע לידער.

מאָטיע איז אַנשוויגן געוואָרן, אַ קוק געטאָן אַף נעכען און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אָט ווי־אַזוי איך האָב געפונען אייער אַסיען.

ווען וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט אַרויסבאַגלייט נעכען פון קאַבינעט, האָט אילױשע שווער אָפּגעזיפצט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַ הייליקע נעשאָמע — אַ מאַמע! זי לויפט נעבעך אָן אַן אָטעם, זי קאָן ניט אויסהאַלטן, לעמיי די טאָכטער אירע קערט זיך אום שפּעט באַנאַכט. ווען זי ווייסט, ווי מיר האָבן געפונען איר טעכטערל, איר באַסיעכידקעלע...

— איך האַלט, אַז פּונקט דאָ מעג מען אַראָפּלאָזן דעם פּאָרהאַנג! — האָט אים איבערגעשלאָגן מאָטיע און מיט קאַס זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן דיוואַן. — אַף וואָס זשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט? — האָט ער געפרעגט.

— מיר איז ניט אַלץ פאַרשטענדלעך! — האָט געזאָגט וויקטאָר איוואַנאָוויטש. — כ׳פאַרשטיי, אַז אייך אַלעמען ווילט זיך ווייזן דעם צושויער אַזאַ ספּעקטאַקל, וואָס איז ניט ענלעך אַף דעם, וואָס מע האָט ביז איצט געוויזן אין ייִדישן טעאַטער. איך קאָן אויך פאַרשטיין דאָס, וואָס איר שטרעבט צוגרייטן אַ קאָנצערט־פּראָגראַם. דאָס איז ווייט ניט קיין גרינגע זאַך. איך קאָן אָבער ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט איר באַשלאָסן, אַז מיטן נייעם רעפּערטואַר מוזט איר גלייך אַרויספאָרן אין די שטעטלעך?

— אין שטאָט זיינען מיר איצט קיינעם ניט נייטיק! — האָט זיך נאָך אַ פּויזע אָנגערופן מיקע טולקיס.

— מיר זיינען ניט זיכער, אַז די שטאָט וועט אונדז וועלן אויסהערן! — האָט צוגעגעבן אילױשע. — מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די שטאָט האָט נאָך

גאָר ניט לאַנג געזען מישע פּישאָנען, ווערא זאַסלאַווסקאַיאַ, געהערט איזא קרעמער...

— נו איז וואָס? — האָט זיך געכידעשט וויקטאָר איוואַנאָוויטש.

— וואָס הייסט וואָס? — איז אופגעשפּרונגען מאָטיע ברען.

דער נאַטשאַלניק פונעם פּאָליטפּראָסוועט איז געווען, ווײַזט אויס, גוט געשטימט. ער האָט געקוקט אַף די פאַרזאָרגטע, פאַרדײַגעטע פּענעמער פון די אַרטיסטן און גוטמוטיק געשמייכלט. ער האָט אופמערקזאַם אויסגע־הערט אַלע זייערע טײַנעס און ספּייקעס, מיט מיטגעפיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט אַ נײַגעריקן שמייכל געקוקט אַף זיי, ווען זיי האָבן גערעדט אַלע מיטאַמאָל. ווען ס׳איז געוואָרן שטיל, האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש רויִק געזאָגט:

— איך האָב ניט קעגן, אַז איר זאָלט פאָרן אַף גאַסטראָלן... נאָר פּונקט אַציינד זײַט איר, ווי מיר שײַנט, מער בייטיק אין שטאָט. זייער בייטיק! איך וואָלט געזאָגט, אַז הײַנט־צו־טאָג זײַנען באַפאַלן די שטאָט צוויי גרויסע אומגליקן: די איספּאַנקע און די כאָלטורע. כ׳קאָן אײַך נאָך זאָגן, אַז פונעם צווייטן אומגליק וועט זײַן שווערער זיך אויסצוהיילן... און דערפאַר האָב איך געוואָלט אײַך פאַרלייגן — וואַרט צו מיטן פאָרן. לאָמיר אָנהייבן אין שטאָט. לאָמיר פון אָנהייב אויסהערן, וואָס וועט זאָגן די שטאָט וועגן אונד־זער קונסט! וואָס איז שײַעך אײַערע ספּייקעס, זײַנען זיי גאַנץ געזעצלעכע. אַ סאַך ערגער וואָלט געווען, ווען בא אײַך וואָלטן קלאָל ניט געווען קיין ספּייקעס! אַזוי דוכט מיר...

יאַשע בוביס האָט זיך אופגעהויבן:

— אַרויסטרעטן אין שטאָט, אין אַ טעאַטער, ווו קימאַט אַלע צושויער ווייסן, אַז איך בין אַ שנײַדער, און ער — אַ צירולניק, און ער — אַ שו־סטער, און ער — אַ פּריקאַזטשיק... זאָגט אַליין, כאָווער קיט, וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען?..

— עס ווערט זיך באַקומען זייער גוט! — האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש גע־ענטפערט. — ווען מיר וואָלטן ניט געגלייבט אין אונדזערע קויכעס, וואָלטן איצט אין שטאָט געווען די דעניקינצעס! אָט אַזוי!

— האָסט פאַרשטאַנען? — האָט זיך מאָטיע אויסגעדרייט צו יאַשע בו־ביסן.

— אין שטאָט איז ניטאָ קיין ברויט! — האָט אַ ברום געטאָן מיקע טול־קיס.

ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל.

— איך קען ניט אײַער שפּראַך, — האָט געזאָגט וויקטאָר איוואַנאָ־וויטש, — נאָר אַף וויפל איך ווייס, ווערט אין אײַערע ספאָרים געזאָגט, אַז אויב ס׳איז ניטאָ קיין ברויט, איז ניטאָ קיין קונסט!.. איך צווייפל אָבער, צי קאָן איצט דער דאָזיקער אַפאָריזם אונדז דינען.

— קיינער פון אונדז דענקט ניט אַזוי! — איז אופגעשפּרונגען מאָטיע ברען. — מיר האָבן דאָך רעפּעטירט עטלעכע כאָדאָשים, און קיינער פון אונדז האָט גאָרנישט ניט באַקומען, טאַקע לאַכלוטן גאָרניט!

— האָט זיך טאַקע גאָרנישט ניט באַקומען! — זאָגט אונטער מאַגאַלניק.

— אָבער שטענדיק קאָן דאָך אזוי ניט זײַן! — האָט זיך אופגעכאפּט פון זײַן אָרט מיקע טולקיס.

— ריכטיק! עס קאָן שטענדיק אזוי ניט זײַן, — האָט וויקטאָר איוואנאָ־וויטש באשטעטיקט. — זייער ריכטיק! שטענדיק וועט אזוי ניט זײַן! נאָר מיר האָבן ניט קיין רעכט צו פאָדערן אזוי קאטעגאָריש. עס פלעגט זיך טרעפן אפן פראָנט, אז די רויטארמייער זײַנען ניט איין מאָל געגאנגען אין אטאקע הונגעריקע. אגעוו, וועגן דעם ווייסט איר פונקט אזוי ווי איך, נאָר מיר ווילן אי ברויט, אי קונסט, און דאָס וועט זײַן!

ער איז, ווי פריִער, געשטאנען באם טיש, אָנגעשפּארט זיך אף די דלאָ־ניעס, און דער קערפּער זײַנער האָט זיך לײַכט געוויגט.

— וואָס פארא מעגלעכקײַטן האָבן מיר הײַנט? — האָט ער געפרעגט בא זיך אליין. — מיר קאָנען דעם קאָלעקטיוו צופעסטיקן צו דער רעווקאָמי־שער גאָרקיך. איך וועל זען באזאָרגן א פּאיאָק פאר אײַך. אָפן גערעדט, קאָן איך אײַך זאָגן, אז מיר אליין האָבן נאָך דעם דאָזיקן פּאיאָק ניט געזען פאר די אויגן. נאָר ער וועט זײַן, ער וועט זיכער זײַן! אָט דאָס איז, צום באדויערן, אלץ, וואָס מיר קאָנען דערווײַל טאָן פארן טעאטער.

אין קאָרידאָר איז ווידעראמאָל געוואָרן א טומל. וויקטאָר איוואנאָוויטש האָט געוואַרט, ביזוואנען עס וועט פארבײַמארשירן די קאָמאנדע מאטראָסן, וואָס איז געקומען בײַטן דעם קאראול.

— דאָס איז אלץ, וואָס מיר קאָנען דערווײַל טאָן, צום באדויערן! — האָט ער איבערגעכאזערט. — מאָרגן וועט דער רעווקאָם ארויסטראָגן א באשטימונג וועגן דעם, אז דער טעאטער „קאָמעטא” ווערט איבערגעגעבן אין אײַער רעשוס. די ערשטע צײַט וועט איר קאָנען דאָרט ארבעטן א גאנצן טאָג, מאכמעס אין אָוונט איז דאָרט א קינאָ־טעאטער. נאָר דאָס איז אויך דערווײַל. ווען די ערשטע פאָרשטעלונג אײַערע וועט זײַן גרייט, גיבן מיר אײַך פולשטענדיק איבער די „קאָמעטא”.

עס איז שוין געווען שטאָקפינצטער, ווען די ארטיסטן פונעם נײַעם טעאטער־קאָלעקטיוו האָבן פארלאָזט דאָס הויז, וואָס איז געווען שטארק ענלעך אף א גרויסער יאמשיף. דאָ איז מען געווען וואך סײַ באטאָג, סײַ באנאכט. דער מאטראָס האָט שוין לאנג פארלאָזט זײַן פּאָסטן. אָנשטאָט אים איז באם ארײַנגאנג געשטאנען אין קאראול א ציווילער באָכער אין א וואטניק און מיט א קעפּקע אפן קאָפּ. דעם קאראבין האָט ער געהאלטן הארט צוגעטוליעט צום רוקן און באגלייט מיט א שארפן בליק ניט נאָר די, וואָס זײַנען געקומען, נאָר אויך די, וואָס זײַנען ארויס פונעם הויז, און אפילע די, וואָס זײַנען געגאנגען פארבײַ דעם רעווקאָם.

דער פלאץ איז געווען פוסט.

ביזן ראָג פון דער לאנזשעראָנאָווסקער גאס זײַנען די ארטיסטן געגאנ־גען שווײַגנדיקע, יעדערער איז געווען פארנומען מיט זײַנע מאכשאָוועס. יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט מיטן אייגענעם סייכל פארשטיין, וואָס איז אזוינס פאָרגעקומען. דער הײַנטיקער טאָג האָט אָפּגעווישט אלע זייערע פּלענער, וועלכע זײַנען אזוי לאנג אויסגעטראָגן און ארומגעטראכט גע־וואָרן. אזוי, אזוי! אויס וועג, איבער וועלכן זיי האָבן זיך שוין אין די

מאכשאָווס געטראָגן מיט אזא אימפעט; אויס שטעטל, אויס נאָיווע און באגײַסטערטע צושויער.

אילינשע בלאנק האָט א פרעג געטאָן, אז אלע זאָלן הערן:

— ווו זשע קומען מיר זיך מאָרגן צונויף, מאָטיע?

— עס איז דאָך געזאָגט געוואָרן: אין „קאָמעטא״! — האָט מאָטיע גע־ענטפערט גאנץ שטאָלץ און צוגעגעבן. — צען אזייגער, פּאַרגעדענקט. פּונקט צען אזייגער אינדערפרי! — ער האָט א טראכט געטאָן און צוגע־געבן. — אגעוו, וועל איך טאקע גלײַך צוגיין און א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרט, אין טעאטער. שוין לאַנג ניט געווען דאָרט, א שאָק מיט יאָרן!

מאגאלניק האָט, ווי עס פּירט זיך בא די אקטיאָרן, זיך צוגעטשעפּעט צו אים. א פּאָמרעזש מוז שטענדיק זײַן לעבן רעזשיסער. צוזאמען האָבן זיי די עטלעכע קווארטאלן צו דער „קאָמעטא״ דורכגעמאכט פאר געציילטע צען מינוט. די טראַמווײַען זײַנען ניט געגאנגען, האָבן זיי שווײַגנדיק געשפּאנט צווישן די טראַמווײַ־רעלסן איבער די טויטע גאסן. זעלטן ווו האָט געצאנקט א ליכטל צי א גאז־לעמפּל, וואָס איז געהאנגען הויך איבערן טויער, מע זאָל עס כאָלילע ניט צוגאנווענען, אָבער אלע שויבן זײַנען געווען אויסגעלאָשענע און שטומע. די פענצטער אף די ערשטע שטאָקן זײַנען מערסטנטייל געווען פארקלאפּט מיט שווערע לאָדן אָדער מיט אײַזערנע שטאָרן, אף וועלכע סע זײַנען געהאנגען שווערע שלעסער. ווען זיי זײַנען ארויס אף דער אוספּענסקער גאס, האָבן זיי פונדערווײַטנס דערזען א העל־באלויכטענע געבײַדע, וואָס האָט, ווי א לײַכט־טורעם, געווונקען און גערופן צו זיך. דאָס האָט געלויכטן דער טעאטער „קאָמעטא״.

אונטערן סאמע דאשעך באם ארײַנגאנג אין טעאטער איז געשטאנען א פּלאקאט, וואָס האָט מודיע געווען, אז פארן פילם וועט דעם „הויכגע־שעצטן פּובליקום״ באוויזן ווערן א גרויסער דיווערטיסמענט־קאָנצערט מיטן אָנטייל פון דער באוווסטער גאסטראָליאָרשע, דער באליבטער עס־טראַדע־זינגערן און טענצערן, דער פרוי מיטן צווייבער־שמײכעלע, אנט־קעגן וועלכן עס קאָנען ניט בײַשטיין ניט יונג, ניט אלט, — ווערא טאגאַ־נאיעווא. אויסגעלאָזט האָט זיך דער דאָזיקער אנאָנס מיטן רוף: „אײַלט זיך קויפן בילעטן!״.

בעשאס מאָטיע ברען און מאגאלניק האָבן געלייענט די פּילצוזאָגנדיקע פּלאקאטן, האָט זיך פונעם טעאטער דערטראָגן א לאנגדויערנדיקער קלונג. דאָס האָט זיך פונקט אָנגעהויבן א נײַער סעאנס — ווײַזט אויס, שוין דער לעצטער אינעם הײַנטיקן אָוונט. אפן קאָנטראָל, באם ארײַנגאנג, איז, ווי שטענדיק, ווי מיט א סאך יאָרן צוריק, געשטאנען נאָטע קאָפּ, א מאָגער מענטשעלע מיט אן אָפּגעפּליקט בערדל און מיט גראָווע שטעכיקע האָר. זײַן פּענעמל איז שטענדיק געווען א זויערס און נעבעכדיקס. דאפקע נאָטע קאָפּ איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאר דער ארבעט פון א קאָנטראָליאָר, מאכמעס ער האָט געקאָנט מיט זײַנע לאנגע און דארע הענט אָנכאַפּן א „האָז״ באם דויפעק און אים אזוי צוקוועטשן, אז יענער האָט דערזען די באָבע פון יענער־וועלט. אזא קויעך האָט פארמאָגט אָט דאָס מאָגערע מענטשעלע מיטן זויערן פּענעמל.

מאָטיען האָט ער באַגעגנט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן מיט אַ ברייטן באַ־רעכהאַבע.

— פּאַזשאַליסטאַ! — האָט נאָטע נידעריק זיך אָנגעבויגן און צעפּירט מיט די הענט. — אוי־וואַ! אַזאַ צײַט זײַט איר ניט געקומען אין טעאַטער, מוסיו ברען!

נאָטע קאָפּ האָט געטיילט די מענטשהײַט אויף צוויי פאַרשיידענע לאַ־גערן. אינעם ערשטן זײַנען געווען פײַנע מענטשן, באַלעבאַטישע קינדער. די, וואָס קויפן בילעטן און קומען אין טעאַטער כאָלילע ניט בעגילופן, שטופן אים אָפּטמאָל אַרײַן אין דער יאַד אַ פּאַפּיראָסל, באַנוצן זיך מיט זײַנער אַ רעקאָמענדאַציע, — ער האָט שטענדיק געהאַט באַקאַנטע מייד־לעך, וואָס האָבן שפּאַצירט לעבן טעאַטער, און פלעגט זיי פאַר זיי געפינען קוינים, — די דאָזיקע מענטשן פלעגט ער רופן ניט אַנדערש ווי „מוסיו". אַלע איבעריקע האָט ער אַרײַנגעשטופּט אין צווייטן לאַגער, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון „זשלאָבעס". מיט זיי האָט נאָטע, פאַרשטייט זיך, ניט געפירט קיין געשפּרעכן. מיט די זשלאָבעס פלעגט אים אָפט אויסקומען אַרײַנצוטרעטן אין אַ געשלעג. צווישן זיי זײַנען געווען „האָזן", מענטשן אָן בילעטן, הייסט עס, אַנדערע פלעגן קומען אין „קאָמעטאַ" אונטערן גלעזל, אַ דריטער פלעגט צושטיין צו אַ מויד אָדער צו אַ דאַמאָטשקע, ביז יענע איז געצוווּנגען געווען זיך צעשרײַען איבערן גאַנצן טעאַטער: „נאָטע! וווּ איז נאָטע!"

— טאַקע! וווּ זשע זײַט איר אַזוי לאַנג פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט זיך אינטערעסירט נאָטע קאָפּ. ער האָט באַטראַכט זײַן אַלטן באַקאַנטן מאָטיע ברען און זײַן באַגלייטער.

— אַלץ קיין צײַט ניטאָ! — האָט זיך באַקלאָגט מאָטיע. — אָט, קאָן זײַן, אַז פון מאָרגן אָן וועלן מיר זיך זען אָפטער. כ'האָב טאַקע געוואָלט אַ בעט טאָן, אַז איר זאָלט מאָרגן, אַזייגער אַכט אינדערפרי, אַרײַנקומען אין טעאַטער. איר וועט אונדז מיט עפּעס מיטהעלפן.

— פּאַזשאַליסטאַ! מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט נאָטע געענטפערט מיט גרייטקײַט. — דער מוסיו פוקס ווייסט אָבער, אַז איר דאַרפט מיך? — האָט ער זיך אינטערעסירט צו וויסן.

— ווער איז ער, מוסיו פוקס? — האָט זיך פון זײַן זײַט נאָכגעפרעגט מאָטיע.

— ווי קומט עס, אַז איר זאָלט ניט קענען דעם מוסיו פוקס, דעם אַרענ־דאַטאָר פון דער „קאָמעטאַ"? גייט אַרײַן צו אים, ער איז מיסטאָמע שוין בײַ זיך אין קאַבינעט.

מאָטיע ברען און מאַגאַלניק האָבן זיך גיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ, זײַנען פאַרבײַ די גרויסע פאָיע, וווּ די שײַן איז שוין געווען אויסגעשלאָסן, און אַרײַן אין צושויער־זאַל דורך די ברייט צעעפנטע טירן. דער סעאַנס האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן, און אין זאַל איז געשטאַנען אַ שטאַרקער טומל. די צושויער, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט, האָבן זיך געזידלט, מאַכמעס זייערע ערטער זײַנען געווען פאַרנומען — אויף קאַרגע פיר הונדערט פלע־צער זײַנען געווען פאַרקויפט ניט ווייניקער ווי זעקס הונדערט בילעטן. אַלע דורכגאַנגען זײַנען געווען ענג פאַרשטעלט מיט בענק, טאַבורעטקעס

און שטולן, דורכשטופן זיך צווישן די רייען איז געווען אומעגלעך, אזוי ענג זײַנען געשטאנען די בענק. די אָרקעסטער־גרוב איז געווען פארקלאפּט מיט ברעטער, קעדיי צו פארגרעסערן דעם זאל. די נײַגעריקע צושויער האָבן געפּאַכט אף זיך מיט צײַטונגען, נאָזטיכלעך און היטלען, ס'איז געווען אומעגלעך צו כאפּן דעם אָטעם. פונדעסטוועגן האָט די גאנצע מישפּאָכע פוקס — ער אליין, זײַן פרוי און זײַנע צוויי טעכטער, איינע ענלעך אף דער צווייטער — הויכע און מאָגערע, זיך געפונען אין זאל. זיי האָבן זיך געזוכט פארבײַ די רייען און קאָנטראָלירט די בילעטן.

דער פאָרהאנג איז געווען אראָפּגעלאָזט, נאָר פון יענער זײַט, אף דער בינע, האָט מען גערימפּלט אפן ראָיאל. געשפּילט האָט מען א מאָדנע אר־געגנטינער טאנגאָ.

סאָפּקאָלסאָף האָט מוסיו פוקס א מאך געטאָן מיט דער האנט, און די שײַן אין זאל האָט זיך אויסגעלאָשן. עטלעכע מינוט איז דאָס הויכגעשעצ־טע פובליקום געזעסן אין דער פינצטער, נאָכדעם האָט זיך דער פאָרהאנג לאנגזאם אופגעהויבן. איינע פונעם ארענדאטאָרס טעכטער איז ארויס אף דער בינע און אופגעהויבן די האנט, געבנדיק צו פארשטיין, אז ס'איז שוין צײַט אופצוהערן טומלען, ווײַל זי האָט צו זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס. ווען אין זאל איז ענדלעך שטיל געוואָרן, איז זי צוגעגאנגען צו דער ראמפּע, שטאָלץ פארוואָרפן דעם קאָפּ און אויסגעשריִען:

— ווערא טא־גא־נא־יע־וואַ!

און האָט דערבײַ אופגעהויבן ביידע הענט.

דאָס האָט באטײַט, אז דאָס הויכגעשעצטע פובליקום דארף ווערן איבע־ראשט און באגעגענען די אקטריסע מיט אן אָוואציע. קיין אָוואציע איז ניט געווען. אין די ערשטע רייען האָט עמעצער אקשאָנעסדיק געקלאפּט בראוואָ... איינער א ווערגעלעץ האָט הויך, אפן גאנצן זאל, א טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, וואָס האָט באדארפט הייסן, אז ער שיקט עמעצן א קוש. אין זאל האָט מען אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער. געלאכט האָבן מערסטנס די בארישניעס. אין די הינטערשטע רייען האָט מען אָנגעהויבן פײַפן, נאָכדעם טופּען מיט די פיס. דעם ארענדאטאָרס טאָכטער האָט מיט אן ענערגישן זשעסט באוויזן דעם הויכגעשעצטן פובליקום, וויאזוי מע דארף באגעגענען די באוווסטע אקטריסע, — זי האָט אָנגעהויבן פּאטשן בראוואָ. קיינער האָט ניט געפּאטשט, און אף דער בינע איז ארויסגעקומען די באליבטע עסטראדע־זינגערן און טענצערן, די פרוי מיטן צוויבער־שמייכעלע.

— אוי! לאָמיך אויסגיין אף דעם אָרט! — האָט א געשריי געטאָן מא־גאלניק און אָנגעכאפּט זײַן רעזשיסער בא דער האנט. — אוי! סע איז דאָך קלאַרע סעגאל, די פרימאדאָנע!

— כ'בין מאמעש אנציקט פון דיר! וויאזוי האָסטו זיך אזוי גיך אָנגעט־שטויסן? — האָט אים געלויבט מאָטיע ברען.

קלאַרע סעגאל, אָדער ווי זי האָט זיך שוין איצט גערופן, ווערא טא־גאנאיעוואַ, איז געווען אָנגעטאָן אין הויזן, זייער ברייטע, וואָס האָבן גע־מאכט פולער איר פיגור, אף די פיס האָט זי געטראָגן מענער־טופל אָן אָפּצאסן, קעדיי אויסזען עטוואָס נידעריקער. אינעם צו גרויסן פראק און

4*

אין דערווילדער שליאַפּע אויף קאָפּ האָט זי אויסגעזען זייער לעכערלעך. ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, האָט אין זאַל זיך אָנגעהויבן א שטאַרק געלעכטער. די גאַסטראָליאָרשע האָט אויסגעוואַרט, א שמייכל געטאָן, — עס איז איר געפעלן, וואָס דער עולם לאַכט, — איז זי צוגעגאַנגען ביז צו דער אַוואַנסצענע, א ווונק געטאָן צום עולם. אין זאַל איז געוואָרן נאָך טומלדיקער. פוקס׳ טאָכטער האָט זיך געזעצט צום ראָיאַל און אָנגעהויבן אויספּויקן א באַקאַנטע בראַוורע מעלאָדיע. ווערא טאַגאַנאַיעווא האָט אין טאַקט פון דער מוזיק געוואָרפן מיט די הענט און מיט די פיס, פּונקט ווי זי וואָלט זיך לערנען שווימען. דאָס האָט געדויערט גאַנץ לאַנג, נאָר ווען זי האָט דערפילט, אַז דאָס געדולד בא דעם היציקגעזעצטן פּובליקום קאָן פּלאַצן, האָט זי צעעפנט דאָס מויל און אַרויסגעשטעלט דעם עולם די צונג. דער דאָזיקער איינפאַל האָט נאָכאַמאָל אַרויסגערופן א הילכיק געלעכטער, און דאַן האָט קלאָרע סעגאַל, אָדער אויב איר ווילט, ווערא טאַגאַנאַיעווא, אָנגעהויבן זינגען אויפן מאָטיוו פון דער אַרגענטינער טאַנגאָ:

Жить на свете не легко,
Жить на свете тя-же-ло!
Чтоб прожить, так надо миллионы.
Дети поднимают хай:
«Папа-мама, кушать дай!»
Хоч продай последние кальсоны!

— פּאַרמיינעטווען וועט זיין גענוג, — האָט מאָטיע געזאָגט צו מאַגאַלניקן, — מיר מוזן נאָך היינט כאַפּן א שמועס מיטן מוסיו פוקס אַליין. כ׳מיין, אַז ער האָט זיך שוין באַפרייט און וואַרט אויף אונדז. גייען מיר?

מיט ביטערע שווערקייטן האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פונעם פולגעפּאַקטן זאַל. אין דער גרויסער פּאַיע, שוין לעבן אַרויסגאַנג, אין דער רעכטער זייט בא די סאַמע טרעפּ איז געווען דעם אַדמיניסטראַטאָרס צימערל. א מין שמאָל קעמערל אָן א פענצטער. וויפל מאָל איז ער, מאָטקע ברען, שאַענווייז אָפּגעשטאַנען לעבן דעם דאָזיקן צימערל? וויפל מאָל האָט ער געבראַכט אין אָרדענונג די פּאַיע, דעם וועסטיביול, דעם זאַל, די בינע און אָט דאָס קליינינקע צימערל, געוואַשן די דילן, גלאַט צוגעקערט... און וויפל מאָל איז ער געבליבן אויף נאַכטלעגער אין דער „קאָמעטאַ“. ער פלעגט זיך אויסבעטן אינעם ברייטן פּאָטעל, וואָס איז אַמאָל געמאַכט געוואָרן ספּעציעל פאַר „מירעלע עפראָס“, און זיך צודעקן מיטן טייערן פוטער פון ראַפאַיל פרידלענדער. דער „טייערער“ פוטער איז געווען געדעקט מיט געפאַרבטן קאָלענקאָר און אונטערגעקלאַפּט מיט גרויער וואַטע אויף מאַרליע, און דער פּאָטעל איז געווען געמאַכט פון ניט געטעטעטע ברעטער, באַצירטע מיט בוטאַפאָרישע אינקרוסטאַציעס. אויסגעפאַרבט איז ער געווען מיט א גאָלד-פּראָשעק. מאָטיע ברען האָט זייער גוט געקענט די „קאָמעטאַ“! ער האָט דאָ געוווּסט יעדער גראַבל אויף די קוליסן, לאַנג שוין ניט געווייסטע ווענט, יעדער אויפשריפט אויף זיי, וואָס איז שוין אומעגלעך געווען אָפּצומעקן.

די טיר פונעם אדמיניסטראַטאָרס צימערל איז געווען פאַרמאַכט. פון דער־זײַט טיר איז געשטאַנען אַף דער וואַך נאָטע קאָפּ. ער איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו די ברעטער, און אין מאָטיעס אויגן האָט ער אויסגעזען, ווי א געטרײַער דינער, וואָס ריזיקירט מיטן לעבן, אָפּהיטנדיק דעם ארײַנגאַנג אין אַלקער פון דער קיניגן, וואָס האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט איר געליבטן. אַגעוו, די, וואָס האָבן זיך געפונען פון יענער זײַט טיר, האָבן טאַקע איבערגעלעבט די גרויסע פרייד פון זיסער טײַווע — זיי האָבן געציילט דאָס אָפּגעלייזטע געלט.

נאָטע קאָפּ האָט מיט א פּאַך פון דער האַנט געוויזן מאָטיען און מאַגאַלניקן, אַז צו דער טיר איז שטרענג פאַרבאָטן צוצוגיין.

— וואָס זײַט איר גאָר פּלוצעם אוועק פונעם קאָנצערט? — האָט ער זיך געכידעשט.

— מיר דאַרפן נייטיק אײַער באַלעבאָס, — האָט מאָטיע אים געגעבן צו פאַרשטיין.

— פּונקט געפונען די צײַט! — האָט זיך נאָטע געבייזערט. — איר'ט שוין בעסער קומען מאָרגן.

— אונדז איז נייטיק אים זען אַצינד!

— מאַלע וואָס סע איז אײַך נייטיק! עס ברענט? — האָט נאָטע קאָפּ געצוקט מיט די אַקסלען און געכויזעקט פון זיי, — מע וועט זאָגן א דאַנק, אויב מוסיו פוקס וועט אײַך וועלן אופנעמען מאָרגן!

ניט לאַנג געטראַכט, האָט מאַגאַלניק א שטויס געטאָן דעם וועכטער און מיטן פויסט אָנגעקלאַפּט אין טיר. נאָטע האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, גרייט צו שלאָגן זיך ביז בלוט. מאַגאַלניק האָט אים אָבער אָפּגעשטויסן פון זיך, און מאָטיע האָט ווידעראַמאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— נעל־זיאַ![1] — האָט מען געשריִען פונעם צימערל. — נאָטע! וווּ ביסטו דאָרט?

נאָטע האָט שיר ניט געוויינט פון פאַרדראָס.

— נו, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? — האָט ער געשריִען אַף מאָטיען און זיך געוואָרפן אַף אים מיט די פויסטן. — הערט נאָר א נײַס! דערלאַנגט זיי באַלד דעם מוסיו פוקס! סע ברענט בא זיי!..

מאַגאַלניק האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט, דאָסמאָל מיט ביידע פויסטן. די טיר האָט זיך אופגעעפנט. א ביז גאָר צעבייזערטער, האָט זיך באַוויזן מוסיו פוקס, הינטער זײַן פּלייצע איז געשטאַנען זײַן פרוי.

— וואָס איז? וואָס איז געשען? ווער זײַט איר? וואָס דאַרפט איר דאָ? — האָבן געשריִען לויט דער ריי מוסיו פוקס און זײַן פרוי, וואַרפנדיק בייזע בליקן אַף נאָטען און אַף מאָטיען מיט זײַן געהילף. — נאָטע! פאַרוואָס לאָזסטו ארײַן אהער אַלע די, וואָס שלײַאָנדערן דאָ?

— מיר דאַרפן מיט אײַך ריידן, — האָט געזאָגט מאָטיע, אַף וויפל עס איז געווען מעגלעך, מיט א רויִקער שטים.

— הײַנט נעם איך ניט אוף! איר האָט דאָך געהערט? ער האָט דאָך אײַך געמאָלדן! — האָט א געשריי געטאָן מוסיו פוקס און געוואָלט פאַר־

[1] מע טאָר ניט (רוס.).

קלאפּן די טיר, נאָר מאגאלניק איז שוין געשטאנען אף דער שוועל. פוקס האָט געשריִען:

— איר וועט קומען מאָרגן! איר וועט קומען איבערמאָרגן!

— איר קאָנט אינגאנצן ניט קומען! — האָט אים געהאָלפן זײַן פרוי.

— הײַנט נעם איך קיינעם ניט אוף!

— און מאָרגן קאָנען מיר ניט! — האָט זיך אײַנגעשפּארט מאגאלניק.

— מיר זײַנען געקומען צו אײַך פונעם גוברעווקאָם! — האָט מאָטיע געמאָלדן.

— ווער איז ער עס אזוינס? מיר קענען ניט קיין שום רעווקאָם! — האָט זיך ארויסגעכאפּט מאדאם פוקס.

— צוליב וואָס טויג ער מיר, דער גוברעווקאָם אײַערער? איך האָב ניט קיין שום אייסאָקים מיט אים!

— וואָס באומרוּיִקט איר זיך אזוי? — האָט מאָטיע געפּרוווט אים אײַנ־שטילן. — מיר דארפן פון אײַך נאָר איין קלייניקייט: מיר זײַנען געקומען אײַך מעלדן, אז פון מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר, לויט דער באשטימונג פונעם גוברעווקאָם, רעפּעטירן דאָ אין „קאָמעטא".

— ווער איז עס „מיר"? ווער זײַט איר אזוינס?

— מיר? מיר זײַנען א גרופּע אקטיאָרן! איז אָט וועלן מיר זיך צונויפ־קומען אהער אין „קאָמעטא" יעדער פרימאָרגן און וועלן רעפּעטירן א גאנצן טאָג, ביז אָוונט! — האָט אים מאגאלניק געגעבן צו פארשטיין.

— אָט טאקע פּאַשעט אזוי וועט איר נעמען און קומען אהער? — האָט פוקס כויזעק געמאכט.

— וואָס הייסט עפּעס „איר וועט נעמען"? עפּעס גלאט אזוי נעמט מען? מיר האָבן דאָך א פּאטענט! — האָט זיך צעשריִען מאדאם פוקס.

מוסיו פוקס האָט זיך אויסגעדרייט צו זײַן פרוי, ווי צום אייניציקן צו־הערער, וואָס האָט די רעכט צו ריידן מיט אים, און אָנגעהויבן אויסרעכע־נען אף די פינגער:

— איך האָב שוין אָפּגעצאָלט ביז א פּרוטע פאר אלע אכט סעריעס פון „טײַנע ניו־יאָרקא", דאָס וועל איך ווײַזן ביז פּייסעך, נאָכדעם האָבן מיר פיר סעריעס „מאסקא סמערטי", און ער וויל מיר קומען אהער, אזא מערזאוועץ!..

מאדאם פוקס איז אָבער געווען פארנומען מיט אירס — זי האָט אפגיך צונויפגענומען פון טיש די בילעטן־ביכלעך און זיי צעשטופּט אין די קע־שענעס פון איר ברייטן מאנטאָ. דאָס געלט האָט זי נאָך פריִער באוויזן ארײַנשטופּן אין בוזעם. עס האָט זיך געדאכט, אז זי הערט שוין ביכלאל ניט, וועגן וואָס דער מאן אירער שרײַט, מאכמעס זי האָט געוווּסט, אז אויב ער צעשרײַט זיך, איז שוין אומעגלעך אים אָפּצושטעלן.

— נו! גוט! — האָט נאָכגעגעבן מאָטיע ברען. — פרעגט זיך, צוליב וואָס דארף מען זײַן אזוי נערוועז? איר וועט ווײַזן אײַערע שעדעווערן און די קאָנצערטן מיט די שענסטע און בעסטע אקטריסעס, און אין אָוונט וועט איר אונטערעכענען די קאסע, ציילן דעם פּידיען... נאָר באטאָג שטייט דאָך די געבײַדע ליידיק? צוליב וואָס דארפט איר האָבן דעם טעאטער באטאָג?

— הער נאָר, כ'בעט דיך! — איז אזש אונטערגעשפרונגען מוסיו פוקס. — וואָס איז דײַן טאטנס אייסעק, וואָס בא מיר אין טעאטער טוט זיך באַטאָג? איך צאָל ארענדע פארן טעאטער, הייסט עס, אז איך דארף אים האָבן א גאנצן מעסלעס! געפעלט דיר, וואָס פאר א באַלעבאָס איך וואָלט געווען, ווען דער טעאטער שטייט בא מיר פוסט באַטאָג?

די מאדאם פוקס האָט פארקנעפּלט דעם מאנטאָ און איז ארויס פון צימער.

— נו, נו! אזא אָנשיקעניש! — האָט זי געזאָגט, ניט ווענדנדיק זיך צו קיינעם.

מוסיו פוקס איז ארויס נאָך איר. בא די טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— ווערסט פארמאכן דעם טעאטער נאָכן סעאנס און די שליסל וועסטו מיר ברענגען אהיים, — האָט ער באפוילן נאָטען. יענער איז געשטאנען אָנגעבויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מאָטיע מיט מאגאלניקן זײַנען געשטאנען בא די טרעפּ און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— מאָרגן וועלן מיר מוזן דערציילן וועגן דעם אלץ וויקטאָר איוואַנאָוויטשן, — האָט באַשלאָסן מאגאלניק און זיך געלאָזט גיין, — אנטקעגן וויקטאָר איוואנאָוויטשן וועט ער אויסזען ווי א פלוי קעגן א לייב, אָט דער דאָזיקער מוסיו פוקס!

מאָטיע האָט מיד א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— מע טאָר ניט פארגעסן, אז א פלוי פארמאָגט א מײַלע: דער לייב קאָן די פלוי ניט בײַסן, ווען פארקערט...

אויפן שווארצן סאמעטענעם הימל איז געהאנגען א גרויסע שלעכט אויסגעמאָלטע לעוואָנע, וואָס האָט פונדעסטוועגן ניט שלעכט באלויכטן די פוסטע גאסן. ארום און ארום איז ניט געווען צו זען קיין איין נעפעש. און נאָר דאָס צווירקעניש פונעם קינאָ־אפּאראט האָט דערמאָנט, אז ערגעץ־ווו צאנקט דאָס לעבן פון דער באנאכטיקער שטאָט.

— מע דארף דאָך אמאָל גיין אהיים! — האָט זיך מאָטיע דערמאָנט. — נו? וואָס זאָגסטו?

קאַפּיטל זעקס

„זיבעצן"

דער עמעסער גאניידן, פון וועלכן מע קאָן ניט ארויסטרײַבן דעם מענטשן, געפינט זיך, אוי־ווי, נאָר אין זײַנע טרוימען. מאָטיע ברען פלעגט זיך אָפט ארײַנכאפּן אין אָט דעם גאניידן און אזויארום זיך ראטעווען פון אלע צאָרעס, וואָס האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים פוסטריט. אָט האָט זיך געטראָפן איינעם דאָזיקן אָוונט, אז ווען ער האָט זיך שוין גאנץ שפּעט געזעגנט מיט דאָווידקע מאגאלניקן לעבן טויער פונעם הויז, אין וועלכן ער האָט געוווינט, און

איז פארבליבן איינער אליין, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פארטראכט זיך. געטראכט האָט ער וועגן אלע אומגליקן, וואָס האָבן געלאָקערט ארום אים, און מיטאמאָל זיך צעלאכט, ווײַל אלע אומגליקן זײַנען שוין געווען אין אָוואר, זיי זײַנען געווען הינטער אים. לאכן פונעם אָוואר — וואָס קאָן זײַן גרינגער? אָבער פּרווו אויסלאכן דאָס, וואָס ווארט ערשט אף דיר!

עפּשער דערפאר ווײַל די נאכט איז געווען א פײַכטע, א ווינטיקע, מיט אן עסעריקער קעלט, עפּשער דערפאר, וואָס ער האָט זיך פארן טאָג שטארק אײַנגעמידט און אויסגעהונגערט, ווי א היימלאָזער הונט, צי עפּשער דערפאר, וואָס ער האָט נאָך געמוזט אויסהערן בעטיעס באנאכטיקע טפילע, זײַן ווײַבס מינכע־מײַרעוו, — איז אים אזוי ביטער געווען אפן הארצן. אוי, איז דאָס געווען א טפילע! בעטיע האָט געשרײַען אין איין אָטעם, דערבײַ האָט זי זיך אליין אקאָמפּאנירט מיט א קלאפּעריי פון קאָ־לעראליי כפּייצים, וואָס זי פלעגט ווארפן אפן דיל, אין די ווענט (עמעס, קיין זאכן, וואָס מע קאָן צעברעכן, זײַנען שוין אין שטוב פון לאנג ניט געווען), און איר „טפילע” פארענדיקט מיט א לאנגדויערנדיקער היסטע־ריקע.

ניין, בעסער איז שוין ניט ארײַנצוקומען אין שטוב. נאָר אויב אזוי, ווהין זשע גייט מען? עפּשער זיך ארויפכאפּן אין קארטאמישעווסקער געסל? עליע פארמאכט סײַווי ניט די טיר. ארײַנשמוגלען זיך אין קעלערל, פון דאָרטן, אויב עס וועט זיך אײַנגעבן, ארײַן אין קיך, ס'איז דאָך דאָרט פּאָרט ווארעמער, ווי אין דרויסן. אָך, ווי גוט איז אויסצוצײַען זיך אף דער באנק, אונטערלייגן אונטערן קאָפּ א ווארעמען פּויסט און כאפּן א שלאָף ביזן גרויסן טאָג ארײַן! און אינדערפרי דארף מען זיך ערשט ווי־דער פארפירן מיטן מוסיו פוקס און מיט זײַן קאמפּספייזיקער מאדאם. געוויס וועט אין שלאכט ארײַנטרעטן אויך נאָטע קאָפּ, און אין דעם פּראט איז נאָטע א מומכע.

יאָ, מאָרגן וועט זײַן א פײַנער טאָג!

מאָטיע רײַסט זיך מיטאמאָל אָפּ פונעם אָרט, און אין דער נאכט־שטיל־קײַט ווערן ערגעץ פארשווונדן זײַנע טריט — געזאָגט, און גלײַך אין וועג ארײַן! קארטאמישעווסקער געסל איז קארטאמישעווסקער געסל! נאָר ווען זשע וועט ער קומען אהין, אויב ער האָט באשלאָסן גיין דורך דער קוז־נעטשנער גאס? וואָס איז ער, כאָסערדייע צי וואָס? עפּשער איז ער שיי־קער? איי, מאָטיע! ווהין גייסטו?..

ניין, ער איז ניט כאָסערדייע. בא א נידעריק פענצטער, וואָס ליגט אף דער העלפט באגראָבן אין דער ערד, לאָזט זיך מאָטיע אראָפּ אף די קני, מיט זײַן ווארעמען אָטעם בלאָזט ער אף דער שויב, נאָכדעם לייגט ער צו דעם אויער צו דער טאפליע, הערט א ווײַלע זיך צו און נעמט שטיל פּליסטערן.

קאָן זײַן, אז עמעץ אנדערש וואָלט ווײַטער געשלאָפן און געזען גוטע כאלוימעס — עס איז דאָך סאמע מיט נאכט, נאָר איך שפּרינג אראָפּ פונעם טאָפּטשאן אזוי, אז קיין סקריפּ זאָל קיינעם ניט אופוועקן; מיט פלינקע הענט כאפּ איך אף זיך ארוף דאָס רעקעלע, און אָט בין איך באם פענצטער.

אין א רעגע ארום זײַנען מיר שוין צוזאמען.

— איך קלער, אז דו ביסט זיך פאַרזעסן אַלס סופליאָר! — הייבט אָן מאַטיע דעם באַנאַכטיקן געשפּרעך און לייגט מיר אַרויף אַפּן אַקסל זײַן שווערע האַנט — אַזוי איז אונדז לײַכטער צו גיין, עס איז וואַרעמער. — מיר, פֿרײַנט מײַנער, — גיט ער צו פֿאַרשטיין זײַן געדאַנק, — זײַנען בלויז די, וואָס טראָגן פֿאַנאַנדער צו פֿאַרקויפֿן דאָס, וואָס מיר שאַפֿן. פֿאַר אונדזער שאַפֿונג דאַרפֿן מיר קריגן באַלאָנים, און דאָס איז ניט אַזוי גרינג, ווי עס קאָן זיך אויסדאַכטן. אָט באַלד פֿאַרענדיקט זיך די נאַכט, וועט קומען א נײַער פֿרימאָרגן, דעם דאָזיקן פֿרימאָרגן וועלן מיר אַרײַנ־קומען אין א נײַעם טעאַטער. דאָס איז שוין ניט קיין טרוים, ניט קיין פֿאַנטאַזיע, דאָס איז שוין עפּעס רעכטס. מיר האָבן אָן אַרײַנגאַנג, א פֿאָיע, א פֿאָרהאַנג, זאָל זײַן דערוויַיל מיט לעכער, און אן עמעצע בינע מיט קוליסן, דאָס אַלץ האָבן מיר. אין זאַל וועלן קומען צושויער, א סאַך צושויער...

מאַטיע שטייט אַנטקעגן מיר, נאָר אין דער פֿינצטערניש איז ניט צו זען זײַן פּנים. איך ווייס, וואָס ער וויל מיר זאָגן, אָבער איין זאַך קאָן איך ניט פֿאַרשטיין: פֿאַרוואָס האַלט ער, אַז איך בין זיך פֿאַרזעסן אַלס סופליאָר, אויב מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט געשפּילט קיין איין מאָל און איך בין נאָך קיין איין מאָל ניט אַרײַנגעקראָכן אין דער סופליאָר־בודקע?

מיר זײַנען פֿאַרבײַ די קוזניעטשנע גאַס און ציטערן ביידע פֿון קעלט. דער ווינט בלאָזט אין פּנים. אינעם ליוטעראַנסקער געסל פֿאַרקערעווען מיר און שטעלן זיך אָפּ לעבן דער קירכע, באַם טירל, וווּ עס דאַרף זײַן א וועכטער. מאַטיע טוט א שטויס דאָס טירל, און אַף אונדז טוט א ווייע מיט וואַרעמקײַט. מיר גייען אַרײַן. הערט א נײַס, דאָ איז דאָך ניט נאָר וואַרעם, נאָר אויך געמיטלעך און קיינער איז ניטאָ. מאַטיע פֿרייט זיך, ווי א קליין קינד, וועמען מע האָט געשענקט א שפּילעכל, וועגן וועלכן ער האָט לאַנג געטרוימט.

— און מיר, אַזעלכע צוויי אָסטאָלאָפּן, ווייסן ניט, וווּ מע קאָן זיך אָנוואַרעמען! — שרײַט ער אויס מיט ניצאָכן.

— און אויב דער סטאָראָזש וועט באַלד אַרײַן?

— וואָס הייסט, ער וועט אַרײַן? — כידעשט זיך מאַטיע. — מע דאַרף קלערן, אַז ער פֿאַרטרויט אונדז אָט דאָס דאָזיקע בײַדל. וואָס איז? מיר וועלן עס צוגאַנווענען צי אויפֿעסן?

ער שווײַגט א ווײַלע, נאָכדעם באַשליסט ער:

— אָפּגערעדט, פּאַטער! אויב ער וועט קומען, נעמען מיר אים אַרײַן אין טעאַטער פֿאַר א קאָמיקער א שלימאַזל!

אין דער בודקע איז בעפֿײַרעש וואַרעם, א מעכײַע.

מאַטיע האָט געשוויגן א ווײַלע, אָפּגעזיפֿצט און פֿאָרגעזעצט זײַן גע־דאַנק:

— וועגן רעפּערטואַר דאַרף זיך זאָרגן דער סופליאָר!

ער פֿאַרשטייט, מאַטיע, אַז ער האָט איצט געזאָגט אַזוינס, וואָס מוז אַרויסרופֿן מײַן דערווידערונג, נאָר ער האַלט מיך צו באַ דער האַנט, איך

זאָל אים ניט איבערשלאָגן, שטייט צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און וואַרט, ביזוואַנען איך וועל זיך באַרויִקן. דאַן זעצט ער פאָר:

— אַן אַרטיסט, פּרײַנט מײַנער, — זאָגט ער שוין מער געלאַסן, — איז אָדער אַן עקספּערימענטאַטאָר, אָדער אַ מעס. אַ סופּליאָר איז אָדער דער באַלעבאָס פון דער בינע, אָדער אַ כניאָק. אַ סופּליאָר, וואָס קאָן נאָר צו דער צײַט דערלאַנגען פון דער בודקע אַ רעפּליקע, האָדעוועט זיך מערסטנס מיט פּעטש און בוכענצעס, פּאַר וועלכע ער צאָלט מיט אַ שטענדיק געהאָרכזאַם שמייכעלע. אַזאַ סופּליאָר דאַרף האָבן מאַריץ סעגאַל. זאָג מיר, איך בעט דיך, צוליב וואָס דאַרף אַ סופּליאָר לייענען פרעמדע פּיעסן, איבערגעשריבענע פון דער האַנט, קאַליע מאַכן זיך די אויגן, ווען ער קאָן לייענען אַף אויסווייניק אַ פּיעסע, וואָס ער האָט אליין אָנגעשריבן? דו האָסט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם? — ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער וואַנט, געבליבן שטיין אינמיטן דער בודקע און זיך אָנגעבויגן צו מיר. — עמעס, איידער מע נעמט לייענען אַן אייגענע פּיעסע, מוז מען זי פריִער אָנשרײַבן.

מיר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז איך פאַרשטיי, וואָס מאָטיע וויל אויס־ברײַען, נאָר איך שלאָג אים ניט איבער, כ׳וואַרט מיט אומגעדולד, וואָס וועט ער ווײַטער זאָגן.

— באַ אונדז אין הויז, — הייבט ער אָן שטיל, — האָט געוווינט פעדיע ספּיוואַק. אַ באַשיידן, אַ שעמעוודיק באָכערל. ווען מע פלעגט זיך ווענדן צו אים, פלעגט דאָס פּאָנעם זײַנס ווערן רויט, ווי באַ אַ מיידל, און די קלײַנע פלעגן ווערן גרעסער און זיך נעמען לויכטן. איך זע אים פאַר זיך, ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען לעבן מיר. איך בין שוין געווען אַ ווערגע־לעך, ווען ער איז נאָך אַרומגעלאָפן באָרוועסערהייט איבערן הויף. פעדיעס טאַטע האָט געאַרבעט באַ געגנען אַפן זאַוואָד. אינעם פופצנטן יאָר איז ער אַוועק אַפן פראָנט, און אין דרײַ כאָדאָשים אַרום איז אָנגעקומען אַ יעדיִע, אַז ער איז אומגעקומען. געגן האָט זיך דעמלט קוינע־שעם געוועזן מיט זײַנע פּאַטריִאָטישע און עכט־ליבעראַלע אופּטועכצן און נעדאָוועס, האָט ער באַפוילן, אַז פעדיע זאָל קומען אַפן זאַוואָד און זיך שטעלן אַרבעטן. איין קלייניקייט — געגן נעמט אים אַף אַרבעט! פעדיע איז דעמלט אַלט געווען אַ יאָר פופצן.

עס איז געווען טשיקאַווע נאָכצוקוקן, וויאַזוי אָט דאָס באָכערל איז געוואַקסן, ער האָט זיך געענדערט מאַמעש פון וואָך צו וואָך. ערשטנס, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן דער פאַרנאָסעגעבער פון דער גאַנצער מישפּאָ־כע, די ייִנגלעך אין הויף, מיט וועלכע ער פלעגט אַרומלויפן באָרוועסער־הייט, האָבן זיך אָנגעהויבן באַציִען צו אים מיט אָפּשײַ, מע פלעגט שוין ניט נאָכשרײַען „פעדיע — זינגו!", מאַכמעס די פאַמיליע זײַנע, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, איז ספּיוואַק. אין שטוב האָט מען אים איצט גערופן ניט אַנדערש ווי פיאָדאָר. די מאַמע זײַנע האָט איבערגעניצעוועט אַן אַלט רעקל און געמאַכט אים אַ וואַרעמע טוזשורקע. נאָך דער אַרבעט פלעגט ער באַזוכן די אַרבעטער־אָוונט־שול. אָבער די וויכטיקסטע ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען מיט פעדיע ספּיוואַקן, האָבן מיר, זײַנע הויף־כאַווײרים, ניט באַמערקט.

אינעם אכצנטן יאָר, ווען אין שטאָט זײַנען געווען די דײַטשן, האָט זיך געטראָפן, אַז אינמיטן דער נאַכט האָט זיך צו אונדז אין הויף אַרײַנ־געריסן אַ גאַנצע כאָפּטע שוצמאַנעס, ווי מיר פלעגן זיי רופן. זיי האָבן באַלאַגערט דאָס הויז פון אַלע זײַטן, געזוכט און גענישטערט אין יעדער לאָך, אין די קעלערס, אַף די בוידעמער און אַפילע אין די קוימענס. זיי האָבן זיך די גאַנצע צײַט געזידלט, געדראָעט, אַז זיי וועלן אַלעמען אומ־ברענגען. זיי האָבן געשריִען ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן, און אַוועק זײַנען זיי מיט ליידיקע הענט. קיינער בא אונדז אין הויף האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס האָבן זיי געזוכט. דער באַלעבאָס אונדזערער האָט אויך ניט געוווּסט פון גאָרניט. אַף טויט אַן איבערגעשראָקענער, איז ער אַרומגע־גאַנגען די גאַנצע נאַכט מיט די דײַטשן, האָט זיי באַלויכטן אַלע לעכער מיט אַן אָנגעצונדענעם ליכט, צוזאַמען מיט זיי געקראָכן אַף די בוידעמער און די גאַנצע צײַט געטײַנעט, אַז ער וועט מיט די אייגענע הענט דער־שטיקן דעם אויסוווּרף, וואָס פאַרשאַפט אים אַזעלכע צאָרעס. גאַנצפרי, באַלד נאָך דעם ווי די דײַטשן זײַנען אַוועק, יאָוועט זיך אַרײַן צום באַלע־באָס צוויי כעווערלײַט. זיי זאָגן ניט קיין וואָרט, גייען גלײַך אין אַלקער און שלעפן אַרויס פון אונטערן בעט אַ פּולן זאַק מיט פּראָקלאַמאַציעס. אין אַ שאָ אַרום זײַנען אָט די פּראָקלאַמאַציעס געווען אויסגעהאַנגען אין שטאָט.

טאַקע אינדערעמעסן, ווי קומט אַזאַ זאַך אונטערן בעט בא אונדזער באַלעבאָס? וועגן דעם האָט קיינער ניט געוווּסט. אונדזער באַלעבאָס איז געווען אין שטאָט באַוווּסט אַלס איינער פון די גרעסטע שוואַרצמייעניקעס און פּאָגראָמשטשיקעס, צו אים האָבן די דײַטשן אַפילע ניט דערטראַכט זיך צו קומען זוכן. אים האָבן זיי געטרויט. און, פאַרשטייט זיך, קיינעם איז ניט געקומען אַפן זינען, אַז צו דער דאָזיקער אָפּעראַציע האָט פּעדיע די מינדסטע שײַכעס. ווער, וואָס? וויאַזוי קלעפּט זיך עס?

און וויאַזוי, זאָג מיר נאָר, פּרײַנט מײַנער, פּאָרט זיך די מאַניפעסטאַ־ציע פון די אַרבעטער אַפן פּערעסיפּ מיטן באַזוך פונעם פראַנצויזישן גענעראַל דע אַנסעלמאָ? — האָט מאָטיע זיך אליין געפרעגט. — מיר האָבן דעמלט אויך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. נאָר צוליב דער אַרבעטער־מאַ־ניפעסטאַציע האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז מע האָט געמוזט אָפּשאַפן די באַגעגעניש פונעם גענעראַל, וואָס איז, ווי באַוווּסט, געקומען צו אונדז, ווי ער האָט אליין געזאָגט, „אויסצוואָרצלען די קאָמוניסטן!".

ווּעסטו מיך פרעגן, וואָס זשע פאַר אַ שײַכעס האָט געהאַט צו דעם אונדזער פּעדיע? אַף דער דאָזיקער פראַגע קאָן איך דיר טאַקע ניט ענט־פערן גענוי, נאָר איך בין זיכער, אַז צווישן דער מאַניפעסטאַציע און דעם פראַנצויזישן גענעראַל ציט זיך אַ פּעדעמל. אַ פּעדעמל, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט באַמערקן. איצט הער אַ מײַסע. איינמאָל אין אָוונט, דאָס איז געווען פאַראיאָרן בעשאַס דער אינטערווענציע, זײַנען מיר געלאָפן מיט אילישען איבער דער טיראַספּאָלסקער גאַס, מאַכמעס עס האָט זיך שוין דערנעענטערט די קאָמענדאַנטן־שאָ, ווען יעדער ציווילער מענטש אַף דער גאַס ווערט פאַרעכנט אַלס מעלוכישער פאַרברעכער. אַפן ראָג פון דער אוספּענסקער גאַס האָבן מיר אין דער פינצטערניש זיך צוזאַמענ־

געשטויסן, מע קאָן זאָגן, פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט פּעדיען. ער איז געגאַנגען געאַרעמט מיט א פרוי, אוןביידע האָבן זיי גאַנץ רויִק גערעדט און אין ערגעץ ניט געאײַלט, גלײַך אין שטאָט וואָלט ניט געווען קיין שום אינטערווענציע, קיין קאָמענדאַנטן־שאָ. „טשיקאַווע, — טו איך א זאָג צו אילױשען, ווען מיר האָבן זיך באַהאַלטן הינטערן טויער, — וואָס איז עס פאר א דאַמע, וועלכע האָט ניט געקאָנט געפינען פאר זיך קיין מער סאָלידן קאַוואַלער? הײַנט וואָס איז עס פאר א שפּאַציר אין אַזאַ צײַט?" — „דו ווייסט, ווער די דאַמע איז?" — פרעגט אילױשע. — „ווער, זאָג איך, זי זאָל ניט זײַן, איז זי מיסטאָמע פון די, וואָס וווינען דאָ גאָר נאָענט; אָדער א פאַרזעסענע מויד, אָדער מיט עפּעס א מום, אויב זי האָט ניט געקאָנט געפינען פאר זיך קיין שענערן קאַוואַלער! איך קען דאָך אים! ער איז פון אונדזער הויז און איז קוים אכצן יאָר אַלט!". — „אָסטאָלאָפּ! — שרײַט שוין אויס אילױשע, — האָסט כאָטש אַמאָל געהערט וועגן זשאַנאַ ליאַבורב? איז אויב דו האָסט ניט געהערט, מוז איך דיר זאָגן, אַז מיר מיט דיר דאַרפן זיך אויסלעבן דרײַ לעבנס, אויב מיר ווילן, סע זאָל זיך אונדז איין מאָל כאָלעמען כאָטש א הונדערטסטעלעך פון דעם, וואָס זי האָט געזען פאר איין טאָג אין דער וואָר!"

„זשאַנאַ ליאַבורב? — פרעג איך איבער. — וויִאַזוי זשע רעדט ער מיט איר? ער קען דאָך ניט קיין פראַנצויזיש". לאָזט זיך אויס, אַז פּעדיע האָט זיך אויסגעלערנט און קנאַקט פראַנצויזיש ניט ערגער פונעם גענעראַל דע אַנסעלמאָ!

אָט אַזוי זײַנען מיר דעמלט געשטאַנען הינטערן טויער און אײַנגאַנצן פאַרגעסן וועגן דער קאָמענדאַנטן־שאָ. „עך, סאַראַ קליינינקע מענטשעלעך מיר זײַנען! — האָב איך געטראַכט. — ווען אין שטאָט זײַנען אַרײַן די פראַנצויזן, האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן ריידן בראָדעריש און עטוואָס גענפּאָנפּעט, אַזאַ מאָדע איז געוואָרן! דאָס האָט באַטײַט, אַז מיר זײַנען איידל געפּעסטעט. ווי דזשענטלמענער פונעם שייוועט מאַקאַקי, האָבן מיר יעדן טאָג צענדליקער מאָל איבערגעכאַזערט די צוויי־דרײַ פראַנצויזישע ווערטער, וואָס מיר האָבן ערגעץ אויפגעכאַפּט, און אַליין באַשטימט, אַז מיר זײַנען אומגעהייער אויסגעוואַקסן". און אין דער זעלבער נאַכט, ווען בא מאָריץ סעגאַל האָט מען געשפּילט „יענטע מיט דער רויטער לענטע" און די באַלעבאַטימלעך פון די יאַטקעס און זייערע אויסגעפּוצטע דאַמעס האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, אָט אין יענער נאַכט, ווען איך האָב געשפּילט כאַצקל דעם דינער און זיך געסטאַרעט צו געפעלן די מאַרקיִדענעס פונעם פּריוואָז, האָט מען זיי פאַרנומען. פּעדיען האָט מען געכאַפּט... צוגענומען, אַף שטענדיק. אַף אייביק! דו פאַרשטייסט, אַף אייביק?!

מאָטיע איז אַנשוויגן געוואָרן אַף עטלעכע מינוט, געקוקט אַף דער שוואַרצער וואַנט, אַף וועלכער עס האָבן זיך אויסגעלייגט אונדזערע אײַנגעשלאָפענע שאָטנס.

— געכאַפּט. צוגענומען אַף אייביק, — האָט ער ווידעראַמאָל אָנגעהויבן, אָבער גאָר שטיל. — לאַנג, ווײַזט אויס, האָבן זיי אים געזוכט. עס איז זיך מיסטאָמע ניט באַגאַנגען אָן א פּראָוואָקאַטאָר. נאָכדעם האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער איז געווען איינער פון די זיבעצן, קאָן זײַן אפילע דער

אַנפּירער זייערער. אַלץ קאָן זײַן! צוויי כּאַדאָשים, באַטאָג און באַנאַכט, האָט מען זיי געפּײַניקט. אָפּגעגאָסן מיט קאַלטער וואַסער און ווידער געשלאָגן. עטלעכע טעג, איידער די דעניקינצעס זײַנען אַנטלאָפן, האָבן זיי אומגעבראַכט די קאָרבאָנעס זייערע. אָן אַ פּראָקוראָר, אָן אַ געריכט. מע האָט זיי ניט געשאָסן, אַפילו ניט אָפּגעהאַנגען. מע האָט זיי פּאַשעט דערהאַרגעט. געווען זײַנען צווישן זיי אויך דרײַ מיידלעך — אידע קראַס־נאָשטשאָקינאַ, דאָרע ליובאַרסקאַיאַ און פּאַליע באַרג... נאָכדעם האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער, פּעדיע, האָט ליב געהאַט פּאַליע באַרג.

איך קוק אויף מאַטיען, ריכטיקער אויף זײַן סילועט, וואָס בייגט זיך אָן צו מיר און גלײַכט זיך אויס. איך הער זיך אײַן אין זײַן סוידעספּולער שטים:

— איך וויל פאַרשטיין אָט וואָס! — רופט ער אויס אַ שטאַרק אויפגע־רודערטער. — אָט זײַנען מיר ביידע יונגע מענטשן, אַזעלכע ווי די זיבעצן, וווינען אין דער זעלבער שטאָט, ווו זיי האָבן געוווינט, און אַפילו אין איין הויז. פאַרוואָס האָט אונדז דעמלט קיינער ניט געזוכט? ווילסט זאָגן, אַז דאָס איז אונדזער גורל! בין איך ניט אײַנשטימיק. דאָס איז ניט קיין גורל! דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. די דעניקינצעס האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, באַ וועמען זיי נעמען אָפּ דאָס לעבן. מיר האָבן זיי ניט געשטערט. דו פאַרשטייסט? מיר האָבן ניט געשטערט די דעניקינצעס!..

מאַטיע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געפרעגט:

— איצט פאַרשטייסטו שוין, וואָס איך קנעל מיט דיר?

די דאָזיקע פראַגע וואָלט ער געקאָנט ניט שטעלן. איך האָב זייער גוט געוווּסט, וואָס ער מיינט... דאָס וועכטער־בײַדל, וווּהין מיר זײַנען צופעליק פאַרקראָכן מיט מאַטיען, ווערט פאַרשווונדן. פאַר די אויגן שווימען דורך אַלץ נײַע און נײַע בילדער. איצט געפינט זיך שוין דאָס פענצטערל פונעם בײַדל גאָר אין אַן אַנדער זײַט. לעבן דער טיר וואַקסט אויס אָנשטאָט דעם קוימען, וואָס שפּאַרט אונטער די סטעליע, אַ סאָלדאַט, וואָס שטייט אויף דער וואַך. מיר מיט מאַטיען זײַנען שוין דאָ ניט אַליין, דאָ זײַנען איצט זיבעצן פאַרשוין. מע דאַרף אַפילו ניט צומאַכן די אויגן, קעדיי צו דערזען די אַלע זיבעצן, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן צוזאַמענגענומען אין דער דאָזיקער נאַכט... נאָר אין דער זעלבער צײַט זײַנען מיר אויך איידעס — מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם שפּירן מיר נאָך אַלע געשעענישן. אָט זעען מיר אַ קאָנספּיראַטיווע דירע אויף דער קוזניעטשנער גאַס. און מיר האָבן ניט געוווּסט, קיין אָנונג ניט געהאַט וועגן דעם, אַז אַזאַ דירע איז פאַראַן אין שטאָט. קאָן גאָר זײַן, אַז מיר האָבן אַלע טאָג זיך באַגעגנט מיט די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט דאָרט...

נאָכדעם טרעט אָפּ די סטעליע און עס שווימט אויף פאַר די אויגן דער הויכער פראָנטאָן פונעם גראַדאָנאַטשאַלניקס הויז. אויב מע זאָל אַרופקלע־טערן אַהין, קאָן מען פון דאָרט זען די גלײַכע קוואַדראַטן און פּאַסיקלעך פון די אָדעסער קוואַרטאַלן און גאַסן, איבער וועלכע עס אײַלן קליינינקע מענטשעלעך, איבערגעשראָקענע און שטילע; אויב אַ קוק טאָן רעכטס, קאָן מען זען דעם האַפן, דעם פאַרגליווערטן און טויטן לײַכטטורעם, די ברויזנדיקע וועלן, אָבער אָן איין שיף. און אָט איז דער פּערעסיפּ. אין

אזא שפעטער שאָ איז ער שטיל, אלע שלאָפן, און קיינער, אויסער אונדז, זעט ניט, ווי אפן פראָנטאָן פונעם גראדאָנאטשאלניקס הויז פלאטערט א העל־רויטע פאָן. אין שטאָט איז א בעהאָלע. אינעם הויז פונעם גראדאָנאַ־טשאלניק — א פאניק, די קאָנטרראזוועדקע ווארפט זיך פון איין אָרט אפן צווייטן, מע קריצט מיט די ציין: „ווער האָט עס געטאָן? ווער זיינען זיי, אָט די זיבעצן רויטע שיידים?"

— די פיעסע דארף טאקע אזוי הייסן: „זיבעצן", — זאָגט מאָטיע ברען, און מיר האָבן זיך ביידע מיטאמאָל אופגעכאפט. דאָס פענצטערל פונעם וועכטער־ביידל שטייט שוין צוריק אפן געוויינלעכן אָרט. ס'נעמט טאָגן. אין דרויסן שוועבט א דורכזיכטיקער נעפל, א בלויער. אפן נידעריקן דעכל פונעם וועכטער־ביידל כאפן זיך אוף די טויבן און נעמען וואָרקען.

— שוין קימאט זומער־נעכט, — זאָגט מאָטיע, — ניט באוויזן ארומצו־קוקן זיך... — מיטאמאָל איז ער פריילעך געוואָרן, ארומגעכאפט מיך מיט ביידע הענט אזוי שטארק, אז די ביינער מיינע האָבן א טרישטשע גע־טאָן, — ביסט זיך פארזעסן, פריינט מיינער, אלס סופליאָר! אָט אזוי ווערסטו פארגליווערט ווערן און קאָנסט נאָך ווערן כאָלילע ענלעך אף איינעם א סופליאָר, וועלכן איך האָב געקענט. צו דריי און צוואנציק יאָר איז ער געווען א זאָקן... נאָר אָט וועל איך היינט קריגן פאפיר און דיר ברענגען, ווערסטו זיך אוועקזעצן און שרייבן. ווי געפעלט דיר אזא זאך?

ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר און פאָרגעלייגט:

— ווי קלערסטו וועגן דעם, אז מיר זאָלן פאמעלעכלעך, ניט געאיילט, דורכשפאצירן זיך צו דער „קאָמעטא", אין וועג וועלן מיר טאקע כאפן א שמועס, און דערווייל וועט ווערן ליכטיק, — דערביי האָט ער מיט פאר־געניגן געריבן א האנט אין א האנט. — אציינד, ברודער, איז גאָר עפּעס אנדערש. מיר קאָנען שפּילן טעאטער, שרייבן פיעסן, וואָס מיר ווילן, טוען מיר! היינט נאָך וועלן מיר אלע גיין אין קיך פונעם גוברעווקאָם. וועט מען אונדז דאָרט אָנהאָדעווען, ווי מיר וואָלטן זיין גאנצע יאטעבי־דאמס.

די פרימאָרגן־שטילקייט האָט איינגעשלונגען א מאָנאָטאָנער קלאפּ פון סאָלדאטישע שטיוול. אף דער נאָוואָסעלסקער גאס האָבן ראָטעסווייז מאר־שירט סאָלדאטן, אינמיטן גאנג זיך איבערגעבויט און ווייטער געשפּאנט. אפן ראָג פון דער קאראנגאזאווער גאס האָט אן איינזאמער דוואָרניק געפאָכט מיט זיין בעזעם און אופגעהויבן א געדיכטן שטויב אף דער גאס.

מאָטיע האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט, אָנגעכאפט מיך פארן אקסל, ווי איך וואָלט זיך קלייבן אנטלויפן פון אים:

— צוליב וואָס זשע, פרעגט איך, זאָלן מיר עס אָפּלייגן אין דער לאנ־גער באנק? — האָט ער אויסגעשריען א שטארק פארכידעשטער. — לאָמיר טאקע גלייך זיך אראָפּכאפּן אהין, וווּ יאשע רויפמאן האָט געוווינט, טאקע דאָ ניט ווייט, אף דער דעכטיארנער גאס. אים האָט מען דעם ערשטן געגומען. בא אים איז געווען א קאָנספּיראטיווע דירע און אין קעלער האָט מען געפונען א דרוקעריי. איצט איז פארבליבן זיין אלטע, קימאט בלינדע מאמע. איינע אליין איז זי פארבליבן. זי האָט זיך געזעגן מיט איר זון מיט צוויי טעג פאר זיין טויט. צו איר איז געקומען אהיים א זשאנדארם פון

דער קאָנטרראַזוועדקע און האָט זי געבראַכט אין בולוואַרנעם פּאָליציי־באַצירק. דאָרט האָט מיט איר גערעדט אַ זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק. ער האָט איר דערקלערט, אַז אויב זי וועט ווירקן אויף איר זון, ער זאָל דערציילן וועגן זײַנע פרײַנט, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן, ווײַל אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן אַלץ נײַע פּראָקלאַמאַציעס שוין נאָכן אַרעסט פון די זיבעצן, — לאָזט ער אים גלײַך אָפּ אַהיים. דערנאָך האָט מען די אַלטיטשקע ארײַנגעפירט אין אַ צימער, מע האָט איר פאָרגעלייגט זיך זעצן אין אַ שיינעם פאָטעל, געבראַכט איר אַ גלאָז טיי מיט פּיראָזשנעס, גערעדט מיט איר אײדל... די טיי האָט זי, פאַרשטייט זיך, ניט געטרונקען, צוגעזעצט האָט זי זיך ניט אין פאָטעל, נאָר אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר. זי האָט פאַרשטעלט דאָס מויל מיטן פּויסט, אַז מע זאָל ניט זען, ווי עס ציטערן אירע ליפּן. איר זון איז אַרײַן טאַקע דורך דער טיר, לעבן וועלכער זי איז געזעסן. מע האָט אים, פאַרשטייט זיך, געבראַכט אין אָרדענונג, אָפּגעוואַשן אים דאָס פּאָנעם, אָנגעטאָן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. אַרײַנגעקומען איז ער אַליין... אָן זשאַנדאַרמען, כאָטש נעבן די מאַמע פאַר דער האַנט און גיי אַהיים. מע האָט זיי איבערגעלאָזט אין צימער, קיינער, הייסט עס, שטערט אײַך ניט, רעדט וועגן וואָס איר ווילט. די אַלטיטשקע האָט זיך אופגעכאַפּט פונעם אָרט, צוגעגאַנגען צום זון, אָן געשרייען, אָן אַ געוויין... נאָר מיט די פינגער אירע האָט זי אָנגע־טאַפּט זײַנע הענט, דאָס פּאָנעם זײַנס, די אַקסלען, נאָכדעם האָט זי אָנגע־בויגן איר ווײַסן קאָפּ און האָט געזאָגט שטיל: „איך ווייס, בעניאָכיד מײַ־נער, אַז איך זע דיך דאָס לעצטע מאָל. דאַנק איך און לויב דעם האַשעם־ייִסבאָרעך פאַרן גנאָד, וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר און האָט מיר גע־געבן דאָס גליק נאָכאַמאָל האַלטן דײַן האַנט, נאָכאַמאָל פילן דײַן לעבע־דיקן אָטעם...״

זיי זײַנען לאַנג געשטאַנען אַרומגענומען און געשוויגן, נאָר ווען זיי האָבן דערשפּירט, אַז די צײַט לאָזט זיך אויס, אַז אָט־אָט וועט מען זיי צעשיידן, האָט די אַלטע מאַמע געזאָגט צו איר זון: „איך בין דיר מעקאַנע, זון מײַנער, וואָס דו ביסט ווערט אַזאַ גרויסן, אַזאַ הייליקן טויט, און אויף דעם האָסטו דײַן מאַמעס בראָכע״. דעם פּאָלקאָווניק האָט זי געזאָגט: „וואַשע בלאַגאָראָדיע, איר מעגט זײַן זיכער, אַז מײַן זון וועט טאָן אַלצ־דינג ווי עס באַדאַרף צו זײַן!״

מאָטיע האָט מיט גרויס באַגײַסטערונג געשפּילט די ראָל פון דער מוטער. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעגלײַכט, אָנגענומען מיך פאַר דער האַנט:

— זייער וויכטיק איז, דו זאָלסט זען די דירע. זי וועט מוזן זײַן אין דער פּיעסע. מע דאַרף פאַרגעדענקען יעדער זאַך, מיט וועלכער די רעוואָ־ליוציאָנערן האָבן זיך באַנוצט, און דאָס וויכטיקסטע — זען די אַלטיטשקע, הערן איר שטים און פאַרגעדענקען...

מיר זײַנען שוין ניט געגאַנגען, נאָר געאײַלט, געלאָפן, ווי מיר וואָלטן מוירע געהאַט, אַז אָט־אָט וועט אונדז אָנכאַפּן אַ שלאַקסרעגן. אויפן ראָג פון דער קאַראַנגאַזאָוווער און דעכטיאַרנער האָט זיך מאָטיע פּלוצלינג אָפּגע־שטעלט:

— פאַרשטייסטו מיך, — האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ, — אונדזער אַמזעל האָט ביז גאָר אַ באַשיידענע פרוי. און שטעל זיך פאָר, אַמאָל איז זי געווען ניט קיין שלעכטע אַקטריסע. האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז זי, אַזאַ שטילינקע און באַשיידענע, איז אַרויס מיט אַ וואָרט קעגן מאָריץ סעגאַלן. האָט ער, פאַרשטייט זיך, זי גלײַך אַרויסגעשטעלט פונעם טעאַטער. קיין אַנדערע אַנטרעפּרענעיאָרן האָבן זי שוין ניט גענומען אין קיין טעאַטער, ווײַל מאָריץ איז געווען מיט אַלע טעאַטער־באַלעבאַטים געקניפּט און געבונדן. איז אָט אַזוי זיצט זי, פון דעמלט אָן, אַ יאָר פינף אָן אַרבעט. עך! — האָט מאָטיע אויסגעשריִען און אופגעהויבן ביידע הענט. — עך, ווען זי זאָל קאָנען! זי וואָלט בײַ אונדז אָפּגעשפּילט די ראָל פון דער מוטער!..

מיר זײַנען געגאַנגען איבער דער דעכטיאַרנער גאַס, און איך האָב געקלערט וועגן דעם, אַז אָט דאָ בין איך געווען הונדערטער מאָל, הונדערטער מאָל בין איך געגאַנגען פאַרבײַ דעם הויף, ווו עס איז געווען אַ קאָנספּיראַטיווע דירע, ווו עס פלעגן זיך צונויפנעמען אונטערערדישע רעוואָליוציאָנערן, ווו מע פלעגט דרוקן פּראָקלאַמאַציעס. קאָן זײַן, אַז הונדערטער מאָל האָב איך געזען דאָס דאָזיקע צווייִשטאָקיקע הויז, נאָר ערשט איצט וועל איך קוקן אויף דעם הויז מיט אָפענע אויגן...

קאַפּיטל זיבן

ווײַהי בויקער, ווײַהי ערעוו

דער ערשטער זונען־שטראַל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פונעם דאַך, אונטער וועלכן עס איז נאָך געשלאָפן דער טעאַטער, אָבער נאָטע קאָפּ איז געשטאַנען אויף דער וואַך און, ווײַזט אויס, שוין לאַנג אַ גרייטער צו געבן פּעטש. אַזוי האָט זיך אָבער נאָר אויסגעדאַכט. ווען ער האָט אונדז דערזען, נאָטע, האָט ער ניט פאַרקאַשערט די אַרבל, זיך ניט געוואָרפן אין אָנגריף. ער האָט אַפילע די האַנט ניט אופגעהויבן. דאָס איז שווער געווען צו פאַרשטיין. נאָטעס פּאָנעם, וואָס האָט אַלעמאָל אויסגעזען נעבעכדיק, איז דאָס מאָל שוין אינגאַנצן קיין מענטשלעך פּאָנעם ניט געווען. כאָטש נעם און שיק אים גלײַך אָפּ צום רויפע.

— אונדזער מוסיו פוקס... — האָט ער אָנגעהויבן און האָפּגעגונגסלאָז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס זשע האָט זיך אַזוינס געטראָפן מיט אײַער מוסיו פוקס? — האָט מאָטיע זיך שטאַרק פאַרינטערעסירט. — עפּשער האָט ער אופגעגעסן עפּעס אַזוינס, וואָס עס האָט אים, כאָלילע, געשאַט צום מאָגן, צי עפּשער האָט מען אים היינט באַנאַכט באַגאַנוועט?..

— ע, ווען אַזוי!.. — האָט נאָטע אַרויסגעלאָזט אַ ווייטעקדיקן זיפץ.

— וואָס זשע קאָן נאָך זײַן ערגער?

— וואָס קאָן זײַן ערגער? — האָט זיך נאָטע געכידעשט און געהייסן מאָטיען אָנבייגן צו אים דעם אויער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע

זײַטן און אײַנגערוימט מאָטיען א סאָד. — עס קאָן זײַן נאָך ערגער דאָס, וואָס הײַנט באַנאַכט האָט מען אים פאַרנומען אין טשעקאַ...

איצט איז שוין ניט געווען מיט וועמען צו שלאָגן זיך. נאָטע קאָפּ האָט ברייט צעעפנט די טיר פונעם טעאַטער, אונטערגעטראָגן מאָטיען די שליסל, אליין איז ער געשטאַנען, נאָטע, מיט אַן אראָפּגעלאָזטן, אַנטבלויזטן קאָפּ און האָט געוואַרט: וועט מען אים הייסן, וועט ער ברענגען וואָס מע וועט אים באַפֿוילן, ער וועט צוטראָגן, דערלאַנגען, העלפֿן, רופֿן וועמען מע דאַרף. וועט מען אים הייסן, קאָן ער אופֿראַמען אין זאַל, אויף דער בינע, ער קאָן זײַן א שוכפּוצער (ביז הײַנט היט ער אָפּ די בערשטלעך און דעם גוטאַלין נאָך פֿון פֿאַר דער מילכאָמע אָן, דעם עמעסן גוטאַלין מיט די רויטע אויפֿשריפֿטן אויף די קעסטעלעך), ער קאָן שטעלן דעם סאַמאָוואַר, וואָלטן נאָר געווען וואַסער און טרוקענע שפּענדלעך, שוין אָפּגערעדט פֿון קוילן; וועט מען אים הייסן, קאָן ער וויגן א קליין קינד, צולויפֿן אין מאַרק, פֿאָלגן א גאַנג; וועט מען אים הייסן עמעצן אָנעמען פֿאַרן קאָלנער און אַרויסשטעלן פֿון יענער זײַט טעאַטער־טיר, איז — מאַכטייסע. דאָס אייַנציקע, וואָס ער פֿאַרלאַנגט, נאָטע, קאָל־יאָמאָוו, — מע זאָל זיך בייטיקן אין אים! ער וועט שוין טאָן אַלץ, וואָס מע וועט פֿון אים פֿאָדערן.

באַ דער אָפֿענער טיר פֿונעם טעאַטער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, מאָ־טיע ברען און נאָטע קאָפּ...

— וואָס שטופּט איר מיר די שליסל? צוליב וואָס דאַרף איך זיי? — האָט זיך מאָטיע צעשריִען. — אין א האַלבער שאָ אַרום וועל איך זיי פֿאַרלירן. דאַפֿקע דאָס ווילט איר? איז אָט! — האָט ער טאַקע גלײַך באַשלאָסן. — די שליסל לאָזט איבער באַ זיך, און פֿון הײַנט אָן וועט איר זײַן דער אופּ־ראַוווּליאַיעשטשע פֿונעם טעאַטער!

— האָט גאָט אין האַרצן! — האָט זיך נאָטע איבערגעשראָקן און א ציטער געטאָן מיט די אַקסלען. — וואָס רעדט איר, מוסיו... איך א פּראַוווּליאַיעש־טשע? ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן, כלעבן!

— קאָלזמאַן איר האָט מוירע געהאַט פֿאַר גאָט, איז דאָ געווען באַלע־באָס מוסיו פֿוקס! — האָט מאָטיע באַמערקט. — אַצינד, אויב איר וועט אופּ־הערן מוירע האָבן פֿאַר גאָט, ווערט איר גלײַך אַן אופּראַוווּליאַיעשטשע!

— וואָס רעדט איר? איך קאָן דאָך ניט לייענען, ניט שרײַבן! — האָט זיך נאָטע מוידע געווען.

— איך נעם דאָך אײַך ניט פֿאַר קיין סופֿליאָר! — האָט זיך מאָטיע ווי פֿאַרענטפֿערט. — אַן אופּראַוווּליאַיעשטשע מעג איר דאַפֿקע זײַן, כאָטש איר קאָנט ניט לייענען און שרײַבן!..

צו נײַן אַזייגער זײַנען געקומען אַלע מיטגלידער פֿון אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו. די שטימונג איז באַ אַלעמען געווען א געהויבענע, כאָטש מע האָט זיך געסטאַרעט זײַן סאָליד און געשוויגן. מאָטיע האָט אַלעמען פֿאַר־בעטן אויף דער בינע. פּלוצלינג איז געקומען צו לויפֿן נאָטע. ער האָט גע־בראַכט א גרויסן קאָנטאָר־בוך, וואָס האָט אַמאָל געהערט דעם האַנדלס־הויז פֿון בליומבערגן. אינעם בוך זײַנען געווען ניט ווייניקער ווי צוויי הונדערט אויסגענומערירטע זײַטן.

מאָטיע האָט גענומען אין דער האַנט דעם בוך און באַפוילן דעם נייעם אופּראַוולי־איעשטשע:

— אָט דעם יונגנמאַן, — האָט ער געוויזן אויף מיר, — נעמט און פירט אָפּ אינעם קליינעם אַדמיניסטראַציע־צימערל, פאַרמאַכט די טיר אַזוי, אַז קיי־נער זאָל אים ניט שטערן, קיין מויז זאָל צו אים ניט אַריינדרינגען. — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער מיר איבערגעגעבן דעם בוך.

— הערט נאָר, וואָס עס פּאַסירט אין לעבן! — האָט מאָטיע געקוקט אויף מיר. — צי האָט זיך געכאַלעמט אָט דעם סאַכרישן פּאַליאַנט, אַז ער וועט אַמאָל אַריינפאַלן אין אונדזער טעאַטער? אַ פּיעסע, דאַרף איך אייך זאָגן, וועלן מיר האָבן פונקט אַזאַ ווי מיר דאַרפן! איז זייט וויסן, אַז פון מאָנטיק אָן הייבן מיר אָן רעפּעטירן אַ נייע פּיעסע, וואָס וועט הייסן „זיבעצן". דאָס וועט זיין אונדזער הויפּט־אַרבעט. איינצייטיק וועלן מיר צוגרייטן אַ קאָנצערט־דיווערטיסמענט. יעדער איינער פון אונדז טרעט אַרויס מיט זיין רעפּערטואַר. איז אָט, היינט האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט, קעדיי אויסצוקלאָרן, ווער מיט וואָס וועט זיך באַווייזן.

— ווער זשע וועט אַרויסטרעטן אויפן קאָנצערט? — האָט זיך אינטערע־סירט ליאָניע לאַנדע, ער האָט אַראָפּגעריסן פון נאָז די פּענסנע און אָנגע־בויגן דעם קאָפּ, קעדיי אויסצוהערן, וואָס מע וועט אים ענטפערן.

— ביסט אַ טשודאַק! ניט שוין זשע ווייסטו ניט? — האָט זיך מאָטיע אָנגעצונדן. — מירן אַרויסרופן סאַראַ בערנאַר און עלעאָנאָראַ דוזע, מירן איינלאַדן שאַליאַפּינען. ווי מיינסטו, אַ שלעכטער קאָנצערט וועט זיין?

— אינטערעסאַנט! — האָט זיך אָפּגערופן פון זיין ווינקל מיקע טול־קיס. — איך וואָלט געוואָלט וויסן, די נייע אַקטריסע אונדזערע, אַסיע, וועט אַרויסטרעטן פאַר סאַראַ בערנאַר, צי נאָך איר?

— דאָס וועלן מיר נאָך באַהאַנדלען! — האָט מאָטיע ערנסט געענט־פערט. — איין זאַך איז פאַר אונדז קלאָר: דער ערשטער נומער לויטן אַלעפבייס איז אַמזעל. איז אָט, וועלן מיר אויסהערן, מיט וואָס וועט אַרויסטרעטן דער כאַוווער אַמזעל. ביטע!

אַמזעל האָט זיך אויפגעהויבן, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, געשוויגן, נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן גאַנץ שטיל, ווי ער זאָל אַלעמען איינרוימען אַ סאָד:

— איך האָב קיינמאָל פאַר קיינעם זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך האָב אָנטיילגענומען אין קאָנצערטן, נאָר אויב מע דאַרף! — ער האָט צעפּירט מיט די הענט און זיך פאַרטראַכט. — איך קאָן, לעמאָשל, לייענען שמאַריע, אַ מאָנאָלאָג פון „דער שכיטע".

— וואָס קאָנט איר נאָך? — האָט מאָטיע אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט, וואָס איך קאָן? — האָט זיך אַמזעל באַליידיקט. — שוין מיט גאָטס הילף צוויי צענדליק יאָר אויף דער בינע... פאַרוואָס טויג ניט שמאַריע?..

— דערפאַר וויל מע דאַרף עפּעס אַנדערש! — האָט קורץ באַמערקט מאָטיע.

ס'איז געוואָרן שטיל.

— הערט מיך אויס! — האָט מאָטיע זיך אָנגערופן צו אמזעלן, וואָס איז אלץ געשטאַנען און גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן. — נעמט „טעוויע דעם מילכיקן״, געפינט דאָרטן דעם מאָנאָלאָג, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווער־טער „אָט שטייט א דעמב אין וואלד...״

— ...קומט צו גיין א בען־אָדאָם מיט א האַק! — האָט פאָרגעזעצט אילי־שע.

— ...און אָט דעם בען־אָדאָם רופט מען אמזעל! — האָט אינעם זעלבן טאָן פאָרגעזעצט יאשע בוביס.

— ...און מיט איין פּאַכע מיט דער האַק האָט ער אָפּגעהאַקט אי דעם בוים, אי דעם מאָנאָלאָג! — האָט פארענדיקט מיקע טולקיס.

מאָטיע האָט זיך ניט צוגעהערט צו די רעפּליקעס. ער האָט געקוקט אויף אמזעלן און געפרעגט בא זיך אליין, צי וועט יענער זיך ספּראַווען מיטן מאָנאָלאָג צי ניט.

— נעמט דעם מאָנאָלאָג, כאָווער אמזעל! גרייט אים צו! עס וועט זיך באַקומען! איר זײַט דאָך אַן עמעסער אַקטיאָר, — האָט ער אים פארזיכערט. און גלײַך ער זאָל האָבן פארענדיקט מיט א שווערער אויפגאַבע, האָט ער זיך געווענדט צו איליושען:

— לויטן אלעפבייס ביסטו דער צווייטער!

— איך האָב נאָך ניט געטראַכט וועגן דעם, מאָטיע! — האָט איליושע זיך געבעטן, מע זאָל אים פארשטיין.

איליושע האָט געקוקט אין דער זײַט, וווּ עס איז געזעסן אמזעלס ווײַב, פרומע איסײַעווונע ליטינסקאַיא, וועלכע איז הײַנט צום ערשטן מאָל געקו־מען אהער, און די יונגיטשקע אסיע, וועגן וועלכער אלע אַקטיאָרן האָבן שוין א סאך געוווּסט, נאָר קיינער האָט זי נאָך ניט געזען אויף דער בינע.

אסיע איז געזעסן מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין א טונקל ווינקל, און דאָס הארץ אירס האָט מיט דערשרעק און מיט אימפּעט געקלאַפּט, שיר ניט ארויסגעפאלן.

אומגעריכט פאר זיך אליין האָט איליושע געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אסיען:

— ווי האלט איר, ווען איך לייג פאָר, מיר זאָלן צוזאַמען מאכן א דועט? איך קאָן אײַך זאָגן, וואָס איך מיין. איך טראַכט וועגן „א מענטש זאָל מען זײַן״, איר געדענקט?

און דאָ טאַקע האָט ער צעפּירט מיט די הענט און אָנגעהויבן זינגען:

בערעלע, סערעלע וועלן זײַן א פּאָר,
אוי, אויף מיר אזא יאָר!

ליובע בוביס, וואָס איז געזעסן אנטקעגן איליושען, האָט אונטערגעכאַפּט די ליד. זי האָט אויך צעפּירט מיט די הענט, און מיט א שטראַלנדיקן בליק געענטפערט זינגענדיק:

בערעלע, סערעלע וועלן לעבן פײַן,
מע וועט זיי מעקאַנע זײַן!

אסיע האָט זיך שטאַרק פארויטלט און נאָך טיפער אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אלץ איז פאר איר געווען אומדערוואַרט, און ווי יעדער אומדערוואַרטע נײַס, האָט עס באַ אסיען אַרויסגערופן אַ שאַרפן אינטערעס, עס האָט זיך איר פאַרגלוסט, אסיען, אָט טאַקע די מינוט, אַרויס פון איר ווינקל, זיך שטעלן אַף דער אוואַנסצענע און, פונקט ווי אילױשע, ברײט און פרײלעך צעפירן מיט די הענט און צוזאַמען מיט אים זינגען.

אסיע האָט פלוצעם זיך פאַרגעשטעלט אַן איבערגעפולטן זאַל מיט מענטשן, און אַלעמענס אויגן קוקן אַף איר, אַלע וואַרטן, אַז זי זאָל עפּע־נען דאָס מויל. מע טופּעט אומגעדולדיק מיט די פיס, מע פײַפט און מע שרײַט, און זי שטייט אינמיטן דער בינע, אַן איינזאַמע, אַן איבערגעשראָ־קענע, און ווייסט ניט וואָס צו זאָגן אָט דעם אומגעדולדיקן, נײַגעריקן עולם, וואָס האָט געקויפט בילעטן און וואַרט, אַז זי זאָל פאַר זיי זינ־גען... און אויב מע דאַרף זײַן אַזוי געוואַגט, קעדײ אַרויסצוטרעטן אַף דער בינע פאַרן עולם, הײַנט וואָס זשע פאַר אַ קויעך דאַרף מען האָבן, קעדײ אַרויסצוטרעטן דאָ צווישן אַקטיאָרן, וועלכע וועלן זיכער באַמערקן יעדער טאָעס, יעדער קלענסטן פעלער?...

נאָר פון איינעם אַזאַ געדאַנק ווערט איר הייס, אסיען, זי ציטערט אויף און וואַגט ניט אופצוהייבן דעם קאָפּ. נאַרישע, נאַרישע אסיע! פונוואַנען האָט זי געקאָנט וויסן, אַז דאַפקע מענטשן פון קונסט, דאַפקע די בעסטע אַרטיסטן זײַנען איינצײַטיק אויך די סאַמע באַגײַסטערטע צוהערער, די סאַמע דאַנקבאַרע צושויער.

— סע וועט גיין! איך דערלויב זיך צו זאָגן אינעם נאָמען פון אונדזער יונגער אַקטריסע, אַז דײַן פאָרשלאָג, אילױשע, נעמט זי אָן! — האָט מאָטיע פרײלעך דערקלערט.

אסיע האָט ערשט איצט אופגעהויבן די אויגן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, וואָס האָט באַדאַרפט באַטײַטן, אַז זי באַשטעטיקט דאָס, וואָס מאָטיע האָט געזאָגט. זי האָט אים אָפּגעדאַנקט מיט אַ גוטן שמייכל. איינצײַטיק האָט אסיע געכאַפּט אַ קוק אינעם פוסטן זאַל, ווי זי זאָל זיך וועלן איבער־צײַגן, אַז פון דאָרטן דראָעט איר דערווײַל ניט קיין שום אומדערוואַרט־קײַט.

— גלײַך נאָך דעם דועט וועט אַרויסטרעטן סאַראַ בערנאַר, און שוין נאָך איר וועלן מיר אַרויסלאָזן אַף דער בינע די מישפּאָכע בוביס, — האָט מאָטיע זיך געוויצלט. — און איצט גייט לויטן אַלעפבייס ליאָניע לאַנדע. ביטע!

ליאָניע האָט, ווי שטענדיק, ווען מע פלעגט זיך ווענדן צו אים, אַראָפּ־געריסן פון דער נאָז די פענסנע, וואָס איז געבליבן הענגען אַפן קייטעלע. אין איין אויגנבליק האָט זיך דאָס פּאָנעם זײַנס געענדערט. ס'איז אומעג־לעך געווען נאָכצושפּירן נאָך די האָוועײַעס: אָט איז אַף זײַן פּאָנעם געווען אויסגעצויגן עפּעס אַ שרעק, און אָט האָבן געקוקט אַ פּאָר טמימעסדיק־פאַרכידעשטע אויגן פון אַ קינד, וואָס קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס מע וויל פון דעם. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן שוין די אויגן מאַמזעריש־פרײלעך גע־שמייכלט, ווי איינער זאָגט: „דרייט מיר ניט קיין ספּאָדעק, מיר האָבן אײַך גלײַך פאַרשטאַנען!" און מיטאַמאָל האָט אַפן פּאָנעם זיך אויסגעלייגט אַזאַ צאַר, אַזאַ טרויער, וואָס האָט געוועקט ראַכמאָנעס, און ווידער בײַט ליאָ־

ניע דאָס פּאָנעם זײַנס, און פאר אונדז שטייט שוין א נעבעכדיק־געפאלענע באשעפעניש, מיט אזא האכנאָעדיק־וויינענדיקן בליק, מיט אזא לעפישן אויסזען, אז אפילע די סאמע גלײַכגילטיקע צושויער מוזן אויססיסן א געלעכטער. ליאָניע לאנדע פארמאָגט אין זיך אן אומגעהייערן קויעך, ער מאכט מיטן צושויער אלץ, וואָס אים ווילט זיך.

— איז אָט וועל איך אײַך דערציילן א מײַסע־נוירע, וואָס רופט זיך אָן „איך, אוי־ווי, מײַן ווײַב, מײַן שוויגער און, אוי־ווי, אונדזער קאץ”, — לייגט פאָר ליאָניע לאנדע, און אלע הייבן אָן אפּלאָדירן, ווײַל זיצן מיט ליאָניען גלײַכגילטיק, ווען ער וויל עפּעס ווײַזן, איז פּאָשעט אומעגלעך. ליאָניע לאנדע קאָן ארויסרופן ביטערע טרערן בא די סאמע אָפּטימיסטיש־געשטימטע צושויער און קאָן מאכן לאכנדיק די וויינערנס.

מיקע טולקיס האָט זיך אופגעהויבן נאָך ליאָניען, ניט ווארטנדיק, אז מע זאָל אויסרופן זײַן נאָמען.

— איך וועל לייענען א נײַע זאך, — און, ווי אן עכטער אינטעליגענט, זיך א נייג געטאָן צו אלעמען.

— די נײַע זאך פארמאָגט עפּשער א נאָמען? — האָט זיך אילױשע אינטערעסירט.

— עס קאָן זיך מאכן! — האָט מיקע געענטפערט מיט יענעמס טאָן. אָפּגעוווארט א רעגע, האָט ער צוגעגעבן: — לאָמיר זאָגן, אז דאָס דאָזיקע ווערק רופט זיך אָן „אפן דיקן אינדזל, ווײַט פון מענטשנס אויג”.

— גאָר, גאָר א נײַע זאך! — האָט מיט איראָניע באמערקט ליאָניע לאנדע.

— ערשטנס, דארפן מיר וויסן, אז א גוט פארגעסענע אלטע זאך איז אויך א נײַע! — האָט מאָטיע געגעבן צו פארשטיין. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיקען, באטראכט אים. — מיר שײַנט, — האָט ער צוגעגעבן, — אז דו וואָלסט באדארפט א נישטער טאָן בא זיך אין זיקאָרן, עפּשער וועסטו געפינען עפּעס א מער פארגעסענע נײַס!

מיקע טולקיס האָט זיך אראָפּגעלאָזט אפן בענקל.

— און מיך פרעגט מען אפילע ניט!.. — האָט עטוואָס א באליידיקטער א בורטשע געטאָן דאָווידקע מאגאלניק און א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— דו ביסט דאָך א פּאָמרעזשו! — האָט זיך אָנגערופן יאשע בוביס. — דײַן ארבעט איז צום ערשטן אקט אוועקשטעלן דאָס טישל פון רעכטס, און צום צווייטן אקט איבערשטעלן דאָס טישל אף לינקס. איז דיר נאָך ווייניק?

— און ווען זשע וועל איך שפּילן? — האָט געפרעגט דאָווידקע מיט א וויינענדיקער שטים.

— דו שפּילסט דאָך די גאנצע צײַט! — האָט אים בארויִקט ליאָניע לאנדע. — גיב א קוק אף זיך אין שפּיגל. וואָס דו זאָלסט ניט טאָן, טוסטו ווי אן ארטיסט!

— זאָל איך ניט זען מײַן מאמען! אויב איר ווילט, קאָן איך אויך עפּעס פאָרשטעלן! האבע די ערע! אויב, פארשטייט זיך, איר האָט גאָרניט קעגן...

קיינער האָט ניט געהאט קעגן. האָט זיך דאָווידל ארומגעקוקט, געזוכט מיטן בליק אן אָרט אף דער בינע, וווּ עס זאָל אים זײַן באקוועמער. מיטא־

מאָל האָט ער זיך אײַנגעבויגן, דאָס פּאָנעם האָט זיך אויסגעצויגן, די אויגן זײַנען געוואָרן שרעקלעך פארוואונדערטע, און אליין איז ער געוואָרן קלענער, א ייִנגל א קונדעס, וואָס דערציילט א מײַסעלע דעם קלענערן ברודערל:

— אין אונדזער שטעטעלע, וועגן וועלכן דער ריבוינעשעלוילעם האָט פון לאנג פארגעסן, איז א נידעריקער הימל. איז געגאנגען באנאכט א גאנעוו און האָט ארויסגעגאנוועט א שטערן. איז געוואָרן אין הימל א לאָך. האָט מען אים פארשטאָפּט מיט א סנאָפּ שטרוי. וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? איז געוואָרן פינצטער. אונדזערע ייִדעלעך פון איינקאלע־קוף זײַנען באָרעכהאשעם צוגעוווינט צו דער פינצטערניש: ס'איז בא זיי פינצטער אין שטוב, פינצטער דאָס לעבן, פינצטער אפן הארצן. זיי זײַנען שוין צוגעוווינט געוואָרן. נאָר בא אונדז איז פאראן דער סאגי־נאָהויר, ער איז געבוירן געוואָרן א בלינדער. אפדערנאכט, ווען ער גייט ארויס אף דער גאס, טראָגט ער א לאמטערן און אינעם לאמטערן ברענט א ליכטל. פרעגט מען בא אים: „סאגי־נאָהויר, דו אליין זעסט דאָך גאָרניט ניט, צוליב וואָס זשע טראָגסטו מיט זיך אן אָנגעצונדן ליכטל?" — „דערפאר, זאָגט ער, טראָג איך אן אָנגעצונדן ליכטל, אז די, וואָס האָבן אויגן און זעען, זאָלן מיך אויסמײַדן און ניט אָנטרעטן אף מיר, דערפאר ווײַל אלע די, וואָס זעען גוט, האָבן א טעווע שטויסן איינער דעם צווייטן, אָנטרעטן איינער אפן צווייטן". א געבוירענער בלינדער, האָט ער, פארשטייט זיך, ניט געוווּסט, אז די גאס בא אונדז אין איינקאלע־קוף איז קירצער פון א גענעץ און שמעלער פון א טויבן־שנאָבל. קומט ער ארויס איינמאָל אפדערנאכט און ווייסט ניט, אז קיין שטערן איז שוין מער ניטאָ אפן הימל, האָט ער עטוואָס אונטערגעהויבן דעם לאמטערן זײַנעם, און דאָס ברענענדיקע ליכטל האָט זיך אָנגעשטויסן אינעם סנאָפּ שטרוי, מיט וועלכן סע איז געווען פארשטאָפּט די לאָך אפן הימל. האָט זיך די שטרוי אָנגעכאפּט, צעברענט זיך, צעפלאקערט, און איבערן הימל אין איינקאלע־קוף האָט זיך צעגאָסן אזא העליש פײַער, אז אלע אונדזערע אײַנוווינער זײַנען זיך צונויפגעלאָפן... מע טראָגט עמער מיט וואסער, מע גיסט, מע לויפט ארום מיט א געשריי, מע וויל אויסלעשן דעם ברענענדיקן הימל. נאָר דער הימל, ווי נידעריק ער זאָל ניט זײַן, איז ער ניט צום דערגרייכן אין איינקאלע־קוף. איז אינמיטן דער נאכט געוואָרן אזוי ליכטיק, גלײַך די העלע זון האָט זיך באוויזן צום צווייטן מאָל אין דעם טאָג. בא אזא ליכטיקער שײַן האָבן די מענטשן פון איינקאלע־קוף דערזען איינער דעם צווייטן, און דאָס איז געווען א נײַע צאָרע, מאכמעס אלע מענטשן אין איינקאלע־קוף גייען אלעמאָל מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און ווייסן גאָרנישט ניט איינער וועגן צווייטן. דאָ בא דער גרויסער שײַן האָבן זיי זיך דערזען, אָנגעקוקט זיך, און א שווערן זיפץ האָבן זיי ארויסגעלאָזט: וויי! וויי! אײַנגעבויגענע, אײַנגעשרומפּענע, אין אלטע צעריסענע קאפּאָטעס און קארטוזן, מיט געשוואָלענע פיס און געלאטעטע און איבערגעלאטעטע שיך און זאָקן... און אָט בא אזא ליכט האָבן זיי דערזען דעם גאנעוו, וועלכער האָט צוגעגאנוועט בא זיי דעם שטערן. האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן אף אים מיטן גאנצן קאָהאָל, אָפּגענומען באם גאנעוו דעם שטערן און אים צוריק אופגעשטעלט אפן

הימל. פון דעמלט אָן גייט שוין קיינער ניט אין איינקאַלע־קוף מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איינקאַלע־קוף קוקט אַף די שטערן!..

דער דערציילער איז אַנשוויגן געוואָרן. אַף דער בינע און אַרום אים איז געשטאַנען אַזאַ שטילקײַט, ווי גלײַך באַ אַלעמען האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן. אילייושע בלאַנק איז געוואָרן אויסער־זיך:

— פאַרוואָס זשע, דו באָסיאַק איינער, האָסטו אונדז ניט געזאָגט, אַז דו ביסט אַן אַקטיאָר? — האָט ער געשרײַען אַף מאַגאַלניקן.

— וואָס הייסט, איך האָב ניט געזאָגט? איך האָב די גאַנצע צײַט געזאָגט! איך האָב אַלעמען געזאָגט! זאָגט עפּשער, אַז ניין? — האָט ער געטײַנעט.

— הייסט עס, אַז דו האָסט באַדאַרפט ניט זאָגן, נאָר שרײַען! — האָט אים ליאָניע געמוסערט.

— איך בין געווען זיכער, אַז דו קאָנסט נאָר מאַכן קונצן! — האָט זיך פאַרענטפערט יאַשע בוביס.

— זעט, אַז מיר זאָלן ניט פאַרשפּעטיקן אין קיך צום מיטיק... — האָט מיקע טולקיס זיך פלוצלינג דערמאָנט. — ווײַל אויב מירן פאַרשפּעטיקן, וועלן מיר מוזן גיין עסן מיטיק קיין איינקאַלע־קוף!

— שאַט! מיר האָבן שוין, דוכט זיך, פאַרשפּעטיקט! — האָט אַ זאָג געטאָן אילייושע.

— נו, אוואַדע! מער דאַרפן מיר ניט, ווי פאַרשפּעטיקן! — האָט אַ באַרויגעזער באַמערקט מיקע טולקיס.

— ווער ווייסט, וויפל איז דער זייגער? — האָט געפרעגט מאָטיע ווי ווײַט מעגלעך רויִק און אַליין געענטפערט: — יאָ. מיר האָבן זיך עטוואָס פאַרגעסן... — ער האָט אַ קוק געטאָן אַף די שטיל געוואָרענע אַקטיאָרן און צוגעגעבן: — נישקאָשע! דערפאַר וועלן מיר מאָרגן קומען עסן די ערשטע. אונדזערס וועט פון אונדז ניט אַוועק!

— פאַרשטייט זיך! — האָט יאַשע בוביס איראָניזירט. — ניט הײַנט, איז מאָרגן! ווען־עס־איז־ניט־איז וועלן מיר דאָך עסן מיטיק!

נאָטע איז נאָך געשטאַנען אינמיטן זאַל און האָט, ווײַזט אויס, געוואַרט אַף באַפעלן. האָט אים מאָטיע טאַקע געטאָן אַ טויווע:

— אָט דאָס וועט זײַן אײַער ערשטע פליכט: פּונקט צוועלף אַזייגער דאַרפט איר אונדז דערמאָנען, אַז עס איז צײַט גיין עסן מיטיק.

— פײַן! פײַן, מוסיו ברעגן!

— אויב איר וועט מיך נאָכאַמאָל אָנרופן „מוסיו“, מאַך איך אײַך באַלד פאַר אַ פּאָמרעזש! — האָט מאָטיע געדראָעט.

— זאָל גאָט אָפּהיטן! — האָט זיך נאָטע דערשראָקן, כאָטש ער האָט ניט געוווּסט, וואָס איז עס אַזוינס „פּאָמרעזש“. — איך האָב נאָר געוואָלט באַ אײַך אַ בעט טאָן, מוסיו... אויב באַ אונדז אין טעאַטער איז פאַראַן אַ מיידל, וואָס מע רופט זי אַסיע, איז אַף איר וואַרט דאָרט אונטן אַ מענטש!

אַסיע איז פּאַמעלעך געגאַנגען דורכן פּוסטן זאַל. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלע קוקן איר נאָך, אַז מע ציילט אירע טריט. נאָך דעם ווי זי איז אַראָפּ פון די טרעפּ, האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן אין פּאָיע צום גרויסן

פענצטער, דורך וועלכן מע האָט געזען אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אויף דער גאַס. נאָר מאָטיע איז ניט געלאָפֿן, כאָטש ער איז אויך אַרויס אין פֿאָיע.

— גיב נאָר אַ קוק! — האָט זיך געוווּנדערט מאַגאַלניק, גלײַך ער וואָלט דערזען מײַעדייע וואָס. — ווען איך פֿאַרמאָג זײַנע שטיוול מיטן שינעל...

— אַ קאַוואַלעריסקע! — האָט גלײַך אָפּגעשאַצט דעם שינעל ליאָניע לאַנדע.

— אויפֿן פּריוואָז קאָן מען פֿאַר אַזאַ נעמען אָנדערהאַלבן זעק פּאַפּשוימעל! — האָט פֿאַרזיכערט נאָטע קאָפּ.

— אַ רועך אין זײַן טאַטנס טאַטן! — האָט עמעץ פֿון די אַקטיאָרן געזידלט דעם גאַסט.

אילישע, וועלכער האָט נאָר געהערט וועגן וואָס מע רעדט, האָט זיך אָנגערופֿן צו מאָטיען:

— כ'האָב מוירע, אַז איך בלײַב אָן אַ פּאַרטניאָרשע! — און אַ זיפֿץ געטאָן. דערבײַ האָט ער נאָך אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זײַט.

— ע! ע! ע! — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ פֿרײלעכער אויסגעשריי. — ווי איך זע, פֿרײַנט מײַנע, האָט איר מוירע אַרויסצושטעקן די נאָז אין דרויסן, און איר ווייסט נאָך פֿון גאָרנישט ניט!

דאָס האָט געזאָגט יאַנקאָ. ער איז געלאָפֿן איבער די טרעפּ און שווער געאָטעמט. דאָך איז מיטאַמאָל געוואָרן בײַ אונדז וואַרעמער, און אַפֿילע די פּוסטע פֿאָיע האָט שוין אויסגעזען מער געמיטלעך... די מאָרעשכוירע איז גלײַך אויסגערונען און אין די אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן פֿון אַ שמייכל. יאַנקאָ האָט געבראַכט אַ פֿולן זאַק מיט נײַעס:

— נעכטן אין אָוונט, ווען דאָס ליבלינג פֿונעם פּובליקום, ווערא טאַגאַנאיעווא, האָט זיך אומגעקערט פֿונעם קאָנצערט, זײַנען אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס צוגעגאַנגען צו איר צוויי יונגעלײַטלעך, האָבן אָפּגעשטעלט דעם פֿאַעטאָן און געזאָגט צו איר אַזוי: „מאַדמואַזעל, מיר זײַנען מענטשן אָרעמע, כוץ אָט די רעוואָלווערן פֿאַרמאָגן מיר גאָרניט. איז אײַער כּיווּ געבן אונדז עטוואָס!" — „מערסי! — האָט געזאָגט דאָס ליבלינג פֿון פּובליקום. — וואָס זשע דאַרף איך אַזוינס געבן?" — „מיר, — ענטפֿערן זיי, — דאַרפֿן בלויז צוויי זאַכן: אָדער די נעשאָמע, אָדער די בריליאַנטן. קיין קליינקײַטן ברויכן מיר ניט! און, ביטע, באַשליסט גיכער, וואָס קאָנט איר אונדז אָפּגעבן פֿון אָט די צוויי דערמאָנטע קליינקײַטן". — „נעמט מיך! — האָט אויסגעשריִען דאָס ליבלינג. — איך בין אַליין אַ גוטער בריליאַנט!" אַגעוו, איז הײַנט באַוווּסט געוואָרן, אַז מאָריץ מאָזסייעוויטש, וואָס האָט, ווי איר ווייסט, ערשט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט מיט לעקאַכס שוועסטער, איז מיט זײַן נײַער פֿלוינעסטע אַוועק קיין טיראַספּאָל און פֿון דאָרט געוואָלט אַריבער קיין רומעניע. נאָר באַקומען האָט זיך זייער מאָדנע: זי האָט באַוויזן אַריבערצולויפֿן איבערן דניעסטער און איז, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרבליבן פֿון יענער זײַט גרענעץ, און אים האָט עמעצער געשטערט, איז ער געבליבן דאָ, פֿאַרשטייט זיך, מיטן שקאַטולקעלע, אין וועלכן עס זײַנען געלעגן אירע בריליאַנטן. אַזויאַרום האָט זיך מאָריץ צעטיילט מיט די רומענער: זיי האָט ער אָפּגעגעבן זײַן נײַ ווײַב, זיך האָט ער איבערגעלאָזט

איר צירונג. נעכטן האָט מען אָפּיציעל געמאָלדן, אַז דוואַרדזשאַגלוס הויז איז צוגעמאַכט. הײַנט זײַט כאַכאַמים און טרעפּט, וואָס וועט דאָרטן זײַן, אינעם הויז? איר זאָלט זײַן אַפילע מיט צען קעפּ, וועט איר ניט טרעפן: באַ דוואַרדזשאַגלון אין הויז וועט זײַן אַ... נײַ־פאַבריק. מע האָט שוין נעכטן און הײַנט געפירט אַהין נײַ־מאַשינען און אַלערלײַ אַנדערע זאַכן, ווי פּרעסלעך, קרײַדלעך און אַרשינען, טישן מיט בענק און אַנדער קלאַפּערגעצײַג. הער מיך אויס, אילישע! — האָט ער מיטאַמאָל אויסגעשריִען. — דײַן פעטער האָט מען נאָרוואָס געבראַכט אַ פאָוועסטקע פונעם פינאָטדעל, מע הייסט אים אַרײַנטראָגן אַן אוראַווניטעלנע נאַלאָג. אַבראַם אַריעוויטש זיצט און וויינט מיט בלוטיקע טרערן: „אויב איך זאָל אַפילע פאַרקויפן מײַנע אַלטע גאַטיעס, — שרײַט ער, — וואָלט איך סײַווי ניט צונויפגעקלאַפּט אַזאַ סומע, וואָס מע פאָדערט באַ מיר אוראַווניטעלנע!"

יאַנקאָ האָט געשיט מיט נײַס, ווי אַ צײַטונגס־פאַרקויפער, ווען ער האָט ניט קיין קוינים. קיינער האָט אים ניט איבערגעשלאָגן, ניט אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך מיטאַמאָל אַליין אָפּגעשטעלט:

— ע! ע! ע! — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — איך זע, איינס פון די צוויי: אָדער אַ שוואַרצע קאַץ איז אײַך איבערגעלאָפן דעם וועג, אָדער איר האָט נאָך הײַנט גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל. און איך בין געקומען בעטן, איר זאָלט מיך אַרײַנעמען צו זיך אין טעאַטער. מע רעדט אין שטאָט, אַז אַלע אַקטיאָרן פון אײַער טעאַטער וועלן באַקומען אַ גאַנצן פּאָרציאָן, וואָס מע גיט באַם גראַדאָנאַטשאַלניק אין הויז, ווו מע האָט באַשטעלט דעם שעף־קוכער פונעם גראַף וואָראָנצאָוון... פאַרשטייסט מיך, מאָטיע... כ'האָב געוואָלט כאָטש אַף דער עלטער איין מאָל פאַרזוכן די מײַכאָלים, וואָס גראַף וואָראָנצאָוו האָט געגעסן.

— ס'וועט זיך ענדיקן דערמיט, אַז איך וועל דיך אָנעמען פאַרן קאָלנער און אַראָפּלאָזן פון די טרעפּ! — האָט מאָטיע געשפּאַסט.

— דאַרף מען אים דאָך האָבן, דעם קאָלנער!

ערשט אַצינד האָבן מיר באַטראַכט יאַנקאָס הוילעך. דאָס רעקל אַף אים איז טאַקע געווען אָן אַ קאָלנער: זייער אַן אָריגינעלער אויבערראָק, וואָס איז באַשטאַנען מיינסטנס פון לעכער, דורך וועלכע ס'האָבן געסטאַרטשעט שטיקלעך וואַטע. קיין איין קנעפּל איז אַף אים ניט געווען. יאַנקאָ האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ גאַרטעלע, וואָס איז געווען עלטער פון אים. אונטערן אויבערראָק איז ניט געווען גאָרנישט, אַפילע קיין העמד אַפן לײַב.

— איר לאַכט? — האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט. — נאָר יענע וואָך האָב איך מיט מײַנע אויגן געזען אַן עמעסן גראַף, ווי איר זעט מיך לעבן, ציִ עפּשער גאָר אַ פּרינץ. סע קאָן זיך מאַכן, אַז ער איז ניט געווען ניט קיין גראַף, ניט קיין פּרינץ, נאָר אַ סוואָלעטש איז ער זיכער געווען! איך האָב געזען דעם זשאַנדאַרמסקן פּאָלקאָווניק פּירסאָוון. דאָס האָט מען לויט זײַן באַפעל אופגעהאַנגען פיר אַרבעטער פון געגנס זאַוואָד, אַפן פּערעסיפּ, און מע האָט אומגעבראַכט זיבעצן קאָמסאָמאָלצעס... געפּאַקט האָט מען אים ערגעץ לעבן דער סטאַנציע זנאַמענקאַ, און מע האָט אים געבראַכט אַהער, אין טשעקאַ. איך בין פּונקט געווען אַף דער גאַס, ווען מע האָט אים גע־

פירט, געגאנגען איז ער ווי א כאָסנבאָכער, מיט אלע רעגאַליעס פון פאָרנט, נאָר די נאסטראָיעניע איז געווען בא אים ניט קיין געהויבענע...

— די אויגן זײַנע האָסטו געזען? — האָט אים מאָטיע איבערגעשלאָגן.

— געזען! — האָט יאנקאָ אויסגעשריִען. — ווען ער איז געגאנגען פאַרבײַ, ווו איך בין געשטאנען, האָט ער א קוק געטאָן, און מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן.

— ער וויל וויסן, צי דו וואָלסט אים געקאָנט אָפּשפּילן! — האָט אופגעעפנט די קאָרטן אילירשע. — מיר וועלן אינגיכן שטעלן א פּיעסע וועגן די זיבעצן קאָמסאָמאָלצעס.

— וואָס רעדסטו? — האָט יאנקאָ אויסגעשריִען. — שוין זשע איז עס אָן עמעס? אָט דאָס פאַרשטיי איך! — איז ער שטארק געווען צופרידן. — מאָטקע! שפּײַ מיר אָן אין די אויגן, אויב איך וועל אים ניט אָפּשפּילן!

— פאַרשטייסט, אין וואָס עס האנדלט זיך? — האָט אים מאָטיע איבערגעשלאָגן. — דו מיינסט, אז מע דארף אים אָפּשפּילן, ווען אינדערעמעסן פאָדערט זיך ניט שפּילן, נאָר זײַן אזא ווי ער.

— זײַן! זײַן! — האָט עטלעכע מאָל יאנקאָ איבערגעכאַזערט. — זײַן! הער א מײַסע! — האָט ער אויסגעשריִען. — דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש!

ער האָט אָנגעהויבן ארומשפּרײַזן איבער דער פּאָיע, געמורמלט פאַר זיך עפּעס און ווידעראַמאָל זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן מאָטיען.

— פאַרשטייט זיך, זײַן אוואדע! — האָט ער אויסגעשריִען. — איך וועל זײַן! מעגסט מיר פאַרטרויען, מאָטיע! קוידעמקאָל וואַרף איך אוועק טרינקען...

— נאָר דו זאָגסט דאָך א ליגן, יאנקאָשע! — האָט אים זייער צארט געזידלט מאָטיע. — זאָגסט דאָך א ליגן!

— כ׳ווייס, אז איך זאָג א ליגן! — האָט זיך יאנקאָ מודה געווען. — נאָר פיל עמעסן הייבן זיך אָן פון א ליגן! גלייב מיר, מאָטיע, אז איך וועל טאָן אלצדינג, נאָר טרינקען וואַרף איך אוועק! איר ווייסט דאָך, ברידער מײַנע, אז יאנקאָ איז שוין א מאָל צען אַרײַנגעטראָטן אין טעאַטער, געשפּילט אין אלערליי טרופּעס. נאָר וואָס פאַר א שפּיל איז עס געווען. איך בין דאָך קיינמאָל, ווי דו זאָגסט, מאָטיע, ניט געווען דער, וועמען כ׳האָב געשפּילט. כ׳האָב זיך געקרימט, געלעצעוועט, ווײַל זיי האָבן דאָך דערפאַר געצאָלט! וויפל מאָל האָט זיך געטראָפן, איך שטיי אף דער בינע, דערצייל די מארקיִדענעס אלערליי מײַסעס, זיי ווערן צעזעצט פון געלעכטער, זיי קוויטשען פון פאַרגעניגן, און אין מיר קערט זיך איבער די גאל. איך פלעג אנטלויפן פונעם טעאַטער, ארומגיין איבער די טראַקטירן, זינגען פאַרבאָטענע לידער, אין וועלכע עס זײַנען פאַראן אזעלכע קופּלעטן, אז ס׳איז גאָר א ביזאָיען צו דערמאָנען זיך. איך פלעג גיין אפּן בעסוילעם, זאָגן קאדעש פאַר א שטיקל ברויט. אזוי איז געווען ערלעכער! נאָר אויב מיר וועט כאָטש איין מאָל אין לעבן אָפּגליקן און איך וועל שפּילן אן עמעסע ראָל, וועט איר זען, אף וואָס יאנקאָ איז פייִיק!

די אקטיאָרן האָבן געקוקט אף אים מיט אָפּשײַ. קאָן זײַן, אז יאנקאָ האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אזוי אויסגעגאָסן דאָס הארץ.

...מאָטיען האָט מיטאמאָל א צי געטאָן אהיים, צום קינד. ער האָט געגור־מען זידלען זיך אליין. ער האָט געוווּסט, אז דער ווייטעק וועט זיך שטילן נאָר דעמלט, ווען ער וועט צודריקן צום הארצן זײַן קינד, זײַן ייִנגעלע, וועלכן ער איז אזויפיל שולדיק... אײַלנדיק האָט ער געשפּאנט, קימאט גע־לאָפן, ניט געקוקט אף דעם, וואָס אינמיטן נאכט האָט ער זיך געקאָנט אָנ־שטויסן אף א פּאטרול. אים האָט געטריבן א שטײַגנדיקער אומרו. ווּהין לויפט ער? צי האָט ער כאָטש א היים? צי וועט ער געפינען דאָרט זײַן קינד? עס קאָן דאָך זײַן, אז בעטיע איז שוין פון לאנג אוועק ערגעץ מיטן קינד... און אויב אפילע זי איז דאָ, קאָן זײַן, אז זי וועט פון אים אויסבא־האלטן דאָס קינד... און נאָך א מאָדנע זאך: מאָטיע האָט מיטאמאָל פאר־געסן וועגן אלע סקאנדאלן און גוואלדן, מיט וועלכע בעטיע פלעגט אים אלעמאָל באגעגענען.

ער איז געשטאנען באם ארײַנגאנג פון זײַן צימערל מיט א פארהאל־טענעם אָטעם און זיך צוגעהערט. נאָכדעם האָט ער א שטויס געטאָן די טיר — זי איז ניט געווען פארשלאָסן. אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט מען קיין זאך ניט געזען. עס איז געשטאנען א הארבער גערוך פון פײַכטן שימל, דער אייביקער גערוך פון דאלעס. עס איז געווען אזוי מוירעדיק שטיל, אז מאָטיע האָט גלײַך פארשטאנען: ניט בעטיע, ניט דאָס קינד שלאָפן ניט — זיי האָבן זיך פארטײַעט.

איז ער צו צום טאָפּטשאן, אָפּגעשטעלט זיך, שטיל א פרעג געטאָן:

— בעטיע!

עס האָט זיך דערהערט א שטיל געוויין.

דאָס איז געווען אומדערטרעגלעך. ער האָט זיך צוגעזעצט אפן טאָפּ־טשאן, געפונען איר האנט און צוגעטראָגן זי צו זײַן פלאמיק פּאָנעם. פון ווייטעק האָט ער אָנגעווירן דאָס לאָשן, ניט געקאָנט זאָגן קיין וואָרט, כאָטש ער האָט געוואָלט רופן, שרײַען, גלאט ריידן אָדער כאָטש וויינען, אזוי ווי זי וויינט. דאָס קינד האָט אונטערגעהויבן דאָס קעפל. אין דער פינצטערניש האָבן זיך אָנגעצונדן צוויי גאָלדענע שטערנדלעך...

— ער איז הונגעריק! — האָט בעטיע געזאָגט.

מאָטיע האָט מיט ציטערדיקע הענט געזוכט בא זיך אין די קעשענעס, עפשער וועט זיך דאָרט עפּעס געפינען. ניין. ער האָט גאָרנישט ניט פאר־מאָגט.

— שוין וויפל טעג אין שטוב קיין ברעקל ברויט ניטאָ... איך בין קראנק, — האָט בעטיע דערציילט מיט א צאנקענדיקער שטים. זי האָט שווער געעטעמט.

וואָס זשע טוט מען? וואָס טוט מען? — האָט מאָטיע געפרעגט בא זיך אליין און האָט ניט געפונען קיין ענטפער. האָט ער זיך אָנגעבויגן, גע־כאַפּט מיט ביידע הענט דאָס קינד, אופגעהויבן עס, צוגעדריקט צו זיך.

ער איז לאנג אזוי געשטאנען אינמיטן צימער מיטן קינד אף די הענט. ווען דאָס קינד איז אײַנגעשלאָפן, האָט מאָטיע עס אוועקגעלייגט צוריק אפן געלעגער און אליין זיך אויסגעצויגן אפן דיל לעבן טאָפּטשאן.

בעטיע האָט נאָך שטילערהייט געוויינט. נאָכדעם איז זי אויך אנשוויגן געוואָרן.

געדאכט האָט זיך, אז דער שלאָף האָט אָפּגענומען בא מאָטיען יעדער מעגלעכקייַט צו טראכטן, איבערלעבן, פילן, געדענקען. נאָר ווען אין פענצטערל האָבן זיך באוויזן די ערשטע בלויע שאָטנס, האָט ער זיך אפגיך אופגעהויבן, דורכגעגאנגען איבערן צימערל אזוי שטיל, ווי ער זאָל האָבן געשפאנט אינדערלופטן, שטילערהייט פארמאכט הינטער זיך די טיר אזוי, אז זי האָט אפילע קיין סקריפּע ניט געטאָן, קיינעם ניט אופגעוועקט.

באם טויער האָט אים באגעגנט א היימלאָזער הונט. ער האָט באשמעקט מאָטיעס פיס, געפּרוווט זיך אונטערלעקן. באלד אָבער פארשטאנען, אז סע איז לאכלוטן צוועקלאָז, האָט ער א דריי געטאָן מיטן ווידל און מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ אוועק זייַן וועג. מאָטיע איז ארויס אף דער אוספענסקער גאס, פונדאנען איז נעענטער צו קאליקס טראקטיר. „עס וועט אויסקורמען צוווארטן, ביז ער וועט עפענען, — האָט מאָטיע געטראכט. — עך, ווען איך באגעגן אצינד אילויושען!” — האָט זיך שוין ווידער צעשפּילט אין אים דער קויעך־האדימיען, און ער האָט שוין געזען, וויאזוי אילויושע טראָגט ארויס פונעם טראקטיר א גרויסן קוכן, וואָס עמעצער האָט נעכטן פארגעסן... פארוואָס גאָר א קוכן? פארטאָן אין מאכשאָוועס, איז ער שוין געגאנגען ווייַטער איבער דער שלאָפנדיקער גאס, געהייסן האָט עס, אז ער אייַלט אהיים מיטן קוכן אונטערן אָרעם, קעדיי צו באווייַזן ארייַנצוטראָגן אים, נאָך איידער בעטיע און דאָס קינד וועלן זיך אופכאפּן. לעבן דער „קאָמעטא” האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

אונטערן דאשעק, באם ארייַנגאנג אין טעאטער האָט געברענט אן עלעקטריש לעמפּל. אפּן זיקאָרן איז געקומען מוסיו פוקס — בא אים וואָלט אזוינס קיינמאָל ניט פּאסירט! ער וואָלט געקומען צו לויפן אינמיטן דער נאכט, אין איינע פלידערן און וואָלט אויסגעשלאָסן די שייַן. עס קאָסט דאָך געלט! פארגעסן וועגן אלץ אף דער וועלט, איז ער אריבערגעלאָפן איבערן וועג און זיך אָפּגעשטעלט א פארוונדערטער: די טיר אין טעאטער איז געשטאנען אָפן. אף א מינוט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, מאָטיע. עפשער לעבט ער אין טאָעס, עפשער איז שוין גרויסער טאָג אף דער וועלט און ער ווייסט ניט וועגן דעם?

ניין. ביז טאָג איז נאָך געבליבן א שטיק צייַט. די שטאָט איז געשלאָפן, און קיין איין שאָרך האָט איר ניט געשטערט זען די בעסטע כאלוימעס, וואָס קומען מערסטנס אין אָט די פארטאָגיקע שאָען. די גאסן זייַנען געלעגן אייַנגעזונקען אין א מוטנעם, אשקאָליריקן נעפּל, די שטיינער פון דעם ברוק זייַנען געווען פייַכט און האָבן געגלאנצט ווי נאָך א רעגן. געלעבט האָט נאָר א ווינטעלע, א שטיפעריש־יונג ווינטעלע, איז עס געשווומען איבער דער לופט און צוגעזאָגט א ווארעמען, העלן טאָג. די טויערן זייַנען נאָך אומעטום געווען צוגעמאכט. ניין! ער האָט ניט געהאט קיין טאָעס, מאָטיע!

איז ער ארוף אף די טרעפּ מיט א געדאנק, אז אָט וועט ער זיך אָנשטויסן אף נאָטע קאָפּ. נאָר ער האָט זיך מיט קיינעם ניט צונויפגעשטויסן. ניט אף די טרעפּ, ניט אין פאָיע איז קיינער ניט געווען. איבערן זאל האָט שפּאצירט דאָס זעלבע ווינטל, וואָס האָט זיך ארייַנגעכאפּט אהער פון דער גאס. אף א באנק איז עמעץ געשלאָפן איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. האָט

מאָטיע א מאך געטאָן מיט דער האנט און איז אוועק ווײַטער. זײַן זאך, וואָס עמעצער שלאָפט דאָ! ער האָט אָבער באוויזן צו מאכן בלויז צוויי שפּאַן און זיך אומגעקערט. עס האָט אים א צי געטאָן צו דער באנק. ער איז צוגעגאנגען, אראָפּגעלאָזט זיך לעבן איר אף די קני. אף דער באנק איז געשלאָפן אסיע.

זי איז גאָרניט געשלאָפן. אָן אײַנגעקאָרטשעטע, אָן איבערגעדעקטע איבערן קאָפּ, איז זי געלעגן און געכאפּט יעדער שאָרך, זי האָט זיך פארטײַעט אין ווארטעניש. מיט הייסע הענט האָט זי ארומגעכאפּט מאָטיען באַם האלדז, הייס געאָטעמט אים אין פּאָנעם ארײַן, אײַנגערוימט קוים הערנדיק אין סאמע אויער ארײַן:

— איך האָב געוווּסט, אז דו וועסט קומען! — זי האָט אײַנגעגראָבן איר קאָפּ אין זײַן ברוסט און אופגעהערט צו עטעמען.

שפּעטער האָט אסיע, אָנשפּארנדיק זיך אפן עלנבויגן, ארײַנגעקוקט אים אין די אויגן מיט נײַגעריקײַט און זיכערקײַט, מיט א גוטן און קאפּריזן שמייכל.

— דו האָסט שוין מיסטאמע אינגאנצן פארגעסן וועגן מיר? — האָט זי זיך אָנגעפרעגט אף נײַער לאסקע.

— אוואדע! אָט אזוי טאקע קאָן מען דיך פארגעסן! — האָט מאָטיע זיך מוידע געווען. ער האָט געגלעט מיט איר קליין הענטל זײַן שטעכיקע באק, געמאכט אָנשטעלן, אז אָט־אָט וועט ער בא איר אָפּבײַסן א פינגער.

— אָ! אָ! — האָט ער אויסגעשריגן פריילעך. — וואָס פאר א פײַן פינגערל! מיט א רובין?! שטיי נאָר! דאָס מוז דאָך זײַן אָן עמעסער! ווי קומט צו דיר אזא זאך?

— בא מאָניען גענומען! — האָט זי דערציילט מיט באגײַסטערטער פרייד און דערבײַ געלאכט, אז זי האָט אפילע ניט באמערקט, ווי מאָטיע האָט אָפּגעשטויסן איר האנט. זי האָט אים א פארוווּנדערטע באטראכט, א צי געטאָן מיט די אקסלען, ווען ער האָט זיך אופגעהויבן, און עטוואָס באַרויגעז געפרעגט:

— וואָס זשע, דו האלטסט, אז איך ווייס ניט וואָס מע דארף?

מאָטיע איז אוועק צו דער טיר. זי איז געלאָפן נאָך אים. בא דער סאמע פּאָיע האָט זי אים פארהאלטן.

— נו, אויב דו ווילסט ניט, וועל איך עס ארויסוואַרפן! אויב דו ווילסט, וואַרף איך עס גלײַך ארויס!

— אוועק! — האָט ער זיך ארויסגעריסן פון אירע הענט און מיט קויעך זי אָפּגעשטויסן. אין אירע אויגן איז פארגליווערט געוואָרן א גאליקער פארדראָס. מאָטיע איז געגאנגען איבער דער פּאָיע, אופגעעפנט די טיר פון̇עם קליינעם אדמיניסטראטאָרישן צימערל און געכאפּט א קוק אף איר.

אסיע איז געשטאנען צוגעשפּארט צו דער וואנט, מיט אָן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. די האָר אפן קאָפּ זײַנען געווען צעפּאטלט.

— איך בין ניט בעסער פון דיר! — האָט ער געזאָגט און איז, ניט פארמאכנדיק נאָך זיך די טיר, פארשווּנדן אינעם צימערל.

דער סופליאָר איז געשלאָפן אפן טיש. די פּיס זײַנען אף א מאָדנעם אויפן געהאנגען אינדערלופטן. אפן דיל האָט זיך געוואלגערט דער סאָכ־

רישער גראָסבוך, וואָס נאָטע האָט געבראַכט. מאָטיע האָט זיך אָנגעבויגן, אופגעהויבן אים. אפן ערשטן זײַטל איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאבן: „זיבעצן".

דורך דער אָפן־געבליבענער טיר האָט אסיע געזען, ווי מאָטיע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף די קני. מיט א פארכאפּטן אָטעם האָט ער אָנגעהויבן לייענען.

ווען מאָטיע האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פון די פארשריבענע בלעטלעך, איז שוין אסיע ניט געווען. ער האָט זיך אפילע ניט געכידעשט. אזוי, ווײַזט אויס, האָט עס באַדאַרפט זײַן! ער האָט זיך שטיל אופגעהויבן פונעם דיל, קעדיי ניט אופצוּוועקן, כאָלילע, דעם סופליאָר, און ארויס פונעם צימערל.

בא די טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געגומען קוקן אף דער גאַס, וואָס וואכט אוף. נאָכדעם איז ער פאמעלעך געגאנגען איבער די טרעפּ אראָפּ.

יענעם טאָג איז אסיע ניט געקומען אף דער רעפּעטיציע. זי איז ניט געקומען אויך אין די אנדערע טעג. נאָר קיינער פון די ארטיסטן האָט ניט געפרעגט וועגן איר, ניט דערמאָנט איר נאָמען, גלײַך זי איז קיינמאָל ניט געווען גאָר אין טעאַטער. בלויז איין מאָל האָט יאשע בוביס דערמאָנט איר נאָמען. ער האָט געפרעגט, פארוואָס קומט ניט אף פּראָבע אָט די רויטינקע, מיט די גרויסע בלויע אויגן, זי איז, ווײַזט אויס, א גאַנץ פייַיקע... נאָר מאָ־טיע האָט אָנשטאָט צו ענטפערן נאָר א מאך געטאָן מיט דער האַנט און הויך געמאָלדן:

— אכטונג! מיר טרעטן צו צום לייענען דעם צווייטן אקט לויט די ראָלן!

קאַפּיטל אַכט

אַן עקסקורסיע

אלעמאָל, ווען סע קומט מיר אויס צו זען וויקטאָר איוואנאָ־וויטשן, געפין איך אין זײַן אויסזען עפּעס נײַס. אויך אצינד, בעשאַס ער שטייט אָנגעבויגן איבערן טיש און שרײַבט גיך־גיך, פירנדיק מיטן בלײַפעדער איבערן פּאַפּיר, טראַכט איך: וואָס ווייס איך וועגן אָט דעם מענטשן, דעם שעף פון פּאָ־ליטפּראָסוועט באַם גוברעווקאָם?

זײַן ארבעטסטאָג הייבט זיך אָן אפן גען־זאַוואָד, וואָס טראָגט שוין הײַנט דעם נאָמען פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. דאָ פירט ער אָן מיט א שול פאר ליקווידירן די פּאָליטישע אמעראַצעס. אין דער דאָזיקער שול, ווען דליק עס איז באַוווּסט אין שטאָט, לערנען זיך צוזאַמען מיט די ארבע־טער אויך דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד און זײַנע צוויי געהילפן — גע־וועזענע ארבעטער. צו נײַן אזייגער קומט ער אײַלנדיק אין רעווקאָם, וווּ עס וואַרטן אף אים צענדליקער באַזוכער — נײַע דירעקטאָרן פון שולן,

לערער, דירעקטאָרן פון ארבעטער־קלובן, אָנפירער פון קרײַזן, טעאַטער־טוער, אָנפירער פון דער פילהארמאָניע און מוזיקאלע שולן, געוועזענע לערער פון די גימנאזיעס, וואָס ווילן געפינען ארבעט, אָנפירער און לע־רער פון די ארבעטער־פאקולטעטן, געוועזענע צײַטונגס־רעדאקטאָרן און זשורנאליסטן, וואָס באַיקאַטירן די רעוואָליוציע, יוריסטן־פּײַנרײדער, וואָס זײַנען צוליב דער רעוואָליוציע געבליבן אָן א שטאָך ארבעט, ארטיסטן, וואָס ווילן שאַפן נײַע טעאַטערן, אלמאָנעס, וואָס האָבן געצויגן זייער כאיור־נע פון קינדער־פאנסיאָנאַטן, וועלכע מע האָט איצט פארבאָטן, און גרושעס, וואָס ווילן געפינען זייער לעבנס־ציל אין די נײַ־אָרגאניזירטע קינדער־גערטנער, גאלאָכים, קסיאָנדזן, ראבאָנים און א סאך, א סאך אנדערע מענטשן באלאגערן אלע טאָג דעם קאבינעט פונעם רעווקאָמישן פּאָליט־פּראָסוועט. נאָר אָט האָט וויקטאָר איוואנאָוויטש פארענדיקט שרײַבן, ער באַהאַלט דעם בלײַפעדער אין קעשענע פון זײַן גימנאַסטיאָרקע און דער־לאַנגט אונדז דאָס בריוועלע, וואָס ער האָט אונטערגעכאַסמעט:

— אצינד קאָנט איר שוין גיין. דאָ בעט איך, אז מע זאָל דורכלאָזן דעם גאנצן קאָלעקטיוו.

ער ווארט, ביז מאָטיע וועט אקוראט צונויפלייגן דאָס צעטעלע, און לייגט פּאָר:

— געדענקט, פרײַנט מײַנע, אז איר גייט ניט אין מוזיי. דאָרט זײַנען ניט פאראַן ניט קיין בילדער, ניט קיין סקולפּטורן. נאָר דאָרט קאָן יעדער פון אײַך געפינען פאר זיך אזוינס, וואָס וועט אים זיכער העלפן בעסער באַגרײַפן און פארשטיין די ראָל, וואָס ער שפּילט אין די „זיבעצן". איך רעד שוין ניט וועגן דעם, אז די דאָזיקע עקסקורסיע וועט זײַן באַזונדערס נוצלעך אונדזער יונגן אוטאָר. די פּיעסע, — איך האָב צום אוטאָר קיין טײַנעס ניט, — פארמאָגט פיל מײַלעס, נאָר נאָך דער דאָזיקער עקסקורסיע, אזוי שײַנט מיר, וועט איר האָבן די מעגלעכקײַט נאָכאַמאָל איבערצוקוקן זי.

ער האָט אונדז באַגלייט ביז צו דער טיר, אין פאָדערצימער האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אנדערע באַזוכער, דאָך האָט ער זיך נאָך פארהאַלטן מיט אונדז:

— דאָס סאמע וויכטיקסטע איז דאָרטן ניט נאָר קוקן, נאָר טאקע זען, הערן און זיך באַמיִען צו פארשטיין, מיט וואָס עטעמען יענע ווענט, ווי די לופט איז נאָך פול מיט די קאָמסאָמאָלצעס, און ווען איר וועט צולייגן דעם אויער צו דער וואַנט, וועט איר זיכער דערהערן זייערע לעבעדיקע שטימען... נאָר וואָס דארף איך אײַך לערנען, — האָט ער זיך פארענט־פערט, — איר זײַט מענטשן פון קונסט און ווייסט בעסער פון מיר, וואָס מע קאָן דאָרט זען און הערן!

אונדזער קליינינקע טרופּע וואַרט שוין לאַנג אָף אונדז לעבן דער „קאָ־מענדאַטור". אלע זײַנען אריבער אָף דער זוניקער זײַט, מע שפּאַצירט צו צוויי און מע שמועסט צווישן זיך.

אָף דער זוניקער זײַט — באַשטראַלטע, העל־באַלויכטענע — האָבן אלע זיך ווי געביטן און געוווּנען אויסזען א סאך יינגער... איליושע און מאגאל־ניק האָבן די ערשטע אונדז דערזען און געלאָפן אנטקעגן.

— נו? גייען מיר? — פרעגן זיי ביידע מיטאמאָל.

ערשט איצט האָב איך באמערקט, אז מאָטיע האָט זיך אויך געענדערט — דער בליק זײַנער, אפילע דאָס קאָל. ער האָט צוגעוואַרט, ביז אלע ארטיסטן זײַנען צוגעקומען, ארומגערינגלט אים, און געזאָגט באדאכט, אָפּוועגנדיק יעדער וואָרט:

— די, וועמען עס טרײַבט בלויז די נײַגעריקײַט, מעגן בלײַבן זיצן אין דער היים!

אלע האָבן פארשטאנען. מער קיין פראגן האָט מען ניט פאָרגעבן.

אונדזער פּראָצעסיע האָט זיך צעצויגן אף א גאנצן קווארטאל. געגאנ־גען איז מען שטילע, עטוואָס אָנגעבלאָזענע. שוין גאָר נאָענט לעבן בול־וואר האָט יאנקאָ, וואָס האָט געשפּאנט באנאנד מיט דאָווידל מאגאלניקן, אָנגעהויבן צו ריידן מיט זיך אליין:

— פרעג מיך בעסער, ווען און וואָס פאר אַן אקטיאָרן זײַנען כאָטש איין מאָל אין לעבן געגאנגען אף... ווי הייסט עס, אף עקסקורסיעס? זאָל מיר אָפּדאָרן די צונג, צי מיר האָבן כאָטש אמאָל אין לעבן אויסגערעדט אזא וואָרט! טשיקאווע! — האָט ער א טאָרע געטאָן מאגאלניקן, — טו א פרעג בא אמזעלן, צי ער ווייסט, וואָס הייסט עס אזוינס, דאָס וואָרט עקסקורסיע?

מיר האָבן זיך פארזאמלט הינטער דער טיר, אף וועלכער עס איז גע־האנגען א שילד מיט גרויסע בוכשטאבן „דעזשורני נאדזיראטעל". מאָטיע האָט זיך אפילע ניט אומגעקוקט, און גלײַך ווי ער זאָל געווען קומען איינער אליין, ארײַן אינווייניק.

דער מענטש, וואָס איז צוגעקומען צו אונדז, איז געווען אָנגעטאָן אין א גרויען, אף וואטע אונטערגעשלאָגענעם קורצן מאנטל, ענלעך אף א שינעל. אפן קאָפּ האָט ער געטראָגן א גרויסע בודיאָנאָווקע, וואָס איז געמאכט געווען פון שינעל־געוואנט. אף די פיס — נײַע, זייער שווערע, יאלעווע שטיוול, אויך ניט לויט דער מאָס. נאָך פונדערווײַטנס האָט ער צו אונדז א פּאָכע געטאָן מיט דער האנט און גערופן, מיר זאָלן גיין נאָך אים. אלע מיטאמאָל האָבן מיר זיך א ריס געטאָן פונעם אָרט און אוועק ווער אײַלנדיק, ווער אומישנע לאנגזאם אזוי, אז מיר האָבן זיך צעצויגן איבערן גרויסן הויף, וואָס איז פון אלע זײַטן געווען פאריגלט, פארקלאפּט און די ערד דאָ איז געלעגן באגראָבן אונטער שווערע גראניט־שטיינער. לעבן א שמאָל ליקל, וווהין מיר האָבן באדארפט ארײַן, האָט ער אויסגע־וואַרט, מיר זאָלן זיך אלע צונויפנעמען.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז, דערלאנגט פון דער קעשענע א טאָרבעלע מיט טוטין, געשעפּטלעך און זיכער פארדרייט א גרויסן ציגאר, פארייכערט, און ערשט דעמלט האָבן מיר דערזען דאָס פּאָנעם זײַנס: נאָך גאָר א יונגער באָכער מיט א שארפן קינבאק און גרויסע קײַלעכדיקע, ווי בא א פויגל, אויגן, וואָס האָבן אָבער אויסגעזען ניט געוויינלעך צוליב זייער געלן בורשטין־קאָליר. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אונד־זער באגלייטער איז געווען איינער פון די זיבעצן קאָמיוגיסטן. ער האָט ארויסגעלאָזט א געדיכטן רויך־שטראָם און שמייכלענדיק געזאָגט:

— נו, לאָמיר רעכענען, אז מיר האָבן זיך שוין באקענט! מע רופט

מיך — סאווא. מער דארף מען גאָרניט צוגעבן. דאָס איבעריקע אין מײַן ביאָגראַפיע איז ניט אינטערעסאנט. באלד וועלן מיר אַרײַן מיט אײַך אינעם קאָרידאָר, ווו די קאָנטרראַזווערקע האָט געהאַלטן די פּאָליטישע. דאָ איז אַלץ געבליבן אַזוי, ווי עס איז געווען דעמלט...

פון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען א גרויסן שליסל.

— אַט דאָ האָט מען זיי אומגעבראַכט? — האָט געפרעגט ליובע און זיך גלײַך איבערגעשראָקן פאַרן מעגלעכן ענטפער. זי האָט א קוק געטאָן אויף אונדז מיט איבערגעשראָקענע אויגן, ווי זי זאָל בעטן, אַז מיר זאָלן איר קומען צוהילף.

סאווא האָט געכײַכערט, א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך דערקלערט:

— דער מאָרד איז פאָרגעקומען אין אַן אַנדער אָרט, אין קעלער. שפּע־טער א ביסל וועל איך ווײַזן.

און איז אַוועק אין ליק.

מיר זײַנען אים נאָכגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט בײַ א קליינער טיר, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט גרויען וואָילעק. דער שליסל האָט מיט א גרילץ זיך א דריי געטאָן. מאָטיע איז אַרײַן דער ערשטער נאָך אונדזער באַגלייטער. ער האָט מיך א צי געטאָן פאַר דער האַנט, און מיר זײַנען צוזאַמען אַרויף אויף עטלעכע טרעפּ אין א לאַנגן קאָרידאָר. פונדאַנען האָבן מיר פאַרקערעוועט אויף רעכטס, און פאַר אונדזערע אויגן זײַנען אויסגע־וואַקסן אַן א שיר טירן פון ביידע זײַטן, שמאָלע, אײַזערנע טירן.

אונדזער גיד איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ער האָט געזויגן דעם ציגאַר און זיך ניט אויסגעדרייט צו אונדז, גלײַך מיר זײַנען קלאָל ניט געווען. ערשט ווען ער איז פאַרבײַ דעם קאָרידאָר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן איינער פון די אָנצאָליקע שמאָלע טירן, געוואַרט א רעגע, ביז מיר האָבן אים אַרומגערינגלט; ערשט דעמלט האָט ער אופגעהויבן איבערן קאָפּ דעם שליסל און פאַר אונדז אין די אויגן אופגעעפנט א שמאָל קערקערל, ווו עס האָט געקאָנט אַרײַן נאָר איין מענטש, אי דאָס מיטן טנײַ, אַז ער זאָל שטיין שטאַרק אָנגעבויגן. די שוואַרצע סטעליע איז געהאַנגען גאָר נידע־ריק. אפן דיל איז געלעגן שטרוי, אַלטע שטרוי, וואָס איז שוין לאַנג איבערגעטריקנט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א טרוכע. קיין פענצטערל איז דאָרט ניט געווען.

— פריער זײַנען אַזעלכע קערקערלעך ניט געווען אין די טורמעס, — האָט סאווא אונדז דערציילט. — זיי האָבן זיך באַוויזן ניט לאַנג, ערשט מיט א יאָר אָדער צוויי צוריק... מע זאָגט, אַז די דאָזיקע „פאַנסיאָנאַטן” האָט צוגעטראַכט זעלבסט דער גענעראַל סלאַשטשאָוו, ספּעציעל פאַר די קאָמו־ניסטן. מע כאַפּט א מענטשן, און גלײַך פון דער פרײַ, נאָך א וואַרעמען, קאָן מען זאָגן, וואַרפט מען אים אַרײַן אַט אין אַזא גאַניידן. זיצט ער דאָ אָפּ א וואָך, אַמאָל מער, אויף קיין דאָפּראָסן רופט מען אים ניט. אים מאָלט זיך אויס, אַז ער זיצט שוין דאָ כאָדאָשים, יאָרן, א גאַנצע אייביקײַט. דער כעזשבן איז געווען א פּאַשעטער: וועסט אָפּזיצן א וואָך, וועסטו שוין אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל, ניט לייענענדיק אים. אַזוי פלעגט זיך טאַקע טרעפן. נאָר אָפט פלעגט זיך באַקומען גאַנץ אַנדערש.

אָט ברענגט מען צו פירן צום אויספֿאָרשער אזא פֿארשוין, וואָס איז שוין דאָ אָפּגעלעגן דעם נייטיקן טערמין, און מע לייגט אים פֿאָר ענטפֿערן אף אייניקע פֿראגן, נאָר יענער שטייט און שווײַגט, גלײַך ניט צו אים רעדט מען. קאָן זײַן, אז דער הונגער האָט אָפּגענומען בא אים די מעגלעכקײַט צו שטיין אף די פֿיס. אינגאנצן א צענעריקטער, דאָס גאנצע לײַב אין בלוט־פֿלעקן, שטייט ער און שווײַגט. דער אויספֿאָרשער שרײַט, קלאַפּט מיטן פֿויסט איבערן טיש, טופּעט מיט די פֿיס, לויפֿט ארום איבערן קאבינעט און ווארפֿט אלצדינג, וואָס קומט אים אונטער די הענט, נאָר דער ארעסטירטער שווײַגט. הייבט מען אים ווידעראמאָל אָן צו נעריקן. אָבער וואָס פֿאר א נוץ ברענגט עס? דער מענטש, דאכט זיך, פֿילט שוין מער גאָרניט, איין זאך קאָן ער נאָר — שווײַגן. אָט אזוי, פֿרײַנט מײַנע. ווי איר זעט, איז דאָס ווייניק אינטערעסאנט, — באשליסט סאווא און מאכט אוועק מיט דער האנט.

ער איז ארײַן אין קערקערל, אויסגעדרייט זיך צו אונדז מיטן פּאָנעם:

— האָבן זיי זיך מעיאשעוו געווען און גענומען שלאָגן די ארעסטירטע דאָ טאקע, אין דעם קייווער. פּרווט שרײַען, רופֿן צוהילף. סײַ־ווי וועט קיינער ניט הערן. גוט צוגעטראכט! — האָט סאווא מיט סארקאזם א זאָג געטאָן און איז ארויס צו אונדז.

זײַנע אומבאוועגלעכע, פֿארגליווערטע אויגן זײַנען אָנגעצילט אף אונדז און באלויכטן אונדז מיט א סוידעספֿולער און קאלטער שײַן.

— איך מיין, סאווא, אז דו האָסט פֿארזוכט אָט די אלע פֿארגעניגנס! — כאַפּט זיך ארויס יאשע בוביס, און מיר זײַנען שוין גרייט אויסצוהערן דעם ענטפֿער. נאָר סאווא ענטפֿערט ניט. ער מאכט אוועק מיט דער האנט און טוט א בורטשע:

— ניט וועגן מיר רעדט זיך. וואָס בין איך?

אייבציקווײַז לאָזן מיר זיך אראָפּ אין קערקערל — כאָטש אף איין מינוט זײַן אָפּגעשניטן פֿון דער לעבעדיקער וועלט. מאָדנע. קיין פּאכעד איז אונדז ניט באפֿאלן און דאָס הארץ האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. מיר זײַנען דאָך געקומען אהער בלויז אף אן עקסקורסיע!

סאווא עפֿנט אן אנדער טיר.

ווידעראמאָל זעען מיר א הויפֿן איבערגעטריקנטע שטרוי, פֿון וועלכער סע טראָגט א הארבער גערוך. דאָס איז דעם ארעסטירטנס בעט: מיר ווייסן שוין, אז לויט דער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג דארף דער ארעסטירטער, איידער ער פֿארלאָזט אף אייביק זײַן קערקער, צונויפֿשארן די שטרוי אין א קופּקעלע — צוגרייטן א געלעגער פֿאר דעם, וועלכער וועט פֿארנעמען זײַן פּלאץ. טשיקאווע צו וויסן: ווער זשע איז געווען דאָ דער לעצטער? מיט וועמענס הענט איז צונויפֿגעשארט געוואָרן אָט דער הויפֿן שטרוי? קאָן זײַן, אז דאָס איז געווען פּעדיע ספּיוואק?

איך גיי דער ערשטער ארײַן אין קאמערע, טאַפּ מיט די פֿינגער די שווארצע און נאסע ווענט, שטרענג זיך אָן צו דערזען כאָטש א וועלכן־ס'איז־ניט גראבל אף דער וואנט... איך קוק אין דער פֿינצטערניש, און עס נעמט זיך שוין דאכטן, אז טאקע דאָ, אין דער קאמערע, איז געזעסן פּעדיע ספּיוואק, וואָס איז מיר געוואָרן אזוי נאָענט, כאָטש איך האָב אים

קיינמאָל ניט געזען. און ווידער דאַכט זיך מיר, אַז אויב איך וועל צופאַלן מיטן אויער צו דער וואַנט, וועל איך דערהערן די שטים זײַנע...

נאָר די וואַנט איז טויב און שטום.

אילײשע כאַפּט מיך פלוצלינג אָן פאַר דער האַנט, און מיר לאָזן זיך ביידע אַראָפּ אויף די קני. עטוואָס העכער פונעם דיל זײַנען אויסגעקריצט אויף דער וואַנט פיר בוכשטאַבן, צוויי מאָל איינע און די זעלבע, צוזאַמען לייענען זיי זיך:

— מאַמאַ!

— מאַמע! — שרײַט אויס ליובע, וואָס שטייט באַנאַנד, און פאַר שרעק פאַרשטעלט זי דאָס פּאָנעם מיט אירע הענט. עמעצער וויינט שוין אין דער הייך:

— מאַמע!

דאָ וואַרפט אָן דאָס דאָזיקע וואָרט א פּאַכעד. סאַוואַ קוקט אויף אונדז, שאָקלט פאַמעלעכן מיטן קאָפּ.

— אין דער־אָ קאַמערע, — דערציילט ער, — איז געזעסן דאָרט, א מיידל פון א יאָר זעכצן, ניט מער. קימאַט א האַלב יאָר האָט זי געאַרבעט אַלס פאַרבינדעטע. זי האָט געטראָגן פלוגבלעטלעך אויפן פראַנצויזישן קרייסער. ביז איצט קאָן מען ניט פאַרשטיין, וויאַזוי פלעגט זיך איר אײַנגעבן אַרויף אויף א מיליטערישער שיף, וואָס איז געווען באַוואַכט פון אַלע זײַטן! ניט קיין מיידל, א שעד! זי האָט אַליין זיך אויסגעלערנט ריידן אַזוי ווי די מאַטראָסן פונעם קרייסער און פלעגט, זאָגט מען, קנאַקן אויף פראַנצויזיש, גלײַך זי איז אָקאָרשט געקומען פון פּאַריז. פונעם קרייסער פלעגט זי ברענגען אויסערסט וויכטיקע ידיעות. שפּעטער, ווען א שפּיק האָט איר אָנגעהויבן נאָכצושפּירן, האָט מען זי גלײַך איבערגעפירט אויף אַן אַנדער אַרבעט. זי האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַלס דינסט אין דער קאָנטרראַזוועדקע. קעדיי עס זאָל אויף איר ניט פאַלן קיין חשאַד, האָט זי זיך אויסגעגעבן פאַר א טויבשטומער. א פּראָוואָקאַטאָר האָט זי אָבער געמאַסערט. אויף די פאַרהערן איז זי די גאַנצע צײַט געבליבן א „טויבשטומע". אין קאַמערע פלעגט מען זי ברענגען צו טראָגן, ווײַל נאָכן פאַרהער האָט זי שוין ניט געקאָנט ניט זיצן, ניט שטיין אויף די פיס. אין קאַמערע איז זי געלעגן אומבאַוועגלעך — געהיט די קויכעס. נאָר אין דער לעצטער נאַכט, עטלעכע שאָ פאַרן טויט, האָט זי פלוצעם אָנגעהויבן שרײַען. נאָר אפילע איצט האָט זי געשרײַען נאָר איין וואָרט: „מאַ־מע! מאַמע!"

סאַוואַ האָט א צײַט געשוויגן און דערנאָך צוגעגעבן:

— אָט דאָס וואָרט האָט זי טאַקע אויסגעקריצט אויף דער וואַנט. מיטן אייגענעם בלוט האָט זי עס פאַרשריבן...

מיר שטייען אַלע נאָך לאַנג און באַטראַכטן די פיר אויתיעס, און יעדערער פון אונדז כאַזערט איבער אָן א צאָל מאָל דאָס וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס מיר האָבן אפסנײַ פאַרשטאַנען אָט דאָ, אינעם פינצטערן קערקערל, איבער וועלכן עס הענגט נידעריק א שוואַרצע און נאַסע סטעליע.

מיר ווילט זיך פאָרשטעלן פעדיע ספּיוואַקס פּאָנעם. נאָר אָנשטאָט פעדיען שווימט מיר אויף פאַר די אויגן א קינד, א מיידעלע, וואָס איז קוים זעכצן יאָר אַלט, און וועלכע האָט דאָך באַוויזן אופצוטאָן א סאַך מער פון

מיר, פון א סאך אנדערע, וואָס זײַנען עלטער פון איר דרײַ און פיר מאָל! וויאזוי זשע האָט זי אויסגעזען, דאָרע? מיר מאָלט זיך אויס: צוויי גוטע, קלוגע און סוידעספּולע אויגן, א שטערן אָן איין קנייטשעלע, קורץ גע־שוירענע האָר... זי שטרעקט אויס צו מיר איר האנט, איך האלט זי, דריק זי, גלעט זי, און מיר קוקן זיך ארײַן אין די אויגן. מיר שווײַגן דערבײַ, ווײַל אזוי איז א סאך בעסער. צו וואָס, אייגנטלעך, דארף מען ריידן, ווען אלץ איז פארשטענדלעך אָן ווערטער? איך וואָלט נאָך עפּשער ארומגע־נומען זי, ווען איך זאָל זיך ניט שעמען, דאָ שטייען דאָך נאָך מענטשן. פונדעסטוועגן צי איך זי צו צו זיך, אז קיינער זאָל ניט זען, און אָט שטייט זי שוין גאָר נאָענט לעבן מיר. איך הייב אוף די אויגן — לעבן מיר שטייט ליובע. קוים הערנדיק שעפּטשעט זי מיט א קינדערש־אומבאַ־האָלפן קאָל:

— מאמע! מא־מע!

ליובע איז פארנומען מיט אירע מאכשאָוועס און פילט ניט מײַן בליק אף זיך. און איך קוק און קוק אף איר, אף אירע פאַכטע אויגן, אף די גריבלעך אין די באקן, און איך זע קימאט א פארענדיקט געמעל פון דאָ־רען. אָט אזא איז איר פּאָנעם, איר קאָל, — ליובע שעפּטשעט עפּעס אין דער שטיל, און אירע אויגן זײַנען אָנגעצילט אין יענער זײַט, ווו אף דער וואנט איז אָנגעשריבן „מאמע".

— מא־מע! מא־מע!

אף די ווענט פון אנדערע קאמערעס האָבן מיר איבערגעלייענט אנדערע ווערטער. לאָזט זיך אויס, אז די בעטאָנענע ווענט זײַנען גאָר ניט אזוי סוידעספּול. מיר האָבן געזען אצינד שוין גאנץ קלאָר ניט נאָר קיין בוכשטאבן, נאָר גאנצע ווערטער און אופשריפטן. מיר האָבן זיי געלייענט פאר זיך, גלײַך מיר זאָלן זיך שעמען ארויסברענגען זיי אף א קאָל. און אלץ דערפאר, ווײַל מיר האָבן זיך געפילט שולדיק פאר די, וואָס האָבן געמאכט די לעצטע אופשריפטן אף אָט די טויטע ווענט. דאָס זײַנען געווען ווערטער־שוועס, וואָס די מענטשן האָבן געגעבן אין די לעצטע רעגעס פון זייער לעבן:

„רוזיק..."

„מאָרגן ווערט מיר 23".

„זײַט געגריסט..."

איך האָב נאָכאמאָל און נאָכאמאָל געלייענט, מיט די פינגער אָנגעטאפּט די אויסגעקריצטע אויסיעס, נאָר פאר די אויגן איז אלץ געשטאנען ליובע־דאָרע און געשעפּטשעט: „מא־מע! מא־מע!". איך האָב זיך ארומגעקוקט. ליובע איז שוין מער ניט געווען לעבן מיר. באנאנד איז געשטאנען איליר־שע: די אויגן זײַנע רויטע, דוכט זיך, געשוואָלענע.

סאווא שטייט אין קאָרידאָר און רייכערט שוין ווידער. ער פארציט זיך טיף און האָט, ווײַזט אויס, א שטארקן פארגעניגן פונעם רויך, מיט וועלכן ער קאָן זיך ניט אָנזעטיקן. ער וואַרט, ביזוואנען מיר וועלן אליין ארויס אין קאָרידאָר. וואָס טראכט ער וועגן אונדז, סאווא?

— אצינד וועלן מיר מיט אײַך ארײַן אין דער קאמערע נומער פיר און צוואנציק, — זאָגט סאווא, ווארפט אוועק דעם ניט־דערייכערטן ציגאר און

צעטרעט אים מיטן שטיוול. — אין דער קאמערע האָט מען זיי אלעמען צוגויפגענומען. אלע. דאָס איז געווען זייער לעצטע באגעגעניש, און גע־דויערט האָט זי א שאָ אָנדערהאלבן. געבראכט האָט מען זיי אהער האלב צוויי באנאכט, און אזייגער דריי אָן מינוטן האָט זיך אָנגעהויבן דער מאָרד. ווען אונדזערע האָבן זיך אריינגעריסן אהער, זיינען נאָך די קערפּערס זייערע געלעגן דאָ, די טיר איז געשטאנען צעפּראלט, ווייזט אויס, אז די הענקער האָבן זיך געאיילט, זיי האָבן אפילע ניט באוויזן צו פארמאכן די טיר.

מיר גייען ווידער איבער א קאָרידאָר, לאָזן זיך אראָפּ מיט שמאָלע אייזערנע טרעפּ. עס האָט א שלאָג געטאָן אין דער נאָז מיט פּייכטקייט. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך דערהערט א גליטשיקער שנאָל — דאָס איז אראָפּגעפאלן פון דער הייך א שווערער טראָפּן, וואָס איז צעשמעטערט געוואָרן אין א קאליוזשע, וועלכע מיר האָבן אין דער פינצטערניש ניט באמערקט.

איידער סאוווא עפנט אוף די טיר פון דער פיר־און־צוואנציקסטער, לעבן וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז ער אונדז מוידיע זייער שטיל:

— מיר האָבן דאָ גאָרנישט ניט איבערגעשטעלט, גאָרנישט ניט גע־ביטן. בלויז ארויסגעטראָגן די טויטע קערפּערס און פארמאכט די טיר. אלץ איז דאָ פארבליבן ווי דאָן...

אָט איז זי, די פיר־און־צוואנציקסטע... נארעס און צוויי שמאָלע דורכ־גאנגען צווישן זיי. אייזערנע שטאכעטן אפן פענצטער, וואָס ליגט אונטער דער ערד אַן ערעך אָנדערהאלבן מעטער און לאָזט דורך פונעם הויף א גרויע שיין, וואָס פילט אָן די קאמערע מיט מאָרעשכוירע. עטלעכע מינוט שטייען מיר באם אריינגאנג, ווי מיר וואָלטן מוירע געהאט אריבערצו־שפּאנען. עמעץ פון אונדז האָט זיך אָפּגערוקט אין א זייט, געפרעגט בא סאווען: „כ׳פארשטיי ניט, וואָס האָט מען דאָ געקאָנט איבערשטעלן?״

מאגאלניק רייסט זיך אלץ פונעם אָרט, וואָרפט זיך צו דער וואנט און נעמט דאָרט זוכן מיט די אויגן. ער קריכט איבערן דיל און זוכט אלץ, טאפּט מיט די הענט, הייבט זיך אוף און לאָזט זיך ווידער אראָפּ. זיין יינגלש פּאָנעם איז באדעקט מיט קנייטשן, און אָן א טראָפּן בלוט. פון צייט צו צייט פארגייט ער זיך אין א הוסט און כאפּט זיך אָן מיטביידע הענט באם הארצן. ווען דער הוסט לאָזט אים אָפּ, וואָרפט ער זיך ווידער צו דער וואנט און טאפּט זי מיט זיינע קורצע הענט, ווי א בלינדער, וואָס לייענט מיט די פינגער. מיר שפּירן נאָך זיינע באוועגונגען.

יאנקאָ טוט בא אים א פרעג:

— וואָס זעסטו דאָרט? אנו, לייען אין דער הייך!

מאגאלניק לאָזט זיך אראָפּ אף די קני בא דער וואנט, וואָס קעגניבער, און לייענט הויך אף א קאָל:

— „טאָ־וואַ־ריש לע־ני־ן!״

דער ערשטער כאפּט זיך אראָפּ פון דער נארע מאָטיע. ער וואָרפט זיך צו דער וואנט, ווו מאגאלניק שטייט. אין איין אויגנבליק זיינען מיר אלע בא דער וואנט, יעדער איינער וויל מיט די אייגענע אויגן איבערלייענען, וואָס עס איז דאָרט אָנגעשריבן.

טאַוואַריש לענין...

יאָ. אַזוי איז אָנגעשריבן אַף דער וואַנט מיט גרויסע, קימאַט אַלציינע, גלײַכע אויסיִעס. די האַנט, וואָס האָט אויסגעקריצט אָט די ווערטער, איז זיכער געווען רויִק. דאָס זײַנען געווען פּונקט יענע ווערטער, וואָס דער מענטש האָט געוואָלט אויסרופן, אָנשרײַבן, אויסקריצן. קיין פּאַסיקערע ווערטער האָט ער ניט פאַרמאָגט אין די לעצטע רעגעס פון זײַן גרויליקן סאָף.

איך באַטראַכט יעדער בוכשטאַב באַזונדער, וויל זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ קויעך האָט געפירט די האַנט, וואָס האָט אַזוי רויִק און זיכער אויסגעקריצט די אויסיִעס.

— האָסט פאַרשטאַנען? — פרעגט מיך מאָטיע.

איך קוק אים אָן שווײַגנדיק און פיר ווידעראַמאָל אַריבער דעם בליק צו דער וואַנט, נאָר ווײַטער זע איך שוין גאָרניט. אַלץ איז, ווי אין אַ נעפּל. פאַר די אויגן שטייט מיר אַ האַנט, אַ קינדערשע האַנט, וואָס האַלט פעסט אין די פינגער אַ טשוואָק, מיט וועלכן זי קריצט איבער דער צע־מענטענער וואַנט:

טאַוואַריש לענין.

מאָטיע לייגט אַרויף זײַן האַנט צו מיר אַף דער פּלייצע און פירט מיך אַוועק אין אַ זײַט. ער וויל ניט, אַז די אַקטיאָרן זאָלן אונדז שטערן. מיר שטעלן זיך אָפּ באַם פענצטער, עפּשער אַ גאַנצע מינוט שווײַגן מיר. דאָס איז מאָטיעס מאַניר. איידער ער זאָגט מיר עפּעס, באַטראַכט ער מיך, ווי ער זאָל צווייפלען, צי איך וועל פאַרשטיין זײַנע רייד.

— האָסט איבערגעלייענט, וואָס ס׳איז אָנגעשריבן אַף דער וואַנט? — כאַפּט ער מיט ביידע הענט אַרום מײַנע אַקסלען און דריקט מיך צו אַזוי, אַז די ביינער מײַנע טרישטשען. — קאָמפּמענטש, האָסטו כאָטש אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז אין דײַן פּיעסע פעלט אויס דער סאַמע בייטיקסטער פּערסאָנאַזש? אָט וועמען מע דאַרף אַרײַנפירן אין דײַן פּיעסע: דעם כאַ־ווער לענין! האָסט פאַרשטאַנען? איך פרעג דאָך בא דיר — האָסט פאַר־שטאַנען?

דאָס פּאָנעם נעמט בא מיר פלאַמען. דער שטערן איז פײַכט. מאָטיע וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר איך שלאָג אים איבער:

— ער איז דאָך אָבער דאָ ניט געווען!

— געווען! — שרײַט אויס מאָטיע מיט זיכערקײַט. — אין דעם גייט עס דאָך, וואָס ער איז יאָ געווען!

— פאַרשטיי איך ניט.

— באַלד וועסטו פאַרשטיין, קאָמפּמענטש! — כאַפּט ער אָן מײַנע הענט. — אָט דאָ איז ער געווען! פאַרשטייסט?

און ווײַזט מיטן פינגער אַף די נאַרעס.

— אַזויאַרום קאָן מען צוטראַכטן אַלץ, וואָס דו ווילסט! — דערווידער איך אַ באַרויגעזער. — מיר דאַרפן דערציילן אַלץ, ווי עס איז געווען. וואָס זשע, ס׳איז דיר נאָך קאַרג? צוטראַכטן איז שוין איבעריק.

מאָטיע קוקט אַף מיר מיט אַ ביטערן שמייכל און וואַרט אַף עפּעס.

ער וויל, ווײַזט אויס, אַז איך זאָל אַליין קליגער ווערן. ער דערוואַרט זיך אָבער ניט. דאַן כאַפּט ער מיך ווידער אָן פֿאַר דער האַנט און הייבט אָן אָפּסנײַ צו דערקלערן:

— טעאַטער, פּרײַנט מײַנער, קאָן ניט וואַרטן, ביז וואַנען דער עמעס וועט באַקומען אַ סוזשעט און וועט ווערן ענלעך אויף אַ פּאַרטיקער פּיעסע. פּונקט פֿאַרקערט! דער טעאַטער מוז שאַפֿן אַזאַ ווערק, וואָס זאָל זײַן פּונקט אַזאַ ווי דער עמעס אַליין! האָסט מיך פֿאַרשטאַנען?

ער שטויסט אָפּ מײַן האַנט.

— אָט, ווען דו וועסט פֿאַרשטיין אָט די ווערטער, וועסטו אויך פֿאַר־שטיין, אַז לעבין איז דאָ געווען!

ער באַטראַכט מיך מיט אַ מינע פֿון ראַכמאָנעס. ער וואָלט, דוכט זיך, אוועקגעגעבן אַ האַלב לעבן נאָר דערפֿאַר, אַז איך זאָל סאָפּקאָלסאָף באַ־נעמען דאָס, וואָס ער דערקלערט מיר מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ טעמ־פּעראַמענט. ניט שוין זשע קאָן איך ניט פֿאַרשטיין אַזאַ פּראָסטע זאַך?

— דער טעאַטער, גוטערברודער, — זאָגט ער, — פֿאַרמאָגט אַזעלכע מעגלעכקײַטן, וואָס האָבן זיך אונדז אַפֿילע ניט געכאָלעמט! — ער פֿאַרײַסט דעם קאָפּ צו דער סטעליע, גלײַך ער זאָל זיך וועלן עפּעס דערמאָנען.

מיר באַמערקן ניט, אַז סאַוואַ שטייט די גאַנצע צײַט לעבן אונדז מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט וועלן פֿאַרזעצן מאָטיעס געדאַנק. ער פּאַקט דעם מאָמענט און רופֿט זיך שטיל אָן:

— אין יענער נאַכט... האָבן מיר געהערט, ווי זיי האָבן זיך געזעגנט איינער מיטן אַנדערן. וואַסיע פּעטרענקאָ האָט אויסגערופֿן: „טאָוואַריש לעבין!“.

— פֿונוואַנען ווייסטו עס? — בייזערט זיך מאָטיע.

— מיר זײַנען דעמלט געזעסן אינעם צווייטן קאָרפּוס. מיר האָבן אַלץ געהערט. יענע נאַכט איז באַזונדערס שטיל געווען...

— הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין, קאָמפּענטש? — טוט ווידעראַמאָל אַ פֿרעג באַ מיר מאָטיע און שטויסט מיך אָפּ פֿון זיך מיט אַ פֿריילעכן שמייכל. איך קוק זיך אַרום, צי זעט עס קיינער ניט. דאָס איז ניט נאָר אומגעלומ־פּערט, ס׳איז פּאַשעט ניט דערלאָזבאַר אין אַזאַ אָרט. און דאָך, ווען איך זאָל זיך ניט שעמען פֿאַר דעם וואָרט, וואָלט איך געזאָגט, אַז מאָטיען האָט אַרומגעכאַפּט אַ פֿרייד. ער האָט מיך פֿאַרקלעמט אין זײַנע צוויי יאָדאַיִם, צוגעדריקט צו זיך און גענומען טרוימען אויף אַ קאָל:

— אָט וואָס עס פֿעלט דער פּיעסע „זיבעצן“. פֿאַרשטאַנען? דאָס סאַמע וויכטיקסטע! און מיר שלאָגן זיך שוין אַזויפֿיל טעג און נעכט, ברעכן זיך די קעפּ. עך דו, שעקספּיר!

ער קוקט שוין ווידער אויף דער סטעליע, מורמלט עפּעס, דאָס פּאָנעם זײַנס שײַנט. עפּשער זעט ער דאָרט אין דער הייך דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס פֿעלט אונדזער פּיעסע, עפּשער ווייסט ער שוין, וואָס און ווי־אַזוי מע דאַרף אין איר ענדערן?

— גיב אַ טראַכט אָט וועגן וואָס, — הייבט ער ווידעראַמאָל אָן שטיל, לאַנגזאַם און כאַפּט מיך ווידער פֿאַר דער האַנט. — גיב אַ קוק — אָט איז

זי פאר אונדזערע אויגן, די קאמערע. דאָ האָבן זיי זיך געטראָפן צום לעצטן מאָל. לעבן איז פארבליבן אָנדערהאלבן שאָ, א שאָ, א האלבע שאָ. דער כעזשבן איז שוין אוועק אף רעגעס. זיי ווייסן עס. פארשטייסט? אין קאמערע איז שטיל דערפאר, ווײַל די קויכעס לאָזן זיך אויס, און מע וועט זיי נאָך דארפן... ווער פון זיי עס זיצט, ווער ס'ליגט, ווער ס'האָט זיך אָנגעשפארט מיטן קאָפּ אין דער וואנט: מע דארף זיך צוגרייטן צום לעצטן וועג, מע דארף באַגעגענען די לעצטע מינוט ווי עס באדארף צו זײַן, און אף דערוף דארף מען אָפּהיטן די קויכעס, און אויב זיי זײַנען שוין ניטאָ, דארף מען זיי געפינען אין זיך. ווי?אזוי? ווער וועט זיי געבן מוט אין די לעצטע מינוטן? וועגן דעם טראכטן זיי. און אָט עפנט זיך אוף די טיר און ער קומט ארײַן. ער — לעניו. דער כאווער לעניו. ער קומט ארײַן פּאָשעט, ניט אומדערווארט, ווײַל ער איז, אייגנטלעך, געווען מיט זיי די גאנצע צײַט. אויב דו ווילסט, מוז ער ארײַן! ער קאָן נישט ניט ארײַנקומען! ווײַל ער לעבט צוזאמען מיט זיי, ער לעבט אין הארצן בא יעדן פון זיי!..

מאָטיע לאָזט אָפּ מײַן האנט, גייט אָפּ אין א זײַט און רוימט מיר אײַן א סאָד:

— אצינד וועט פאר מיר אויך זײַן א ראָל אין דער פּיעסע.

ער שײַנט.

מיר דרייען זיך ווידער אויס צו דער וואנט אוןווארטן, ביזוואנען עס וועט זיך עפענען די טיר. ווער עס דארף ארײַנקומען, ווייסן מיר שוין. מיר ווייסן שוין אפילע, ווי?אזוי ער דארף ארײַנקומען.

איך באטראכט מאָטיען. זײַן פּאָנעם האָט זיך אינגאנצן געביטן, דער שטערן איז, דוכט מיר, געוואָרן העכער, בוילעטער, די ליפּן זײַנען באַלויכטן מיט א ווארעמען שמייכל. מיר דוכט, אז אפילע די פינטעלעך אפן האלדזבאנד זײַנעם, יענע, וועלכע מיר גדענקען פונעם פּאָרטרעט, און אויך דער קארטוז מיטן דאשעק עטוואָס אין א זײַט, איז, ווי בא אים... אָט הייבט ער אוף די האנט, מאָטיע, שטרעקט זי אויס, און פאר מײַנע אויגן וואקסט אויס דער פּאָרטרעט, וועגן וועלכן מיר טרוימען איצט.

צום ערשטן מאָל דערזע איך מאָטיען דעם אקטיאָר. די ראָל איז ווי אָנגעמאָסטן פאר אים, כאָטש זי איז נאָך ניט אָנגעשריבן. מאָטיע האָט שוין, ווײַזט אויס, ניט נאָר דערזען דאָס געשטאלט, וואָס ער דארף באַווײַזן, ער האָט שוין דערפילט די מעכטיקע גרויסקײַט זײַנע, פארשטאנען און דערזען אייניקע איינצלהײַטן, וואָס דארפן אים העלפן באשאפן דעם עמעס פון דעם דאָזיקן געשטאלט. אלס מעכאבער פון דער פּיעסע, וואָלט איך געוואָלט אונטערטראָגן אים די ערשטע רעפּליק, מיט וועלכער ער דארף ניסגאלע ווערן, זאָל זײַן כאָטש איין פראזע. נאָר איך קאָן ניט געפינען, קיין איינציק וואָרט אפילע. עפּשער וואָלט טאקע בעסער געווען אָן ווערטער? פאראן אזעלכע געשטאלטן, וואָס אפילע וועגן איין בליק זייערן קאָן מען ניט דערציילן מיט קיין שום ווערטער!

סאוואַ גייט ארויס אין קאָרידאָר, ער דרייט שוין ווידער א ציגאַר. שטילע און מידע שלעפּן זיך נאָך אים די עקסקורסאנטן, מע קוקט ניט

איינער אפן צווייטן, גלײַך אלע זײַנען שולדיק אין דעם, וואָס אױף דער וועלט איז פאַראַן אָט דער הויף מיט די שטײַגן פאַר מענטשן. מע גייט לאַנגזאַם, מע שטעלט שווערע טריט. איין מאָטיע ווייסט ניט וועגן מידקײַט, זײַן פּאָנעם לויכט זיך ווי פריִער. מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ שפּאַנט ער, שטופּט זיך אַפּגיך דורך איינעם שמאָלן קאָרידאָר, הייבט זיך אויף אויף די טרעפּ און קומט דער ערשטער אַרויס אין הויף, ווו אויף די ברייטע אַשקאָלירקע שטיינער ליגט אַ גרויסער קוואַדראַט פון אַ הייסער זון. ער גייט גלײַך אויף דעם דאָזיקן קוואַדראַט, כאָטש ער ווייסט ניט, אין וואָס פאַר אַ זײַט וועט מען אונדז איצט פירן. און גיין גייט ער איצט ניט ווי שטענדיק: דער רעכטער אַקסל זײַנער איז עטוואָס אונטערגעהויבן, דער קאָפּ — אויסגעדרייט צום אַקסל, די גרויסע פינגער פוןביידע הענט — פאַרשטעקט אונטער די אָרעמס. אינמיטן הויף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוגעוואַרט, ביז איך וועל צוקומען. ער האָט געוואָלט, ווײַזט אויס, עפּעס זאָגן, נאָר איך האָב דער ערשטער אָנגעהויבן.

— אין דער פּיעסע, — זאָג איך, — וועט אויך זײַן דאָרע. איך ווייס שוין, וויִאַזוי מע דאַרף אָנשרײַבן די ראָל. איר האָט באַמערקט, וויִאַזוי ליובע האָט פאַר זיך איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט „מאַ־מע! מאַמע!" עך, ווען זי וואָלט געקענט אַזוי אויף דער בינע!

מאָטיע שטרענגט זיך אָן.

— מע קאָן מאַכן אַ גרויסן טאָעס! — וואָרנט ער. — דאָרע האָט נאָר איינעם לעצטן טאָג אָנגעהויבן ריידן. זי האָט גערופן איר מאַמע. דאָס איז עמעס. נאָר זי האָט דערבײַ ניט געוויינט. ליובע וועט עס ניט פאַרשטיין. דו האָסט באַמערקט, אַז ליובע וויינט אָפּט? פאַרוואָס? האָסט ניט אַ טראַכט געטאָן?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף „ניין".

— זי פאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע, אַנטראַציט־שוואַרצע אויגן, פון טרערן ווערן זיי שענער. ליובע ווייסט וועגן דעם.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן.

— ליובע וועט, פאַרשטייט זיך, אָפּשפּילן די ראָל, נאָר דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז — זי זאָל פאַרשטיין, וואָס זי טוט, און דאָס וועט זײַן ניט גרינג צו פויעלן בײַ איר. איך וואָלט פאַר איר אָנגעשריבן אַ ליד, אַ קליי־נע ליד. מע דאַרף געפינען אַ פּאַסיקן מאָטיוו. דאָס וועט זי קענען. דאָס שטימעלע אירס איז אַ האַרציקס, זי זינגט מיט נעשאָמע.

— אַ ליד? אין טורמע? ווען מע דאַרף בײַ איר אָפּנעמען דאָס לעבן?

איך שטיי מיט אַן אָפן מויל און וואַרט, אַז מאָטיע זאָל מיר געבן צו פאַרשטיין:

— מיר שײַנט, אַז דאָ האָט זי ניט געזונגען!

— יאַנקאָ האָט מיך אויך פאַרזיכערט, — שמייכלט מאָטיע, — ער איז שוין געווען אַ געזונטער ווערגעלעך און איז נאָך אַלץ געווען זיכער, אַז מענטשן זינגען נאָר, ווען עס איז זיי פריילעך.

עטלעכע האַסטיקע שפּאַן מאַכט ער איבערן הויף, ווי גלײַך ער וויל פון עמעצן אַנטלויפן. נאָכדעם שטעלט ער זיך אָפּ, וואַרט אויף מיר.

— קיין שום טרערן און ווײ־געשרייען קאָנען ניט אויסדריקן דעם טרויער אזוי טיף, ווי א לידל!

און גייט שוין ווידער אוועק.

ערשט איצט הייב איך עפּעס אָן צו פאַרשטיין. מאָטיען טאָר מען ניט זאָגן וועגן דער ראָל פון דאָרען — אסיע איז דאָך שוין אין טעאטער ניטאָ. וווהין איז זי אהינגעקומען?

עס איז שוין געווען נאָך האלבן טאָג, ווען מיר זײַנען ארויס פונעם טויער אף דער גאַס. די פרילינג־וואַרעמקײַט האָט ארויסגעטריבן אין דרויסן קינד־און־קייט. די גאַסן האָבן געשאלט און געליאַרעמט, ווי דער יאַם־צופלוס. עס הודעט, רוישט און גרילצט די קאָנקע. פון אלע ראָגן רופן צו זיך קלײַענטן די שטיוולפוצער, אף יעדער שריט און טריט לייגן פאָר די פארקויפער „די סאמע גרויסע, סאמע דיקע, סאמע לאנגע, סאמע פעסטע, סאמע ביליקע — אינגאנצן פינף מיליאָן א שטיין פאר צינדער־לעך”, באלמעלאָכעס מיטן געצײַג אפן אקסל זײַנען גרייט טאקע דאָ אפן אָרט „פארלאטען, צורעכטמאכן, אָפּרעמאָנטירן, צולאָדן אלערליי קאסטריו־ליעס, עמער, לאָכאנקעס, בידאָנען, שיסלען, באק־בלעכן און באק־דייזשעס און אויך אלערליי אנדערע מאכשירים; אָנשארפן מעסער, שערלעך, העק און אלץ וואָס איר פארלאנגט”. אלערליי סטאַריעוושטשיקעס, אײַנקויפער פון אלץ, וואָס איר האָט שוין לאנג באדארפט ארויסוואַרפן: „האנדל! האנדל! מיר קויפן אלטע שיך, אלטע בגאָדים, אלטע קאַרטוזן, זשיליעטן, הויזן, גאטיעס, העמדער, קאָפּטעס, פּליודערן, זאָקן, שקארפּעטקעס — אלץ, וואָס איר וועט פאָרלייגן!”. פּרויען, וואָס שטופן מאמעש אין דער האנט ארײַן יעדן דורכגייער אלערליי כפּיצים, וואָס זיי אליין ארבעטן אויס — שפּילעכלעך פאר קינדער, געמאכט פון ברעטלעך; פישלעך, הענעלעך, קאטשקעלעך, הינטעלעך בעזיל־האזאָל, אינגאנצן צען מיליאָן פאר א שטיק!

מיר זײַנען אריבער אף דער צווייטער זײַט גאַס, קעדיי אפּסנײַ א קוק צו טאָן אף דעם הויז, פון וועלכן מיר זײַנען אוועק.

ניין, מיט קיין זאך האָט זיך ניט אויסגעטײַלט דאָס דאָזיקע הויז פון אלע איבעריקע. מענטשן זײַנען גלײַכגילטיק עס פארבײַגעגאנגען. בלויז מיר זײַנען געשטאנען ווי צוגעשמידטע צו דער ערד און ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פון אָט די ווענט, פון אָט די פענצטער. איצט האָבן מיר שוין אף זיכער געוווּסט, אז דאָ הייבט זיך אָן די נײַסטע געשיכטע פון אונדזער לעבן. מיר האָבן עס געוווּסט, ווײַל מיר האָבן אליין געזען דעם סאמע אָנהייב, מיר האָבן זיך באגעגנט מיט די מענטשן, וואָס האָבן געלייגט דעם ערשטן שטיין פונעם נײַעם ביניען, פון א נײַער טקופע, מיר האָבן געזען זייער בלוט, מיט וועלכן זיי האָבן באצאָלט פאר דעם, מיר האָבן געהערט די לעצטע ווערטער, מיט וועלכע זיי זײַנען אוועק פונעם לעבן. שטייענדיק צוזאמען, האָבן מיר געשוויגן, ווײַל סע זײַנען נאָך ניטאָ אזעלכע ווערטער, מיט וועלכע מע זאָל קאָנען אויסדריקן דאָס אלץ, וואָס מיר האָבן געפילט אין די דאָזיקע רעגעס. אצינד שוין אָן א באגליי־טער, האָט יעדערער נאָכאמאָל אין די געדאנקען פאָרגעזעצט די עקס־קורסיע.

קאַפּיטל נײַן

ווו זשע איז אסיע?

אסיע איז אוועק פון דער שטאָט. ניט ארומקוקנדיק זיך, איז זי געלאָפן, עס האָט זי געטריבן דער פאַרדראָס, א ביטערער און ברענענדיקער, און וואָס ווײַטער זי איז אוועק פון דער שטאָט, אלץ מער האָט געברענט אין איר דער ווייטעק. זי איז געלאָפן און גערעדט צו זיך אליין — עפשער וועט אזויארום ווערן כאָטש עטוואָס גרינגער.

דער נעפל האָט זיך אופגעהויבן, געשווומען איבער דער ערד צוערשט גאָר נידעריק, נאָכדעם א צעריסענער, שטיקערווײַז אוועק צום יאם, צו יענער זײַט, ווו עס האָבן זיך באוויזן די ערשטע ליכט־פּאסן. א שטיפעריש־צאַרטע כוואליע האָט זיך געפליעסקעט און צוגעלאָפן ביז אסיעס פיס, געשפילט זיך ווי א היימיש הינטעלע, וואָס לויפט זאָרגלאָז הין און צוריק. אומקערנדיק זיך צוריק, באַרויגעזט זיך די כוואליע און שיפּעט, איבערלאָזנדיק אפן זאמד ווײַסע בלעזעלעך. דער אומענדלעכער יאם, ווו עס איז ניט געווען צו באמערקן קיין איין שיפל, קיין איין שאלאנדע, האָט א שלעפעריקער און מידער זיך געוויגט, זינגענדיק דערבײַ זײַן אייביקן ניגן. אסיע איז שוין געגאנגען פּאמעלעכער. דער ריטמישער גערויש פון די כוואליעס האָט זי באַרויִקט.

נאָר גרינגער איז איר ניט געוואָרן.

זי גייט אן איינזאמע און באדויערט זיך אליין. וואָלט עס געווען אין איר טעווע, וואָלט זי זיך שוין לאנג צעוויינט, סײַווי זעט דאָך קיינער ניט! נאָר זי קאָן ניט, זי פאַרשטייט קלאָל ניט, וויִאזוי וויינען עס מענטשן! וואָס זײַנען דאָס פאַרא מענטשן, וואָס באגיסן זיך מיט טרערן! אויב א מענטש וויינט, איז ער זיך מודיע אין זײַן אומבאהאָלפנקײַט, אין זײַן נישטיקײַט. אז ער בעט, מע זאָל אים מיטפילן, מע זאָל זיך אף אים אומקוקן. א וויינענדיקער מענטש איז מאקריוו זײַן זעלבסטווירדע, זײַן שטאָלץ! ניין, זי וועט דאָס קיינמאָל ניט קאָנען! גיין האָט זי נאָך באדאַרפט לאנג. באלד, ווערדליק זי דערמאָנט זיך, דאַרף זי זיך נעמען אין א זײַט, פאַרבײַגיין א גרויסן פּלאץ, וועלכן מע האָט ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אָנגערופן „פּלאץ פון די פיר געהאנגענע", פון דאָרטן וועט זי ארויסקומען אפן מארק־פּלאץ, און דאָ איז שוין ניט ווײַט צום באלטער שליאך, וואָס פירט צו די קאַכאָווסקער קאזארמעס. אין די דאָזיקע קאזארמעס געפינען זיך די טשאָנאָוועס.

אָט אהין דאַרף זי טאקע.

פאַרוואָס אהין?

אסיע גלייבט שטענדיק, אז באנאנד מיטן אומגליק שפּאנט אלעמאָל די נעכאָמע, באנאנד מיטן ווייטעק שפּאנט די רעפוע. מע דאַרף נאָר געפינען אין זיך מוט און זיך לאָזן אהין, ווו דו וועסט געפינען דאָס, וואָס דו דאַרפסט. אָט אזוי האָט מען זי געלערנט נאָך קינדווײַז, אז דער שאָדן

ליגט אלעמאָל נאָענט צום געווינס, מאכמעס מע קאָן דאָך ניט אלעמאָל געווינען!

אָט דערפאר טאקע גייט זי צו מאַניען: זאָל געווינען דער רויטער!

פון יענער זײַט מארק, ווו דער וועג צעלויפט זיך אין פארשיידענע זײַטן, האָט זיך אסיע אראָפּגעלאָזט אף דער נאסער ערד, פון וועלכער עס האָבן געסטארטשעט פאראיאָריקע בודיקעס. דאָ האָט די ערד געאָטעמט מיט א שארפן גערוך פון ווילדגראָז, וואָס האָט פארשלאָגן דעם הונגער און די מידקײַט. לאנג איז זי געזעסן אומבאוועגלעך. איר איז געוואָרן א ביסל גרינגער, דער גערויש אין קאָפּ האָט זיך אײַנגעשטילט. דער וועג צו די קאכאָווסקער קאזארמעס איז איר געווען באקענט. זי האָט זיך דער־מאָנט, וויאזוי זי איז שוין אמאָל געפאָרן איבער אָט דעם וועג. א לײַכטע און פלינקע טאטשאנקע האָט זיך פארוועט מיטן ווינט און איז געפלויגן אין דער זײַט פונעם זשעוואכאָווער בארג. מאַניע האָט אָפּגעגעבן די לייצעס זײַן אָרדינארעץ פאנקאָ, און אליין האָט ער זי ארומגענומען, אסיען, און געשריִען איר אין אויער ארײַן:

— זע, האלט זיך פעסט! זע, אז דו זאָלסט ניט ארויספאלן, כא־כא־כא־כא־כא!

צום אָרדינארעץ האָט ער געשריִען:

— דערלאנג, פאנקאָ! דערלאנג, דער ווינט זאָל פײַפן!

ער האָט נאָך עפּעס געשריִען, נאָר איבערן שטארקן גערויש פון די רעדער, איבערן געלויף פון די פערד, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיט א מעשוגענעם אימפעט, האָט מען גאָרנישט ניט געקאָנט הערן.

זי איז דעמלט געזעסן צווישן מאַניען און פאנקאָן. ווי א קליין קינד האָט זי שטיפעריש געקלאפּט מיט די פיס איבערן הילצערנעם ווענטל פון דער לושניע און האָט הויך געלאכט. שטיבער און ביימער, פארקנס און ברונעמס האָבן זיך מיט אַן אומגעווײנלעכער שנעלקײַט געטראָגן פארבײַ, געלאָפן אנטקעגן און באלד פארשוווּנדן. פאנקאָ — א באָכערל פון א יאָר אכצן, מיט א בלייך פּאָנעם און מיידלשע פולע ליפּן — האָט אלעמאָל אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ און געשמייכלט. ער האָט מיט פארגעניגן אויסגעפילט דעם באפעל פון זײַן קאָמאנדיר: פלינק, בלויז מיט איין באַוועגונג פון דער לינקער האנט, האָט ער אלעמאָל געבראכט אין אָרדענונג דעם קאראבין, וואָס איז געהאנגען בא אים אף דער פלייצע מיט דער רער אראָפּ. ער האָט זיך אלעמאָל ארופגעכאפּט מיט די פיס אף דער לושניע און, שטייענדיק מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אין וועלכע ער האָט פעסט געהאלטן די לייצעס, געזונגען:

Да-вай-те кончим с Крымом!..
А Приморье мы возь-мё-ём с ды-ымом!

ער האָט אלעמאָל געוואָרפן בליקן אף דער „קאָמאנדירשע“, אף אירע צעפליגלטע ברעמען, אף די ראָזע אויערלעך, וואָס זײַנען קימאט אינגאנצן פארדעקט מיט א קאָפּנע בראָנזענע האָר, און ס'האָט זיך אים געוואָלט זינגען אָן אופהער.

Эх, эх с дымом!.. —

האָט אונטערגעזונגען דער קאָמאנדיר.

און איצט איז אסיע געגאנגען מיטן זעלבן וועג. זיצנדיק אף דער טאטשאנקע, האָט איר דער וועג אויסגעזען גאָר א קורצער, א לײַכטער און פריילעכער... סאָפקאָלסאָף האָט זי דערזען פונדערווײַטן דעם הויכן פּאַרקן און הינטער אים דעם גרויסן הויף, וואָס איז באשאָטן מיט העלן זאמד. פונעם הויף האָט געקוקט צום וועג א טורעמל, ווו עס איז געשטא־נען א קוילנוואַרפער. נאָר אומעטום, סײַ באַם פּאַרקן, סײַ אין הויף איז געווען פוסט און שטיל. שוין גאַנץ נאָענט לעבן די קאזאַרמעס האָט זי באַמערקט דער וועכטער. ווען זי איז אראָפּ פונעם וועג אף דער סטעזשקע, וואָס פירט צום טויער, האָט ער אויסגעשריִען:

— שטיי!

זי האָט אופגעהויבן די האַנט און א פּאַכע געטאָן מיט איר אינדער־לופטן, ווי צו אַן אלטן באַקאַנטן, און פאָרגעזעצט שפּאַנען איבער דער סטעזשקע. דער וועכטער האָט אראָפּגעכאַפּט פונעם אַקסל די ביקס און אויסגעשריִען:

— שטיי! איך וועל שיסן!

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַרויִגעז א צי געטאָן די אַקסלען:

— א צעדרייטער עפּעס.

זי האָט געפּרוּווט דערקלערן:

— דאָס בין איך דאָך!

— שטיי, זאָג איך!

עס האָט זיך אופגעעפנט דאָס טירל אין טויער, און אף דער סטעזשקע האָט זיך באַוויזן א סאָלדאַט מיט א רויט בענדל אפן אָרבל.

ער איז צוגעגאַנגען צום וועכטער, פונדערווײַטנס באַטראַכט די פרוי:

—וואָס דאַרפט איר?

— איך דאַרף צום קאָמאַנדיר, צו לעוווערטן... ער...

וואָס „ער", האָט זי ניט געקאָנט צוטראַכטן. האָט זי באַרויִגעז א בור־טשע געטאָן און געמאַכט נאָך עטלעכע שפּאַן איבער דער סטעזשקע.

— ער איז ניטאָ! — האָט קאַלט געמאָלדן דער סאָלדאַט מיטן בענדל אף דער האַנט און האָט זיך אויסגעדרייט. עס האָט א קלאַפּ געטאָן דאָס טירל און אים אײַנגעשלונגען.

אסיע איז געווען אויסער־זיך. פאַרגעסנדיק וועגן אַלץ אף דער וועלט, האָט זי אָנגעהויבן לויפן. דער וועכטער האָט אָנגעצילט אף איר די ביקס:

— צוריק! איך וועל שיסן!

זי האָט א קוק געטאָן אפן וועכטער און אומבאַהאָלפן אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. וואָס טוט מען? וווהין גייט מען? צי עפּשער האָט א זין צו־וואַרטן?

דער וועכטער האָט שוין ווידער געשפּאַנט הין און צוריק לעבן טויער און מער ניט געקוקט אף איר.

סאָפקאָלסאָף איז זי אוועק אף צוריק. געגאַנגען איז זי לאַנגזאַם, מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ערשט איצט האָט זי דערפילט, ווי מיד און הונגע־ריק זי איז. זי איז פאַרקראָכן אפן באַרג, צום אָנגעוואַלגער פון טויזנט־יאָריקע שטיינער, אונטער וועלכע מע קאָן זיך אויסציִען אף דער פײַכטער

ערד, ליגן און אפילע ארויסלאָזן די נעשאָמע, ווײַל דאָ וועט דיך קיינער ניט זען, ניט געפינען.

פונעם יאם האָט זיך שוין גאנץ הויך אופגעהויבן א הייסע און העלע זון. אין דער לופט איז געשוועמען א געדיכטער שטויב פון אָראנזש־קאָליר. די שפיצן פונעם זשעוואכאָווער בארג האָבן געפלאקערט, און דאָ, אונטן, האָט דער וועג אף קיין אײן אויגנבליק זיך ניט אײַנגעשטילט. מענטשלע־כע אויסרופן, א טופען פון אײַלנדיקע פערד, אן אומופהערלעכע סקריפערײַ פון וועגענער האָט אָנגעפילט די לופט. אסיע איז געשטאנען עטוואָס הע־כער פונעם וועג און געקוקט אפן האמוין, וואָס האָט געאײַלט צום מארק־פלאץ, געלאָפן הענדעם־פענדעם, ניט צו פארשפעטיקן, כאָלילע, פארכאפן אפן מארק א באקוועמען פלאץ. אף איר, אף אסיען, האָט קיינער זיך ניט אומגעקוקט, קיינער האָט זי אפילע ניט באמערקט.

אסיע האָט זיך ארפגעלאָזט אף דער ערד לעבן א גרויסן געזינד פון מורעשקעס, וואָס האָט, ניט געקוקט אף דער פריִער צײַט, שוין געהאָרע־וועט, געאײַלט הין און צוריק.

זי האָט זיך פארטראכט און אפילע ניט דערהערט דאָס קלאפן פון אן אײינזאמער טאטשאנקע, וועלכע האָט זיך באוויזן אפן וועג. זי האָט אופגע־הויבן דעם קאָפ ערשט דאן, ווען זי האָט דערהערט, ווי עמעצער זאָגט איר:

— דאָברידען, טאָווארישקו! איך זאָג, דאָברידען!

דאָס איז געווען פאנקאָ.

ער איז געשטאנען אף דער טאטשאנקע מיט א הויך־אופגעהויבענער בײַטש. זי האָט אן עטוואָס איבערראשטע געקוקט אפן סאָלדאט און ניט געוווסט, וואָס צו טאָן, וואָס דארף זי ענטפערן. פאנקאָ האָט מיטפילנדיק געשאָקלט מיטן קאָפ, צעפירט מיט די הענט. באלד אָבער האָט ער זיך ווי דערמאָנט וועגן עפּעס, א כאפּ געטאָן די בורקע, וואָס איז געלעגן אף דער לושניע, צעשפרייט זי איבערן דעק פון דער טאטשאנקע און פאָרגע־לייגט:

— זעצט זיך אוועק! מירן פאָרן צום קאָמוזוואָד!

דער פאָרשלאָג, אזא אומדערווארטער, האָט זי שטארק באומרויִקט. איידער זי האָט זיך באשלאָסן ארופצוקריכן אף דער לושניע, האָט זי דאָך א פרעג געטאָן:

— ווײַט?

דער סאָלדאט האָט עפּעס א בורטשע געטאָן, אויסגעשטרעקט צו איר די האנט און זי ארופגעצויגן צו זיך. די טאטשאנקע האָט שוין ווידער געקלאפט מיט די רעדער. אלץ האָט זיך מיטאמאָל א דריי געטאָן, די בערג האָבן זיך א נייג געטאָן צו איר, און דער וועג איז געלאָפן אנט־קעגן. אצינד, ווען זי האָט פארשטאנען, האָט קיין זין ניט צו פרעגן וועגן עפּעס באם סאָלדאט, — איבערן הילכיקן קלאפן פון די רעדער וועט זי סײַווי גאָרניט פארשטיין, אויב אפילע ער זאָל איר ווען קלאָר און דײַטלעך ענטפערן. מיט שטײַגנדיקן אומרו האָט זי געקוקט אפן סאָלדאט, אף זײַן לענגלעך פּאָנעם, וואָס דערמאָנט לויטן קאָליר קאָרנברויט, אפן קליינעם דאשעקל פון דער בודיאָנאָווקע און אף די צוויי פליגעלעך, וואָס צעפלויִען זיך אין די זײַטן און אנטבלויזן זײַן דינעם האלדז, א באדעקטן

מיט שטויב און א קויטיקן פון שווייס. אסיע האָט מיטאמאָל אָנגעכאַפּט זײַן האנט:

— ווו איז לעווערט? דער קאָמאנדיר ווו איז? — האָט זי געפרעגט מיט אזא שטים, גלײַך זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אז עס האָט זיך געטראָפן עפּעס אן אומגליק.

ער האָט זי אָפּסנײַ באטראכט, עטוואָס צוגעזשמורעט די אויגן, געענטפערט גאנץ רויִק:

— מיר פאָרן דאָך צו אים!

ווען די טאטשאנקע איז אריבערגעשפּרונגען איבער א הילצערן בריקל, ווען עס איז געוואָרן עטוואָס שטילער, האָט ער געזאָגט:

— אין שפּיטאָל!

— אין שפּיטאָל?!

אסיע האָט פארשטאנען, אז ס׳איז, ווײַזט אויס, ניט גוט. מיטן הארצן האָט זי דערפילט, אז עס האָט געטראָפן אן אומגליק. א דערשראָקענע האָט זי געקוקט אפן סאָלדאט און געוואַרט, אז ער זאָל איר דערציילן אלץ, וואָס ס׳איז געשען. פאנקאָ אָבער איז געזעסן אומבאוועגלעך, א שווערער, ווי א בער, און האָט געשוויגן. האָט זי מיטאמאָל ארויסגעריסן פון זײַן האנט די לייצעס, עטוואָס אונטערגעהויבן זיך און א געשריי געטאָן אים גלײַך אין פּאָנעם:

— פארוואָס אין שפּיטאָל?

עס האָט זיך באקומען, אז ער, פאנקאָ, איז שולדיק אין דעם, וואָס זײַן קאָמאנדיר האָט מען אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

האָט ער גענומען צוריק די לייצעס, אוועקגעלייגט זיי צו זיך אף די קני און צוגעדריקט מיטן עלנבויגן.

— אף די דײַטשישע כוטאָרן... — האָט ער אָנגעהויבן, ווי גלײַך ער זאָל זיך האָבן דערמאָנט וועגן עפּעס, — אָט דאָרטן, אף יענע כוטאָרן, — האָט ער געוויזן מיט דער בײַטש ערגעץ אין יענער זײַט, ווו עס האָבן זיך געראַנגלט די בערג, — דאָרט זײַנען פארבליבן די קולאקן... נו, האָבן זיי געמאכט א וואָססטאניע! מיט צוויי טעג צוריק איז דאָרט געווען א גרויסע קאטאוואסיע! א גאנצע נאכט האָט עס געדויערט...

...ווען זיי זײַנען געקומען אפן אָרט, האָט דער ווינט שוין אויסגעקערט דעם הימל, ארויסגעשלײַדערט פון דאָרטן אלע וואָלקנדלעך. די זון איז געשטאנען הויך איבערן קאָפּ. פאנקאָ איז צוגעפאָרן צו א גרויס הויז אונטער א בלעכענעם דאך, ווו אפן סאמע שפּיץ האָט זיך געהויכט א גרין־געפארבטער, א שטאָלצער האָן מיט א פאריסענעם שנאָבל. איבערן טויער, וואָס איז אויך געווען אָפּגעפארבט אינעם זעלבן גרינעם קאָליר, האָט געפלאטערט א ווײַסע פאָן מיט א גרויסן רויטן קרייץ אינמיטן. דער וועכטער באם טויער האָט גלײַכגילטיק באגעגנט די טאטשאנקע און די פּאסאזשירן. ער האָט נאָר א ווײַז געטאָן מיט דער האנט, אז דער טויער איז ניט פאריגלט.

דער הויף, אין וועלכן זיי זײַנען ארײַנגעפאָרן, איז געווען א ברייטער, מיט א ברונעם אין דער מיט, מיט א סאךווירטשאפטלעכע געבײַדעס, וואָס זײַנען, פּונקט ווי דאָס גרויסע הויז, געווען געדעקט מיט בלעך. אפן

גאַנעק, פון ביידע זײַטן, זײַנען געזעסן פאַרווּנדעטע — ווער מיט אַן אָרומגעבונדענעם קאָפּ, ווער מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט, לעבן איינעם אַ סאָלדאַט זײַנען געשטאַנען הילצערנע קוליעס. אַלע האָבן זיי גערייכערט און שטיל געשמועסט צווישן זיך. ווען אַסיע האָט זיך באַוויזן, זײַנען די פאַרווונדעטע אַנשוויגן געוואָרן, מיט אונטערגעשטראָכענעם אָפּשײַ געמאַכט איר אַ וועג. איינער, נאָך גאָר אַ יונגער סאָלדאַט, האָט זיך נידעריק אָנגעבויגן צו איר און אויסגערופן:

— קאָוועד און ערע דיר, שוועסטערל!

אַסיע האָט זיך שטאַרק פאַרויטלט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גאָרנישט ניט געענטפערט און איז אַרײַן אין הויז.

אינעם גרויסן צימער בײַ דער וואַנט איז געשטאַנען אַ ברייט הילצערן בעט. צוויי פאַרווונדעטע זײַנען דאָרטן געלעגן ווי אַ „וואַלעטיק”. אויף אויסגעשפּרייטער שטרוי זײַנען אויפן דיל געלעגן נאָך אַ מענטשן צען. אין צימער איז געשטאַנען אַ שווערער גערוך, און אַ מענטש, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרײַנגעקומען אַהער פון דער פרישער לופט, האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו עטעמען. אַסיע איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, מיט אַ פלינקן בליק האָט זי דורכגעלעכערט אַלע די, וואָס זײַנען געלעגן אויפן דיל, באַטראַכט די ווענט, די פעסט־צוגעמאַכטע לאָדן, דורך וועלכע די שײַן פון דרויסן איז אַרײַן אַהער דורך אַ שפּאַרונע. זי האָט דערזען אינעם סאַמע ווינקל אַ קאַראַבין, וואָס איז געהאַנגען אויפן רימען.

די פאַרווונדעטע האָבן געקרעכצט, גערעדט צו זיך אַליין, שווער און אָפּגעטעמט, געקריצט מיט די ציין. עמעצער פון די, וואָס איז געלעגן אויפן דיל, האָט שטילערהייט געוויינט, צי עפּשער האָט זיך אַסיען נאָר אַזוי אויסגעדאַכט. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו דער טיר און געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן, — צי זאָל זי אַרײַן אין צימער, צי עפּשער גאָר אַנטלויפן פון אָט דעם גענעם. אָט אַזוי איז זי געשטאַנען, אַסיע, ביז זי האָט דערפילט אויף זיך עמעצנס בליק. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַן אויסגעמוטשעט, אויסגעטריקנט פּאָנעם. דער פאַרווונדעטער האָט גאָר ניט געקוקט אויף איר, ער האָט אפילע ניט געזען, אַז זי איז דאָ. מיט גרויס אינטערעס האָט ער געקוקט אויף דער סטעליע, גלײַך מע האָט אים דאָרטן געוויזן עפּעס אַ פאַרכאַפּנדיק בילד. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פונעם אָרט, ווי עס זאָל האָבן אָפּגעלאָזט עפּעס אַ פּרוזשינע, וואָס ליגט אין אים, און האָט אָנגעהויבן פּאָכן מיט ביידע הענט. דערבײַ האָט ער פאַריסן דעם קאָפּ און גענומען שרײַען:

— זאַ מנאָי! וו אַטאַקו! זאַ מנאָי![1]

און מיט דער רעכטער האַנט, וווּ ער האָט, ווי אים האָט זיך געדוכט, געהאַלטן אַ שווערד, האָט ער מיט אימפּעט געשניטן די סאָנים, געוואָרפן זיי פון די פערד און געשריִען:

— זאַ מנאָי! וו אַטאַקו! זאַ מנאָי!

אַסיע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט

---

[1] נאָך מיר! אין אַטאַקע! נאָך מיר! (רוס.).

פאר דער קליאַמקע. פּלוצעם האָט דער פאַרוווּנדעטער זיך א וואָרף געטאָן אויף דער שטרוי, צונויפגעדריקט די פויסטן, וועלכע ער האָט נאָך געהאַלטן אויפגעהויבן, און מיט א שווערן געוויין געגומען זיך קלאַפּן מיטן קאָפּ אין דיל. אסיע איז צוגעלאָפן צו אים, אָנגעבויגן זיך, אָנגערירט זײַן הייסע האַנט.

— וואָס איז מיט אײַך? — האָט זי געפרעגט מיט א בעטנדיק קאָל.

דער פאַרוווּנדעטער האָט שווער געטעמט.

— וואָס איז מיט אײַך? — האָט זי איבערגעכאַזערט.

— א גרויסע היץ, ווײַל די קויל ליגט בא אים אין בויך, — האָט איר געענטפערט איינער פון די, וואָס זײַנען געלעגן אויפן דיל.

אסיע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען נאָך א גאָר יונגן סאָל־דאַט מיט א גרוי פּאָנעם, און אײַנגעטונקנס אין קליי. זי האָט אויסגע־שטרעקט צו אים אירע הענט, אסיע, און געסטאַרעט זיך פרעגן ווי נאָר מעגלעך צאַרטער:

— און דו וואָס?

— וואָס? פאַרוווּנדעט! צי עפּשער מיינסטו, אז די מילכאָמע האָט אויף עמעצן ראַכמאָנעס? — האָט ער געזאָגט און איינצײַטיק געפרעגט מיט א זייער שוואַך קאָל. כאָטש געוואָלט האָט ער באַווײַזן זיך אזוי ווי סע פּאַסט פאַר א קעמפער.

— וויאזוי רופט מען דיך? — האָט אסיע געוואָלט וויסן, אַרײַנגעקוקט אין זײַנע העלע, קימאַט דורכזיכטיקע אויגן.

— מיטיא קאָנט איר מיך רופן, — האָט ער איר געשענקט א דאַנקבאַרן שמייכל.

דער יונגער סאָלדאַט האָט, ווי עס האָט אויסגעזען, נאָך געוואָלט ריידן מיט איר, אסיע האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן פרעגן אים עפּעס, נאָר אין דעם מאָמענט האָט זי דערזען דעם שינעל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פונעם בעט, און די באַקאַנטע געלע האָר־רינגען אויפן קאָפּ. זי האָט געמאַכט איין שפּרונג און איז געבליבן שטיין לעבן בעט. עמעץ פון די פאַרוווּנדעטע האָט זיך אָנגערופן צו איר באַרויגעז:

— פלאַפּל ווייניקער! בעסער וועט זײַן, אז דו זאָלסט אים ניט אופוועקן. ער האָט גענוג ווייטעקן איבערגעליטן, ביז ער איז אײַנגעשלאָפן. דו הערסט?

— א טרונק! א טרונק! — האָט עמעצער שטיל, נאָר אײַנגעשפּאַרט גע־פּאָדערט. אסיע האָט זיך א לאָז געטאָן צום פּאָדערהויז, ווו זי האָט באַ־מערקט א דייזשע מיט וואַסער. אָנגעשעפּט א פולע קוואָרט, האָט זי שוין געוואָלט אָפּטראָגן זי דעם פאַרוווּנדעטן. האָט אָבער א פרוי אין א ווײַסן כאַלאַט זי אָפּגעשטעלט:

— וועמען?

— ער בעט דאָך!

— ער בעט א גאַנצן טאָג. און א גאַנצע נאַכט. און ער טאָר ניט טרינקען. פאַרשטייסט? ער טאָר ניט! — האָט די פרוי דערקלערט און אָפּגע־נומען בא אסיען די קוואָרט. — גיב אים צו פאַרשטיין, אז אינגיכן וועט קומען דער דאָקטער...

אָבער נאָך אזא דײַטלעכן ענטפער איז די פרוי אינעם ווײַסן כאַלאַט אליין אוועק צום פארוווּנדעטן, וואָס האָט געבעטן א טרונק, אָנגעבויגן זיך איבער אים און אים עפּעס אײַנגערוימט. בעשאסמײַסע האָט זי צורעכט געמאכט אונטער זײַן קאָפּ דאָס קישעלע און, ווײַזט אויס, צוגעגעבן נאָך עטלעכע זייער גוטע ווערטער. ווען ער האָט זיך בארויִקט, איז זי צוריק ארויס אין פאָדערהויז, ווו אסיע איז נאָך אלץ געשטאנען. עס איז איר געווען א בושע, אסיען, ווי גלײַך זי האָט אָפּגענארט דעם פארוווּנדעטן, וואָס ווארט אף איר וואסער.

ערשט איצט האָט אסיע דערזען די פרוי אין פּאָנעם: אן אויסערגעוויינ־לעך בלייך פּאָנעם מיט א קליין שארף נעזל. לויטן קוק אירן, לויט די העל־גרויע אויגן, אין וועלכע עס איז געווען צו באמערקן א טיף־פארבאָרגענער שמייכל, האָט מען געקאָנט פארשטיין, אז דער דאָזיקער פרוי איז א סאך גרינגער צו לאכן איידער צו טרויערן. עס האָט געשמעקט פון איר מיט יאָד, מיט קארבאָלקע און אנדערע שארפע רעפּוע־גערוכן.

— וואָס קער ער דיר אָן, א ברודער, א מאן? — האָט זי א ווונק געטאָן צום בעט.

אסיע האָט שטילערהייט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

די פרוי האָט מיט פארשטאנד ארײַנגעקוקט איר אין די אויגן, צוגע־מאכט הינטער זיך די טיר.

— ביסט געקומען פּונקט צו דער צײַט! — האָט זי דערקלערט און באַ־טראכט אסיען מיט א ווארעמען בליק. — פּונקט אצינד נייטיקט ער זיך אין הילף!

זי האָט אָפּגעמאָסטן אסיען מיט אזא בליק, ווי זי זאָל זיך וועלן איבער־צײַגן, צי וועט אזוינס קאָנען העלפן א פארוווּנדעטן, צי קאָן מען ביכלאל פארטרויען אזא קינד, וואָס איז נאָרוואָס ארויס פון אונטער דער מאמעס פארטעך, צו באדינען א פארוווּנדעטן קאָמאנדיר. זי האָט צונויפגעצויגן די ברעמען, וואָס האָט באדארפט הייסן „מירן זען!”, און א זאָג געטאָן מיט א זינגענדיק שטימעלע:

— נו, איז לאָמיר זיך באקענען! מיך רופט מען אָלגא וואסיליעוונא! קאָנסט מיך רופן פּאָשעט — אָליא. קוק ניט, וואָס איך בין אלט: אפן פראָנט זײַנען ניט פאראן קיין זקיינים, אלע מוזן זײַן יונגע! נו, און דערצו בין איך שוין גאָרניט אזא אלטע! — האָט זי זיך צעשמייכלט, און דאָס פּאָנעם אירס האָט זיך פארויטלט, געוואָרן שענער. — איך קאָמאנדעווע דאָ מיטן מעדפּונקט. און וויאזוי דארף מען דיך רופן? אירצן?.. אסיע? אָך, ווי שיין! — איז זי געווען אנציקט. — טאקע מאמעש ווי בא טורגעניעוון!

אסיע איז געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן בליק און ניט געוווּסט, וואָס דארף זי זאָגן אָט דער מונטערער פרוי. זי האָט ניט פארשטאנען, פארוואָס איז איר נאָמען שיין, „מאמעש ווי בא טורגעניעוון”, און וואָס איז עס אזוינס, גוט צי שלעכט, צי לאכט זי ניט פון איר? נאָר לויטן טאָן, מיט וועלכן עס זײַנען געזאָגט געוואָרן די ווערטער, האָט זי פארשטאנען, אסיע, אז איר נײַע באקאנטע איז א גוטע, הארציקע פרוי. ניט געזאָגט אפילע קיין איין וואָרט, האָט זי זיך צוגעטוליעט מיטן קאָפּ צו איר אקסל, און דאָס איז געווען דער בעסטער ענטפער. אָלגא וואסיליעוונא האָט זי

ארומגענומען, פעסט צוגעדריקט צו זיך, און אזוי זײַנען זיי געשטאנען א גאנצע מינוט צי עפּשער נאָך מער. נאָר א טיפער זיפץ האָט זיך ארויס־געריסן.

— נו, ליבינקע, אזוי וועלן מיר אים וויניק וואָס העלפן! — האָט זי זיך באפרײַט פון אסיען. — אראָפּלאָזן די נאָז קאָן יעדער איינער! אפן פראָנט טרעפט זיך נאָך ערגערס. אזוי אז, אויב דו האָסט באשלאָסן אים העלפן, איז ניט מיט קיין זיפצן.

זי האָט ברייט אופגעעפנט די טיר, א צי געטאָן אסיען צו זיך, און בײדע זײַנען זיי ארויס אין הויף. די סאָלדאטן אפן גאנעק האָבן איבערגע־ריסן דעם געשפּרעך, און ווען בײדע פרויען זײַנען אראָפּ די עטלעכע טריעפּ, האָט איינער פון די פארוואונדעטע א ווונק געטאָן זײַן כאווער און געפרעגט הויך:

— ווייסט ניט, דאָס שוועסטערל איז געקומען צו אונדז אף לאנג?

אָלגא וואסיליעוונא האָט געענטפערט, ניט אויסדרייענדיק זיך צו אים:

— וועגן אלץ וועט מען דיר געבן צו וויסן, ווען די צײַט וועט קומען!

און פאָרגעזעצט איר געשפּרעך מיט אסיען:

— דו זע נאָר, זאָלסט ניט אראָפּפאלן בא זיך! מיט א שלעכטער שטי־מונג קאָנסטו אים נאָר מאכן ערגער! דו ביסט דאָך געקומען אהער אים פארגרינגערן זײַנע ליידן, זען, ער זאָל זיך גיכער שטעלן אף די פיס. עמעס?

בא דער קיך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט וועגן עפּעס. איר פּאָנעם איז שוין ווידער געוואָרן בלייך, די אויגן אויסגעלאָשן:

— אף צוויי מעדפּונקטן האָבן מיר איין דאָקטער, און פון איינעם צום צווייטן איז א מעהאלעך פון אריבער צען וויאָרסט. דער דאָקטער קאָן זיך ניט צערײַסן! — זי האָט זיך אָנגעבויגן צו אסיען און פארטרויט איר א סאָד: — פאר די פארוואונדעטע איז ער א דאָקטער. נאָר אינדערעמעסן איז ער א זעמסקע פעלדשער. ווען דו זאָלסט וויסן, ווי׳אזוי עס איז אים שווער! אן עלטערער מענטש, אליין א קראנקער, ער וואָלט זיך אליין באדארפט היילן, און דאָ מוז ער באדינען צוויי מעדפּונקטן. באטאָג און באנאכט קיין רו ניטאָ!

אסיע האָט געהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש זי האָט ניט פאר־שטאנען, וועגן וועמען דערציילט אָלגא וואסיליעוונא.

זיי זײַנען ארײַן אין א קליין שטיבל, וואָס איז געשטאנען צוגעטוליעט צום פארקן אנטקעגן דעם ברונעם. דאָ האָט זיך געפונען די קיך. די פּריש־אויסגעווײַסטע פּליטע האָט געגליט מיט פײַער. אין ווינקל, אונטער דער סטעליע, איז אָנשטאָט אן איקאָנע געהאנגען א בינטל אויסגעטריקנטע רויטע פעפערלעך. אָלגא וואסיליעוונא האָט אראָפּגענומען דאָס דעקל פון א קופּערנער גלאנציקער קאסטריוליע און האָט זיך באקלאָגט:

— פון אינדערפרי קאָכט זיך דער קוליש און קאָן אלץ ניט פארטיק ווערן!

נאָכדעם האָט זי צעגאָסן דעם קוליש אין קאָלערליי שיסעלעך, סאָלדאַ־טישע קעסעלעך. אסיע האָט איר געהאָלפן, און בײדע האָבן זיי צעטראָגן דעם מיטיק די פארוואונדעטע. לעבן סאָלדאט, וואָס האָט פון היץ געוואָרפן אין

אטאקע, האָט זיך אָלגא וואסיליעוונא אראָפּגעלאָזט אף די קני, אוועקגע־שטעלט דאָס שיסעלע אף א טאַבורעטקע, אוועקגעלייגט באַנאַנד א שטיק ברויט און א לעפל. נאָכדעם האָט זי צוגעטראָגן דאָס שיסעלע געקעכטס, פון וועלכן עס האָט זיך דערטראָגן א געשמאַקער רייעך, צום סאמע פּאָ־נעם, געהאַלטן עס אזוי א מינוט. דער סאָלדאט איז איצט שוין געלעגן א רויקער, נאָר, ווי פריער, נאָך אלץ געקוקט מיט גרויס אינטערעס אף דער סטעליע און שטיל גערעדט מיט זיך אליין, ניט לייגנדיק קיין שום אכט אף דער פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים אף די קני און געבעטן:

— נעם, ליבינקער, עס! מיט איינע געשפּרעכן קאָן מען ניט לעבן.

דער סאָלדאט האָט, ווײַזט אויס, ניט געהערט און ניט פארשטאַנען, וואָס מע רעדט צו אים.

— מע רופט אים ליאָשאַ! — האָט עמעץ אונטערגעזאָגט אסיען, וועלכע איז געשטאַנען בא דער טיר מיט צונויפגעלייגטע הענט אף דער ברוסט.

— ניט ליאָשאַ, נאָר אלעקסיי סטעפּאַנאָוויטש! — האָט דערקלערט אָלגא וואסיליעוונא. דאָ טאַקע האָט זי זיך געווענדט צו אים:

— נו, וויאזוי זשע וועלן מיר זיך פירן, אלעקסיי סטעפּאַנאָוויטש, מירן עסן מיטיק?

— ער קאָן! — האָט א זאָג געטאָן א סאָלדאט מיט א גרויסער באָרד, וואָס איז געלעגן לעבן אים. — אינדערפרי האָט ער בעשום־אויפן ניט געוואָ־לט עסן, אציגנד, ווי איר זעט, האָט ער איבערגעטראַכט! האָ?

— ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אז צו אונדז איז געקומען א ניי שוועסטערל, האָט זיך צו אים אומגעקערט דער אפּעטיט! — האָט באַמערקט מיט א שמייכל א צווייטער.

אסיע האָט זיך פּלוצעם א וואָרף געטאָן צום בעט, שיר זיך ניט אָנגע־שטויסן אף א פארוווּנדעטן, וואָס איז געלעגן אפן דיל. אין צימער איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל.

זי האָט זיך צוגעזעצט אפן ברעג פונעם בעט און רויק מיט א שמייכל געזאָגט:

— און אָט בין איך!

זי האָט געגלעט מיט דער האַנט דעם שינעל, מיט וועלכן מאָניע איז געווען צוגעדעקט; אָט באַלד וועט זי אָנרירן זײַן שעוועליורע, נאָר ער האָט אָפּגערוקט דעם קאָפּ. דער שמייכל אף איר פּאָנעם איז גלײַך אויסגע־לאָשן געוואָרן.

— דו האָסט ניט געוואַרט אף מיר? — האָט זי געפרעגט און געמאַכט א פּרווו נאָכאַמאָל א שמייכל טאָן. — קוים געפונען דיך!

מאָניע האָט געקוקט אף דער סטעליע.

— האָסט טאַקע אומבאַדינגט באַדאַרפט פּאָרן אהער? — האָט ער א צי געטאָן מיטן אקסל.

אסיען האָט זיך אויסגעדאַכט, אז ער האָט דערבײַ א ביטערן שמייכל געטאָן.

— דו האָסט ניט געוואָלט מיך קענען א געזונטן, און פּלוצעם האָסטו זיך פארבענקט נאָך א קראַנקן!

עס איז געווען ביטער צו הערן אַזוינס. אַ כאַרפּע. וואָלט כאָטש קיינער ניט געווען דערבײַ. ניט דאָ אין צימער, ווו עס איז פול מיט אומבאַקאַנטע, פרעמדע מענטשן. הײַנט אָלגאַ וואַסיליעוונאַ! פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געהערט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. ווען די ערד, אויף וועלכער זי שטייט, שלינגט זי אײַן, וואָלט איר אַ סאַך גרינגער געווען, איידער צו פילן אויף זיך די בליקן פון אָט די פרעמדע מענטשן. זי האָט ניט געקאָנט אופהייבן די אויגן, באַגעגענען זיך מיטן בליק פון אָלגאַ וואַסיליעוונאַ.

נאָר אין אָט דער שווערער אומדערטרעגלעכער שטילקײַט האָט מען נאָך געקאָנט הערן, ווי אָלגאַ וואַסיליעוונאַ שאַרט מיטן לעפל איבערן דנאָ פון עם שיסעלע און טראָגט אונטער לעפל נאָך לעפל אַלעקסיי סטעפּאַנאָוויטשן. די סאָלדאַטן האָבן פאַרגעזעצט עסן, ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען. עס קאָן טאַקע זײַן, אַז זיי האָבן גאָרניט געהערט, גאָרניט באַמערקט.

— איך האָב אַ שוועסטערל, שטאַרק ענלעך אויף איר, — האָט דערציילט דער יונגער מיטיאַ זײַן שאָכן און האָט אַ וווּנק געטאָן אין אַסיעס זײַט. אין די טיפע נעסטן פון זײַנע אויגן האָט געלויכטן אַ קאַלט פײַערל. — ווײַט איז זי איצט, מײַן שוועסטערל, זייער ווײַט פון דאַנען! — האָט ער שוין גערעדט צו זיך אַליין און דערבײַ אַ זיפץ געטאָן. מ׳האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי זיפצט ער דערפאַר, וואָס דאָס שוועסטערל איז אַזוי ווײַט פון אים, צי עפּשער גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

קאַפּיטל צען

אין פּאַלע־ראָיאַל

דער טעאַטראַלער קאָלעקטיוו „קאָמעטאַ״ אונטער דער אָנפירונג פון מאָטיע ברען פלעגט ניט נאָר האָבן פּראָבעס, נאָר ער האָט זיך אויך פאַרזאָרגט מיט וועטשערע. אייגנטלעך ניט מיט וועטשערע, נאָר מיט מיטיק. אַלע טאָג, פּונקט צוועלף דעם זייגער, פלעגט זיך נאָטע קאָפּ אַרײַנרײַסן אין זאַל, ווו מע האָט רעפּעטירט, אופהייבן הויך איבערן קאָפּ די האַנט, ווי ער זאָל וועלן אָפּטרײַבן אַ גרויסע סאַקאַנע, און אויסשרײַען מיט אַזאַ שטים, ווי גלײַך דער טעאַטער וואָלט ברענען פון אַלע פיר זײַטן:

— ענדע! מיר גייען עסן מיטיק!

די גאָרקיך פונעם גוברעווקאָם איז געווען אין פּאַלע־ראָיאַל, אין די זאַלן פון דער געוועזענער וואַליוטנער בירזשע. דאָ איז אַלץ געווען איבערגעמאַכט: באַנאַנד מיט די סייפן, ווו מע פלעגט פאַרשליסן אַלערליי ווערטפולע פּאַפּירן, כעזשבוינעס און באַנקנאָטן פון אַלע מעלוכעס, וואָס זײַנען פאַראַן אויף דער וועלט, איז איצט געשטאַנען אַ פּאַניערן ווענטל, וואָס האָט צעטיילט דעם זאַל. פון יענער זײַט ווענטל איז געשטאַנען אַ פּליטע מיט צוויי אײַנגעמויערטע קעסלען, איינער אַ גרויסער, דער צווייטער אַ קלע־

נערער. די סייפן זייַנען געווען שטרענג צעטיילט צווישן קעכער און דעם איבעריקן פּערסאָנאַל פון דער קיך. אינעם גרויסן סייף האָט מען געהאַלטן קאַרטאָפליעס, דאָ איז נאָך געשטאַנען א זשבאַן מיט געזייַערטע אוגערקעס און, אויב עס איז געווען — גרויפּן, א באַנקע מיט טאָמאַט, א טאָרבע מיט זאַלץ. דער סייף אַנטקעגן איז געווען אויסגעטיילט ספּעציעל אַף צו האַלטן ליכט, א בוטל מיט גאַזע, שוועבעלעך. אינעם קליינעם סייף, ווו עס פלעגן אַמאָל רוען איידלשטיינער, בלוטקאָליריקע רובינען און בלויע קאַרבונקולן, וועלכע זייַנען באַוווסט געווען אין די גרעסטע וועלט־בענק, און צוליב וועלכע מע פלעגט צעשיקן איבער דער וועלט די סאַמע געניטע שפּיאָנען, און איבער וועלכע עס פלעגן ניט זעלטן אויסברעכן קאָנפליקטן צווישן לענדער, — אין אָט דעם קליינעם סייף זייַנען אַצינד געשטאַנען צוויי ביידאָנען מיט בוימל. דעם דאָזיקן סייף האָט געהאַט דאָס רעכט צו עפענען נאָר דער קאָמענדאַנט פון דער קיך אין דער אָנוועזנהייַט פונעם שעפקעכער. די שליסל פון אים זייַנען געווען באַם קאַרנאַטש.

דאָס פאַניערנע ווענטל האָט אָפּגעטיילט די קיך פונעם זאַל. דאָ זייַנען געשטאַנען צוויי גרויסע טישן, און לענגויס זיי — בענק, אייַנגעגראָבענע אין דער ערד, אַזוי אַז קיינער האָט זיי ניט געקאָנט רירן פון אָרט, שוין אָפּגערעדט פון צולאַקכענען.

באַם אַרייַנגאַנג האָט א מיליציאָנער געפּאָדערט, מע זאָל ווייַזן דאָס אַרייַנגאַנג־קאַרטל. א סאַך שווערער איז געווען אַרייַנצוקומען אין זאַל. דאָ איז געשטאַנען אַן אַרבעטער־קאָנטראָל מיט רויטע בענדלעך אַף די אַרבל. דאָ האָט מען ניט נאָר קאָנטראָלירט די אַרייַנגאַנג־קאַרטלעך, נאָר אויך געקוקט, צי איז דאָס קאַרטל נאָך גילטיק לויטן טערמין, און אויב אַלץ איז געווען ווי עס באַדאַרף זייַן, פלעגט מען אָפּרייַסן א טאַלאָן. דאָס האָט שוין געהייסן, אַז איר קאָנט אַרייַן אין זאַל, פאַרנעמען אַן אָרט באַם טיש. די אָפיציאַנטקע האָט אָפּגעריסן אַנדערע צוויי טאַלאָנען: אַף ברויט און אַף מיטיק. דאָס אַלץ האָט זי געמאַכט פלינק. אויב עמעצער האָט נאָך געוואָלט אויסטרינקען א גלאָז טיי, האָט זי אָפּגעריסן פונעם קאַרטל דעם דריטן טאַלאָן „צוקער”. אין אַזאַ פאַל פלעגט זי ברענגען א טיי־לעפעלע, אַף וועלכן עס זייַנען געלעגן צוויי גלעזערנע מאָנפּאַסיע־קאָנפעטלעך, וואָס זייַנען געווען אויסגעצייכנט צום טרינקען טיי, מאַכמעס זיי פלעגן זיך ניט צעגיין אין מויל. איר האָט געקאָנט טרינקען מיט זיי א גאַנצן טאָג, און זיי זייַנען אַלץ געבליבן גאַנץ אין מויל. אויב, פאַרשטייט זיך, איר האָט זיי צופעליק ניט אַראָפּגעשלונגען.

נאָך אַפן וועג אין גאָרקיך פלעגט נאָטע קאָפּ אָפּנעמען בא אַלע אַרטיסטן די טאַלאָנען, קעדיי ניט צו פּאַטערן קיין איבעריקע צייַט באַם אַרייַנגאַנג אין זאַל. מיט די אָפיציאַנטקעס פלעגט ער זיך גלייַך צונויפרעדן וועגן דער צאָל פּאָרציעס, וואָס ער פּאָדערט, און בעניי־ביי אוועקלויפן אין בופעט א שמעק טאָן, צי קאָן מען דאָרט ניט כאַפּן עפּעס אָן טאַלאָנען. און עס פלעגט טאַקע טרעפן, אַז נאָטע האָט געבראַכט שטיקער קאָרזש פון קלייַען, אָדער מאַלייַ — אויך א מין קאָרזש פון פּאַפּשוי־מעל. אַזאַ אומדערוואַרטער צוגאָב פלעגט אַרויסרופן א ווילדע פרייד בא יאַנקאָן צי בא מאַגאַלניקן, און זיי פלעגן אָנהייבן שיטן מיט ווערטלעך.

— עפשער וואָלט שוין געווען גענוג כאָכמענען זיך? — זאָגט בוביס.
— וואָס איז אזוינס א כאָכמע? — באמערקט מאגאלניק. — א כאָכמע איז די זעלבע נארישקייט, נאָר געזאָגט צו דער צייט!
— ע! ע! פריינט מיינע! — מישט זיך אריין מאָטיע ברען. — ווערליק איך' זע, זייט איר אלע אָפּערע־זינגער. מע ווייסט אפריער, וועגן וואָס איר וועט זינגען! שוין צייט, כלעבן, ביישן דעם רעפּערטואר!
— מיר זיינען ניט מאָריץ סעגאל, — האָט א זיפץ געטאָן איליושע, — מאָריץ סעגאל בייט דעם רעפּערטואר אלע פּרייטיק. אצינד, האָב איך געהערט, גרייט ער א נייע קאָמעדיע, נאָרוואָס פון דער נאָדל ארויס! דאָס איז א העכסט אינטערעסאנטע טעאטער־שטיק וועגן דעם, ווי אזוי דעם ראָוּס באסיעכידקעלע ליבט זיך איין אינעם דירעקטאָר פון גובקאָזשטרעסט איוואן איוואנאָוויטשן. מע זאָגט, אז סעגאל איז שוין געווען אין נאראָבראז און האָט דאָרט געקלאפּט מיטן פויסט איבערן טיש: „איך, שרייט ער, בין דער ערשטער, וועלכער שאפט און שטעלט א סאָוועטישע קאָמע־דיע!"
— אָ, דאָס קאָן ער! ווען עס זיינען געקומען די דעניקינצעס, האָט ער אויך געשטעלט די ערשטע דראמע פאר זייער קאָוועדס־וועגן. דעמלט האָט זיך דעם רעבנס טאָכטער איינגעליבט אין אן אָפיצער און האָט געפאָדערט, אז דער טאטע אירער, דער ראָוו, זאָל זיך שמאדן! — דערציילט יאשע בוביס.
— מאָריץ ווייסט, וואָס ער טוט! — זעצט פאָר איליושע. — נעכטן האָט ער אָפּגעדונגען דעם טעאטער „לירא" אפן גאנצן סעזאָן. אזויארום איז ער געוואָרן אונדזער נאָענטסטער שאָכן. פון מאָרגן אָן וועט ער ארויסלאָזן אפישן אפן גאנצן סעזאָן. דעם סעזאָן עפנט ער, פארשטייט זיך, אין די פּייסעך־טעג.
— און פארן אריינגאנג וועט ער נעמען צו צוויי פונט מאצעס פון א נאָז! — שטעלט פעסט מאגאלניק.
— און מיר שיינט, אז איידער צו ציילן די גרויפּן אין מאָריץ סעגאלס טאָפּ, וואָלט גלייכער געווען אריינצוקוקן אין אייגענעם טעלער! צוליב וואָס זאָלן מיר זיך שאפן ווייטעקן? — האָט מיקע טולקיס געוואָלט איינ־שטילן דעם אוילעם.
מאָטיע ברען האָט אים באטראכט, ווי ער וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל:
— פאראן ווייטעקן, וואָס האָבן ווערט מער פון אנדערע פריידן!
אן ערעך איינס באטאָג, ווען די גאָרקיך איז געווען איבערגעפולט, פלעגט קומען אן אגיטאטאָר פונעם אגיטפּראָפּ־אָפּטייל, קעדיי איבערצו־לייענען פאר די אָנוועזנדע דאָס לייטארטיקל פון דער היינטיקער צייַ־טונג, דערציילן וועגן די לעצטע נייַס, וואָס זיינען אָנגעקומען פונעם פראָנט, מעלדן וועגן דעם קאמף, וואָס ווערט געפירט מיט דער ראַזרוכע, וואָס פארא קאָנפיסקירטע אונטערנעמונגען וועלן איינגיכן אָנהייבן צו אָרבעטן און וואָס וועלן זיי פּראָדוצירן, ווי אזוי גייט דער קאמף מיט דער ארבעטסלאָזיקייט, מיט דער קינדער־פארוואָרלאָזטקייט. דאָס אלץ האָט מען אויסגעהערט בעשאסן עסן, ווען מע האָט געכליעבטשעט דעם סופּ צי גע־

קײַט דאָס שאָקאָלאַד־קאָלירענע ברויט. ס׳האָט ניט זעלטן געטראָפֿן, אַז דער לעקטאָר פֿלעגט ניט באַווײַזן דערפֿירן זײַן לעקציע ביזן סאָף, ווי דער אוילעם האָט זיך שוין א כאַפּ געטאָן פֿון די ערטער און אָנגעהויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. א זײַטיקן וואָלט דאָס אויסגעזען מאָדנע, וואָס מענטשן, אויסגעהאָרעוועטע און הונגעריקע, וואַרפֿן פּלוצעם אוועק דאָס עסן, שטייען מיט די לעפֿל אין די הענט און זינגען מיט הויך־פּאַריסענע קעפּ, מיט אַזאַ אַזאַרט, גלײַך זיי ווילן טאַקע שוין, די מינוט, וואַרפֿן זיך אין שלאַכט, אָנפֿאַלן אפֿן סוינע.

אינדערעמעסן האָט טאַקע קיינער ניט פֿאַרגעסן, אַז דאָס לאַנד פֿירט נאָך אַלץ א שווערע מילכאָמע אַף לעבן און טויט, אַז די שלאַכטן פֿירן זיך ניט נאָר אפֿן ווײַטן מיזרעך, ניט נאָר אפֿן פּוילישן פֿראָנט, נאָר אויך דאָ, גאָר נאָענט, אונטער דער סאַמע נאָז, קאָן מען זאָגן. און עס קאָן שיין געמאָלט זײַן, אַז א סאַך פֿון די, וואָס עסן הײַנט מיטיק, וועלן מוזן גלײַך פֿונדאַנען אוועק אפֿן פֿראָנט.

געענדיקט דאָס זינגען, האָט מען זיך צוריק געזעצט אַף די ערטער און פֿאַרגעזעצט דעם איבערגעריסענעם געשפּרעך וועגן די אָפּגערעמאָנטירטע לאָקאָמאָטיוון, וואָס זײַנען שוין געווען געלעגן טויטע אפֿן בעסוילעם, וועגן א קאָמסאָמאָלישער כאַסענע, בעשאַס וועלכער מע האָט אָנגענומען די קאַלע אין קאָמיוג און דער כאָסן איז גלײַך נאָך דער כאַסענע אוועק אפֿן פֿראָנט.

בעשאַסן מיטיק פֿלעגן אויך פֿאָרקומען אומדערוואַרטע קאָנצערטן. דער אַלטער אַקטיאָר איוואַן באַנדורענקאָ — דער אָרגאַניזאַטאָר פֿונעם אוקראַיִנישן רעוואָליוציאָנערן טעאַטער אין שטאָט — פֿלעגט אומבאַמערקט אַרויס פֿון טיש, שטעלן זיך לעבן דעם פֿאַניערן־ווענטל און שווײַגנדיק עפּעס בלעטערן אין זיקאָרן, אין וועלכן עס זײַנען געווען פֿאַרקריצט אַלע ראָלן, וואָס ער האָט געשפּילט אַף דער אוקראַיִנישער בינע אין מעשעך פֿון עטלעכע צענדליק יאָר. נאָכדעם פֿלעגט ער אָנהייבן שטיל צו לייענען לידער פֿון איוואַן פֿראַנקאָ, מיט וועלכן ער איז געווען נאָענט באַקענט. געלייענט האָט באַנדורענקאָ רויִק, אָן אופּטרייסלונגען, אָן זשעסטן, זעלטן ווען אונטערשטרײַכנדיק א שורע. עס פֿלעגט זיך באַקומען, אַז ער לייענט ניט קיין לידער — ער פֿירט א געמיטלעכן געשפּרעך מיט זײַנע נאָענטע פֿרײַנט, וואָס פֿאַרשטייען יעדעס וואָרט זײַנס. אין זאַל פֿלעגט גלײַך שטיל ווערן, און עס פֿלעגט זיך באַקומען, אַז די מענטשן זײַנען געקומען אַהער בלויז צוליב דעם, אַז מע זאָל פֿאַר זיי לייענען די באַוווּסטע האַרציקע ווערטער, מיט וועלכע דער דיכטער האָט זיך געווענדט צו זײַנע „כאַווײרים פֿון דער טורמע״, זײַנע שמועסן מיט די „שטיינהעקער״.

איינמאָל, בעשאַסן מיטיק, האָט זיך מיקע טולקיס אופֿגעהויבן פֿונעם אָרט און מיט האַסטיקע שפּאַן זיך א לאָז געטאָן צום פֿאַניערן־ווענטל. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום אוילעם, ניט געזאָגט קיין וואָרט און אָנגעהויבן שפּילן. מאָטיע ברען איז אופֿגעשפּרונגען, די אויגן זײַנע האָבן זיך מיטאַמאָל צעפֿלאַמט, ווי א דעקל פֿון א קעשענע־זייגער. „מע דאַרף דאָך האָבן א האָזע, ניט צוגעגרייט זיך, ניט געזאָגט קיינעם קיין וואָרט, און קריכט אַף דער בינע!״. נאָר מיקע טולקיס האָט שוין געפֿונען פֿאַר זיך א פּאַסיק

אָרט, א פיר געטאָן מיט צוויי פינגער איבערן פּאָנעם, און די באקן האָבן זיך מיטאמאָל צערויטלט. אף דער אייבערשטער ליפּ זײַנען אויסגעוואקסן דיגינקע וואָנצעלעך; נאָך איין פיר מיט דער האנט — און אינעם רעכטן אויג האָט זיך באוויזן א מאָנאָקל (א קײַלעכיק שטיקל קארטאָן מיט א לאנג שווארץ שנירל, וואָס איז געהאנגען ביזן גארטל), און א לעצטן פיר מיט דער האנט, פון וועלכן די האָר אפן קאָפּ זײַנען געוואָרן צוגעגלעט, גליטשיק־צוגעפּלעטשט צום שארבן. דער אוילעם האָט גלײַך פארשטאנען, אז דאָס איז באראָן פאָן וורנאנגעל אליין. און ווײַל דאָס אלץ איז געווען אומדערווארט, האָט עס ארויסגערופן א געלעכטער. מיקע האָט א וואָרף געטאָן א ביטל־בליק אפן זאל, א פּאָר מאָל זיך ארומגעקוקט אין די זײַטן, ווי עמעצער זאָל, קלוימערשט, וועלן אים באגאנווענען, און דאָס האָט נאָך מער פארשטארקט דעם געלעכטער, כאָטש אזעלכע טריוקן האָט מען א סאך מאָל געזען אין צירק. אָבער בא מיקען זײַנען זיי ארויסגעקומען אף אן אנדער אויפן. נאָכדעם האָט פאָן ווראנגעל צוגעדעקט דאָס מויל מיט דער האנט און פארטרויט דעם אוילעם א ביז גאר וואזשנעם סאָד:

— איך בין דער זעלבער ווראנגעל באראָן פאָן, וואָס פארמאָגט א קוי־טיקע נעשאָמע. אויב מע זאָל צונויפנעמען דעם גאנצן שמוץ, מיט וועלכן עס איז באשמירט מײַן נעשאָמע, וואָלט ער געסטײַעט אף צו האָדעווען א כאזער א גאנץ יאָר. דאָס זאָג איך אײַך, באראָן פאָן ווראנגעל!

אין זאל האָט מען הויך געלאכט און אפּלאָדירט. נאָר מיקע האָט, קלוי־מערשט, גאָרנישט ניט געהערט. ער האָט פאָרגעזעצט זײַן מאָנאָלאָג אף א געהארגעטער רוסישער שפּראך, ווײַל, ווערליק מע האָט אין אָדעס דער־ציילט, איז ווראנגעל לויט דער אָפּשטאמונג געווען א דײַטש.

אן אונטערגעווארעמטער פונעם דערפאָלג, האָט מיקע־ווראנגעל ארויס־געלייגט פארן אוילעם אלץ: וויאזוי ער לעבט, וויאזוי ער שטייט אוף אינ־דערפרי און מע דערלאנגט אים אין בעט ארײַן קאקאָ־קאווע, און נאָכדעם קוקט ער מיט גרויס צאָרן אין יענער זײַט, ווו עס געפינען זיך די באָלשע־וויקעס, וועלכע ער וועט אינגיכן באזיגן. ווען וועט עס פּאָרקומען? דאָס קאָן ער דערציילן בעסאָד: דאָס וועט פּאָרקומען דאָנערשטיק נאָכן רעגנדל.

מיקעס ראשיקער דערפאָלג איז פּאר מאָטיע ברען געווען ניט פאר־שטענדלעך. מאָטיע איז, ווײַזט אויס, געווען דער איינציקער, וואָס האָט ניט אפּלאָדירט, ניט געלאכט, ניט געפאָדערט, אז מיקע זאָל איבערכאזערן דעם מאָנאָלאָג.

— ווי געפעלט דיר מיקע? — האָט אים א פרעג געטאָן אילױשע.

— ער געפעלט מיר ניט! — האָט מאָטיע זיך געבייזערט.

און מאָטיע האָט אומדערווארט פאר זיך אליין געמאכט א דערשיטערנ־דיקן אויספיר: מענטשן גארן נאָך געלעכטער! מענטשן ווילן לאכן, פונקט אזוי ווי זיי ווילן ברויט! נו, און אויב מע גיט א הונגעריקן קלײַנעם אָנשטאָט ברויט, זאָגט ער אויך א דאנק, אויב עס איז ניטאָ קיין בעסערס; אויב עס איז ניטאָ פון וואָס אויסצוקלײַבן, איז מען צופרידן. מאָריץ סעגאַל, לאָזט זיך אויס, האָט עס שוין פון לאנג פארשטאנען און האָדעוועט דעם אוילעם מיט טרוקענע, צוגעפוילטע קלײַנע־מײַכאָלים, וואָס שמעקן נאָך

דערצו ניט אזוי פײַן, נאָר אויב מע גיסט אונטער א ביסל זיסלעכע וואסער, גייט עס ווי א מיזמער.

עמעצער האָט ארופגעלייגט די האנט אף מאָטיעס אקסל. ער האָט זיך פלינק אויסגעדרייט. וויקטאָר איוואנאָוויטש האָט געשמייכלט, נאָכגעשפּירט נאָכן געררויש, וואָס איז נאָך אלץ געשטאנען אין זאל, נאָך אלץ שמייכלענדיק, געפרעגט:

— וואָס איז פאָרגעקומען?

ער האָט צוגערופן די אָפּיציאַנטקע, אָפּגעגעבן איר די טאלאָנען אף ברויט און מיטיק, געבעטן זי, אויב סע איז מעגלעך, קוידעמקאָל דערלאַנגען אים א גלאָז הייסע טיי. און ווען דאָס מיידל איז אוועק, האָט ער אָנגעהויבן זוכן בא זיך אין די קעשענעס, ווי גלײַך ער זאָל האָבן פארגעסן ערגעץ א ביז גאָר נייטיקע זאך:

— האָסט ניט געהערט וועגן אזא רעזשיסער... לויט דער פאמיליע סעגאל?

— געהערט! וואָס איז? — מאָטיע האָט זיך אָנגעשפּיצט.

— איז אָט... — וויקטאָר איוואנאָוויטש האָט ווידעראמאָל גענומען זוכן אין די קעשענעס, — איז אָט! — האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט, אופגעהערט זוכן און זיך אָנגעהויבן צו מאָטיען. — איז אָט, דער רעזשיסער... סעגאל, יאָ, יאָ, סעגאל! האָט געבראכט אין פּאָליטפּראָסוועט זײַנע א פּיעסע. א נײַע קאָמעדיע. א הײַנטצײַטיקע. אפן שארבלעטל שטייט טאַקע אזוי אָנגעשריבן: „הויפּט־רעזשיסער פונעם קאָמעדיע־טעאטער סעגאל". אינעם פּאָליטפּראָסוועט האָט מען זיך, פארשטייט זיך, דערפרייט, — מיר שאפן שוין אונדזער נײַעם סאָוועטישן רעפּערטואר! נאָר ווען מע האָט איבערגעלייענט די דאָזיקע קאָמעדיע, איז אונדזער פריידן אנטרונען געוואָרן. מיט איין וואָרט, אין פּאָליטפּראָסוועט איז די קאָמעדיע ניט געפעלן געוואָרן, און דאָך האָבן זיי, קעדיי צו איבערצײַגן זיך אין זייער אויספיר, צוגעשיקט די פּיעסע צו אונדז. איך האָב אויך געלייענט, נאָר, דעם עמעס געזאָגט, ווייניק וואָס פארשטאנען. מיר האָבן די פּיעסע געלייענט צוזאמען מיט אונדזער קאָמענדאנט ראכליסן, ער האָט איבערגעזעצט. און איבערזעצער איז ער ניט קיין וואזשנער, דאָך האָבן מיר זי אײַנגעביסן, געזעסן איבער איר ביז אזייגער דרײַ באנאכט. און אָט דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אז דאָס בעסטע איז — איבערגעבן דיר די פּיעסע און א בעט טאָן, אז דו זאָלסט זאָגן דײַן וואָרט. זאָל דײַן סופליאָר זי איבערלייענען. ער איז, ווײַזט אויס, א באָכערל מיט געשמאק. און נאָך בעסער — לייענט זי איבער אין קאָלעקטיוו און צוזאמען וועט איר זי באהאנדלען. איר וועט דאָך גלײַך פארשטיין, וואָס פאר א ווערק דאָס איז! נעם, זײַ א פרײַנט! מע דארף דאָך ענטפערן דעם אווטאָר. קאָן זײַן, אז די פּיעסע איז א ווערטפולע!

וויקטאָר איוואנאָוויטש איז אוועק צום הענגער, ארויסגענומען פון זײַן שינעל־קעשענע א דיקן העפט אין א שווארצן קאָלענקאָרענעם אײַנבונד.

— אָט איז זי, די פּיעסע!

— זאָל בעסער.. דער פּאָליטפּראָסוועט... אליין באשליסן! — האָט מאָטיע געשטאמלט.

— דער פּאָליטפּראָסוועט, פאַרשטייט זיך, וועט אַליין לייזן די פּראַ־גע! — האָט פאַרזיכערט וויקטאָר איוואַנאָוויטש. — נאָר דאָס וועט ער קאָנען טאָן, ווען ער וועט וויסן דײַן מיינונג. פאַרבאָטן די פּיעסע — דאָס איז די גרינגסטע זאַך! נאָר אויב אין דער פּיעסע איז פאַראַן כאָטש איין אינטערע־סאַנטער עפּיזאָד, זאָל זײַן כאָטש איין געשטאַלט...

וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט מיט ביידע הענט געוואַרעמט זיך אין דער גלאָז מיט הייסער טיי און זיך צוגעהערט צו יאַנקאָס געזאַנג. יענער איז שוין איצט געשטאַנען באַם ווענטל מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַן אויס־געשטרעקטער האַנט געזונגען די באַוווּסטע ליד וועגן באַלעגאָלע:

מײַן היים איז דאָס פעלד,
און מײַן בעט איז דער וואָגן.
מײַן אַרבעט איז — שמײַסן,
די פערד זאָלן יאָגן!

— אין „זיבעצן" וועט ער שפּילן די ראָל פונעם שעף פון דער קאָנטר־ראַזוועדקע, — האָט מאָטיע דערקלערט וויקטאָר איוואַנאָוויטשן.

— איך וועל קומען אַ קוק טאָן! — האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש שטיל געענטפערט און זיך אָנגעשפּיצט, קעדיי בעסער צו הערן יאַנקאָס געזאַנג. דערבײַ האָט ער אַ פּאָר מאָל אַ זופּ געטאָן פון דער גלאָז די הייסע טיי. — און ווי גייט עס אײַך?

— מיר רעפּעטירן, — האָט מאָטיע אַ ציִ געטאָן די אַקסל, — איר ווייסט, ווען מיר האָבן נעכטן פאַרענדיקט די רעפּעטיציע? — האָט ער געפרעגט און אַליין געענטפערט: — הײַנט אינדערפרי.

— פאַרשטייט זיך, אפן צווייטן טאָג באַקומט זיך אַלץ גאָר אַנדערש...

— ...ווי עס האָט געזאָגט מײַן זיידע, אַלעווהאשאָלעם, אפן צווייטן טאָג נאָך דער כאַסענע! — האָט זיך עמעצער אַרײַנגעמישט.

יאַנקאָ האָט שוין פאַרענדיקט דאָס זינגען און איז צוגעגאַנגען צום טיש, געוואָלט כאַפּן אַ וואָרט.

אַמזעל איז צוגעגאַנגען. ער איז געשטאַנען און מיט גרויס געהאָרכ־זאַמקײַט געהערט, לויטן שטייגער זײַנעם געשוויגן. זײַנע טובערקוליאָז־צעפלאַמטע באַקן האָבן אים געמאַכט יינגער אף עטלעכע יאָר. וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך באַגריסט מיט די אַקטיאָרן.

— זאָגט אים, — איז יאַנקאָ אונטערגעקומען און זיך געשטעלט מאָטיען הינטער דער פּלייצע, — זאָגט אים, וויקטאָר איוואַנאָוויטש, — האָט ער אַ ווונק געטאָן צו מאָטיען, — אַז ער זאָל אונדז אַזוי ניט מוטשען. אָט אַרבעט איך שוין אין טעאַטער, זאָלט איר האָבן אַזויפיל גליקלעכע יאָר, און פּרוּווט פרעגט מיך, צי געדענק איך אַזאַ פאַל, ווען מע האָט רעפּעטירט אַ פּיעסע מער ווי אַ וואָך? אפילע די סאַמע שווערע, די סאַמע גרעסטע. צוליב וואָס זשע האַלט מען אין טעאַטער אַ סופליאָר?

ער האָט דערבײַ אַ ווונק געטאָן מיטן אויג און געשמייכלט, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז ער שפּאַסט. מאָטיע, פאַרקערט, איז געווען גאַנץ ערנסט געשטימט.

— אינגיכן וועלן מיר שפּילן אָן אַ סופליאָר! — האָט ער באַמערקט און געקוקט אויף אַמזועלן, ווי ער זאָל זיך וועלן איבערצײַגן, וויאַזוי וועט יענער רעאַגירן אויף אַזאַ נײַס.

אַמזועל האָט, ווי שטענדיק, געשוויגן.

— אין מאָסקווע שפּילט מען אָן סופליאָרן, — האָט באַמערקט וויקטאָר איוואַנאָוויטש.

— נו, איז עס דאָך מאָסקווע! — האָט יאַנקאָ אויסגעשריִען.

— מיט וואָס זײַנען מיר ערגער? — האָט מיטן זעלבן טאָן געפרעגט מאָטיע.

אויף אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל.

— די סאַמע איינפאַכע מיזאַנסצענעס קומען אונדז אָן מיט גרינגע ווער־רעם! — האָט מאָטיע דערציילט. — אָט האָבן מיר נעכטן רעפּעטירט איין רעפּליקע גאַנצע צוויי מיט אַ האַלבער שעה, און דאָך ניט באַשלאָסן, וויאַזוי דאַרף זי געזאָגט ווערן. די פּיעסע הייבט זיך אָן אַזוי: אין דער קאָנספּיראַ־טיווער דירע אויף טראַניצקער גאַס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע אונטערער־דישע טוער. עס קומט צו גיין יאַשע רויפמאַן און זאָגט: „אין אונדזער אָר־גאַניזאַציע איז פאַראַן אַ פּראָוואָקאַטאָר!“ האָבן מיר זיך פאַרטראַכט: ווער און וויאַזוי דאַרף רעאַגירן אויף יאַשעס מעלדונג. די גאַנצע סצענע וועט אינעם ספּעקטאַקל דויערן ווייניקער ווי איין מינוט, און מיר האָבן זיך געייסעקט מיט איר קאַרגע דרײַ שעה.

— און הײַנט אינדערפרי, אויף דער רעפּעטיציע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע האַרעוואַניע טויג אויף קאַפּאַרעס! — האָט באַמערקט מיקע טול־קיס.

— פאַרוואָס אויף קאַפּאַרעס? — האָט זיך מאָטיע געכידעשט.

— ווײַל דו האָסט, לעהייפּעך דעם סייכל, באַשלאָסן, אַז אָן אַקטיאָר קאָן מען מאַכן, ווען אינדערעמעסן איז פאַראַן אַ געזעץ, אַז אָן אַקטיאָר דאַרף מען געבוירן ווערן.

— אַגעוו, וויל איך באַמערקן, אַז אָן אידיאָט דאַרף מען אויך געבוירן ווערן! — האָט מאַגאַלניק אויסגעשריִען.

— איז טאַקע אַ שאָד, וואָס דו ביסט ניט געבוירן געוואָרן קיין אַקטיאָר! — האָט יאַנקאָ קלוימערשט באַדויערט.

— עפּשער איז שוין צײַט אַ סאָף צו מאַכן? — האָט מאָטיע אַ באַרויגע־זער געשריִען.

וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט געלאַכט:

— אָן אומרויִק פאָלק זײַט איר, אַקטיאָרן! זאָל גאָט אויסהיטן אַרײַנצור־פאַלן צו אײַך אין מויל!

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג.

— ווי גייט עס? — האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש אַ פרעג געטאָן בײַ מיקע טולקיסן און אָפּגעשטעלט זיך, קעדיי בעסער אים צו באַטראַכטן. — דאָס האָט איר געוויזן הײַנט וואַנגעלן? — האָט ער געשמייכלט. — עס באַקומט זיך בײַ אײַך! אַ שאָד, איך בין געקומען שוין צום סאָף פונעם מאָנאָלאָג.

— נאָכאַמאָל! ספּעציִעל פאַר אײַך! — האָט זיך מיקע מיט גרייטקײַט אַ לאָז געטאָן אין אַ זײַט, וווּ עס איז געווען פּלאַץ אויף אַרויסצוטרעטן.

— וואָס רעדט איר? צוליב וואָס? — האָט זיך וויקטאָר איוואַנאָוויטש פארויטלט. — איך קאָן קומען נאָכאמאָל, ווען איר וועט א צווייט מאָל ארויסטרעטן.

מיקע טולקיס האָט אים געקוקט אין די אויגן, א מאך געטאָן מיט דער האַנט:

— עס איז זייער שווער, וויקטאָר איוואַנאָוויטש!

— דאָס, וואָס עס באקומט זיך גרינג, איז מערסטנס ניט אינטערעסאַנט!

— אָבער אים איז באַזונדערס שווער! — האָט מאָטיע ברען דער־קלערט. — ער שפּילט בא אונדז צוויי ראָלן: אינעם ערשטן אקט — דעם באַלעבאָס פון דער קאָנספּיראַטיווער דירע, און אין די צוויי אַנדערע אקטן — דעם אויספאָרשער פון דער קאָנטראַזוועדקע. מיר האָבן ווייניק מענטשן.

— לאָדט איַין נאָך! — האָט געטייצעט וויקטאָר איוואַנאָוויטש.

— מיר זוכן מענטשן. מיר זוכן, — האָט מאָטיע דערציילט. — אָט דאַרפן מיר זייער א פידלער. ווו זאָלן מיר אים נעמען? איך האָב געפירט אונ־טערהאַנדלונגען מיט א פידלער. צוערשט איז ער מאסקים געווען, נאָר מיט איין טנאַי, אז מיר זאָלן אים צאָלן פופציק מיליאָן פאר יעדער רעפּעטיציע, און פאר יעדער ספּעקטאַקל — הונדערט מיליאָן. ניטאָ וועט עס זאָל לאכן! אָט שפּילט בא אונדז יאשע בוביס אפן פידל. איך מיין, אז ער שפּילט ניט ערגער פון יענעם פידלער, נאָר ער איז דאָך פארנומען אין דער פּיעסע פונקט אין יענעם עפּיזאָד, ווען הינטער די קוליסן שפּילט א פידל...

מאָטיע האָט א קוק געטאָן אף וויקטאָר איוואַנאָוויטשן עטוואָס צעטראָגן און אָנגעכאפּט יאשע בוביסעס האַנט:

— הער נאָר, יאשע, געזונט זאָלסטו מיר זיַין! הער נאָר, וואָס פאר א פערעאָדעם איך בין! ניטאָ קיין סייכל, כאָטש שריַי גוואַלד! הער אויס, יאשע! היַינט נאָך ברענג צו טראָגן דיַין פידל! איך וועל אליין שפּילן! איך בין דאָך די גאַנצע ציַיט הינטער די קוליסן...

— כאָטש הארגע מיך! וויאזוי זשע וועסטו שפּילן פידל? — האָט יאשע בוביס אויסגעשריִען. — צי עפּשער ביסטו כאָסערדייע?

— איך וועל זיך אויסלערנען! — האָט מאָטיע פארזיכערט.

— אליין וועסטו זיך אויסלערנען?

— דו וועסט מיר העלפן!

יאשע האָט א צי געטאָן מיט די אַקסל. אף זיַין פּאָנעם האָט זיך אויס־געלייגט אזא מינע, אז ס'איז ניט מעגלעך געווען צו פארשטיין — צי לאכט ער, צי וויינט ער. מיט אן אָפן מויל האָט ער געפירט מיטן קאָפּ הין און צוריק און געוואַרט, אז די ארומיקע זאָלן אויסשיסן א געלעכטער.

קיינער האָט אָבער ניט געלאכט.

קאַפּיטל עלף

פון וואָס הייבט מען אָן?

פּאָטיע ברען האָט קיינמאָל ניט געשטעלט זײַן קינד אין ווינקל, — ער האָט ניט געהאַט קיין ווינקל. עס קאָן זיך אַפּילע מאכן, אז ער האָט שוין קיין קינד אויך ניט געהאַט... פון דער גאָרקיך פלעגט מאָטיע לויפן אהיים, ווײַל ער האָט געהאַלטן פאַרוויקלט אין א פּאַפּיר א שטיקל ברויט, א קאָרזש צי עפּעס אנדערש, וואָס ער האָט געקאָנט אײַנשפּאָרן באַם טיש. נאָר אלעמאָל האָט ער זיך אין דער היים אָנגעשטויסן אָף א פאַרקלאַפּטער טיר. ער האָט געוווּסט, ווו בעטיע באַהאַלט דעם שליסל, נאָר גאַנץ אָפט פלעגט דער שליסל ניט זײַן אָפן אָרט. עפּשער האָט זי אים פאַרגעסן איבערלאָזן צי עפּשער אומיסטן אנטרונען געוואָרן מיטן קינד צוזאַמען? ער האָט ניט געוווּסט ווו זי צו זוכן. זי פלעגט אָפט ניט קומען אהיים נעכטיקן.

ווען עס האָבן זיך אײַנגעשטעלט ווארעמע טעג, האָט בעטיע פאַרגעסן וועגן אלע אירע וויטעקן און צוביסלעך זיך געשטעלט אָף די פיס. פּאָרגעקומען איז עס אזוי.

אָף דער מעשטשאַנסקער גאַס, אינעם הויז נומער פיר, ווו בעטיע האָט געוווינט, האָבן געלעבט א סאַך פײַנע מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער כּיבוד העלפן אן אָרעמער פרוי מיט א קליין קינד אָף די הענט. די נאָענטסטע שכיינע, מאדאם קאַץ, וואָס איז געווען באַוווּסט אָפן טאָלטשאָק, איז אליין געקומען צו בעטיען. נאָך פון דער שוועל האָט זי אָנגעהויבן שרײַען און זאָגן מוסער.

— מע דאַרף דאָך זײַן, מײַנע סאָנים, כ'ווייס אליין ניט ווער! הײַנטיקע צײַטן זיצט מען אין שטוב מיט א קליין קינד און מע שטאַרבט דרײַ מאָל א טאָג פון הונגער? גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר מײַנע רייד! — אזוי האָט אָנגעהויבן די מאדאם קאַץ מיטן ניגן פון דער „צענע־אורענע“. וואָס ווײַטער, איז דאָס קאָל אירס געוואָרן שטאַרקער, פעסטער און זיכערער: — איז וואָס זשע מיינט איר? איר מיינט עפּשער, אז די וועלט ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך? מע ווייסט, באָרעכהאַשעם, אלצדינג! מיר זעען אלצדינג! איז וואָס זשע באַקומט זיך? באַקומט זיך, אז מיר זײַנען כאָלילע ניט קיין יידן? וואָס זײַנען מיר עפּעס? וואָס זײַנען מיר, פרעג איך אײַך? איז אויב אזוי, כאַפּט אָף זיך דאָס שאַלעכל, און מיר וועלן באַלד גיין מיט אײַך אָף דער גלוכאָי גאַס, אין איינער א שטוב, ווו מע גיט מיר קעסיידער סכוירע. נישקאָשע, מע וועט אײַך אויך דאָרטן פאַרטרויען! מע ווייסט, אז איר וועט ניט אנטלויפן קיין אמעריקע! וועט מען אײַך געבן צוויי־דרײַ מייעס פּאַפּיראָסן, און מיר וועלן די ערשטע צײַט ביידע גיין אָפן טאָלטשאָק. ריבוינעשעלוילעם! איר מיינט, אז עס איז אמאָליקע צײַטן, ווען מע האָט באַדאַרפט כאַפּן דעם קוינע פאַר דער פּאָלע, אײַנריידן אים? שוין אוועק יענע צײַטן! אציִנד זוכט מיך דער קוינע! וויבאַלד איך קום אָפן טאָלטשאָק

מיט דער סכוירע, רינגלט מען מיך ארום פון אלע זײַטן און מע רײַסט אויס פון די הענט אלץ, וואָס איך האָב, מע זאָל זיי שוין רײַסן די ציין פונעם מויל! אַז סע קומט גאָר אַף זיי קיין כאָליערע ניט! גיב און גיב! וואָס זשע טוט מען? לויפט מען נאָכאמאָל אוועק אַף דער גלוכאָי, און מע נעמט נאָך סכוירע! עס סטײַעט, באָרעכהאשעם! ווי מיינסטו, אַז די טוטין־פאבריקע איז שוין הײַנט ניט גורארים פאבריקע, אַז אלע זײַנען דאָרט באלעבאטים, און גורארים איידעם ארבעט אפֿן סקלאַד פון דער פאבריקע, וואָס זשע, ווייסט ער דען ניט, וואָס מע דארף טאָן? „טראָגט, זאָגט ער, קינדער, און זאָלן אײַך קיינמאָל ניט ווי טאָן די הענט! איידער זיי, איז בעסער — אײַך!" פארשטייסט כאָטש? טראָגט מען פון דאָרטן זעק מיט טוטין. זאָג איך צו מײַן סאשענקען: „סאשענקע, זאָג איך אים, מאך א קעסטעלע פאר אַן אָרעמער זשענשטשינע מיט א קליין קינד, ווײַל זיי שטארבן פון הונגער! מאך, זאָג איך אים, סאשענקע, א קעסטעלע אַף צוויי־דרײַ מייעס פאפּיראָסן, וועט זי האנדלען אפֿן טאָלטשאָק, וואָס? זי וועט כאָלילע ניט אויסכאפּן בא מיר די קוינים! הײַנט זײַנען באָרעכהאַשעם דאָ גענוג קוינים!" און מײַן סאשענקע, זאָלט איר נאָר זען, וואָס פאַרא ביכלעך ער לייענט. א גאנצן אפּדערנאכט זיצט ער און לייענט, און לייענט... „סאשענקע, זאָג איך אים..."

* * *

שוין אין די ערשטע טעג האָט בעטיע באוויזן, וואָס זי קאָן. זי פלעגט אין מעשעך פון טאָג פינף־זעקס מאָל לויפן אַף דער גלוכאָי גאס נאָך סכוירע: פונעם טאָלטשאָק אַף דער גלוכאָי, פון דער גלוכאָי אפֿן טאָל־טשאָק! אין אָוונט פלעגט זי איבערציילן דעם פּידיען, און זי איז געקומען צום געדאנק, אַז דער טאָלטשאָק, אויב מע זאָל אים פארשטיין און ליב האָבן, קאָן ער ארײַנברענגען פּארנאָסע מער, ווי עס וואָלטן איר געבראַכט דרײַ מענער מיטאמאָל. בעטיע האָט אינגיכן פארשטאנען נאָך איין זאך, אַז דאָס קינד, וואָס געפינט זיך אלעמאָל לעבן איר, קאָן איר גוט העלפן לייזן געלט, מאכמעס די הורטאָווניקעס אַף דער גלוכאָי באַציִען זיך צו איר מיט מער צוטרוי און מיט מער ראכמאָנעס — דאָס קינד! מיט א קינד וועט זי ניט אנטלויפן, און מע דארף דאָך א קינד האָדעווען! ווידער, די קוינים האָבן אויך ליב, אַז בעשאס זיי צאָלן פאר די פּאפּיראָסן און פארייַ־כערן, א קניפּ טאָן דאָס קינד אין בעקל, פרעגן עפּעס בא אים. הײַנט איז דאָך טאקע א מיצווע געבן צו לייזן א פרוי, וואָס האָט א קליין קינד!

נאָר מער פון אלע זײַנען צוגעזאָטן געוואָרן צום קינד די הענדלער־קעס פונעם טאָלטשאָק, מערסטנס אלטע אקאָרעס און פארזעסענע מוידן. זיי פלעגן אין עקסטאז ארומכאפּן דאָס ייִנגעלע, ארײַנקריכן מיטן פּאָנעם אין זײַן ווייך גענזעסל און טאָן דערבײַ אזא טשמאָקע מיט די ליפּן, אזוי פארקאטשען די אויגן, אַז קיין גרעסער פארגעניגן האָבן זיי זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן. ס'איז דאפקע מאָדנע, די אלטע אקאָרעס און פארזעסענע מוידן וואָלטן באדארפט פײַנט האָבן די זעקס־און־צוואנציקיאָ־

ריקע בעטיע, מאכמעס, ערשטנס, איז זי א סאך ייִנגער און שענער פון זיי, און, צווייטנס, פארמאָגט זי א קינד, וואָס זיי האָבן נאָר געזען אין כאָלעם. און פונדעסטוועגן האָבן זיך די הענדלערקעס ניט געקאָנט אָנטי־שען מיטן קינד, זיי פלעגן אים שטופּן צוקערקעס און לעקעכלעך, אבי ער זאָל נאָר א שמייכל טאָן צו זיי! און בעטיען אליין פלעגן זיי שענקען אזעלכע קאָמפּלימענטן, פון וועלכע עס האָט זיך טאקע בעטמעס געקאָנט פארדרייען דער קאָפּ.

וואָס זשע איז דער כידעש, וואָס אין א וואָך ארום האָט שוין בעטיע געהאנדלט ניט נאָר מיט פּאפּיראָסן, נאָר אויך מיט סאכארין? א גאָלדענע סכוירע: מע האלט זי אין קעשענע פונעם אונטערקלייד, און עס קאָסט מי־ליאָנען, צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען!

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, האָט מאָטיע ברען געטראָפן זײַן פרוי מיטן קינד אין דער היים. מאָטיע האָט ניט דערקענט זײַן ווײַב. פון אָנפאנג האָט ער ניט געוווסט וואָס איר צו זאָגן, דערנאָך האָט ער זיך געפּרווט איר צו מאכן א קאָמפּלימענט, נאָר בעטיע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א בייזן בליק און זיך אָנגערופן ניט צו אים — צום קינד:

— קוק אים נאָר אָן, דעם טאטן דײַנעם, דעם טײַערן פארנאָסעגעבער אונדזערן! פרעג בא אים, וואָס האָט ער דיר געבראכט? עפּשער ביסטו שוין גאָר געשטאָרבן פון הונגער? נאָר וואָס גייט עס אים אָן! א קאָמע־דיאנטשיק האָט דען אמאָל געהאט קינדער? אַף דערוף איז ער דאָך א קאָמעדיאנטשיק, א האָלאָדראנעץ, א באָרוועסער! קוק אים נאָר אָן! אידיאָט! — האָט זי מיטאמאָל שטארק אופגעהויבן די שטים. — וואָלט ער כאָטש א קוק געטאָן, וויאזוי מענטשן לעבן אצינד, וואָלט ער געריסן אַף זיך די האָר פון קאָפּ! ווער איז געווען צוריק מיט א האלב יאָר דאָבציס? נו, ווער? א סמארקאטש! א גאָלע גאָרניט! און ווער איז ער אצינד? אצינד פארמאָגט ער אפן פּריוואָז אן אייגענעם לאָטאָק, ווו מע ניצעוועט איבער סאָלדאטסקע הויזן, פרענטשן, שינעלן. ער שארט גאָלד מיט לאָפּעטעס! עס ארבעטן שוין אַף אים עפּשער צען שנײַדער, און ער האָט איין אר־בעט — צונויפנעמען דאָס געלט! נו, און רעמיניק? לעמל רעמיניק, פון וועלכן אלע פלעגן לאכן? אצינד לאכט ער שוין פון אלעמען! ער האָט אופגעעפנט א געשעפט, ווו מע מאכט צורעכט און מע האנדלט מיט אלער־ליי פּרימוסן, „גרעצן” — ער שארט געלט מיט לאָפּעטעס!.. אידיאָט! — האָט זיך בעטיע צעשרײַען מיט נײַעם קויעך. — יעדער איינער קויפט און פאר־קויפט, יעדער טוט עפּעס, מע פארדינט, מע מאכט א לעבן, מע פּראוועט וועטשערינקעס, מע קויפט גראמאָפאָנען, מע גייט איינער צום צווייטן צוגאסט, און ער — דער טאטע דײַנער דער קאָמעדיאנטשיק, דער פּאיאַץ, דער באָרוועסער, דער האָלאָדראנעץ, דער קויטיקער...

שטיל און געדולדיק האָט מאָטיע געהערט בעטיעס טפילע און קיין וואָרט ניט געענטפערט. דערנאָך האָט ער געמאכט נאָך איין שפּאן צום קינד, געוואָלט דעם איבערגעבן דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זײַן מיטיק, נאָר בעטיע האָט א שפּרונג געטאָן, פארשטעלט דאָס ייִנגעלע און גענומען שרײַען אזוי, אז אלע שכיינים זאָלן דערהערן:

— אוועק! אוועק פון אים, האַלאַדראַנעץ! אוועק! מיר זײַנען מיט דיר באַם ראָוו ניט געווען, און דו האָסט אפֿן קינד קיין שום רעכט ניט!

...פון יענער נאַכט האָט מאָטיע ברען געווינט אין טעאַטער. ווען דער „נײַער" דירע זײַנער האָט געוווסט נאָר דער טעאַטער־„פּראַוו־ליאַיושטשע" — נאָטע קאָפּ. נאָך דער רעפּעטיציע פֿלעגן אַלע אוועק פֿון דער „קאָמעטאַ". מאָטיע פֿלעגט אויך אוועקגיין. נאָר אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט, אַרײַן דורכן הויף אף די שמאַלע אײַזערנע טרעפּ, וואָס פֿירן אין דער קינאָ־בודקע, און פֿון דאָרט — הינטער די קוליסן. לאַנג און לאַנגזאַם האָט ער געשפּאַנט איבער דער בינע הין און צוריק, אַלעמאָל זיך אָנגעשטויסן אף די נאַקעטע און קאַלטע ווענט. איבערן קאָפּ איז געהאַנגען א געדיכטער קאַרניז פֿון שפּינוועבס. ניט קיין קוליסן, ניט קיין דעקאָראַ־ציעס, גאַרנישט איז ניט געבליבן אף דער בינע. בעשײַטע האָט מוסיו פוקס פאַרקויפט אַלץ דעם באַלעבאָס פֿונעם קאַפע־שאַנטאַן „זאַלאָטאַיאַ ריבקאַ", ווו עס פֿלעגט יעדן אָוונט פאָרקומען קאָנצערטן פאַר די דעני־קינישע הערן אָפיצערן. אין „קאָמעטאַ", וואָס איז שוין געווען באַ מוסיו פוקס ניט מער ווי אַן אילוזיאָן, זײַנען פאַרבליבן בלויז אייניקע „ווענט־לעך", אויסגעמאָלטע אף אַלטע זעק. זיי האָבן כאָטש ווי־עס־איז צוגע־דעקט די ציגל פֿון די נאַקעטע ווענט. איליושע האָט אָט די אַלע „ווענט־לעך" גענומען צו זיך און געפּרווט מאָלן אף זיי דעקאָראַציעס, וואָס מע האָט באַדאַרפֿט פאַר די „זיבעצן". מע האָט באַדאַרפֿט פֿיר מאָל בײַטן די דעקאָראַציעס, און זעק האָבן קוים געקלעקט אף צוויי אַקטן. אַזוי צי אַנדערש, נאָר זעק האָט מען באַדאַרפֿט קריגן, מע האָט אויך באַדאַרפֿט ערגעץ באַקומען פאַרב.

מאָטיע האָט געשפּאַנט הין און צוריק איבער דער פּוסטער סצענע און געמאַכט כעזשבוינעס. דאַכט זיך, אַז צום ערשטן מאָל אין לעבן איז ער פאַרבליבן מיט זיך אַליין. אַ לאַגע, וואָס שאַפט אַלערליי מעגלעכקײַטן. מע קאָן, אַשטייגער, זיך אופהייבן מיטן קויעד־האַדימיען איבער די וואָלקנס און א גלעט טאָן מיט דער האַנט די לעוואָנע. אַזוי הויך האָט מאָטיע ניט געשוועבט. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און געקוקט אפֿן צושויער־זאַל, וואָס איז אײַנגעהילט געווען אין אַ גע־דיכטער פֿינצטערניש. ביסלעכווײַז אָבער האָט די פֿינצטערניש אָנגעהויבן צערונען ווערן. און אָט איז זי שוין אינגאַנצן אָפּגעטראָטן. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון דער סטעליע א העלע שײַן. דער זאַל איז געפּאַקט. מענטשן שטייען אין די דורכגאַנגען, און דאָך איז אין זאַל שרעקלעך שטיל; ווען מע קאָן, הערט מען, ווי עס באַוועגן זיך די באַנאַכטיקע שאָטנס. אף דער בינע שפּילט מען שוין דעם לעצטן, דעם פֿערטן אַקט. צוויי אַזייגער באַנאַכט, די קאַמערע נומער פֿיר און צוואַנציק. אָט איז דאָרע. זי ליגט אפֿן סאַמע עק פֿון די נאַרעס און קוקט אין איין ריכטונג. די ליפּן אירע ציטערן. עס איז איר קאַלט. די אויגן — ברענענדיקע. לעבן איר אפֿן דיל, קימאַט באַ אירע פֿיס, זיצט זיגמונד דוניקאָווסקי. ער האָט הויך פאַרהויבן די קני און אָנגעשפּאַרט אף זיי דעם קינבאַק. ער שווײַגט. יאַשע רויפֿמאַן ליגט אף דער צווייטער נאַרע. דער קאָפּ זײַנער הענגט אַראָפּ, נאָר דאַכטן דאַכט זיך, אַז ער שלאָפֿט. וואַסיע פּעטרענקאָ — א יונ־

גער מאַטראַס, אַ שטאַרקער יאַט, װעלכן עס האָבן ניט אײַנגעבראָכן ניט די דאָפּראָסן, ניט די שרעקלעכסטע פּײַניקונגען, גײט אַרום איבער דער קאַמערע. דעם קאָפּ האַלט ער עטװאָס אָנגעבויגן אין אַ זײַט, עס דאַכט זיך, אַז ער רעדט מיט זיך אַליין. בײַם באָריס טוראָװסקי שטייט בײַ דער װאַנט פון דער רעכטער זײַט. ער הערט זיך אײַן, ער װיל פאַרשטיין, װעגן װאָס רעדט מיט זיך אַליין װאַסיע פּעטרענקאָ... פּלוצעם כאַפּן זיך אַלע אויף פון זייערע ערטער, װי גלײַך זייערע לײַבער האָט דורכגענומען אַן עלעקטרי־שער שטראָם. אַנטקעגן זיי שטייט לעניו. אַ לעבעדיקער. נאָר איין אויגנ־בליק גלייבן זיי ניט זייערע אויגן, באַלד אָבער פאַרשטייען זיי, אַז דאָס, װאָס זיי זעען, איז — װאָר. פאַרגעסן װעגן אַלץ, װאָס עס דערװאַרט זיי, רינגלען זיי אים אַרום. די פּענעמער זייערע שטראַלן אויף. אָט איז ער — דער לעבעדיקער טרוים, װאָס איז פאַרװירקלעכט געװאָרן! אָט איז ער, דער, אויף װעמען זיי האָבן אַזוי געװאַרט!

— כאַװער לעניו! — זאָגט װאַסיע פּעטרענקאָ און שטעלט זיך אָפּ אַנט־קעגן אים. — מיר גיבן אָפּ אונדזערע לעבנס. נאָר אין האַרצן בײַ אונדז איז ניט פאַראַן ניט קיין שרעק, ניט קיין טרויער, ניט קיין ייִעש. און װען אונדז זאָל אויסקומען אַפּסנײַ אָנצוהייבן דאָס לעבן, װאָלטן מיר געגאַנגען מיטן זעלבן װעג!..

* * *

מאָטיע ברען שטייט אינמיטן דער בינע, גלײַך װי ער װאָלט נאָרװאָס געקומען אַהער. אָט מאַכט ער צװיי קורצע שפּאַן. ער הערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט, װאָס װאַסיע פּעטרענקאָ דערציילט אים, נאָכדעם שטרעקט ער אויס אַ האַנט און לייגט זי אַרויף אויף װאַסיעס אַקסל. דעמלט רינגלען אים אַרום גאַנץ ענג אַלע פאַרמישפּעטע. יאַשע רויפמאַן דער־ציילט, אַז זיי װאַרטן שוין לאַנג אויף אָט דער באַגעגעניש, זיי האָבן גע־טרוימט װעגן איר...

מאָטיע שטייט אינמיטן דער בינע און הערט זיך אײַן צו יעדן שאָרך, קוקט זיך צו צו יעדער באַװעגונג — צו אַלץ, װאָס עס טוט זיך דאָרט, פון יענער זײַט ראַמפּע. װיאַזוי נעמט אויף דער צושויער אַלץ, װאָס עס קומט פאָר דאָ, אויף דער בינע.

די פּוסטע בינע הייבט אָן אין די באַנאַכטן אויפצולעבן, די פינצטערניש טרעט אָפּ: מאָטיע האָט זיך אײַנגעשאַפּן אַ קאַנעצל, ניין, טאַקע אַן עמעסן לאָמפּ. זאָל זײַן מיט אַ געלאַטעט גלעזל, װאָס ער האָט פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר, נאָר פּאָרט אַ לאָמפּ. אויף דער בינע האָט ער געבראַכט אַ באַנק פון זאַל. ער זעצט זיך אַװעק אַפּן דעקל פון דער סופליאָרישער בודקע, גאָר נאָענט, קימאַט צו די סאַמע קני, רוקט ער צו די באַנק מיטן לאָמפּ און לייגט אַרויס פאַר זיך אַלע פאָטאָגראַפיעס, װאָס ער האָט צונויפגע־זאַמלט: ער האָט זיי אויסגעשניטן פון צײַטונגען, פון זשורנאַלן, פון פּלאַ־קאַטן, װאָס זײַנען געװען צעהאַנגען אין שטאָט. ער פאַרמאָגט שוין עט־לעכע צענדליק פאָטאָגראַפיעס. אויף יעדערער פון זיי איז ער — לעניו. און

אָט דאָ, ווען אַלע פֿאָטאָגראַפֿיעס ליגן פֿאַר אים אויסגעלייגט אויף דער באַנק, הייבט זיך אָן אַ געשפּרעך, וואָס קיינער, אויסער מאָטיען, הערט ניט. דעם געשפּרעך הייבט אָן וולאַדימיר איליטש. מיט אַ פֿאַרזשמורעט אויג באַטראַכט ער מאָטיען, שמייכלט, דערביי שטעלט ער מאָטיען אַ פֿראַגע, איבער וועלכער עס קומט אויס צו טראַכטן זייער לאַנג. מאָטיע קוקט זיך איין אינעם ליבן געזיכט, דער דאַשעק פֿון זיין קעפּקע איז אָנגערוקט אַ ביסעלע איבערן שטערן. דער שאָטן פֿונעם דאַשעק פֿאַלט אויף דער לינקער זייט פֿונעם פּאָנעם, און צוויי קנייטשלעך טיילן זיך בולעט אויס אינעם שאָטן.

און אָט איז נאָך אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. לעניִן האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן זיין בליק פֿון דער פֿען, אופֿגעהויבן דעם קאָפּ און קוקט אין איין פּינטל. אַרום די אויגן — אַ נעץ פֿון קוים אָנזיכטיקע קנייטשעלעך.

און ווי דאַרף ער, מאָטיע, אויסזען אין דעם איינציקן אויגנבליק, ווען ער באַווייזט זיך אין דער קאַמערע פֿאַר די פֿאַרמישפּעטע קאָמסאָמאָלצעס? וואָס דאַרף דערציילן זיין בליק?

פֿאַרשטייט זיך, ער דאַרף זיין אַזאַ, ווי די קאָמסאָמאָלצעס שטעלן זיך פֿאָר. נו, און וויאַזוי, שטעלן זיי זיך פֿאָר, וויאַזוי דאַרף ער אויסזען?

ווען עס הייבט נאָר אָן שאַריִען אויף טאָג, פֿאַרלאָזט מאָטיע דעם טעאַטער. די גאַס שלאָפֿט נאָך. ער גייט פּאַמעלעך און קוקט זיך אונטער די פֿיס. ער וויל זיך פֿאָרשטעלן, וויאַזוי וואָלט אין דעם פֿרימאָרגן געשפּאַנט איבער דער פּוסטער גאַס וולאַדימיר איליטש. נאָכדעם שטעלט ער זיך אָפּ, מאָטיע, אויפֿן ראָג פֿון צוויי גאַסן און וואַרט געדולדיק אויף עמעצן. ער וואַרט לאַנג. די גאַס הייבט אָן ביסלעכווייז אופֿצולעבן, עס באַווייזן זיך די ערשטע לעבעדיקע נעפּאַשעס.

מאָטיע ברען נעמט האַסטיק שפּאַנען איבער דער גאַס — ער איילט אין גובערעווקאָם צו וויקטאָר איוואַנאָוויטשן. ווער־ווער, נאָר וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט דאָך זיכער זיך געטראָפֿן מיט לעניִנען, געהערט זיינע אַרויסטרעטונגען, ער איז לעכאָלהאַפּאָכעס באַפֿריינדעט מיט מענטשן, וואָס קענען לעניִנען!

און אין אָוונט זיצט ער שוין ווידער, מאָטיע, אויפֿן דעקל פֿון דער סופֿליאָר־בודקע. האַרט לעבן אים שטייט די באַנק, דאָס לעמפּל צאַנקט. אויף דער באַנק ליגן ריינע פּאַפּיר־בויגנס. מאָטיע פּרוּווט אַליין אָנמאָלן לעניִנס בליק, געפֿינען אין זיין בליק יענע וואַרעמקייט, וועגן וועלכער די גאַנצע וועלט ווייסט, די וואַרעמקייט פֿון לעניִנס בליק, וואָס דאַרף אָנצינדן די הערצער פֿון די פֿאַרורטיילטע, אָנלאָדן זיי מיט רויִקער זיכערקייט אין די לעצטע מינוטן פֿון זייער לעבן.

פֿון יענער זייט וואַנט האָט זיך פֿאַרטײַעט די שלאָפֿנדיקע שטאָט. קיין שאָרך, קיין סקריפּ. איצט שטייט שוין מאָטיע מיטן פּאָנעם צום פּוסטן זאַל, וואָס דאַרף אָט־אָט פֿול ווערן מיט עולעם. באַלד הייבט מען אָן. עס זיינען געבליבן געציילטע מינוטן... ווערסט זיך ניט באַווייזן אַרומצוקוקן, ווי דו ווערסט דאַרפֿן אַרויס אויף דער בינע...

קאפּיטל צוועלף

אין איינעם א פרימאָרגן

די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך אַרייַנגעשמוגלט דורך די שפּאַרונעס אין טעאַטער „קאָמעטא”. די אַקטיאָרן האָבן זיך געוואַלגערט, ווי געסט, וואָס האָבן זיך גוט אָנגעשיקערט אַף א כאַסענע און אייַנגעשלאָפן וווּ ווער עס האָט געפונען אַן אָרט. די פענעמער זייַנען געווען בא אַלעמען אופגערעגטע, ווייַל אַפילע אין שלאָף האָבן זיי פאָרגעזעצט די רעפּעטיציע. און עפּשער האָבן זיי אין כאָלעם זיך שוין געזען אין דער אַרומרינגלונג פון אַן אוילעם, וואָס האָט ניט געזשאַלעוועט פאַר זיי קיין רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

בלויז איין מאָטיע איז ניט געשלאָפן. ער איז אַוועק אין קליינעם אַדמיניסטראַטאָרישן צימערל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פענצטער. אין דער פינצטערניש האָט ער געפונען דעם פידל, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט, פאַרמאַכט די מידע אויגן און גענומען סקריפּען איבער די אַלטע סטרונעס. ער האָט געוווּסט, אַז אַפילע גרויסע און באַוווּסטע מוזיקער האָבן א לאַנגע צייַט גערימפּלט אַפן פידל, ביז זיי זייַנען געוואָרן באַרימט. און מאָטיע ברען האָט דאָך אַפילע ניט געקלערט צו ווערן אַמאָל א מוזיקאַנט. דערצו האָט ער קיינעם ניט געשטערט מיט זייַן רימפּלען...

פונדעסטוועגן טאָר מען קיינמאָל ניט זייַן זיכער, אַז קיינער זעט דיך ניט און הערט דיך ניט. מאָטיע האָט ניט געקאָנט און איז ניט מעכוּיעוו געווען צו דערהערן, אַז בא דער „קאָמעטא” האָט זיך אָפּגעשטעלט א פאַעטאָן. פאַרטאָן אינעם רימפּלען, האָט ער ניט דערהערט, ווי עמעצער הייבט זיך אויף אַף די טרעפּ און שטעלט זיך אָפּ פון יענער זייַט טיר.

מאָריץ סעגאַל, וועלכער איז ביכווידוי־אוועצמוי געקומען אַזוי פרי אין „קאָמעטא”, האָט געעפנט די טיר און מיט א געניטער האַנט אייַנגעשלאָסן דאָס עלעקטרישע לעמפּל. ערשט דעמלט האָט מאָטיע ברען זיך אופגעכאַפּט און עטוואָס אַן איבערגעשראָקענער באַטראַכט זיך אַליין, ווי גלייַך מע וואָלט אים געטראָפן א נאַקעטן.

— ווּנדערליך איך זע, — האָט מאָריץ סעגאַל אויסגעשריִען מיט א געלעכטער, — ווּנדערליך איך זע, האָסטו באַשלאָסן אָפּצושלאָגן דאָס שטיקל ברויט בא יאַן קובעליקן! וואָס זשע וועט ער נעבעך טאָן? ער ווייסט כאָטש, אַז דו ווילסט אים שטעלן בעדיל־האַדאַל?

— ער ווייסט! — האָט גאַנץ ערנסט געזאָגט מאָטיע. — איך האָב אים געוואָרנט!

— נו, אויב דו האָסט אים געוואָרנט, איז דאָך שוין גאָר עפּעס אַנדערש, — איז מאָריץ סעגאַל געווען צופרידן און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן איינציקן בענקל, וואָס איז געשטאַנען בא דער וואַנט. דערמיט האָט ער געגעבן מאָטיען צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף האָבן מיט אים אַן ערנסטן און, מעגלעך, א לענגערן געשפּרעך.

מאָטיע האָט עס פאַרשטאַנען. האָט ער זיך אָנגעבויגן איבערן טיש,

גרייט צו הערן. מאָריץ האָט צונויפגעצויגן די ברעמען, צעפירט מיט די הענט:

— כ'לעב ווי א קנעפל, לעב איך! אלע טאָג מוז מען קריכן אין שלייף! ווער וואָלט געקאָנט אויסלייגן, אז די צײַט וועט זיך אזוי אויסדרייען? — האָט ער ארויסגעלאָזט א טיפן זיפץ. — אמאָל פלעגט די יוגנט קומען לערנען זיך בא עלטערע, געניטע באלמעלאָכעס. האָט זיך אויסגעלאָזט, אז אזוי טויג ניט! איז אָט, קומט אן אלטער און געניטער באלמעלאָכע און נייגט זיך, און בייגט אָן זײַן אלטן קאָפּ פארן יונגן פריײַנט זײַנעם, מאכמעס אזוי דיקטירט אונדז די נײַע צײַט!

— איר ווייסט דאָך, אז עס איז א ליגן, מאָריץ מאָיִסייעוויטש! פארוואָס זשע האָט איר אזוי ליב צו באנוצן זיך מיט א ליגן? — האָט מאָטיע באמערקט.

— ווען מענטשן זאָלן זאָגן איינער דעם צווייטן נאָר דעם עמעס, וואָלטן מיר שוין פון לאנג געוווינט אין שטײַגן! — האָט פארזיכערט מאָריץ סעגאל. — וואָס דארפן מיר גיין ווײַט? — האָט ער אויסגעשטרעקט די האנט צו מאָטיען. — אָט האָב איך ערשט איבערגעלייענט אין אונדזער גובערנסקער צײַטונג „קאָמוניסט" א מעלדונג, אז אינגיכן עפנט זיך אוף דער טעאטער „קאָמעטא", ווו עס וועט ארויסטרעטן א טרופּע אקטיאָרן פונעם נײַעם טעאטער אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון מאטיס ברען. דאָ איז ווו א וואָרט — א ליגן! ערשטנס, וואָס איז עס פאר א נײַער טעאטער? מע קאָן מיינען, אז אין טעאטער וועלן ארויסטרעטן אזעלכע געוינים, ווי סעם אדלער אָדער קעני ליפּצינא! מע קאָן מיינען, אז די דירעקציע פונעם טעאטער האָט, ווי מע זאָגט, ניט געקארגט קיין הויצאָעס און אויסגעשריבן נײַע טעאטער־קאָריפּייען! צי עפּשער מיינסטו, אז אמזעל און דאָס באָכערל דײַנס, דער שוסטער, וועלן פארבײַטן סעם אדלערן? און דאָס הייסט טעאטער?.. האָבן מיר איינס! וועהאשייניס, — האָט זיך מאָריץ פארכליבעט און האָט גענומען זשעסטיקולירן מיטביידע הענט, — וועהאשייניס, גיב מיר, זײַ מויכל, צו פארשטיין, ווער איז ער אזוינס, דער נײַער קינסטלערישער לייטער מאטיס, — הערסט? מאטיס ברען? עפּעס האָב איך גאָר קיינמאָל ניט געהערט וועגן אזא רעזשיסער! וועגן סטאניסלאווסקין האָב איך געהערט, וועגן מאקס ריינהארדט — געהערט, וועגן מאטיס ברען האָב איך, זײַ מיר מויכל, ניט געהערט! איך פארשטיי! — האָט ער פאָרגעזעצט, — אזוי באפוילט אונדז די נײַע צײַט! איז וואָס זשע? קאָן איך דען זײַן קליגער פון אלעמען? האָב איך א טראכט געטאָן און זיך געזאָגט אזוי: „מאָריץ מאָיִסייעוויטש, — האָב איך זיך געזאָגט, — גיב זיך אונטער! גיי, זײַ מויכל, פויל זיך ניט, קום ארײַן צו דײַן געוועזענעם שילער, לייג אים פאָר א סאָלידע מארקע אין געשעפט און, אויב מע דארף, א שטעלע פון, לאָמיר זאָגן, א פארטרעטער פונעם רעזשיסער... אויב ער האָט זיך געקאָנט דערשלאָגן, אז אים האלט אונטער דער נאטשאלניק פונעם פּאָליטפּראָסוועט אליין, הייסט עס, אז ער האָט פארדינט, מע זאָל אים דערפאר שיין באצאָלן!"

מיט איין שפּרונג איז מאָטיע צו צו דער טיר, אופגעפּראלט זי און אָנגעוויזן אף איר מיט דער האנט:

— וואַרפֿט זיך אַרויס פֿונדאַנען! באַלד!

ער איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און געוואַרט. מאָריץ איז געזעסן אויפֿן בענקל, מיט אַ צעטראָגענעם בליק האָט ער גע־קוקט אויף זײַן געוועזענעם שילער און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— און אָט האָסטו דערלעבט, מאָריץ מאָזסייעוויטש! — האָט ער אָנגע־הויבן, און די אויגן זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן בײַ אים רויט און פֿײַכט. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפֿץ. — אַזוי! אַזוי! וואַרפֿט זיך אַרויס פֿונדאַנען, מאָריץ מאָזסייעוויטש! האָסט אָפּגעהאָרעוועט אין אָט דער „קאָ־מעטאַ" אַ פֿערטל יאָרהונדערט, און — וואַרפֿט זיך אַרויס!

מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט, צוגעפֿאַלן מיטן קאָפּ צו דער וואַנט און האָט זיך הויך אויף אַ קאָל און ביטער צעיאָמערט.

— מע קאָן שוין צומאַכן דעם פֿאָרהאַנג? — האָט מאָטיע געפֿרעגט.

מאָריץ מאָזסייעוויטש האָט אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן און געעפֿנט דאָס מויל. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז בײַדע גאָלדענע ציין אין מויל בײַ אים האָבן זיך געשאָקלט:

— און... דו?.. און... דו?.. — האָט ער געשטאַמלט.

— וואָס, איך? — האָט זיך מאָטיע געוווּנדערט. — יעדער מענטש, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט מיט אײַך אין טעאַטער כאָטש איין וואָך, וואָלט באַשטע־טיקט דאָס זעלבע! איר האָט דאָך מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט איבערגעכאַזערט די סצענע פֿונעם „יידישן קיניג ליר" פֿאַרן פֿאַלן פֿונעם פֿאָרהאַנג, צום סאָף פֿונעם דריטן אַקט. איך מוז אײַך זאָגן, אַז געשפּילט האָט איר ניט פֿויגלדיק! פֿריִער פֿלעגט איר אין דער סצענע רײַסן קוליסן אַזוי, אַז די ווײַבער אין זאַל פֿלעגן פֿאַלן כאַלאָשעס.

מאָריץ מאָזסייעוויטש איז אויפֿגעשפּרונגען און גלײַך ווידער געפֿאַלן אויפֿן בענקל.

— און דו האָסט דערקענט? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ באַזוו־טראַגישן טאָן. — נו, זאָלסטו מיר געזונט זײַן, ביסט דאָך טאַקע אַן עמעסער אַר־טיסט! — ער האָט מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט מאָטיען פֿאַר דער האַנט, הייס געקאָטעמט אים אין פּאָנעם אַרײַן. — געזונט זאָלסטו מיר זײַן! הער נאָר! ביסטו דאָך טאַקע אַן אַרטיסט! און איך האָב געמיינט, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר מײַנע געדאַנקען!.. אַצינד, — האָט מאָריץ סעגאַל פֿאַרגעזעצט שוין מיט אַ רויִק־זאַכלעכן טאָן, — אַצינד, ווען פֿאַר מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז דו ביסט טאַקע אַן עמעסער אַקטיאָר, קאָנען מיר שוין מאַכן מיט דיר געשעפֿט, אַצינד קאָנען מיר דאָך ריידן אָפֿן... — ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אָנגעהויבן שטילער: — איבעראַכטאָג דאָנערשטיק האָבן מיר דעם ערשטן טאָג פּייסעך, וועלן מיר צו דעם טאָג עפֿענען דעם טעאַטער!.. פֿאַרשטייסט כאָטש? טעאַטער פֿון דראַמעס און קאָמעדיעס אונטער דער קינסטלערישער אָנפֿירונג פֿון מאָריץ סעגאַל און מאָטיס... מאָטיס ברען. צו דער עפֿענונג שטעלן מיר די קאָמעדיע „רייזעלע דעם רעבנס". די הויפּט־מענער־ראָלן יאָקל און פֿלעקל שפּילן מאָריץ סעגאַל און מאָטיע, אַנטשולדיק, מאָטיס ברען, ווילסטו — שפּילסטו יאָקלען, ווילסטו — שפּיל פֿלעקלען, מיר איז אַלצאיינס! אַ מאַרקע באַקומסטו פּונקט אַזאַ ווי איך,

מיט איין אויסנאם נאָר, וואָס מיר פאַלט אַרײַן דער פּידיען פאַר דעם, וואָס איך בין דער מעכאַבער. נאָר דאָס קומט מיר לויטן געזעץ!..

ער האָט ווידעראַמאָל אַרומגעכאַפּט מאָטיען, צוגעדריקט צו זיך זײַן קאָפּ און אײַנגערוימט אין איין אויער אַרײַן:

— אין שטאָט איז ניטאָ קיין טעאַטער. דער אוילעם וועט לויפן, ווי מע וואָלט אים אײַנגעגעבן ריצנייל. די פּרײַזן פאַר בילעטן וועלן מיר שטעלן אַזעלכע, אַז אונדז זאָל עס גוט לוינען. אין די פּייסעך־טעג וועלן מיר שפּילן צוויי מאָל אין טאָג, באַטאָג און אין אָוונט. געלט וועלן מיר שאַרן מיט לאָפּעטעס...

אָפּגעטראָטן אַ שפּאַן אַף צוריק, האָט ער אָנגעוויזן אַף דער טיר פון דער זאַל, וווּ עס זײַנען געשלאָפן די אַקטיאָרן:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, צו וואָס טויגן דיר אָט די האַלאַדראַנצעס? וואָס קאָנסטו פון זיי באַקומען, כוץ אַגמעסנעפּעש? נעם אַ בײַשפּיל פון מיר...

— הייסט עס, אויב עס איז ניטאָ וואָס צו נעמען בא אַן אַרטיסט, דאַרף מען נעמען פון אים אַ בײַשפּיל? — האָט מאָטיע אַ שמייכל געטאָן. ער איז געווען צופרידן דערפון כאָטש, וואָס מאָריץ האָט אים אָפּגעלאָזט און האָט שוין ניט געטעטעמט אים גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

— גאָט איז אַן איידעס, אַז איך וויל, עס זאָל זײַן וואָס בעסער. איך האָב געוואָלט, עס זאָל זײַן ברויט מיט קוילעטש! דו ווילסט האַלאַדראַנ־צעס... אַזוי, ווײַזט אויס, איז בעסער? נו, זאָל זײַן אַזוי! אויב אַזוי, איז קער מיר אום מײַן פּיעסע, וואָס דו האָסט גענומען אין פּאָליטפּראָסוועט, — איך ווייס אַלצדינג! וועלן מיר זיך צעגיין ווי גוטעפרײַנט. די צײַט וועט ווײַזן, ווער צו וועמען עס וועט קומען!

— אָט זיצט איר באַם טיש, עפנט אויף דאָס שופלעדל, דאָרט ליגט אײַער פּיעסע.

מאָריץ מאָזסייעוויטש האָט צוערשט געבלעטערט דעם העפט, נאָכדעם אַרײַנגעשטעקט די נאָז אין די זײַטלעך און געלייענט מיט אַזאַ אינטערעס, ווי גלײַך ער האָט געעפנט דאָרט מזייִדייע וואָס פאַר אַ נײַס. מאָטיע האָט געדולדיק געוואַרט, ביז זײַן לערער וועט אָפּסנײַ איבערלייענען דאָס אייגענע ווערק זײַנס, וואָס איז אים, זעט אויס, שטאַרק געפעלן. דאָך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן, מאָטיע, אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זשע, איר האָט ניט דערקענט אײַער פּיעסע?

— דערקענט האָב איך זי דערקענט! — האָט מאָריץ מאָזסייעוויטש דער־ווידערט. — איך זוך דאָ דעם שטאַמפּ, די דערלויבעניש אויסצופירן דאָס ווערק אַף דער בינע. ווו זשע איז דער שטאַמפּ?

— דעם שטאַמפּ שטעלט מען אין פּאָליטפּראָסוועט! — האָט מאָטיע צע־פירט מיט די הענט.

— דאָס פאַרשטיי איך אַליין! נאָר מיר האָט מען אין פּאָליטפּראָסוועט געזאָגט, אַז קעדיי זיי זאָלן קאָנען אוועקשטעלן דאָס שטעמפּל, מוז אַף דער פּיעסע זײַן אָנגעשריבן מיט דײַן האַנט, אַז די פּיעסע איז אַ גוטע, אַ טאַלאַנטירטע, מיט איין וואָרט... און דאָס זע איך ניט. וואָס זשע, אַזוי

טאקע ביסטו געווען פארנומען, אז דו האָסט ניט געהאט קיין צײַט אָנצו־שרײַבן עטלעכע ווערטער?

— איך וועל גאָרנישט ניט שרײַבן! — האָט מאָטיע געזאָגט.

מאָריץ מאָזסייעוויטש האָט אויסגעגלאָצט אף אים א פּאָר דערשראָקע־נע אויגן:

— וואָס הייסט, דו וועסט גאָרנישט ניט שרײַבן? — האָט ער גע־פרעגט. — עפּשער געפעלט דיר ניט די פּיעסע?

— זי געפעלט מיר ניט! — האָט מאָטיע אָפּגעשניטן.

מאָריץ מאָזסייעוויטש האָט דערפילט, ווי דער שטערן זײַנער באדעקט זיך מיט שווייס. דאָך האָט ער זיך נאָך געשטארקט:

— אויב עס געפעלט דיר ניט מײַן פּיעסע, וועסטו אָנשרײַבן א שע־נערע!

ער האָט זיך אופגעהויבן, אריבערגעבויגן זיך איבערן טיש:

— נאָר דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך פון דיר, — שרײַב אָן. מענטשן האָבן דיר פארטרויט, איז וואָס זשע מאכסטו זיי מיט בלאָטע גלײַך?..

— איך וועל גאָרנישט ניט שרײַבן! — האָט מאָטיע, ווי פריִער, קורץ געענטפערט.

— וועסט ניט? ווילסט ניט?! — האָט מאָריץ מאָזסייעוויטש געהעכערט די שטים. — ווי/אזוי זשע דארף מען עס פארשטיין? עמעצער פון אונדז איז, ווײַזט אויס, אראָפּ פון זינען! ווער זשע, איך צי דו? „איך וועל גאָר־נישט ניט שרײַבן!” — האָט ער איבערגעקרימט. — וואָס הייסט עס? ווילסט מיך לאָזן אָן א שטיקל ברויט? ווילסט, אז דײַן לערער זאָל גיין איבער די הײַזער? איך פרעג דאָך! הא? ענטפער!

ער האָט אָנגעגריפן אף מאָטיען צוזאמען מיטן טישל, וואָס ער האָט געשטופּט מיטן גרויסן בויך זײַנעם... דאָס צימערל איז געווען א קליינס, האָט ער גלײַך צוגעדריקט מאָטיען צו דער וואנט. איין אויגנ־בליק זײַנען זיי געשטאנען איינער קעגן צווייטן, צעטיילטע מיטן טיש, און געמאָסטן זיך מיט די בליקן. מאָריץ מאָזסייעוויטש האָט שוין מער ניט געשפּילט, פון אופרעגונג האָבן די הענט זײַנע געציטערט, און אליין איז ער געווען גרייט א וואָרף טאָן זיך אף מאָטיען און אים דוירעס צו זײַן. עס האָט זיך טאקע געדאכט, אז אָט וועט ער ארוף אפן טיש, פון דאָרטן א וואָרף טאָן זיך אף זײַן סוינע, אײַנבײַסן זיך מיט די ציין אין זײַן גאָרגל... און דאָך איז ער ניט געשפּרונגען, ניט ארוף אפן טיש, זיך ניט אײַנגעקלאמערט מיט די ציין. מאָריץ מאָזסייעוויטש האָט געשמייכלט, ווײַל אזוי פאָדערט דער סייכל — אויב דו קאָנסט ניט בײַקומען דײַן סוינע, נעם אים ארום...

— ווערליק איך פארשטיי, האָסטו פּאָשעט באשלאָסן אָפּצולאכן פון מיר, פון דײַן אלטן לערער! — האָט מאָריץ מאָזסייעוויטש ווידעראמאָל אָנגעהויבן מיט א פײַן־געמאכט שמייכעלע. — וואָס זשע, איך זע שוין טאקע אויס אזוי אויוועראָטל, וואָס מע מעג שוין אָפּלאכן פון מיר?

דאָס איז שוין אפילו ניט געווען קיין האָפענונג, דאָס האָט ער זיך זעלבסט אָפּגענארט. אזוי איז אים געווען גרינגער איבערצולעבן דעם אומגליק.

— מײַן טאַטע, זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן, פלעגט זאָגן אַזוי: אויב דו ווילסט זיך באַ עמעצן דערשלאָגן אַ טויווע, קום צו אים נאָכן מיטיק. נאָכן וואַרעמעס ווערט דער מענטש בעסער, די שטימונג זײַנע איז אַ מער געהויבענע און עס איז גרינגער זיך צונויפרײדן מיט אים. און איך, אויב זאָגן דעם עמעס, האָב פאַשעט פאַרגעסן מײַן טאַטנס אײצע. קומט מיר טאַקע אַזוי, ווי דו ענטפערסט מיר! נאָר איך מיין, אַז מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען מיט דיר נאָכן מיטיק, און דעמלט וועסטו שוין אליין פאַרשטיין, אַז דו ביסט אָן אַקשן.

ער האָט צעעפנט דעם העפט, געוויזן אויפן ערשטן זײַטל, ווו עס איז געשטאַנען דער נאָמען פונעם מעכאַבער, און אָנגעוויזן מיטן פינגער:

— וועסט זײַן מויכל אָנשרײַבן אָט דאָ־אָ, אַז די פיעסע איז אַ גוטע צי אַ טאַלאַנטירטע, ווי דו פאַרשטייסט אליין, און וועסט בעטן, אַז מע זאָל אָוועקשטעלן דאָס שטעמפּל. די פיעסע לאָז איך דיר איבער. — און זיך געלאָזט צו דער טיר.

מאָטיע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— נעמט צו אײַער פיעסע. איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז איך וועל גאָרנישט ניט שרײַבן ניט פאַרן עסן, ניט נאָכן עסן.

מאַריץ מאָזסײעוויטש האָט אים באַטראַכט מיט אַ פאַסקודנע שמייכעלע:

— קאָן זײַן, אַז מע האָדעוועט דיך ניט וואַזשנע אין דער סטאָלאָווע פון טשעקאַ, טאַ שעם זיך ניט, זאָג! כאָטש איך בין ניט קיין טשעקאַ, נאָר אָנהאָדעווען קאָן איך דיך און דײַן גאַנצע קאָמפּאַניע! פּאַזשאַלוסטאַ! איך וועל נאָך שטעלן אַ פּאָר פלעשלעך ווײַן אויך...

בלויז אויף איין אויגנבליק האָט מאָטיע ברען פאַרלוירן דעם גלײַכגע־וויכט: ער האָט אָנגעכאַפּט דעם לערער זײַנעם פאַרן קאָלנער, אַרויסגע־שטופּט פון צימער און, ניט אָפּלאָזנדיק אים, אויסגעקערט מיטן פּאַ־נעם צו די טרעפּ און מיטן גאַנצן קויעך אָפּגעשטויסן אים פון זיך. מאַריץ מאָזסײעוויטש האָט זיך אַראָפּגעקויקלט פון אַלע טרעפּ. די פיעסע זײַנע איז אים נאָכגעפלויגן.

אין פּאָיע איז געשטאַנען אַן אומגעוויינלעכע אָנגעשטרענגטע שטילקייט.

— דו ווייסט ניט, וואָס האָט עס דאָרטן אַזאַ קלאַפּ געטאָן? — האָט דער ערשטער יאַנקאָ זיך געווענדט מיט אַ פראַגע צו מאַגאַלניקן.

— כ׳ווייס ניט! — האָט יענער געענטפערט. — מע זאָגט, אַז דאָס איז אַראָפּגעפאַלן מאַריץ מאָזסײעוויטשעס מאַנטל. ער האָט זיך אַראָפּגעקויקלט פון די טרעפּ...

— קאָן דען אַ מאַנטל אַזאַ קלאַפּ טאָן? — האָט זיך יאַנקאָ קלוימערשט שטאַרק געכידעשט.

— דאָס איז דערפאַר, ווײַל אינעם מאַנטל איז געלעגן מאַריץ מאָזסײ־עוויטש אליין! — האָט מאַגאַלניק דערקלערט.

— איז פון אים, הייסט עס, גאָרנישט ניט פאַרבליבן?

— צום באַדויערן, איז נאָך פאַרבליבן! — האָט אַמזעל אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. — אָט גייט ער, דער בלוטזויגער.

— ביכלאַל איז ער אַ טשודאַק, מאַריץ מאָזסײעוויטש! — האָט מיקע

טולקיס געצויגן מיט די אקסל. — צוליב וואָס האָט ער ביכלאל באדארפט די גאנצע מײַסע מיטן פּאָליטפּראָסוועט?

— וואָס זשע האָט ער באדארפט טאָן? — האָט זיך מאָטיע אָנגעשפּיצט.

— ער האָט גאָרנישט ניט באדארפט טאָן! א טאָג פאָרן ספּעקטאקל וואָלט איך געשיקט אין פּאָליטפּראָסוועט דעם סטאָראָזש פונעם טעאטער מיט דער פּיעסע. אפן שארבלעטל וואָלט איך אָנגעשריבן די פאמיליע פונעם מעכאבער, בעפּיירעשע וואָלט איך אוועקגעשטעלט די פאמיליע פון אונדזערן א קלאסיקער. איז אָט, וואָלט איך געוואָלט א קוק טאָן, וויאַזוי דער פּאָליטפּראָסוועט וואָלט פארבאָטן צו שטעלן אזא פּיעסע. און וואָס, זאָגט מיר, ווייסט וויקטאָר איוואנאָוויטש וועגן יידישן טעאטער? לאָמיר זאָגן...

— ...לאָמיר זאָגן, אז ער קומט אין טעאטער, אף דער פּרעמיערע, — האָט אים איליושע איבערגעשלאָגן. — און אָט הערט ער די כאָכמע פון יאָקלען און פלעקלען... וואָס טוסטו דעמלט?

— גאָרניט טו איך ניט! — האָט מיקע אויסגעגלאָצט די אויגן. — וויל ער — קוקט ער דעם ספּעקטאקל, וויל ער ניט — גייט ער אהיים! וואָס קאָן מען טאָן, אויב די קלאסיקער שרײַבן אזעלכע פּיעסן?

אין פּאַיע איז מיטאמאָל געוואָרן שטיל. דאָס איז געוועזן א פארטײַעטע שטילקײַט פאר אן אופּרײַס. מאָטיע ברען איז געשטאנען מיט צונויפגע־לייגטע הענט אף דער ברוסט און האָט באטראכט מיקע טולקיסן מיט אזא אינטערעס, ווי גלײַך ער האָט אנטדעקט אין אים גאָר עפּעס נײַס.

— טשיקאווע! — האָט ער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — איך האָב זיך אפילע ניט אָנגעשטויסן, אז מע קאָן אזוי! הייסט עס, אז דו וואָלסט פאר־זיכערט וויקטאָר איוואנאָוויטשן, אז יאָקל און פלעקל — איז קלאסיק!

— מיך וועט ער ניט פרעגן! איך וועל דערבײַ ניט זײַן! — האָט מיקע א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— און איך וועל זײַן דערבײַ, איך וועל זײַן! — האָט זיך מאָטיע צע־שריִען. — און ניט נאָר איך וועל זײַן, איך וועל נאָך זאָגן וויקטאָר איוואַ־נאָוויטשן, אז מע מע נארט אים אָפּ! דערפאר ווײַל מע נארט אָפּ ניט נאָר אים, נאָר מיך, מיך! האָסט פארשטאנען? און אונדז אלעמען!

מיקע טולקיס האָט ניט אויסבאהאלטן דאָס פּאָנעם, אפילע ניט רויט געוואָרן.

— איך וואָלט דיר געזאָגט!... — האָט יאנקאָ געוויזן א פויסט. — איך וואָלט דיר געזאָגט, אז כאָטש דו ביסט ניט העכער פון א זיצנדיקן הונט, ביסטו דאָך א געפערלעכע כײַע! מאָריץ מאָיסייעוויטש וואָלט געמעגט בא דיר הייצן די הרובע!

— כ׳וואָלט דיך אראָפּגעלאָזט דורכן פענצטער, ווילט זיך מיר ניט אָנרירן דיך מיט די הענט, ביסט צו קויטיק! — האָט אים יאשע בוביס אָפּגעמאָסטן מיט א בייזן בליק.

— נישקאָשע! די הענט קאָן מען אָפּוואשן! — האָט אונטערגעזאָגט מאַ־גאלניק.

— דו האָסט כאָטש אמאָל געוואשן די הענט? — האָט מיקע טולקיס באַ־קוקט מאגאלניקן מיט ביטל.

— אָט וועל איך דיר באַלד ווײַזן, ווי ריין זיי זײַנען בײַ מיר! — איז מאַגאַלניק אופגעשפּרונגען, אָנגעכאַפּט מיקען מיט ביידע הענט. ער איז אָבער גלײַך אָפּגעשטויסן געוואָרן. מאַגאַלניק האָט זיך ניט איבערגעשראָקן, ער האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן, נאָר דעם וועג האָט אים פאַרשטעלט אילִיושע. מיקע טולקיס איז שוין געשטאַנען אינמיטן פּאַיע.

— גיב נאָר אַ קוק אויף אים! — האָט יאַשע בוביס פאַרגעלייגט. — גאָר ווי שימשון הגיבור!

— ניט שימשון הגעבער, נאָר שימשון האַנעמער! — האָט באַשלאָסן מאַגאַלניק.

אילִיושע האָט אים דאָך געהאַלטן בײַ די הענט. צו מיקען האָט ער אַ בייזן ווונק געטאָן:

— דו, בעסער פאַרנעם זיך פונדאַנען! — האָט ער אים געייצעט.

מיקע האָט פאַרשטאַנען, אַז מע שפּאַסט מיט אים ניט, האָט ער קלויַ־מערשט רויק אָנגעהויבן רייניקן דאָס רעקל זײַנס, וואָס מאַגאַלניק האָט אָנגעריִרט מיט די הענט. אַ גאַנצע מינוט האָבן אַלע געדולדיק און שטיל געוואַרט, ביז מיקע וועט ברענגען אין אָרדענונג זײַן אָנצוג און זיך פאַר־נעמען פונדאַנען. אין לעצטן מאָמענט האָט אילִיושע אויף אַן אויגנבליק אַרויסגעלאָזט מאַגאַלניקן פון זײַנע הענט. מאַגאַלניק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיקען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. יאַנקאָ איז באַלד אַרײַן אין קאָן, ער האָט זיך געלאָזט העלפן מאַגאַלניקן. יאַשע בוביס האָט אויך ניט אויסגעהאַלטן און אויך געלאָזט די הענט אין גאַנג. אילִיושע האָט זיך געשטעלט צווישן ביידע צדדים, געהאַט בעדייע איבערײַסן דעם געשלעג, נאָר עמעצער האָט אים אָפּגעשטויסן, און דער געשלעג האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט. אפילו ליאָניע לאַנדע איז מיט צונויפגעדריקטע פויסטן געשפּרונגען אַרום אַלעמען און אונטערגעהעצט, אונטערגעגעבן מוט און דערבײַ געפּאַכט מיט די פויסטן.

קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי אינמיטן געשלעג איז אַרײַן אין פּאַיע עלייע, מאַטיעס ברודער. פון דער פּלייצע האָט ער אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערן זאַק, אליין האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער טיר און נאָכגעשפּירט דעם געשלעג. קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. ווען עס איז אים נימעס געוואָרן שטיין אומבאַמערקט, איז ער אַרײַן אינמיטן פּאַיע און אַ געשריי געטאָן:

— אָט אַזוי רעפּעטירט איר?

מאַטיע, וואָס האָט קיין אָנטייל אין געשלעג ניט גענומען, האָט ערשט איצט דערזען דעם ברודער זײַנעם. ער איז צוגעלאָפן צו אים. דער געשלעג איז מיטאַמאָל אײַנגעשטילט געוואָרן.

— שיינע רעפּעטיציעס! — האָט באַשלאָסן עלייע. — טעמפּעראַמענטפולע.

אַלע זײַנען זיך צעגאַנגען אויף זייערע ערטער. מיקע טולקיס, אַ שטאַרק צעקנייטשטער, האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם אַרבל, וואָס מע האָט אַרויסגעריסן פון זײַן מאָדנעם פּידזשאַק.

— מיר האָבן באַדאַרפט דרינגענד רעפּעטירן אַ וויכטיקע סצע־נע! — האָט יאַנקאָ דערקלערט עלייען און דערבײַ געקוקט זיך אונטער די פיס.

— לויט דער האנדלונג דארף מען איין פערסאָנאזש צעברעכן די ביינער! — האָט פאַרגעזעצט יאשע בוביס.

— וואָלט איר כאָטש צוגעוואַרט א ביסל, — האָט עליע זיי געמור־סערט, — צעברעכן די ביינער וועט זיך אײַך אײַנגעבן, אָבער ווער וועט אים אויסהיילן? דערפאר וואָלט איר געדארפט צוווארטן, ביז איך וועל ווערן א דאָקטער.

— לאנג וואָלט אונדז אויסגעקומען צו ווארטן! — האָט יאנקאָ א קראַץ געטאָן די פאָטיליצע.

— פארוואָס לאנג? — האָט עליע דערווידערט. — רעכנט, אז פון הײַנט אָן בין איך שוין א סטודענט פון ראבפאק. אין צוויי יאָר ארום גיי איך אריבער אין מעדיצינישן אינסטיטוט!

— דו ביסט עס געוואָרן א סטודענט? — האָט אים אילײַושע א טאָרע געטאָן מיטן פויסט אין דער זײַט. — גיי שוין! וויפל זשע ביסטו אלט?

— וויפל עס זאָל ניט זײַן! וואָס איז דען? — האָט זיך מאָטיע אײַנגע־שטעלט פארן ברודער.

— איך קאָן זאָגן פינקטלעך! — האָט זיך עליע אָנגערופן. — רעכנט אויס: איך בין געבוירן אין דעם זעלבן טאָג, ווען עס איז געשטאָרבן פיראָגאָוו...

— ביכלאל דארף מען זאָגן, — האָט מאָטיע באמערקט, — אז איין צאָרע שלעפט נאָך זיך א צווייטע. — ווייניק איז, וואָס דער גרויסער פיראָגאָוו איז געשטאָרבן, האָט נאָך באדארפט געבוירן ווערן מײַן עליע!

אלע האָבן זיך צעלאכט.

— אזוי! אזוי! — האָט טרויעריק באמערקט מאָטיע און ארומגענומען דעם ברודער. — האָסטו טאקע באשלאָסן אין דײַנע יאָרן אוועק אין ראב־פאק זיך זעצן אף דער פארטע, ווי א שילער?

די ברידער האָבן זיך פעסט ארומגענומען. איצט זײַנען זיי געשטאנען ארומגערינגלט פון אלע אקטיאָרן, וואָס האָבן מיט זשעדנער אופמערק־זאמקייט געהערט נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, וויאזוי ער האָט באשלאָסן, עליע, זיך אליין „איבערצוברעכן”, וויאזוי ער האָט געמאָלדן דער מיש־פאָכע זײַנער, אז פון הײַנט אָן ווערט ער א סטודענט און אז זיי וועלן אלע מוזן לעבן בלויז אף זײַן סטיפענדיע.

— און קעדיי איך זאָל אָפשנײַדן דעם וועג אף צוריק, האָב איך אײַך געבראכט מײַן גאנץ פארמעגן! — האָט עליע אָנגעוויזן אפן זאק. — שוין! אלץ! אד קאָן! מער דארף איך אים ניט! האָב איך זיך בארעכנט, עפשער וועט עס אײַך צוניץ קומען. דאָ האָט איר, וואָס איר ווילט! אלטע זעק, אלערליי רעדנעס, שמאטעס. מע קאָן מיט זיי פארלאטען די דעקאָראציעס, פארשטעלן א לאָך אינעם פאָרהאנג.

— פארשטייט זיך, אז מע קאָן! — האָט זיך אילײַושע דערפרייט און טאקע גלײַך געכאפט אויסטרייסלען פונעם זאק אלץ, וואָס דאָרט איז געווען. — דאָ האָבן מיר דאָך א גאנץ פארמעגן! — האָט ער געשרי͏ען.

— דאָס גאנצע לעבן, פון קינדווײַז אָן, האָט ער געטרוימט ווערן א דאָקטער! — האָט דערציילט מאָטיע.

— איך זאָג, צוליב אזא סימכע וואָלט ניט געשאדט, אז מע זאָל שטעלן א האלבן שטאָף! — האָט מאגאלניק געריבן א האנט אין א האנט און א ווונק געטאָן אמזעלן.

— זע, אז דו זאָלסט זיך ניט אָנשיקערן! — האָט אים געוואָרנט איליר־שע. — אצינד האָבן מיר א נײַעם געזעץ, וואָס איז באזונדערס געפּערלעך אין קריגס־צײַט: פאר סאמאהאָן שטעלט מען צום ווענטל!

— זייער גלײַך טוט מען! — האָט זיך אָנגערופן יאנקאָ. — מע וויל מיך אָפּלערנען פונעם גלעזל!

— נו און עס העלפט? — האָט מאגאלניק געוואָלט וויסן.

— טרינקט מען א גלאָז מאָרס! — האָט יאנקאָ צעפּירט מיט די הענט. — מיט מאָרס דערלויבט מען צו האנדלען. ווען ניט דער מאָרס, וואָלט דער אלטער קאליק געבליבן אָן טאכטוינים! ער דארף דאָך מיט עפּעס האנד־לען! האָט ער אָנגעהויבן קויפן מאָרס פון א פּערציק־פּופציק גראדוס...

מאָטיע האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט, אז ס'איז שוין לאנג צײַט צוטרעטן רעפּעטירן. ס'איז געוואָרן שטיל. אלע האָבן באמערקט, אז מיקע טולקיס איז אנטרונען געוואָרן. ער האָט זיך ארויסגעגאנוועט שטילערהייט, ווען קיינער האָט ניט באמערקט. עס איז געווען קלאָר, אז ער וועט זיך שוין ניט אומקערן.

קאַפּיטל דרײַצן

אינמיטן העלן טאָג

איך האָב נאָך גאָרנישט ניט דערציילט וועגן פרומע איסײַעוונע ליטינסקאיא — אמזעלס פרוי. פרומע איסײַעוונע איז געווען א וווּנדערלעכער מענטש: זי איז די גאנצע צײַט געווען צווישן אונדז, און קיינער, קיינער האָט ניט געהערט איר שטים. זי פלעגט זיך באווײַזן בלויז אין דעם מאָמענט, ווען מע האָט רע־פּעטירט איר סצענע אינעם דריטן אקט. זי האָט געשפּילט יאשע רויפמאנס מאמע, וועלכע מע האָט ארויסגערופן אין דער קאָנטרראזווערקע.

פאר אונדזערע אויגן האָט די אקטריסע אויסגעקלעפּט איר געשטאלט, מיר האָבן געזען, ווי־אזוי א שאָטן ווערט אָנגעזעטיקט מיט לעבן, ווי־אזוי א שווײַגנדיקע נעשאָמע וואכט אויף, ווערט פארוואנדלט אין א העלד. אין די ערשטע סעקונדעס, גלײַך ווי פרומע איסײַעוונע קומט ארײַן אין קאָ־בינעט פונעם זשאנדארמסקע פּאָדפּאָלקאָווניק, באקומט זיך אן אײַנדרוק, אז אף דער בינע האָט זיך באוויזן א שאָטן פון א מענטשן: א שטומער, קימאט אן אומבאוועגלעכער שאָטן. מע ווענדט זיך צו איר, מע רעדט צו איר, דער פּאָדפּאָלקאָווניק אליין דערקלערט איר, ווי־אזוי זי דארף זיך פירן, וואָס זי דארף טאָן. זי הערט אויס אלץ, נאָר אלץ גייט פארבײַ, רירט זי ניט אָן. אין איר מויעך פּיקט נאָר איין געדאנק: מע וועט אים ברענגען, צי מע וועט אים ניט ברענגען? זי וועט אים זען, צי זי וועט אים ניט זען?

זי גלייבט ניט קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס מע זאָגט איר, זי פאַרשטייט אפילע ניט, צוליב וואָס מע האָט זי געבראַכט אהער... אזוי דוכט זיך אויס!

נאָר אָט האָט מען זי איבערגעלאָזט איינע אליין אין קאַבינעט. ערגעץ וויַט — אין א וויַטן צימער צי אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט, און דער מאמעס הארץ האָט א געשריי געטאָן: „ער!" נאָר קיין שום געשריי האָט זיך ניט געהערט. דאָס פּאָנעם אירס איז געבליבן קימאַט ווי פריִער אַן אומבאַוועגלעך־וואַרטנדיקס, נאָר א קוים באַמערקטער שאָקל מיטן קאָפּ און א בליק, ניט קיין זיכערער בליק: „און טאָמער האָט זי אָפּגענאַרט דאָס הארץ?"

ניין. זי, פרומע איסיַעוונע, האָט ניט געשריִען, נאָר אונדז אלעמען, מיר, וואָס האָבן נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג אירער, מיר האָבן געוואָלט שריַען, לויפן אנטקעגן, באַגעגענען איר זון, וואַרפן זיך אין זיַנע אָרעמס. זי האָט געקוקט מיט טרוקענע, קימאַט אינגאַנצן רויִקע אויגן. אונדזערע אויגן זיַנען געווען פיַכט. מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר געוואַרט. אָף וואָס? דאָס איז געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון איר; מיר האָבן געוואַרט אָף יעדער באַוועגונג אירער, אָף יעדער ציטער פון אירע ליפּן, אָף יעדער בליק אירן.

אונדזער רעזשיסער, וועלכער פלעגט אָן א שיר מאָל פאָדערן פון יעדער אַקטיאָר נאָכאמאָל און נאָכאמאָל איבערכאַזערן יעדער פראַזע, נאָכאמאָל וויַזן, וויאזוי באַקומט זיך אָף דער בינע אזא און אזא פּויזע, האָט עס קיינמאָל ניט געפאָדערט פון פרומע איסיַעוונע. זי האָט ער קימאַט קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט. צום אָנהייב פונעם דריטן אַקט פלעגט ער אוועק אין זאַל, זעצן זיך ערגעץ אין דער צענטער צי אין דער צוועלפ־טער ריי, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אינעם ווענטל פונעם פאַרנטיקן בענקל, און קוקן, קוקן אזוי, ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל געזען שפּילן די דאָזיקע אַקטריסע.

אונדזער רעזשיסער האָט מען ניט שטענדיק געקאָנט פאַרשטיין. זיַנע פלענער און אלערליי מאַכשאָוועס פלעגן בא אים געבוירן ווערן אומגע־ריכט. אין דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען ער האָט מיר פאַרגעלייגט זיך דורכ־צוגיין צו יאשע רויפמאַנס מוטער, וועלכע האָט געוווינט אָף דער דעכ־טיאַרנער גאַס אינעם הויז נומער ניַן, אין דער זעלבער ציַט, ווען מיר זיַנען שוין געווען אין וועג, האָט מיך מאָטיע פלוצעם א ציי געטאָן פאַרן אַרבל און אוועקגעפירט נאָך זיך. מיר זיַנען אריַן אין א שמאָלן הויף, ווו פון ביידע זיַטן זיַנען געהאַנגען אינדערלופטן טירן. דאָס איז ניט געווען קיין הויף פון ווונדער, פּאָשעט — די דריַ־פיר הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די טירן, האָבן אין יענעם ביטערן ווינטער די באַלעבאַטים אליין אויסגעהייצט. זיַנען די טירן געבליבן הענגען איני־דערלופטן. אזוי, אז פּאָשעט אריַנגיין אין שטוב האָט מען ניט געקענט, מע האָט געדאַרפט אריַנשפּרינגען אהין. איינע אזא טיר האָט מאָטיע א שטויס געטאָן, און זי האָט זיך אופגעעפנט. מיר זיַנען אריַנגעשפּרונגען אין דער טיר, ווי מע שפּרינגט אריַן דורך א פענצטער. אין צימער איז געווען פינצטער. א וויַלע זיַנען מיר אזוי געשטאַנען. נאָכדעם האָט מאָטיע אויסגערופן:

— אמזועל! איר זענט דאָ? ווו זענט איר, אמזועל?

„אמזועל? פאַרוואָס גאָר אמזועל? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען. — מיר זײַנען דאָך געגאַנגען צו יאַשע רויפּמאַנס מאַמע?"

— ווער איז דאָרט? — האָט געפרעגט א פרוי. זי האָט זיך געפונען ערגעץ אין דער טיפעניש פונעם פינצטערן צימער, און מיר האָבן זי ניט געזען. אין דער כאַשכעס האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז זי ציט אַרוף אף זיך א קליידל צי א כאַלאַט. בעשאַסמײַסע האָט זי דערציילט: — אמזועל איז ניטאָ אין דער היים. ער האָט הײַנט געזעגנט געניטיקט בא זײַן מאַמען. זי איז קראַנק... פון דאָרטן וועט ער שוין אוועק אף דער רעפּעטיציע... איין מינוט, אַנטשולדיקט, איך וועל באַלד אָנצינדן דאָס לעמפּל. איין מינוט... באַלד, באַלד.

בא דער שײַן פונעם לעמפּל האָב איך דערזען אַן אַלטיטשקע, ווי עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַן אויסגעמאַטערטע פרוי, מיט גרויסע טרויעריקע אויגן. ווען זי האָט דערקענט מאַטיען, האָט זי א שמייכל געטאָן.

— גאָט מײַנער! איך האָב אײַך גאָר ניט דערקענט, מאַטיע! זיצט! זעצט זיך! באַלד וועל איך צוראַמען. זיצט!

אין איר שטים האָט זיך ניט געפילט ניט קיין מידקײַט, ניט קיין טרויער. צוזאַמען מיט דער פינצטערניש, וואָס איז פאַרשוווּנדן, איז אויך אַנטרונען געוואָרן די אויסגעשעפּטקײַט, די מידקײַט פון דער אַלטיטשקער. דאָס איז געווען אומפאַרשטענדלעך.

באַם סאַמע אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט א טישל, באַדעקט מיט אַן אַלטן, געשטריקטן, ווײַזט אויס שוין לאַנג ניט געוואַשענעם טישטעך. א גאַנצע באַטאַריי אַפּטייק־פלעשעלעך, סלאָיִקלעך און קעסטעלעך האָבן פאַרנומען קימאַט דעם גאַנצן טיש. סאַמע אין דער מיט איז געשטאַנען אַן אָפענער אַלבאָם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון דראָט לויטן מוסטער פון א פלעדערוויש. אין אַלבאָם זײַנען געווען אײַנגעפּאַסט א פּאָר צענדליק פאַרשיידענע מישפּאָכע־פּאָטאָגראַפיעס. באַנאַנד מיט אים איז נאָך געשטאַנען אַן אייביקער קאַלענדאַר פון ווײַסן בלעך, וואָס איז באַדעקט געווען מיט זשאַווער־פלעקן. אַזעלכע קאַלענדאַרן זײַנען אַרײַן אין דער מאָדע בייס דער מילכאָמע אינעם פופצנטן צי אינעם זעכצנטן יאָר. מיט דער צײַט איז דער קאַלענדאַר קאַליע געוואָרן, און די צײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט... דאָ טאַקע, אפן טישל, איז געשטאַנען דאָס ברענענדיקע לעמפּל.

די פרוי האָט געזוכט עפּעס, געײַלט, געוואָלט אונדז מיט עפּעס מעכאַבעד זײַן, נאָר זי האָט, ווײַזט אויס, ניט געהאַט מיט וואָס. מאַטיע האָט זי אוועקגעזעצט אפן בענקל, צוגעהאַלטן בא די אַקסל מיט ביידע הענט, ווי זי זאָל וועלן אַנטלויפן.

— מיר זײַנען געגאַנגען ניט צו אײַך, — האָט ער זיך מודיע געווען, — מיר זײַנען געגאַנגען צו אײַער שכיינע. מיר דאַרפן זי נייטיק האָבן, — האָט ער מיטן קאָפּ געוויזן אפן הויף, און די פרוי האָט אים גלײַך פאַרשטאַנען. — באַם טויער האָב איך איבערגעטראַכט — צי וועט עס זײַן מענטשלעך קומען צו אַן אַלטער, קראַנקער פרוי און איר שיטן זאַלץ אף די וווּנדן?

— און איר האָט באַשלאָסן, אַז מיר מעג מען יאָ שיטן זאַלץ אויף די ווונדן! — האָט די פרוי אַ שמייכל געטאָן.

איך האָב נאָך אַלץ ניט געוווסט, ווער איז זי, וויאַזוי רופט מען זי. און דאָס איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, מאַכמעס יעדער שמייכל אויף איר פּאָנעם האָט אונדז אויפגעדעקט עפּעס נײַעס אין איר. אַפילו בײַ דער קאַר־גער שײַן פונעם לעמפּל איז געווען צו באַמערקן, ווי די פרוי לויכט זיך פון אינווייניק. מאַטיע איז אויך געווען פאַרוווּנדערט, ער האָט, ווײַזט אויס, געקלערט באַגעגענען גאָר אַן אַנדער מענטש.

— דאָס איז אונדזער סופליאָר! — האָט מאַטיע זיך דערמאָנט אין מיר.

זי האָט זיך אויסגעדרייט אין מײַן זײַט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. מאַטיע האָט זיך איצט געווענדט צו מיר.

— אָט ווער עס וועט שפּילן די מוטער! — האָט ער באַשלאָסן און זיך אויפגעהויבן.

די פרוי האָט געקוקט אויף אונדז אַ פאַרלוירענע. פון אירע אויגן האָבן זיך אַרויסגעקײַקלט צוויי טרערן. זי האָט זיך ניט געשעמט, צי עפּשער האָט זי אַפילו ניט באַמערקט, אַז זי וויינט, ווײַל אין די פײַכטע אויגן האָט ווידעראַמאָל אויפגעשטראַלט אַ שמייכל. זי האָט אונדז באַטראַכט, געקוקט אויף מיר, אויף מאַטיען, ווי זי זאָל זיך וועלן איבערצײַגן, אַז דאָס, וואָס זי האָט געהערט, איז אַן אמעס.

— און איר מיינט, אַז איך וועל נאָך קאָנען שפּילן? — האָט זי געפרעגט און, ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפער, האָט זי דערציילט:

— פאַרגעסט ניט, מאַטיע, אַז צום לעצטן מאָל בין איך געווען אויף דער בינע דעם אַכצנטן אָקטיאַבער טויזנט נײַן הונדערט פופצנטן יאָר... קימאַט פינף יאָר צוריק. מיר האָבן דעמלט געשפּילט אין ליסאָוועטגראַד, געגאַנ־גען איז „כאַסיע די יעסוימע". פונקט דעמלט איז די פּיעסע צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן אין רוסלאַנד. כאַסיען, וואָס איז לויט דער פּיעסע אַלט זיבעצן יאָר, האָט געשפּילט, — שטראָף מיך ניט גאָט פאַר מײַנע רייד! — מאַדאַם קראַוטשון, אַ דאַמע, וואָס אַרומכאַפּן איר טאַליע וואָלטן געקאָנט נאָר צוויי מאַנצבלען. דערצו האָט זי נאָך געהאַט אַ פול מויל גאָל־דענע ציין. מאַריץ מאָסייעוויטש האָט זי, ווערדליק מע דערציילט, אַרויסגע־גאַנוועט דורכן פענצטער, לויט אַלע געזעצן פון אַ געהיימער ליבע. בײַ וועמען האָט ער זי צוגעגאַנוועט? בײַ אַ פאַבריקאַנט פון קאַטערינאָסלאַוו, און, פאַרשטייט זיך, ניט זי אַליין, צוזאַמען מיט אַ טאָרבעלע ברילִיאַנטן. ספּעציעל פאַר איר האָט מאַריץ מאָסייעוויטש צוגעשריבן צוויי נײַע סצענעס, זי זאָל זיך קאָנען באַווײַזן דעם עולם. אין דער פּיעסע האָב איך געשפּילט פיר ראָלן. נאָר ניט וועגן זיך וויל איך דערמאָנען. צוזאַמען מיט מיר האָט געדינט אין טעאַטער אויך אַלס סטאַטיסטן אידאָטשקע מיגדאַלסקאַיאַ, זי איז דעמלט אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן. און טאַלאַנטפול איז זי געווען! פון גאָט אַליין געבענטשט. ווען איר זאָלט זי כאָטש געווען איין מאָל זען, מאַטיע! פאַראַיאָרן איז זי געשטאָרבן פון איספּאַנקע. אידאָטשקע מיגדאַלסקאַיאַ האָט געקענט, ווי איך, זיך באַגיין מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט, נאָר געטרוימט האָט זי וועגן גרויסע און ערנסטע ראָלן, וועגן דעם, אַז עס וועט קומען די צײַט און זי וועט שפּילן עמעס טעאַטער!

איינמאָל האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און א פרעג געטאָן בא מאָריצן, ווען וועט ער איר געבן א גוטע ראָל, האָט ער זי א קניפּ געטאָן אין בעקל און געענטפערט: „אָט וועלן מיר א לעב טאָן, וועלן מיר זען!" זי האָט אפילע ניט פארשטאנען דעם גראָבן און פרעכן רעמעז... דארף זיך טרעפן, אז מאדאם קראווטשון האָט באמערקט, וויאַזוי מאָריץ האָט א קניפּ געטאָן דאָס מיידל אין בעקל, איז זי געוואָרן אויסער־זיך פון גרימצאָרן, די מאַדאם קראווטשון, און האָט געפּאָדערט, אז מאָריץ זאָל גלייַך ארויסשטעלן פונעם טעאטער אידאָטשקען. איך האָב זיך געוואָלט איַינשטעלן פארן מיידל, און מאָריץ האָט מיך אויך ארויסגעוואָרפן... פון דעמלט אָן נעמט מיך קיין איין טרופּע ניט. מאָריץ מאָסייעוויטש איז פארבונדן מיט אלע אנטרעפּרעניאָרן!

זי איז אנשוויגן געוואָרן, זיך עפּעס דערמאָנט און שטיל צוגעגעבן:

— צום לעצטן מאָל בין איך געוועזן אף דער בינע צוריק מיט פינף יאָר!..

זי האָט איןביידע הענט ארייַנגענומען דאָס פּאָנעם. אירע אויגן זייַנען געווען פול מיט שרעק, ווי זי זאָל זיך האָבן מוידע געווען אינעם גרעסטן פארברעכן. מאָטיע האָט אָנגענומען איר האנט, געגלעט זי. די פרוי האָט זיך צוגעטוליעט מיטן קאָפּ צו זייַן ברוסט און זיך ביטער צעוויינט...

פון דעמלט אָן הער איך איר שטים נאָר אף די רעפּעטיציעס, ווען זי רעפּעטירט די ראָל פון דער מוטער. לויט דער צאָל ווערטער איז די ראָל גאָר א קליינע. פרומע איסייַעוונע שפּילט זי אזוי, אַז זי וואָלט געקאָנט, ווי מיר שייַנט, קלאל זיך באגיין אָן ווערטער. ווייַזט אויס, אז דעמלט, ווען מיר זייַנען געווען בא איר אין שטוב, האָט זי דאָס איינציקע מאָל אין לעבן זיך אויסגערעדט. מער האָב איך זי ניט געהערט, ניט געזען וויינען.

אף די רעפּעטיציעס איז זי אלעמאָל געקומען די ערשטע, אוועקגעזעצט זיך אין א ווינקל און געווארט, ביז מע וועט זי ארויסרופן. דערפאר טאקע האָט אויסגעזען ביז גאָר מאָדנע, וואָס איינמאָל איז פרומע איסייַעוונע געקומען אף פּראָבע מיט א גרויסער פארשפּעטיקונג, דערצו איז זי פלינק דורכגעגאנגען דעם זאל און זיך אָפּגעשטעלט לעבן מאָטיען, אָנגענומען אים פאר דער האנט און אָפּגעפירט אין א זייַט. דאָרט האָבן זיי זיך ביידע געסוידעט. די רעפּעטיציע האָט זיך דערווייַל אָפּגעשטעלט.

— וואָס איז? וואָס האָט זיך אזוינס געטראָפן?

אין איין אויגנבליק זייַנען געשטאנען אלע אקטיאָרן אין א קרייַז ארום מאָטיען. ער האָט א קוק געטאָן אף פרומע איסייַעוונע, א מאך געטאָן מיט דער האנט: „איך נעם אלצדינג אף זיך!"

— נעכטן אין אָוונט, — האָט ער דערציילט, — ווען פרומע איסייַעוונע און אמזעל האָבן זיך אומגעקערט אהיים פון דער רעפּעטיציע, האָבן זיי געטראָפן בא זיך אף דער טיר א גרויסן שלאָס. ווער, ווען, פארוואָס האָט אופגעהאנגען דעם שלאָס? קיינער אין הויף ווייסט ניט. נאָר איין יינגעלע האָט דערציילט, אז באטאָג, ווען אין הויף איז קיינער ניט געווען, איז צום טויער צוגעפאָרן א שטייַגער, פון דאָרטן זייַנען ארונטערגעשפּרונגען צוויי געזונטע באָכערים און אופגעהאנגען דעם שלאָס. דעם יינגל, וואָס איז

דערבײַ געווען, האָבן זיי אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל ניט וואגן נאָענט אפילע צוגיין צו דער טיר, ביזוואנענע זיי וועלן ניט דערלויבן. אויב עמעצער וועט אָנרירן דעם שלאָס, וועט מען אים „אויסברענגען אין ראַסכאָד”... — אַזוי טאקע האָבן זיי געזאָגט. א גאנצע נאכט זײַנען זיי, פרומע איסײַעוונע און אמזעל, אָפּגעזעסן בא א שכײנע אין הויף, געוואַרט אַף די באַכערים, זיי זאָלן קומען און דערלויבן אראָפּנעמען דעם שלאָס. אמזעל זיצט נאָך ביז איצט און וואַרט, צו דער טיר האָט ער מוירע צוצוגיין...

— יאַ־אָ! — האָט א ברום געטאָן יאַנקאָ. — איך דערקען מישקע יאַפּאָנטשיקס קסאַוו!

— כ׳פאַרשטײ אָבער ניט, וואָס האָבן זיי פּלוצעם דערזען אַזוינס אַף אמזעלן?

ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין פרומע איסײַעוונעס איבערגעשראָקן פּאָנעם, געפרעגט:

— עפּשער האָט איר צי אמזעל זיך ערגעץ ארויסגעכאַפּט מיט א וואָרט?

— שפּײַט זיך אויס אַף אַלצדינג! — האָט אויסגעשריִען יאַשע בוביס. — קומט מיט מיר! איך וועל אראָפּהאַקן דעם שלאָס.

— איך וועל אויך גיין! — האָט אונטערגעכאַפּט מאַגאַלניק.

— אויב גיין, דאַרפן מיר אַלע גיין! — האָט געייצעט יאַנקאָ. — איין זאַך איז, אַז סע קומט איינער, א צווייטע זאַך — ווען אַלע קומען! פאר אַלעמען האָבן זיי מוירע!

— זייער לידעלע האָבן זיי שוין אָפּגעזונגען! — האָט פאַרזיכערט יאַשע בוביס.

— ווּעמענס, זייערס? — האָט יאַנקאָ צוגעשטעלט די האַנט צום אויער, קלוימערשט צו הערן בעסער.

— מישקע יאַפּאָנטשיק און די אַנדערע, — האָט יאַשע דערקלערט.

— און ווער זײַנען עס „די אַנדערע”? וויפל זײַנען זיי? ווייסט וויפל? אָט אין דעם גייט עס!

יאַנקאָ האָט א קוק געטאָן אַף די אַקטיאָרן, ארויסגעלאָזט א זיפץ:

— אָט די אַנדערע זײַנען נאָך פאַראַן אין שטאָט מער ווי פיר טויזנט. גיי אַרײַן צו קאַליקן אין טראַקטיר, כאַפּ א קוק, וועסטו זיי דאָרט באַמערקן. פון אָנהייב דוכט זיך, אַז זיי זײַנען שטילינקע, ווײלינקע, גוטינקע, נאָר אויב מע דאַרף — טוט מען דיר א שטופּ אַרײַן א מעסער אַזוי, אַז דו וועסט ניט באַווײַזן א שלוקערץ צו טאָן! נאָכדעם גיי שרײַ כײַוועקײַעם!

— איך וויל ניט! איך וועל ניט לאָזן! — האָט זיך פּלוצעם צעשריִען פרומע איסײַעוונע און מיט די הענט פאַרשטעלט דעם ארויסגאַנג. — איך וויל ניט, אַז איבער מיר זאָל עמעצער לײַדן! איך וויל ניט!

— שאַ! — האָט איבערגעשלאָגן יאַנקאָ. — מאַכט צו דעם מיניען!

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער טיר, וואָס איז געשטאַנען צעפּראַלט. אַף די טרעפּ האָבן זיך אופגעהויבן עטלעכע מיליציאָנערן. פון פאָרנט איז געלאָפן איינער אין א ציווילן אָנצוג. דער מענטש האָט געטראָגן א שווערן מאַנטל, כאָטש עס איז שוין געווען וואַרעם און אַף דער זון־זײַט אפילע הייס. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן א רעוואָל־

ווער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט באם ארײַנגאנג, אופגעהויבן הויך איבערן קאָפּ דעם נאגאן און אויסגעשריִען:

— ניט רירן זיך פון אָרט! איך וועל שיסן!

דאָס איז געווען אומדערווארט, אומפארשטענדלעך, אלע זײַנען פארגליווערט געוואָרן אף די ערטער. בלויז ליובע האָט פון שרעק זיך א וואָרף געטאָן אין א זײַט, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעשריִען:

— מע דארף גיין אראָפּנעמען דעם שלאָס!

— אָט וועל איך דיר אראָפּנעמען! — האָט איר געדראָעט דער נאטשאלניק מיטן רעוואָלווער. ער איז דורכגעלאָפן פארבײַ איר, ארײַן אין זאל. נאָך אים זײַנען געלאָפן די מיליציאָנערן און אין איין אויגנבליק צעשיט זיך איבערן גאנצן זאל. דאָ האָבן זיי אויך ארויסגעכאפּט פון די קעשענעס רעוואָלווערן.

דערשיטערטע זײַנען געשטאנען די אקטיאָרן, געקוקט איינער אפן צווייטן. דער ערשטער האָט זיך א כאפּ געטאָן מאָטיע ברען. ער האָט געמאכט א שפּאן פאָרויס, געפרעגט בא די באוואָפנטע:

— וואָס קומט דאָ פאָר?

דער נאטשאלניק האָט אויסגעשריִען:

— ווער איז דאָ דער עלטסטער?

מאָטיע האָט געמאכט א שפּאן אין זײַן זײַט:

— איך.

— ווער נאָך איז פון די עלטסטע?!

— אלע זײַנען מיר דאָ גלײַכע! — האָט יאשע בוביס א געשריי געטאָן.

— נו, אויב אלע, איז קומט אלע!

ער האָט אלעמען אוועקגעפירט אין זאל, געהייסן שטיין אינעם דורכגאנג. עטלעכע רייען בענק זײַנען שוין געלעגן איבערגעקערט. אצינד האָבן די מיליציאָנערן געזוכט אף דער בינע. זיי האָבן ארויסגעריסן עטלעכע ברעטער און זיך אראָפּגעלאָזט אין דער טיף. דאָרט האָבן זיי געקלאפּט, געשריִען. דער נאטשאלניק האָט געפּאָדערט, זיי זאָלן קוקן אין יעדן ווינקל, ווײַזן אים אלץ, וואָס זיי וועלן געפינען.

— וואָס זוכן זיי דאָרט? — האָט יאנקאָ ניט פארשטאנען.

— מײַן באָבעס ירושה! — האָט באשלאָסן מאגאלניק.

— פארוואָס זשע האָבן זיי באשלאָסן זוכן דײַן באָבעס ירושה דאפקע דאָ?

— וואָס שטעלסטו מיר שײַלעס? מיסטאמע ווייסן זיי בעסער! — יאשע בוביס האָט זיך אויסגעדרייט צו דער גרויסער פאָיע און דאָרט דערזען דעם „פּראוווליאיושטשע" נאָטע קאָפּ, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן פאָיע אן איבערגעשראָקענער מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— ווער ביסטו עס? — האָט זיך געווענדט צו אים דער שעף פון מיליציע.

— פּראוווליאיעשטשע! — האָט נאָטע קאָפּ געענטפערט שטיל.

— אזוי!... — האָט יענער זיך דערפרייט. — טאקע דיך דארפן מיר!

ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם „פּראוווליאיעשטשע" מיט א שטרענגן בליק און געפרעגט נאָך שטרענגער:

— דו וווינסט דאָ?

— נע־ע! — האָט נאָטע געציטערט. — איך וווין אין דער היים.

— און דאָ וווינט עמעצער?

— נע־ע! — האָט ער ווידעראַמאָל געענטפערט. דער ענטפער אָבער האָט שטאַרק צערייצט דעם נאַטשאַלניק, איז ער צוגעלאָפן צו נאָטען, אָנגעכאַפּט אים פאַרן קאָלנער און געשריִען:

— וואָס דרייסטו מיר א קאָפּ? איך ווייס דאָך זיכער, אז עמעצער וווינט דאָ!

— איך נעכטיק דאָ! — האָט געזאָגט מאָטיע ברען.

— אהאַ! — האָט זיך אויסגעדרייט צו אים דער נאַטשאַלניק. — אָט ווער עס וווינט דאָ!

— איך וווין ניט דאָ, איך נעכטיק נאָר! — האָט מאָטיע פאַרפּינקטלעכט. די אַרטיסטן האָבן זיך איבערגעקוקט.

— אויב דו נעכטיקסט, הייסט עס, אז דו וווינסט דאָ! — האָט באַשלאָסן דער נאַטשאַלניק. — און מיט וואָס פאַרנעמסטו זיך דאָ באַנאַכט? — האָט ער א ווונק געטאָן מיטן אויג. — מאַכסט געשעפטן?

— איך דרוק קערענקעס, — האָט מאָטיע געענטפערט גאַנץ ערנסט.

דער דאָזיקער רויִקער און זיכערער שפּאַס האָט נאָך מער צערייצט דעם נאַטשאַלניק. ער איז ווײַס געוואָרן, אונטערגעשפּרונגען אַפן אָרט און, ווי עס האָט אויסגעזען, געוואָלט אָנכאַפּן מאָטיען פאַרן קאָלנער, צונויפ־דרייען אים די הענט, נאָר עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן מאָטיען, געדראָעט אים מיטן פינגער:

— אָט וועלן מיר באַלד זען, מיט וואָס דו פאַרנעמסט זיך דאָ באַ־נאַכט! — ער האָט פלינק אויסגעדרייט זיך, געשריִען צו די מיליציאָנערן, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געזוכט אונטער דער סצענע: — לאַנג נאָך וועט איר דאָרט זוכן?

און אַלס ענטפער אַף דער פאָדערונג פונעם שעף איז פון אונטער דער בינע אַרויסגעקראָכן א מיליציאָנער. ער האָט געהאַלטן הויך איבערן קאָפּ אַן אויסגעמעלאָכטן שלאַנג פון ווײַסע בלעכענע רערלעך. איבערן זאַל האָט זיך דורכגעטראָגן א דערשראָקענער געוויש.

— דאָס איז נאָך ניט אַלץ! — האָט פילצוזאָגנדיק א ווונק געטאָן דער מיליציאָנער.

— אָט דערמיט, הייסט עס, פאַרנעמסטו זיך באַנאַכט! — האָט מיט ניי־צאָכן באַמערקט דער נאַטשאַלניק. — דרוקסט קערענקעס?.. וואַרט צו, אָט וועלן מיר דיך אָפּדרוקן!

פון אונטער דער בינע האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן די איבעריקע מיליציאָנערן. קיין איינער פון זיי איז ניט געקומען מיט קיין ליידיקע הענט. איינער האָט געבראַכט א הילצערנעם באַק, פון וועלכן עס האָט זיך געטראָגן א שטאַרקער זויער־גערוך, א צווייטער האָט געבראַכט צונויפ־געלייטע רערן, ענלעכע אַף א ספּיראַל, נאָכדעם האָט מען אויפגעהויבן פון אונטער דער בינע א ספּעציעל געמאַכט אייוועלע, אַף וועלכן עס איז גע־שטאַנען א גרויסער בוטל; באַלד האָט מען דערלאַנגט פון דאָרט נאָך א

האלב צענדליק אלערליי פלעשער, אייניקע פון זיי זײַנען געווען אָנגעפּילט מיט א מוטנער פליסיקייט.

דער נאטשאלניק האָט צוגערופן יאנקאָן, וואָס איז געשטאַנען נעענטער צו אים, און האָט אים באפוילן, ער זאָל א שמעק טאָן און דערקלערן, וואָס איז עס פאר א פליסיקייט. יאנקאָ האָט זיך אויסגעדרייט און איז אוועק אין א זייט.

— איך קאָן ניט ליידן דעם רייעך! — האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז דאָך א פּראָוואָקאציע! — האָט אויסער־זיך א געשריי געטאָן ליובע בוביס.

— נאָ! נאָ! נאָ! — האָט איר געדראָעט דער נאטשאלניק. — דאָרט וועט מען דיר שוין באווייזן, וואָס פאר א פּראָוואָקאציע דאָס איז! אצינד איז דאָ א באפעל: פאר סאמאָהאָן — צום וואַנטל! א געזעץ איז פאראן!

דער נאטשאלניק און זײַנע געהילפן האָבן, ווי עס האָט אויסגעזען, שטארק געאײַלט. צונויפגענומען אלץ, האָבן זיי באפוילן די אקטיאָרן, אז זיי זאָלן זיך שטעלן אין לינקן ווינקל פונעם גרויסן זאל. מאָטיען האָט דער נאטשאלניק אָפּגעשטויסן פון זיך.

— דו וועסט פאָרן מיט אונדז! — האָט ער באפוילן.

די באוואָפנטע האָבן ארומגערינגלט מאָטיען.

— וואָס טוט זיך דאָ? — איז אילױשע ארויס פון פאָרגט און פארשטעלט דעם ארויסגאנג. — וואָס איז עס?

— דאָס איז א פּראָוואָקאציע! — האָט יאשע בוביס געשריִען.

— ווער זײַט איר? — האָט מאָטיע געפרעגט און צום ערשטן מאָל ארײַנגעקוקט דעם נאטשאלניק אין די אויגן. ער איז געווען בלייך, מאָ־טיע, די ליפּן האָבן געציטערט.

— זאָל איך ניט דערלעבן ביז מאָרגן, אויב עס איז ניט קיין פּראָוואָ־קאציע! — האָט געשריִען מאגאלניק און זיך געוואָרפן אפן נאטשאלניק. יענער האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך. די מיליציאָנערן האָבן געפּאַקט מיט די אָנגעצילטע נאגאנען.

— א פּראָוואָקאציע, זאָגסטו? — האָט דער נאטשאלניק א געשריי געטאָן צו מאגאלניקן. דערבײַ האָט ער ארויסגעכאפּט פון טאש א דאָקומענט מיט א גרויסן, קײַלעכדיקן שטעמפּל, אופגעהויבן אים איבערן קאָפּ און געטײַטלט אף אים מיטן פינגער: — גיב א קוק, הונט! זעסט? דיר וועל איך ערשט ווײַזן, וואָס הייסט פּראָוואָקאציעס!

דער דאָקומענט און באזונדערס דער קײַלעכדיקער שטעמפּל האָבן ענד־גילטיק געלייזט די פראגע. די געשרייען האָבן זיך אײַנגעשטילט. אצינד האָט דער נאטשאלניק און זײַנע געהילפן געהאנדלט שנעל און זיכער.

— אים נעמט אויך! — האָט ער באפוילן, אָנווײַזנדיק אף נאָטע קאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אין דער זײַט א טויטער. צוויי מיליציאָנערן האָבן אים אָנגעכאפּט פאר די הענט און ארײַנגעצויגן אין דער מיט פונעם קרײַז, ווו מאָטיע איז שוין געשטאַנען.

נאָטע קאָפּ האָט זיך געריסן פונעם מיליציאָנערס הענט, געוואָרפן זיך, הויך און מיט ראכמים געיאָמערט, געבעטן וועגן עפּעס.

— די איבעריקע בלײַבן אַף זײַערע ערטער!

די מיליציאָנערן האָבן זיך געלאָזט לויפן איבער די טרעפּ. באַם אַרײַנ־גאַנג פון טעאַטער, לעבן דעם סאַמע קאַסע־פענצטערל, האָבן געוואַרט צוויי פאַעטאָנען. אַף איינעם האָט זיך אַוועקגעזעצט דער נאַטשאַלניק, צו זײַנע פיס האָט מען אַוועקגעלייגט די דייזשע, די רערן און פלעשער. אַפן צווייטן פאַעטאָן האָט מען אַרײַנגעשטופּט מאָטיען און נאָטע קאָפּ, אַרום זיי — די באַוואָפנטע מיליציאָנערן.

מאָטיע ברען האָט באַוויזן נאָר איין מאָל אויסצודרייען דעם קאָפּ. ער האָט דערזען פון יענער זײַט גאַס, לעבן אַמטשיסלאַווקיס קראָם, אַ קופּ־קעלע מענטשן, וואָס האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין טעאַטער. אינמיטן רעדל איז געשטאַנען אַמטשיסלאַווסקי אַליין, אַ מענטשל מיט אַ לענגלעך־גרוי פּאָנעם און אַ דינער שאַרפער נאָז, וועלכע האָט צוגעדעקט דאָס שאַרפע בערשטעלע וואָנצעס פון זאַמד־קאָליר. אַ גרויסער ליבהאָבער פון מאָריץ סעגאַלס טעאַטער, האָט אַמטשיסלאַווסקי מיט גרויס פאַרגעניגן צוגעקוקט, ווי אַזוי מע טרײַבט אַרויס פון דער „קאָ־מעטאַ״ די האָלאָדראַנצעס, די טשעקיסטישע וויכאָוואַנצעס. די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין:

— טוט נאָר אַ קוק, ווער ס׳האָט צוגענומען באַ פּוקסן די „קאָמעטאַ״! זיי ווילן מאַכן אַ נײַעם טעאַטער! מיט וואָס וועלן זיי מאַכן, אַז קיין קאָ־פּעקע באַ דער נעשאָמע האָבן זיי ניט! אַז קיין אַקטיאָרן פאַרמאָגן זיי ניט! אַז זיי פאַרשטייען בעסאַכאַקל אין טעאַטער פּונקט אַזוי ווי אַ ציג אין שולכן־אָרעך!

* * *

...די פאַעטאָנען זײַנען אַוועק, נאָר דאָס רעדל מענטשן לעבן טעאַטער איז אַלץ געוואַקסן. אַמטשיסלאַווסקי האָט געוווּסט, אַז פיל פון די, וואָס שטייען אַרום אים, וועלן זײַנע רייד אויפנעמען ווי אַ דירעקטיוו, און אַנ־דערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן, ווײַל צו אים וועט מען קומען כאַפּן אַ גמילעסכעסעד, באָרגן אַ ביסל סכוירע, נעמען אַ נעדאָווע...

די אַקטיאָרן זײַנען ווי שטום געוואָרן, פאַרלוירן דאָס לאָשן, פאַרלוירן די פייִקײַט צו באַוועגן זיך, — דאָס איז געווען אַ שאָק. יעדער איז גע־בליבן אַף זײַן אָרט, ווו ער איז געשטאַנען צי געזעסן. מע האָט זיך גע־שעמט קוקן איינער דעם צווייטן אין פּאָנעם. אַ ביטערע כאַרפּע האָט באַ־הערשט אַלע אַקטיאָרן. אַן אומדערטרעגלעכע כאַרפּע.

ניט יאַנקאָ, ניט מאַגאַלניק האָבן שוין מער ניט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, קעדיי צו זען, וואָס סע טוט זיך אַף דער גאַס.

עס קאָן זיך מאַכן, ווען פרומע איסײַעוונע וואָלט נעכטן באַטאָג געווען באַ זיך אין דער היים, בעשאַס עס איז צוגעפאָרן צום טויער דער פאַעטאָן, וואָס האָט איר געבראַכט אַזאַ אומגליק, קאָן זײַן, אַז ווען זי וואָלט הײַנט אַ קוק געטאָן אין פענצטער, וואָלט זי עפּשער דערקענט אי דעם פאַעטאָן, אי די באַוואָפנטע מענטשן, וואָס האָבן אַוועקגעפירט דעם גרינדער און רעזשיסער פונעם טעאַטער — מאָטיע ברען.

קאַפּיטל פערצן

ווען לאַכן מענטשן פון קעלער?

אין דער קינדהייט האָט אסיען קיינער ניט דערציילט קיין מײַסעלעך. די מאַמע אירע, נעכע, האָט קיינמאָל קיין מײַסעלעך ניט געהערט און גאָרנישט ניט געקענט דערציילן. האָרעווען האָט זי געקענט, וויינען — וויפל איר ווילט, נאָר דערציילן — ניט. אסיעס טאַטע — דער טרעגער אריע — האָט בעפֿירעש געוווּסט א סאַך לעגענדעס פונעם כומעש און אויך געשיכטעס וועגן אלערליי גיבוירים און הייליקע, נאָר ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געהאַט קיין פרײַע שאָ צו זיצן מיט זײַן קינד און דערציילן באָבעמײַסעס.

און דאָך האָט אסיע געוווּסט איין מײַסעלע וועגן אן אָרעם באָכערל, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט צופוס א קוק טאָן אף גאָטס וועלט. א סאַך וואָכן און כאַדאָשים האָט ער געשפּאַנט איבער דער ערד, געגאַנגען דורך וועלדער און וויסטעס, געשווומען איבער טײַכן און יאַמען, און איינמאָל, ווען די קויכעס האָבן אים שוין קימאַט פאַרלאָזט, ווען ער האָט געשפּאַנט איבער דער צעגליטער ערד און אלעמאָל זיך געלייגט אָפּרוען, האָט ער באַמערקט, ווי עס לויפן צו אים מענטשן מיט אויסגעשטרעקטע הענט. זיי האָבן אים געמאָלדן, אז פון הײַנט אָן און ווײַטער ווערט ער געקרוינט אלס זייער מיילעך און האַר, מאַכמעס אזוי פירט זיך בא זיי, אין אָט דעם אומבאַוווּסטן און וווּנדערלעכן לאַנד. ווען בא זיי שטאַרבט דער מיילעך, גייען זיי אַרויס אפן וועג און וואַרטן, ביזוואַנען עס באַווײַזט זיך דער ערשטער אומבאַקאַנטער מענטש, און קרוינען אים אלס זייער הערשער.

אף דעם האָט זיך פאַרענדיקט דאָס מײַסעלע: דער דערציילער און די צוהערער זײַנען געבליבן צופרידן, ווײַל דער אָרעמער באָכער האָט דאָך דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט געזוכט גליק אף דער וועלט און האָט עס געפונען. אזוי פירט זיך אין אלע מײַסעלעך!

און אָט האָט זיך באַקומען, אז מיט איר, מיט אסיען, האָט געטראָפן ווי מיט יענעם באָכערל פונעם מײַסעלע: איר האָט מען אויך פאַרטרויט א מעלוכע, געמאַכט זי פאַר א הערשערן. די מענטשן פון דער דאָזיקער מעלוכע האָבן איר אויך אַרויסבאַוויזן צוטרוי און ליבע, זיי זײַנען גרייט געווען אויסצופילן יעדער איר פאַרלאַנג, יעדער באַפעל.

אלץ איז געווען, נאָר קיין מײַסעלע איז ניט געווען!

דאָס איז געווען ריינע וואָר, פּראָסטער און שווערער אינדערוואָכן, ווי דער סאָלדאַטישער גוירל. איר הויכן פּאָסטן האָט אסיע באַקומען פון אָלגאַ וואַסיליעוונעס הענט, און זי איז געוואָרן, אסיע, א געטרײַע באַלעבאָסטע.

אין קיך איז אסיע געקומען מיט א גאַנצן הויפן מאַרליַע, וואָס מע האָט געדאַרפט איבערוואַשן, אויסטריקענען. אונטער א בעט פון א פאַרווונדעטן האָט זי געפונען א צעריסן העמד, פון וועלכן מע האָט אויך געקאָנט מאַכן עטלעכע וויקלשנורן, אויב מע זאָל עס גוט אויסוואַשן און אויספּרעסן מיט א הייס פּרעסל.

אין אויוון האָט שוין געהודעט און געבייזערט זיך א פּײַער, די וואסער אין קעסל האָט געבולקעט, גאָר היימיש האָט זיך געלאָשטשעט צו אירע פיס א קאַץ, וואָס איז דאָ, ווײַזט אויס, געווען אן אלטער טוישעוו. אסיע איז געשטאַנען אריבערגעבויגן איבער דער באַליע און געריבן צווישן די פינגער די דורכגענעצטע מאַרליע, געוואַשן זי אין אומדערטרעגלעך־הייסער וואסער — קיין זייף איז דאָך ניט געווען. זי האָט זיך געכאַפּט, אז ביז אינדערפרי דאַרף מען אָפּקאָכן דעם קוליש. האָט זי אַפגיך פאַרענדיקט דאָס וואַשן, אויסגעהאַנגען טריקענען אלע שמאַטעס, בינטן און גענומען זיך צו דער קאַסטרוליע. און אָלגא וואַסיליעוונא האָט זיך ניט אומגעקערט. די געזונט וועדנדיקע סאָלדאַטן זײַנען געקומען צו דער קיך, אָפּגעשטעלט זיך בא דער טיר און זיך נאָכגעפרעגט, צי קאָנען זיי מיט עפּעס זײַן נוצלעך?

לאַנג זײַנען זיי געזעסן און געוואַרט, טאָמער וועט מען זיי דאַרפן, טאָמער וועט זיי דאָס נײַע שוועסטערל א רוף טאָן. נאָר אסיע האָט זיך ניט געאײַלט, זי האָט געוואָלט צעציִען די צײַט, ביז אָלגא וואַסיליעוונא וועט זיך אומקערן.

באַטאָג איז געקומען פאַנקאָ, ער האָט איבערגעלאָזט די טאַטשאַנקע פון יענער זײַט טויער, אוועק צום ברונעם און אָנגעטרונקען זיך פונעם עמער. נאָכדעם האָט ער מיט דער דלאָניע אויסגעווישט דאָס נאַסע פּאָנעם און געזאָגט, ניט ווענדנדיק זיך צו קיינעם:

— אָלגא וואַסיליעוונא איז קראַנק. א גרויסע היץ בא איר!

און אלע סאָלדאַטן, די, וואָס זײַנען געזעסן באַם ברונעם, און די, וואָס האָבן אפן גאַנעק געוואַרעמט זיך אף דער זון, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו דער קיך, ווײַל אסיע איז געשטאַנען דאָרט. מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט זי אופגענומען די דאָזיקע ידיעה, דאָס קאָפּטיכל האָט דערבײַ זיך אראָפּגעגליטשט און ווי געהאַנגען אינדערלופטן. פונעם צימער האָט זיך דערהערט, ווי עמעצער קרעכצט. אסיע איז אוועק צו דער פּאַלאַטע.

עמעצער פון די פאַרוווּנדעטע האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, א קוק געטאָן אין איר זײַט. אסיע האָט גאָרניש ניט פאַרשטאַנען, נאָר ווען זי האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו ליאַשען, צום סאָלדאַט, וואָס האָט נעכטן מיט אזא אקשאָנעס געפּאָדערט, אז אלע זאָלן זיך וואַרפן נאָך אים אין אָנגריף, האָט זי דערזען, אז דאָס פּאָנעם זײַנס איז נאַס פון טרערן און אז ער ברומט עפּעס שטילערהייט, קעדיי ניט צו צעוויינען זיך אף א קאָל. אסיע האָט אָנגענומען זײַן גרויסע און קאַלטע האַנט, צוגעטראָגן זי צו איר מויל, געעטעמט אף איר און געגלעט זי, אז איר וואַרעמקײַט זאָל זיך אים איבערגעבן.

די זון איז דערווײַל צוגעקומען צום סאַמע פענצטער, און די שטראַלן האָבן זיך צעלייגט אף די לאַקירטע בלעטער פונעם פיקוס, וועלכער איז געשטאַנען אין א פעסל אינעם סאַמע ווינקל בא דער וואַנט, ווו ס׳איז געהאַנגען א קאַראַבין. אינעם שמאָלן שײַן־סטעזשקעלע איז געשווומען א געדיכטער שטויב. מיט איין שפרונג איז אסיע צו צום פענצטער, אופגעפראַלט עס, און אין צימער האָט זיך ארײַנגעריסן א פרישער לופט־שטראָם. נאָר אויך דאָס האָט זי ניט באַפרידיקט. האָט זי ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן

אָפּענעם פּענצטער און באַפוילן די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געזעסן באַם ברונעם:

— אַלצדינג טראָגט אַרויס פון צימער אַף דער זון... איך וועל דאָ צוראַמען!

אין איין אויגנבליק האָט אַלץ גענומען זיך באַוועגן. אין הויף, וועלכן די זון האָט שוין באַוויזן אָנצוואַרעמען, האָט מען געפונען נאָך גאַנץ פעסטע דרענגלעך, אַפן בוידעם האָט מען אָפּגעזוכט ברעטער און פון דעם אַלץ אויפגעשטעלט נאַרעס. די געזונטע ווערנדיקע סאָלדאַטן, וועלכע ס׳איז לאַנגווײַליק געווען פון גאָרנישט ניט טאָן, זײַנען זיך מעכײַע געווען מיט דער אַרבעט. פֿאַנקאַ האָט אַליין אויסגעפּרוווט, ווי פעסט זײַנען די נאַרעס — ער האָט זיך געוואַלגערט אַף זיי, אונטערגעשפּרונגען און געבליבן צופרידן.

— הײַנט וועט קיין רעגן ניט זײַן, מע מעג אַלעמען אַרויסטראָגן אַהער!

די אַנטבלויזטע ווונדן האָבן די מענטשן אַרויסגעשטעלט קעגן דער וואַרעמער זון. מע האָט אַרויסגעטראָגן אין הויף אויך דאָס בעט, אַף וועלכן עס זײַנען געלעגן ביידע קאָמאַנדירן.

אַסיען איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי גרינג, ווי עמעצער וואָלט זי אונטערגעהויבן פון דער ערד און צוזאַמען מיט איר געשוועבט איבערן הימל. פלינק, ווי בייס אַ סרייפע, האָט זי אַרויסגעשאַרט פונעם צימער די פאַרלעגערטע שטרוי, די ברעטער, וואָס זײַנען דורכגעזאַפּט געווען מיט אַ שאַרפן גערוך פון פאַרטריקנט בלוט. קיינעם פון די געזונטע ווערנדיקע סאָלדאַטן האָט זי גאָרנישט ניט פאַרטרויט: אַליין געוואַשן דעם דיל מיט הייסער וואַסער, אויסגעווישט די ווענט, געריבן מיט אַ נאַסער שמאַטע דאָס פענצטער. אַלץ איז איר אָנגעקומען גרינג, אַלץ האָט געזונגען אין אירע הענט.

דאָס פענצטער, די טירן און אַפילע דער טויער זײַנען געשטאַנען אָפן. דער וואַכמאַן, וואָס איז געווען ניט שטאַרק פאַרנומען, האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעשפּירט דעם נײַעם שוועסטערל, וואָס אײַלט פון צימער אין הויף אַרײַן, פון דאָרט אין קיך, ווײַטער צום ברונעם און ווידער אין קיך, ווו עס האָט זיך שוין געקאָכט דער קוליש צום מיטיק. אַסיע האָט ניט געפילט קיין מידקייט, און פריִער פאַר אַלץ דערפאַר, ווײַל זי האָט געוווּסט, אַז אַלץ, וואָס זי טוט, איז נייטיק.

סײַ אין צימער, סײַ אין קיך איז ניט געווען צו זען קיין שפּיגעלע. אַ שאָד! אַסיע וואָלט דאַפקע באַדאַרפט איצט אַ קוק טאָן אַף זיך, דערזען זיך אין אָט אַזאַ זוניקן טאָג, ווען זי איז מיטאַמאָל געוואָרן די באַלעבאָסטע פון אַ גאַנצן קיניגרײַך.

פאַרנאַכט איז געקומען וויקטאָר איוואַנאָוויטש און האָט געמאָלדן, אַז אין שטאָט האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען קיין דאָקטער און, לויטן באַפעל פון דער שטאָט־קאָמאַנדשאַפט, וועט מען דעם דאָזיקן מעדפּונקט און נאָך צוויי אַנדערע אַריבערפירן אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל, ווו עס זײַנען פאַראַן דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן. די עוואַקואַציע וועט זיך אָנהייבן גלײַך נאָך דעם, ווי עס וועט קומען אַהער דער באַפולמעכטיקטער פונעם דיוויזיע־סאַנאָפּטייל.

אפן אנדערן טאָג האָט גאנצפרי זיך געשלעפט בארג־ארוף אַן אָבאָז פון עטלעכע פורן מיט דעם נארישקינסקער געסל. די אָנטרײַבער האָבן געײַלט, געפּאטשט די פערדלעך, מאכמעס יעדע רעגע האָט זיך געקאָנט אָנהייבן א גוסרעגן — דער ערשטער פרילינג־רעגן. אף יעדן פאל האָט מען צוגעדעקט די פארוואנדעטע מיט ברעזענטן, בורקעס און געוואָרפן קרומע בליקן אף די וואָלקנס, וואָס זײַנען געהאנגען איבערן קאָפּ און באוועגט זיך אין דער זעלבער ריכטונג, וואָס די פורן.

אסיע איז געזעסן אף דער לושניע פון דער לעצטער פור און געהאלטן די לייצעס. דער אָנטרײַבער איז א בייזער געגאנגען באנאנד מיט די פערדלעך און זיי באשאָטן מיט קלאָלעס. ווען די פערדלעך האָבן אָנגעהויבן שפּאנען איבער די שטאָטישע גאסן, איז זי געזעסן, אסיע, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מוירע געהאט זיך ארומצוקוקן: ווער ווייסט, אין וואָס פאר א זײַט וועלן זיי פארקערעווען, אף וואָס פאר א גאס וועלן זיי פארפאָרן? אָט זיצט זי אף דער לושניע און באמיט זיך דערמאָנען, וואָס פארא גאסן און געסלעך ליגן אפן וועג, און וווּהין קאָן פאָרן דער אָבאָז. אויב ער וועט פארקערעווען אף דער פּרעאָבראזשענסקע, קאָן זיך מאכן, אז דער שפּיטאָל געפינט זיך אפן ראָג פון דער קוזניעטשנער גאס אָדער אף דער אוספּענסקע.

דער באלעגאָלע שפּאנט באנאנד מיט די פערדלעך. נאָר וואָס איז עס פאר א פאָרן? מע פאָרט דען? מע קריכט! אזוי קאָנען זיי קריכן א גאנצן טאָג! עך, ווען עס זאָל זײַן מעגלעך, וואָלט זי א צי געטאָן די לייצעס, אופגעשטעלט זיך און א פּאָך געטאָן מיט דער בײַטש, וואָלטן דעמלט די פערדלעך ניט געלאָפן, נאָר געפלויגן.

אומגעריכט פאר זיך אליין שפּרינגט אסיע אראָפּ פון דער לושניע און לאָזט זיך לויפן צו די פורן, וואָס זײַנען אוועק פאָרויס. זי מאכט צורעכט די קאָלדרעס אף די פארוואנדעטע, פרעגט יעדן, צי זי קאָן אים ניט זײַן מיט וואָס באהילפיק. בא דער פור, אף וועלכער מאָניע ליגט, שטעלט זי זיך אָפּ לענגער, גייט באנאנד מיט דער פור, מאכט צורעכט די קישן אונטער זײַן קאָפּ, נאָכדעם דעקט זי אים צו מיטן שינעל. מאָניע קוקט אף איר, ער שפּירט נאָך יעדער באוועגונג אירער, שטרענגט זיך אָן, קעדיי אונטערצוהייבן דעם קאָפּ. עפּשער וויל ער איר זאָגן עפּעס? ער שווײַגט אָבער, גלײַך ווי מע וואָלט דעם זיקאָרן זײַנעם איבערגעבונדן מיט א שטארקן בינט און ער קאָן זיך וועגן גאָרנישט ניט דערמאָנען. דאָך פרעגט ער סאָפּקאָלסאָף:

— צוליב וואָס האָסטו גאָר באדארפט קומען אהער?

זי האָט גאָרנישט ניט געהערט, ווײַל פּונקט אין דער צײַט האָבן די פורן פארקערעוועט אף דער טאָרגאָווע גאס, און זי, אסיע, איז אוועק פאָרויס, טאָמער פאָדערט זיך איר הילף ערגעץ אף דער ערשטער פור.

זי איז לאנג געגאנגען באנאנד מיט דער ערשטער פור, ניט געקוקט אין די זײַטן און אפילע ניט באמערקט, ווי די פורן זײַנען פארבײַ דאָס ליוטעראנסקער געסל, די דעכטיארנע... זי האָט ניט באמערקט, ווי דער הימל האָט זיך אינגאנצן באפרײַט פון די וואָלקנס, ניט געהערט דעם גערויש פונעם טאָלטשאָק, וועלכן זיי זײַנען פארבײַגעפאָרן.

— געקומען! — האָט אויסגעשריִען איינער פון די פּורמאַנעס, און אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַסיע האָט דערזען גאָר־גאָר אַ באַקאַנט הויז. וויפל מאָל איז זי דאָ געווען!

פונעם הויז איז אַרויסגעקומען אַ קאָמאַנדיר, שוין ניט קיין יונגער, אָבער אַ פלינקער, און אויב מישפּטן לויט דער זויבערער גימנאַסטיאָרקע און די אויסגעפּוצטע שטיוול, — אַן אַקוראַטער. ער האָט זיך געלאָזט שפּאַנען פאַרבײַ דער שערענגע פורן. אַסיע האָט באַמערקט, ווי די אָנטרײַבער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שערענגע, באַגריסט דעם קאָמאַנדיר, ווענדן זיך צו אים: „כאַווער סטאַרשינאַ". בײַ די פורן פון די פאַרוווּנדעטע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעגעבן פאַראָרדענונגען די סאַניטאַרן, וואָס זײַנען געגאַנגען הינטער אים, אָנגעוויזן זיי, ווּהין צו טראָגן יעדן פאַרוווּנדעטן באַזונדער.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אַסיען, באַטראַכט זי. ערשט איצט האָט זי באַמערקט, אַז זײַנע אויגן זײַנען אונטערגעשמירט מיט געדיכטן קוילן־שטויב און דערפאַר זײַנען זיי פול מיט טרערן. דעם סטאַרשינאַס פּאָנעם, אַ ציכטיק־אויסגעגאָלטס, איז געווען צערונצלט מיט פיל קנייטשן. אויף די פּעטליצעס פון זײַן גימנאַסטיאָרקע האָבן געגלאַנצט העל־רויטע דרײַעקן, צו פיר אויף יעדער זײַט.

— און איר ווער זײַט? — האָט ער זיך געווענדט צו אַסיען.

זי האָט זיך פאַרלוירן, אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן און זיך אַרומגעקוקט. עס איז איר געוואָרן הייס.

— דאָס איז אונדזער שוועסטערל, גריגאָרי פּאַוולאָוויטש! — האָט אויסגעשריִען איינער פון די פאַרוווּנדעטע.

דער קאָמאַנדיר האָט אַ שמייכל געטאָן, אַ וואַרעמען שמייכל, וואָס האָט אײַנגאַנצן געביטן דאָס פּאָנעם זײַנס און אים געמאַכט אַ סך ייִנגער.

— גייט, אָרדנט זיך אײַן! — האָט ער ניט באַפוילן — געבעטן.

ווען מע האָט מאַניען אַוועקגעלייגט אויפן בעט, איז אַסיע פאַרבליבן בײַ אים אין צימער. זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל און אַן איבערגעשראָקענע געקוקט אין יענעם ווינקל, ווו עס איז געשטאַנען דאָס איינציקע בעט. בײַם פענצטער איז עס געשטאַנען. זי האָט באַטראַכט דאָס שפּיטאָל־צימערל, און אַ קעלט האָט זי אַרומגעכאַפּט. די הענט האָבן זיך באַוועגט, געזוכט עפּעס, געוואָלט זיך פון עפּעס באַשיצן. די פינגער האָבן ווי געטאָן, ווי מע זאָל זיי שטעכן מיט נאָדלען; אין דעם צימערל איז זי שוין געווען. לאַנג איז עס געווען. אין אָט דעם צימערל, קאָן זײַן, אַז טאַקע אויף אָט דעם־אָ בעט, איז געשטאָרבן איר טאַטע. אין דעם צימערל האָט זי אים געזען דאָס לעצטע מאָל, ווען די מאַמע האָט זיך אַרײַנגעריסן אַהער מיט אַ גוואַלד און מיטגעשלעפּט פאַר דער האַנט זי, אַסיען.

אַסיע ווייסט, אַז דער בליק מאַניעס איז פול מיט ביטערקייט, מיט ווייטיק. זי ניט אויף אים. אָבער איינמאָל האָט זי אופגעהויבן די אויגן און דערזען זײַן פּאָנעם מיט די גרויע אויסגעלאָשענע פלעקן און די שוואַרצע קנייטשן אונטער די אויגן. פײַכטע, טיפע קנייטשן, וואָס האָבן אים אינגאַנצן פאַרענדערט. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט, אַראָפּגעלאָזט זיך בײַ זײַנע פיס.

— וואָס ביסטו געקומען אהער? — האָט ער געפרעגט, מאַניע.
לאנג איז געשטאנען א שטילקייט אינעם צימערל.
— האָסט ניט באדארפט קומען אהער! האָסט ניט באדארפט.
— גאָרניט ווייסטו ניט, מאַניע! גאָרניט! — האָט זי גענומען־זײַן האנט און ווי א קליין קינד געהאָלפן אים זיך אויסדרייען אף א זײַט.
— איך ווייס נאָר, אז דו דארפסט מיך ניט, אז דו טראכסט ניט אפילו וועגן מיר! — האָט ער ארופגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ, אויסגעדרייט זיך מיטן פּאָנעם צו דער וואנט.

אין הויף איז געווען רוישיק. די פורמאנעס האָבן פארענדיקט זייער ארבעט און זיך פארזאמלט אין הויף אין א רעדל, עפּעס געטײַנעט צווישן זיך. די סאניטארן האָבן נאָך געצײַלט איבער די שפּיטאָל־קאָרידאָרן, אײַנגעאָרדנט די נײַ־אָנגעקומענע. מע האָט איבערגערוקט די בעטן, און דאָס גאנצע הויז האָט זיך געטרייסלט.

אסיע איז געזעסן אפן בעט. זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, די הענט האָבן צו קיין זאך זיך ניט געלייגט.

זי ווייסט אליין ניט, ווי לאנג זי איז אזוי געזעסן. זי האָט זיך אופגעכאפּט און געלאָזט לויפן צום קאָרידאָר, ווי זי האָט דערהערט אָלגא וואַסיליעווּנעס קאָל. דאָס איז געווען אזוי אומדערוואַרט, פונקט ווי זי זאָל האָבן דערהערט די שטים פון איר טאטן. ס'האָט ניט געדויערט קיין אויגנבליק, ווי ביידע פרויען זײַנען שוין געשטאנען פעסט ארומגענומענע. דאָס איז פאר אסיען געווען א רעטונג — זי האָט אומבאדינגט געדארפט אָפּטעמען, אויסוואַרעמען דעם ווייטעק, וואָס איז פארגליווערט געוואָרן בא איר אין הארץ. זי האָט געוווּסט, אז אָלגא וואסיליעווּנא איז דער איינציקער מענטש, צו וועמענס ברוסט זי קאָן צושפּארן איר פיבערדיקן קאָפּ.

אָלגא וואסיליעווּנא האָט אין ביידע הענט גענומען אסיעס פּאָנעם, ארײַנגעקוקט איר אין די אויגן.
— שווער? — האָט זי געפרעגט.
אסיע האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.
— ער בורטשעט? בייזערט זיך? — האָט זי א ווונק געטאָן אף דער טיר.
אסיע האָט אלץ געשוויגן.

דער פרילינג־אָוונט איז צוגעפאלן מיטאמאָל, אומבאמערקט. דאָס קליינינקע שפּיטאָל־צימערל איז אײַנגעדעקט געוואָרן אין מאָרעשכוירע, אײַנגעזונקען אין אן אומעטיקער שטילקײַט. מאַניע איז געשלאָפן. זען האָט מען געקאָנט נאָר זײַן קאָפּ, וואָס איז עטוואָס אן אונטערגעהויבענער געלעגן באנאנד מיט דער פענצטער־ברעט.

ביידע פרויען זײַנען געזעסן שטילע און נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וויאזוי אלץ אינעם צימערל ווערט דערטרונקען אין די אָוונטיקע שאָטנס. זעלטן ווען האָט די שטילקײַט דורכגעשניטן א זיפץ, און עס איז אומעגלעך געווען פעסטצושטעלן, ווער עס זיפצט. לאנג זײַנען זיי געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הייסע הענט אף די קני, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ.

די ערשטע האָט זיך אופגעהויבן אסיע, זי האָט א צי געטאָן אָלגא וואסיליעוונען פאר דער האנט, און ביידע, ווי גלײַך זיי וואָלטן זיך צונויפּ־געדעדט, זײַנען שטילע ארויס אין קאָרידאָר. דאָ זײַנען זיי נאָך געשטאנען א רגע, געוואָלט עפּעס אופכאפּן מיטן אויער, דערנאָך מיט פלינקע שפּאן א לאָז געטאָן זיך צום ארויסגאנג.

די שטאָט איז געלעגן אײַנגעדעקט אין געדיכטן־בלויע וואָלקנס. די טראָטוארן זײַנען געווען פול מיט קינדער, זיי האָבן נאָך פאָרגעזעצט זייער שפּיל און ניט געאײַלט אהיים. רעדלעכווײַז זײַנען געשטאנען די עלטערע. זיי האָבן הויך גערעדט און האסטיק זשעסטיקולירט מיט די הענט. אלע זײַנען געווען באקענט צווישן זיך, אלע האָבן זיי געוווינט אין דעם ווינקל שטאָט און פון קיינעם קיין סודעס ניט געהאט, אויב אפילע מע האָט גע־טאָן ניט קיין דערלויבטע זאך — אזא צײַט איז עס געווען: צוליב א שטיקל מאמעליגע האָט מען געטאָן אלץ... דאָ טאקע, אף די טראָטוארן, זײַנען באַ־זונדערס געשטאנען רעדלעך פרויען און גערעדט נאָך העכער פון די מאנצבלעך. דאָ טאקע איז געשטאנען אן אלט אײַזערן בעטל, אף וועלכן עס איז, ווי אפן קיסיי־מאלכעס, געזעסן א טשאכאָטאָטשנער, וואָס האָט שוין ניט געקאָנט רירן מיט די פיס. אויך ארום אים איז געשטאנען א רעדל. אויך דאָ האָט מען מיט היסלײַוועס באהאנדלט עפּעס גאָר א וויכ־טיקן איניען — וויאזוי קאָן מען פון קלײַען מיט א קליינעם צוגאָב פון פּאַ־פּשוי־מעל באקן געשמאקע פלעצלעך.

— קומט בעסער צו מיר! — האָט אסיע געבעטן אָלגא וואסיליעוונען. — ס׳איז גאָר נאָענט. אפן ראָג הייבט זיך אָן די באָלגארסקע גאס...

— טאקע אן עמעס?! — האָט אָלגא וואסיליעוונא אויסגעשריִען.

— אף אָט דער גאס בין איך געבוירן געוואָרן.

— וואָס זשע שטייען מיר? — האָט אונטערגעאײַלט יענע.

פארקערעוועט אף דער צווייטער גאס, זײַנען זיי ארײַנגעפאלן ווי אין אן אנדער וועלט. קיין לעבעדיקער נעפעש האָט זיך דאָ ניט באוויזן, און דערפאר האָט זיך געדאכט, אז אף דער גאס איז א סאך פינצטערער. די פרויען האָבן זיך אָנגענומען פעסט פאר די הענט — מאלע אף וואָס מע קאָן זיך אָנשטויסן אין דער פינצטער! אסיע האָט עפּעס דערציילט וועגן יעדער מויער, פארבײַ וועלכן זיי זײַנען געגאנגען. פּלוצעם אָבער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און איז אנשוויגן געוואָרן. אָלגא וואסיליעוונא האָט זיך פארכידעשט:

— וואָס איז געשען, אסיע?

— גאָרניט, אָט איז ער... אונדזער הויף, — האָט זי זיך אליין דער־שראָקן דערפאר, וואָס זי זײַנען אזוי גיך געקומען.

ערגעץ טיף אין הויף האָט מען געשריִען, קאָן זײַן אפילע, אז מע האָט זיך דאָרט געשלאָגן. ביידע פרויען זײַנען שטיין געבליבן — צי קאָן ניט געשען עפּעס, אויב זיי וועלן ארײַן אין ליקל צווישן דער שווארצער וואנט און דער סינאגאָגע? אסיע האָט זיך צוגעהערט צו די קוילעס, וואָס האָבן זיך דערטראָגן, און פארשטאנען, אז זיי טראָגן זיך פון דער באשקע, אז די טיר שטייט דאָרט צעפּראלט. אייניקע שטימען זײַנען איר אפילע געווען באקאנט. צוערשט האָט זי זיך שטארק איבערגעשראָקן — עס האָט זיך איר

אויסגעמאָלט, אז עמעצער איז כאַלילע געשטאָרבן און אז מע באַוויינט דעם מעס. נאָכדעם האָט זי פאַרשטאַנען, אז זי האָט א טאָעס געהאט: זי האָט דערקענט מענדלס שטים. ווערדליק מענדל איז זיך צעגאַנגען, האָט אַסיע פאַרשטאַנען, אז ניט אזוי באַוויינט מען. האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט איר מיטגייערן, און ביידע האָבן זיי זיך דורכגעשמוגלט דורכן ליקל, אַרויס אינמיטן הויף, שיר ניט אַרײַן אין א גרוב און זיך אָפּגע־שטעלט לעבן דער אָפענער טיר פון דער באַשקע.

אף די טרעפּ זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן קלומעקעס, זעק, אָנגעשטאָפּ־טע מיט אַלערליי שמאַטעס. אונטן איז געשטאַנען בא דער טיר א קאַסטן, אַן איבערגעבונדענער מיט א שטריק. אין צימער האָט געטשאַדעט א קאַ־נעץ, פון וועלכן די גרויע שײַן האָט זיך אַרויסגעריסן אף די טרעפּ. כאַנע, איינע פון די שכיינעס, האָט זיך אָנגעוואַלגערט אפן קאַסטן, באַשיצט אים מיט ביידע הענט און געשרי:ען:

— אַנו, פּרווו נאָר! איך וועל דיר טאָן, איך ווייס אליין ניט וואָס איך וועל דיר טאָן!..

א יינגעלע פון א יאָר דרײַ האָט זי געהאַלטן מיט ביידע הענטלעך באַם קלייד; א באָרוועסער, א בלויער פון קעלט, האָט ער געשרי:ען צוזאַמען מיט דער מאַמע:

— אַנו, פּרווו נאָר! אַנו! — און האָט געוואָרפן בייזע בליקן אין שטוב אַרײַן.

די איבעריקע שכיינעס זײַנען געווען אין שטוב. דער גוואַלד האָט זיך געטראָגן פון דאָרטן. נעכע איז אויך געווען אין באַשקע. אינמיטן צימער איז געשטאַנען מענדל און, ווי עס האָט זיך געדאַכט, געשמייכלט. דאָס איז געווען אומדערטרעגלעך — שמייכלען, ווען מענטשן וויינען! אַסיע איז מיט איין שפּרונג אַראָפּ פון די טרעפּ, גרייט אים דוירעס צו זײַן. אָלגאַ וואַסי־ליעוונאַ איז איר נאָכגעלאָפן.

דערזען די טאָכטער, האָט נעכע אָנגעהויבן שרײַען נאָך העכער. נעכע האָט געוויינט און דערבײַ דערציילט, וואָס פאַר אַן אומגליק איז געפאַלן אף זייערע קעפּ:

— מיר וווינען שוין דאָ וויפל יאָר! נאָך דער סרייפע וווינען מיר אין באַשקע זאַלבעעלף. מע לעבט, ווי עס לעבט זיך, גאָט איז אַן איידעס! — האָט זי געשלונגען די ווערטער, געוואָלט וואָס מער און גיכער דערציילן דער טאָכטער. — ווער עס איז אונדז מעקאַנע, זאָל איבערגיין אף אונדזער לאַגע! מיר האָבן, כאַלילע, קיינעם קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט. פרעגט זיך, פאַרוואָס זשע דאַרף מען אונדז אַרויסטרײַבן פון דער באַשקע? מיר זײַנען שולדיק אין דעם, וואָס עס איז געוואָרן בא אונדז סאָוועטסקע וולאַסט? נו, און אז עס איז שוין געוואָרן סאָוועטסקע וולאַסט, איז וואָס האָבן מיר אזוינס כויטע־בייגל געווען? פרעגט זיך, פאַרוואָס דאַרף מען אונדז אַרויסטרײַבן פון דער באַשקע? פאַרוואָס? פרעג איך בא אים, — האָט זי אָנגעוויזן מיט דער האַנט אף מענדלען. נעכעס מאַנאַלאָג, ווען מע זאָל זי נאָר לאָזן, וואָלט ניט געהאַט קיין סאָף.

מענדל האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש און זיך אזוי צעשרי:ען, אז אַלע האָבן מיטאַמאָל פאַרמאַכט די מײַלער:

— שאַ! וויפל מאָל דאַרף מען אײַך איבערכאַזערן, אַז אין דער דאָזיקער באַשקע קאָן מען ניט װײנען! קוק זיי נאָר אָן!

אסיע האָט באַטראַכט די שכײנעס, און אויף איר האָט אַ ווייע געטאָן מיט דער אייביקער קעלט פונעם קעלער. אויף איר האָבן געקוקט אופגעבלאָזענע און לויזע פּנעמער, אויסגעקנאָטענע פון אַ ניט־דערשטאַנענער ראַש־טשינע, וואָס איז איבער עפּעס בלוי געוואָרן. אויף איר האָבן געקוקט רויטע, מידע אויגן. אָלגאַ וואַסיליעוונאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען בײַ דער טיר און, ווײַזט אויס, ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאַרף זי טאָן אין אָט דעם קעלער צווישן די אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן דערצו נאָך גערעדט אויף אַ שפּראַך, וועלכע זי האָט ניט פאַרשטאַנען. מענדל האָט אַלץ געשריִען:

— איר פאַרשטייט כאָטש, וויפל מאָל איך האָב באַדאַרפט ריידן מיט די אַרבעטער פון דער פאַבריקע, דערוווּסן זיי, אַז אָט די מענטשן, — ער האָט אָנגעוויזן אויף די פרויען און קינדער, — דאַרף מען אין דער ערשטער ריי געבן דירעס! הײַנט שטעלט זיך פאָר, וואָזוי איך האָב זיך דערפרייט, ווען דער זאַווקאָם האָט באַשטעטיקט, אַז מע זאָל אײַך אַריבערפירן וווינען אין גוראַריס הויז! איך האָב געמיינט, אַז איר וועט זײַן אויפן זיבעטן הימל. — די לעצטע ווערטער האָט ער איבערגעכאַזערט אויף רוסיש, אַז אָלגאַ וואַסיליעוונאַ זאָל פאַרשטיין, וועגן וואָס ער רעדט.

— אָבער אונדז איז דאָ אויך ניט שלעכט! — איז כאַנע אַרויסגעטראָטן פון פאָרנט און זיך אָוועקגעזעצט אויפן קאַסטן. דאָס קינד איז אַראָפגעקראָכן צו איר אויף די קני און איבערגעכאַזערט:

— אונדז איז דאָ אויך ניט שלעכט!

— לאָז אויסריידן אַ וואָרט, מעשומעד! — איז אַרויס נעכע און צעשריִען זיך אויף מענדלען. — דו מיינסט, אַז אויב מיר זײַנען ווײַבער, הייסט עס, אַז מיר פאַרשטייען שוין גאָרניט, אַז מע מעג אונדז האָדעווען מיט שטרוי! ווילסט אונדז אײַנריידן, אַז די וועלט האָט זיך איבערגעקערט, אַז אַלץ שטייט שוין אויפן קאָפּ? אַזוי ווילסטו? גייט, ווײַבער, באַזעצט זיך אין גוּ־ראַריס שטוב, מאַכמעס ער איז אָוועקגעפאָרן, און נאָכדעם וועלן מיר זען, וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן, און גוראַרי וועט מאָרגן נעמען און זיך אומ־קערן צו זיך אין שטוב! הײַנט, ווי מיינסטו, וואָס וועט ער מיט אונדז טאָן? האַ?

זי האָט זיך אָנגעבויגן, געשטאַנען אַנטקעגן מענדלען מיט אויסגעע־שטרעקטע הארטע, אויסגעהאָרעוועטע, קאָרענע הענט. דאָס פּאָנעם אירס האָט געפלאַמט. נאָר מענדל האָט שוין ניט געהערט, ער האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט, געוויזן מיט זײַן פינגער אויף איר דלאָניע און געשריִען:

— אָט ווען אויף דער דלאָניע וועלן אויסוואַקסן האָר, וועט זיך גוראַרי אומקערן! אָט דאָס זאָלט איר געדענקען!

— זיי וועלן אים אָנשיטן זאַלץ אויפן וויידל! — האָט כאַנע דערקלערט. — עס איז נאָר אַ פראַגע, ווו וועלן זיי נעמען אַזויפיל זאַלץ? — האָט זי גע־פרעגט בײַ אסיען.

נעכע האָט שוין ווידער געשריִען:

— און וואָס איז געוועזן פאַראַיאָרן, וואָס? ניט דאָס אייגענע? אַלע האָבן דעמלט געשריִען: אָט וועלן מיר נעמען גוראַרין! אָט וועלן מיר נעמען

קראכמאלניקאָוון! אַט וועלן מירן.. זײַנען געקומען די דעניקינצעס, און צו־זאמען מיט זיי האָבן זיך אומגעקערט די באַלעבאַטים: איז גוראַרי צוריק געוואָרן גוראַרי, און קראַכמאַלניקאָוו — קראַכמאַלניקאָוו! און ווידער האָבן זיך מענטשן געוואַלגערט בא זייערע פיס, געקושט די הענט און געבעטן, אַז זיי זאָלן געבן צו פאַרדינען אַף אַ שטיקל ברויט! אַזוי איז געווען, און אַזוי וועט זײַן!

— אַצינד וועט שוין קיינער ניט קומען! — האָט געשריִען מענדל. — דאָס זאָג איך אײַך!

— זיי האָבן זיך איבערגעשראָקן פאַר דיר, האַ? אוואַדע!

אָלגאַ וואַסיליעוונאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען בא דער טיר און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקײַט געהערט די געשרייען, די בייזע רעפּליקעס, וואָס די פרויען האָבן געוואָרפן מענדלען אין פּאָנעם, געשפּירט נאָך זייערע פּענעמער. אַצינד, ווען זי האָט געוווּסט, וועגן וואָס די מענטשן אין באַשקע שרײַען, האָט זי פאַרשטאַנען קימאַט יעדער וואָרט זייערס, און וואָס מער זי האָט פאַרשטאַנען די ווערטער, אַלץ ווייניקער האָט זי פאַרשטאַנען די מענטשן.

זי האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי זי איז צוגעגאַנגען צום טיש און אָנ־געהויבן ריידן:

— אויב עמעצער פון אײַך האָט מוירע, אַז גוראַרי וועט זיך אומקערן און אָפּנעמען צוריק די פאַבריק און די הײַזער, מאַכט ער אַ גרויסן פעלער! מיר זײַנען געקומען אַף שטענדיק! ווער עס גלייבט ניט אין דעם, וועט שפּעטער שטאַרק כאַראָטע האָבן! געדענקט עס, איך בעט אײַך! און נאָך, בעט איך אײַך, איר זאָלט געדענקען, אַז מיר נעמען אָפּ בא די באַלעבאַטים דאָס, וואָס געהער צו אונדז, וואָס איז געמאַכט מיט אונדזערע הענט און באַגאָסן מיט אונדזער שווייס!

די מענטשן פון קעלער האָבן אַרומגערינגלט דעם טיש, מיט גרויס אָפּשײַ געקוקט אַף דער פרוי, וועלכע זיי זעען דאָס ערשטע מאָל. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז די דאָזיקע ווערטער האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געהערט, נאָר אין דעם גייט עס דאָך, וואָס צוריק מיט פינף מינוט, איידער די פרעמדע פרוי איז געקומען אהער, האָט דאָס זעלבע ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל איבערגעכאַזערט מענדל. ער האָט גערעדט צו זיי, גע־שריִען, געטײַנעט, אָבער די פרויען האָבן נאָר אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, פאַרנומען זיך מיט זייערס און געוואָרטשעט דערבײַ, אַז דאָס אַלץ ווייסן זיי שוין פון לאַנג!

מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך, די זעלבע ווערטער האָבן איצט אַזוי צערודערט די פרויען און אַפילע מענדלען אַליין, אַז אין צימערל איז גע־וואָרן שטיל, מע האָט אויפגעהערט זיך צו קריגן, שרײַען. אָלגאַ וואַסיליעוו־נאַ איז צוגעגאַנגען צו כאַנען, וואָס האָט איצט געהאַלטן דאָס קינד אַף די הענט, געפרעגט:

— וויפל יאָר אַרבעט איר?

— וואָס? — שווער איז איר געווען צו ענטפערן אַף דער ביז גאָר פּאָ־שעטער פראַגע, נאָר כאַנע, די סאָלדאַטסקע אַלמאָנע, די פּיסקאַטע כאַנע, וועלכע האָט געקאָנט אָפּענטפערן אַף יעדער אומדערוואַרטער פראַגע אַזוי,

אז קינד־און־קייט זאָלן הערן און גאפן, אָט די זעלבע כאנע האָט אָנגע־הויבן שווער צי׳ען די לופט מיט דער נאָז, די אויגן זײַנען באלד רויט גע־וואָרן און צוויי ריטשקעלעך האָבן זיך א גליטש געטאָן איבער איר פּאָנעם.

— איך ווייס, אז זי ארבעט פון אכט יאָר, — האָט געענטפערט פאר איר מענדל. — און קיין שום ארבעט איז פאר איר ניט געווען צו שווער: זי קאָן נייען, פרעסן און וואשן פרעמד וועש, ניאנטשען פרעמדע קינדער, און פליקן פעדערן און... וואָס קאָן זי ניט, אבי פארדינען אף א שטיקל ברויט!

— און אָט דאָס איז אינגאנצן, וואָס זי האָט באקומען פאר איר האָרע־וואניע! — האָט א פרוי אָנגעוויזן אפן אײַנשיט מיט די לאטעס, וואָס איז געלעגן אפן דיל, באם סאמע ארײַנגאנג אין באשקע.

— און אין א נײַער דירע וויל זי זיך ניט אריבערקלײַבן. זי האָט מוירע, אז גוראַרי וועט בארויגעז ווערן! — האָט צוגעגעבן מענדל.

אסיע האָט א קוק געטאָן אף אים מיט א גוטן, ווארעמען שמייכל. מענדל! אָט דאָס איז דער זעלבער מענדל, דער „קרומער ר׳עד", מיט דער ווײַס־ראָזער בעלמע אפן אויג. דעמלט איז ער טאקע געווען ענלעך אף א „ר׳עד"! ווער וואָלט געקאָנט זאָגן, אז מענדל, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געהאט קיין העמד אפן לײַב, וועלכער האָט ווינטער געטראָגן אן איבערגעניצעוועטן ווײַבערשן בורנוס און האָט ניט געקלערט אפילע, אז אף דער וועלט זײַ־נען פאראן מאנטלען, — אָט דער מענדל האָט שוין אָבער איצט פארשטאַ־נען, אז מע קאָן צודעקן די בעלמע מיט א גוט־צוגעפאסט בענדל, אז מע דאַרף זיך אלע טאָג גאָלן און אָנטאָן א פריש העמד. אמאָל איז ער געווען א זאָקן, איצט איז ער געוואָרן גאָר א יונגערמאן, און אפילע אין א געווי־סער מאָס — א כיינעווודיקער.

די פרויען האָבן שטילע נאָכגעשפּירט נאָך דער נײַער באקאנטער, וואָס האָט אזוי אויסגענומען בא זיי.

— וואָס זשע זײַט איר אנשוויגן געוואָרן, נעכע? — האָט מענדל זיך אָנ־גערופן. — הייסט עס, אז איר האָט באשלאָסן ווינען דאָ, אין באשקע?

— סע איז דען געווען אזוינס אף דער וועלט, ווען אזעלכע ביטערע קאפּצאָנים, ווי מיר, זאָלן זיך אריבערקלײַבן אין רײַכע הײַזער? — האָט נעכע ווידעראמאָל אָנגעהויבן. — אדעראבע, זאָגט מיר, ווען איז אזוינס פאָרגעקומען? צי עפּשער ווילט איר, אז פון מיר זאָל לאכן די גאנצע וועלט, עפּשער?..

— וואָס זשע באקומט זיך, נאָכאמאָל אפסנײַ פון אָנהייבן! — האָט זיך צעשר׳ען כאנע און פאריסן הויך דעם קאָפּ. זי האָט א קוק געטאָן אף די פרויען, וואָס זײַנען געשטאנען ארום טיש, און ברייט צעפירט מיט די הענט: — מיך אליין וואָלט עפּשער גוראַרי ארויסגעשטופּט פון זײַן הויז, נאָר אז מיר וועלן זיך אלע ארײַנכאפּן צו אים, וועט ער אנטלויפן ווו דער שווארצער פעפער וואקסט! האָ? ניט אזוי?

אָט די באמערקונג כאנעס האָט בא אלעמען אופגעהויבן די שטימונג, מע האָט זיך צעלאכט הויך אף א קאָל. כאנע האָט זיך א וואָרף געטאָן פאָרויס, אָנגעכאפּט אָלגא וואסיליעוונעס האנט, געגלעט זי מיט אירע הענט און ווי פארענטפערט זיך פאר איר.

— קיינמאָל אין לעבן האָט זיך פאַר אונדז קיינער ניט אײַנגעשטעלט! קיינמאָל האָבן מיר קיין גוט וואָרט ניט געהערט!..

מענדל האָט זיך צוגערוקט צו אַסיען, מיט גרויסער צאַרטקייט אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן און געבעטן, פּונקט אַזוי ווי ער פּלעגט זי אַמאָל, צוריק מיט יאָרן, בעטן:

— וואָלסט עפּעס געזונגען, האַ? זינג, לעמאָשל, אויב דו געדענקסט נאָך:

איך האָב קיין לאָ־אָ־אָמפּ
ניט אָנגע־ע־צונדן...

און קעדיי צו דערמאָנען איר, האָט ער אַליין אָנגעהויבן זינגען מיט אַ שטים, ווי שווערע טראָפּנס זאָלן פאַלן אויף אַ בלעך:

איך האָב קיין לאָ־אָ־אָמפּ...

אין קעלער האָט אויסגעשאָסן אַ הויך געלעכטער, נאָר מענדל האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, ער האָט פאַרגעזעצט זינגען און, ווי אַ דירידזשאָר, געפאָכט מיט די הענט.

קאַפּיטל פופצן

דער דורכפאַל

װען דער פאַטאַן, אויף וועלכן מע האָט אוועקגעפירט מאָטיע ברען, האָט פאַרקערעוועט אויף דער קוזניעטשנער גאַס, האָט יאַנקאָ זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ קויער, גלײַך ווי אויף אים וואָלט אַראָפּגעפאַלן די סטעליע:

— דער געשטופּלטער!.. וואָס זשע, עס האָט בײַ אײַך אָפּגענומען דער סייכל? וואָס שווײַגסטו, אילױשע? זאָג עפּעס!

ער איז געשטאַנען, יאַנקאָ, אינמיטן פּאָיע, ברייט צעפירט די הענט און פון קאַס ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט געשריִען אַזוי, אַז מע האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט. די אַרטיסטן זײַנען אופגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, באַטראַכט איינער דעם צווייטן מיט דערשראָקענע אויגן, געקוקט אין מויל אַרײַן יאַנקאָן, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. אילױשע האָט אופגעהויבן די האַנט, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איבערגעשרײַען יאַנקאָן איז געווען ניט אַזוי גרינג. ליובע האָט זיך פּלוצעם צעוויינט אויף אַ קול. נאָר קיינער האָט עס ניט געהערט, ווײַל יאַנקאָ האָט ערשט איצט אָנגעכאַפּט אילױשען פאַר דער האַנט און געשריִען אים אין פּאָנעם אַרײַן:

— דער געשטופּלטער... אין טראַקטיר, געדענקסט ניט? ווען עס איז געווען דער באַוווסטער אָנפאַל, איז ער אויסגעוואַקסן בײַ דער טיר. גע־

שטאַנען מיט א קנאַלער אין דער האַנט, קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט, קיינעם ניט אַרײַנגעלאָזט!.. הײַנט דערציילט מען, ווען מאָריץ סעגאַל האָט געוואָלט אַנטלויפן קיין בעסאַראַביע, האָט אים דער געשטופּלטער מעשאַדעך געוועזן מיט א באַגלייטער... נו, ניט שוין זשע, אילױשע, געדענקסטו ניט? ווו זשע איז דײַן קאָפּ? ער פלעגט נאָך קומען אין טראַקטיר מיט א שוואַרץ בענדל אויף אַן אויג, נאָר אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז בלויז א מאַסקע.

— אוי! האַלט מיך! — האָט מאַגאַלניק א געשריי געטאָן און אונטער־געשפּרונגען אויפן אָרט. — אַפילו איך קען אים! מע האָט אים גערופן כּור־דיאַ, ער איז געווען באַ לעקאַכן א וויקידײַלע! מע האָט אַפילו געזאָגט, אַז ער איז לעקאַכס א ווײַטער קאָרעוו. ער איז פון אונדזער סערעדינסקער פּלאַץ...

— שפּײַ מיר אָן אין פּאָנעם! — האָט אילױשע זיך א וואָרף געטאָן צו דער טיר. אַלע זײַנען געלאָפן נאָך אים. נאָר איין יאַשע בוביס האָט באַוויזן א שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ און מוסערן אַלעמען, כאָטש ער האָט זיך צו קיינעם ניט געווענדט:

— עך, גוטעברידער מײַנע! וויאַזוי זשע קאָן מען זיך אויף אײַך פאַר־לאָזן?

און זיך אויך געלאָזט אַראָפּ די טרעפּ.

אין איין אויגנבליק איז דער ראָג באַם טעאַטער פאַרלישעט געוואָרן פון געשרייען. די שטילע קוזניעטשנע גאַס, ווו אַפילו אינמיטן העלן טאָג באַווײַזן זיך געציילטע מענטשן, איז מיטאַמאָל איבערגעפּולט געוואָרן. מע איז געלאָפן אַהער פון אַלע זײַטן, מע האָט זיך געשטופּט און געשריִען. איינער דעם צווייטן האָט דערציילט וועגן אָנפאַל אויפן טעאַטער.

צווישן די, וועלכע זײַנען געלאָפן נאָכן פּאַעטאָן, זײַנען געווען א סאַך באַרויבטע און געליטענע פון מישקע יאַפּאָנטשיקס כעוורע. קאָן זײַן, אַז דערפאַר טאַקע האָט זיך לעבן אַמטשיסלאַווסקיס קלייט אָנגעהויבן א גע־שלעג, ווען איינער פון זײַנע כסידימלעך — א קאָלירלאָזיק מענטשעלע מיט א צעדראַפּעט בערדל האָט געוואָלט אָפּשטעלן דעם לויפנדיקן האַמוין, פאַרזיכערנדיק אַלעמען, אַז אין טעאַטער האָט מען טאַקע געפונען א סאַמאָהאָן־אַפּאַראַט. דער אויפגערעגטער עולם האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף אַמטשיסלאַווסקין און זײַנע כסידימלעך. יענע האָבן אָבער פאַרשטאַ־נען, אַז מע דאַרף גלײַך אָפּציִען אין הויף אַרײַן און פאַרקלאַפּן דעם טויער.

נאָר מענטשן זײַנען פון אַלע זײַטן געלאָפן אויף דער קוזניעטשנער גאַס און די געשרייען האָבן געשטיגן. דער אָנפאַל אויפן טעאַטער איז עפּעשער געווען נאָר אַן אויסרייד: שוין לאַנג האָבן טויזנטער און טויזנטער מענטשן געוואַרט אויף דער שאָ, אַז מע זאָל זיך קאָנען אָפּרעכענען מיט די גאַזלאָ־נים, און אָט איז זי געקומען, די געגאַרטע שאָ!

די רויבער האָבן באַוויזן אָפּצופּאָרן בלויז ביזן ראָג פון דער טיראַס־פּאָלסקער גאַס, ווען זיי האָבן דערהערט די געשרייען פונעם האַמוין. דער באַטשאַלניק האָט באַוויזן עטלעכע מאָל אויסצושיסן, — עפּעשער וועט מען זיך איבערשרעקן, עפּעשער וועט מען זיך צעלויפן? ער האָט אָבער פאַר־

שטאַנען, אַז דאָס וועט ניט העלפן, איז ער אַראָפּ פונעם פּאָעטאָן, א ווונק געטאָן צו זײַנע באַהעלפער און צוזאַמען מיט זיי זיך אַרײַנגעריסן אין אַפּטייק אַפן ראָג פון דער טיראַספּאָלסקער גאַס. זיי האָבן פאַרהאַקט די שווערע דעמבענע טיר און גענומען פון דאָרט שיסן.

מאָטיע ברען איז געלעגן אַפן ברוק — ער האָט באַקומען א שטאַרקן זעץ אין קאָפּ. נאָטע איז געשטאַנען איבער אים א דערשראָקענער, געקוקט אַפן לויפנדיקן האַמוין און האָט געציטערט מיט אַלע אייוורים.

דער ערשטער איז צוגעלאָפן צו דער אַפּטייק אילי־ושע. ער האָט זיך גלײַך א וואָרף געטאָן אַף דעם ברוק, אונטערגעהויבן מאָטיעס קאָפּ און אים גענומען טרייסלען:

— וואָס איז מיט דיר, מאָטיע? דו הערסט מיך, מאָטיע?

מאָטיע האָט געעפנט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— דאָס איז בלויז א רעפּעטיציע... — ער האָט זיך פאַרקרימט פון ווייטעק. — כ׳האָב פּאָשעט געוואָלט א קוק טאָן, צי וועט עמעצער קומען אַף מײַן לעווײַע. גיב א קוק, וויפל אוילעם. — ער האָט א ווײַז געטאָן אַפן האַמוין, וועלכער איז געלאָפן ניט נאָר פון דער קאָזניעטשנער, נאָר אויך פון דער טיראַספּאָלסקער גאַס. — דערקלער זיי, אַז די יעדיע וועגן מײַן טויט איז אַן איבערגעטריבענע.

די אַרטיסטן זײַנען געקומען צו לויפן און האָבן אופגעהויבן זייער רעזשיסער פון דעם ברוק, געוואָלט אים טראָגן, נאָר מאָטיע האָט זיך ניט געלאָזט. אָנשפּאַרנדיק זיך אַף אילי־ושען און מאַגאַלניקן, האָט ער קוים איבערגעשטעלט די פיס. געגאַנגען איז מען צום טעאַטער. ערשט אַצינד האָט מען דערזען, אַז דאָס רעקל אַף מאָטיען איז צעפליקט, דער קאָלנער הענגט און אונטערן אויער איז פאַרגליווערט א געשוואָלן ריטשקעלע בלוט. פרומע איסײַעוונע האָט געבראַכט פון ערגעץ א קוואָרט קאַלטע וואַסער און מיט איר נאָזטיכל אָרומגעוואַשן די וווּנד. אַמזעל האָט געגעבן אייצעס:

— ער מעג דען גיין, מעג ער דען? מע דאַרף אים גלײַך אַרײַנלייגן אין בעט!

מיט גרויסע שוועריקײַטן האָט מען זיך דורכגעשטופּט דורכן האַמוין, וואָס האָט באַלאַגערט די גאַס. מאָטיע ברען האָט, קאָן זײַן, אַפילע ניט געהערט דעם גערויש, די אויסגעשרייען, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צווישן אוילעם געפינט זיך אויך אַסיע, אַז זי גייט ערגעץ דאָ, באַנאַנד מיט אים, און זעט, ווי־אַזוי מע פירט אים אונטער די הענט. זי וויל זייער צוגיין צו אים, נאָר עפּעס האַלט זי אָפּ און זי קאָן זיך אַלץ ניט באַשליסן. און כאָטש מאָטיע האָט געוווּסט, אַז דאָס איז בלויז זײַן פאַנטאַזיע, דאָך האָט ער גענומען זוכן מיט די אויגן...

מאָטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— ערשט אַצינד האָב איך פאַרשטאַנען, וווּהין די מענטשן לויפן! זיי אײַלן צו אונדז אין טעאַטער, קעדיי וואָס גיכער צו פאַרזאָרגן זיך מיט בילעטן!

— און גאַנץ ריכטיק! — האָט באַשטעטיקט מאַגאַלניק. — אין וואָס פאַר א טעאַטער וועלן זיי זען אַזא אַקטיאָר ווי איך?

— ניין! איך מוז זען, וויאזוי מע וועט אים נעמען, כורדיען! — באשליסט מיטאמאָל יאנקאָ און איַילט אוועק צו דער אפטייק.

נאָר אהין איז אומעגלעך זיך דורכשטופן. ניט נאָר אף די פאַנעלן און אף דעם ברוק, נאָר אף אלע פלויטן, אף די גאנעקעס און אפילע אף די נאָענטע דעכער איז פול געווען מיט מענטשן. יעדער מינוט האָט מען איבערגעגעבן נייַעס פונעם צענטראלן שלאכטפעלד — פון דער אפטייק. די דאָזיקע נייַעס זייַנען גלייַך באוואקסן געוואָרן מיט פארכאפנדיקע דעטאלן און אייַנצלהייַטן.

אף דער אוספּענסקער גאס איז געווען פוסט. ערגעץ־ווו האָבן אייַנזאם געבלאָנקעט שאָטנס. דער טומל האָט אהער ניט דערגרייכט. ס׳האָט זיך געדאכט, אז די אקטיאָרן, וועלכע האָבן געפירט אונטער די הענט זייער געליטענעם כאווער, זייַנען אריבער פון איין וועלט אין א צווייטער — אין א שטילער, פארגעסענער וועלט.

און מיטאמאָל האָט אויך דאָ זיך אופגעהויבן א טומל. פון דער מעש־טשאנסקער גאס איז געלאָפן א פרוי און האָט געמאכט אזעלכע גוואלדן, ווי גלייַך מע זאָל איר נאָכלויפן מיט אָנגעצילטע ביקסן. פאר דער האנט האָט זי מיטגעשלעפט א קינד, און ניט געקוקט אף דעם, וואָס דאָס קינד איז אלעמאָל געפאלן פון די פיסלעך און האָט געוויינט אף א קאָל, האָט זיך די פרוי ניט אָפּגעשטעלט און פאָרגעזעצט לויפן און שרייַען. הינטער איר זייַנען געלאָפן עטלעכע מענטשן, צופרידענע פון דעם, וואָס זיי האָט אָפּגעגליקט בייַזייַן אף אזא גאסן־סקאנדאל.

אפן ראָג האָט די פרוי דערזען מאָטיען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשטרעקט די האנט, א צי געטאָן דאָס קינד פאר א הענטל און אוועקגעשטעלט עס לעבן זיך, דערבייַ האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָנגעהויבן גוואלדעווען, ווי א סעדעכע אפן מארק:

— קוק אים נאָר אָן, דעם טאטן דייַנעם, דעם קאָמעדיאנשטשיק! קוק אים נאָר אָן! — האָט זי געשטויסן פאָרויס דאָס קינד, אָנגרייַפנדיק אף מאָטיען. — דו זעסט כאָטש, וואָס די האָלעדראנצעס האָבן געמאכט פון אים, זעסט כאָטש? אוי, גוואלד וועל איך שרייַען! זיי האָבן אים דאָך דערהארגעט! אוי, א ווייטעק איז מיר! אוי, אן אומגליק איז מיר! אין די יאָרן, ווען מענטשן הייבן ערשט אָן צו לעבן, ווילן זיי, אז איך זאָל בלייַבן אן אלמאָנע! אז מייַן קינד, ניט דערלעבן זאָלן זיי, זאָל בלייַבן א יאָסעם!

זי האָט זיך א וואָרף געטאָן אף מאָטיען, קעדיי אָפּצורייַסן אים פון די „האָלעדראנצעס״, נאָר אָנגעשטויסן האָט זי זיך אף איליושען. ער איז ארויס אנטקעגן מיט צונויפגעלייגטע הענט אף דער ברוסט, ווי א בארימ־טער באָקסיאָר אפן רינג.

— טשיקאווע, — האָט ער געפרעגט ווי מעגלעך רו׳ִק. — מאָריץ מאָ׳סייעוויטש האָט באפוילן, אז דו זאָלסט זיך וואַרפן מיט פויסטן, צי ס׳גענוג דאָס, וואָס דו רעוועסט?..

נאָר בעטיע האָט ניט געהאלטן פאר נייטיק אים צו ענטפערן. זי האָט ערשט אפסנייַ אופגעהויבן א גוואלד און זיך ווידעראמאָל געוואָרפן אף

מאַטיען. דאָס ייִנגעלע האָט מיטביידע הענטלעך ארומגעכאפּט דעם טאטנס פוס און געבעטן:

— קום אהיים, טאַ־אַ־טע! קו־ום!..

מאַטיע האָט נאָר אף איין אויגנבליק אופגעהויבן דעם קאָפּ, דער ווייטעק האָט אים אָפּגעלאָזט, נאָר ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געזען, נאָר בלויז געפילט, אז דער פוס זײַנער ברענט, גלײַך ער וואָלט ארומגעכאפּט געוועזן מיט א פלאם און ניט אין א רינג פון קינדערשע הענטלעך. מאַטיע האָט זיך אָנגעבויגן, פעסט ארומגענומען דעם זון זײַנעם, אופגעהויבן אים אף די הענט און איז אוועק מיט אים פאָרויס. דאָס אלץ איז פאָרגעקומען אזוי אומגעריכט, אז אפילו בעטיע איז אנשוויגן געוואָרן, די ארטיסטן זײַנען פארגאפטע געבליבן אף זייערע ערטער, נאָר אילױשע האָט א צי געטאָן מיט די אקסל און אָפּגעטראָטן אין א זײַט, קעדיי דורכצולאָזן מאַטיען מיטן קינד.

— מיר גייען אהיים! אהיים! — האָט מאַטיע גערעדט צו זײַן זון און אים פעסטער צוגעדריקט צום הארץ. — מירן קומען באלד אהיים!

ער האָט געשפּאנט איבער די פליטעס פונעם פאנעל מיט אזא זיכערקײַט, גלײַך ווי ער האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געוווּסט און פארשטאנען, אז דאָס איז דער איינציקער וועג, איבער וועלכן ער דארף גיין. בעטיע, וואָס איז גאָר גיך געקומען צו־זיך, האָט אפסנײַ אָנגעהויבן זידלען און שעלטן די האָלעדראנצעס און קאָמעדיאנשטשיקעס, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּנעמען בא איר דעם מאן, מאכן איר קינד פאר א יאָסעם מיט א לעבעדיקן טאטן.

— אצינד זעט איר שוין, — האָט זי זיך געווענדט צו די ליבהאָבער פון די גאסן־סקאנדאלן, די צאָל פון וועלכע ס'איז שטארק געשטיגן, — איצט זעט איר שוין, אז בא אונדז איז פאראן א גרויסער גאָט אין הימל, וואָס וועט ניט דערלאָזן, אז א באלעבאטישער מענטש זאָל אוועקווארפן א ווײַב מיט א קינד צוליב אזעלכע קאָמעדיאנשטשיקעס, צוליב אזעלכע־אָ... אָ!..

אילױשע איז ארויס אפן ברוק, פונוואנען מע האָט געקאָנט זען, וויאזוי מאַטיע דערווײַטערט זיך. וווהין גייט ער? נאָך אים, באמיִנעדיק זיך ניט אָפּצושטיין, האָט נאָכגעשפּאנט בעטיע, וואָס האָט ניט אופגעהערט צו שעלטן די פוסטעפּאסניקעס און קאָמעדיאנשטשיקעס... און אָט האָט זיך אויסגעלאָזט די קוזניעטשנע... מאַטיע האָט זיך פלינק א קערעווע געטאָן און איז אוועק צו דער „קאָמעטא".

— מיר גייען אהיים! — האָט ער נאָך אלץ פארזיכערט זײַן קינד. — אָט זײַנען מיר שוין געקומען! אָט איז אונדזער היים!..

מיט איין שפּרונג איז בעטיע אויסגעוואקסן לעבן אים, פארשטעלט מיט זיך דעם וועג, געפּאַכט מיט די פויסטן און ווידעראמאָל אופגעהויבן א גוואלד. מיט ביידע הענט האָט זי זיך אײַנגעקלעמט אין מאַטיעס ברוסט, צוגעטוליעט זיך מיטן קאָפּ צום איבערגעשראָקענעם קינד און ווילד געשריִען:

— איך וועל ניט לאָזן! איך בין דיר ניט קיין גאסן־מויד, איך בין א ווײַב! איך וועל ניט לאָזן!

מיטאמאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט און מיט ברייט צעשפרייטע הענט זיך געווענדט צו דער גאס:

— מע־ענטשן! העלפט מיר, מע־ענטשן! — האָט זי געיאָמערט און געשריִען.

דאָס קינד האָט הויך געוויינט.

פונעם טויער בא אמטשיסלאַווסקיס קלייט האָבן זיך דערהערט דראָענ־דיקע אויסגעשרייען, מע האָט געזיכערט, אז באלד וועט רינען בלוט. עמעצער האָט, ווײַזט אויס, פון יענער זײַט טויער פעסט דיריזשירט און געוויזן, וואָס מע דארף טאָן. נאָר אָט זײַנען צום טעאטער געקומען צו לויפן יאנקאָ און מאגאלניק, יאשע בוביס און ליאָניע לאנדע, וועלכע האָבן דאָך ניט באוויזן צו זען ביזן סאָף די פאָרשטעלונג, וואָס מע האָט געוויזן בא דער אפטייק אפן ראָג פון דער טיראספאָלסקער גאס. איליושע האָט אויך געמאכט עטלעכע שפאן און מיט איין שטויס באפרײַט מאָטיען פון בעטיעס הענט, דערבײַ האָט ער זיך צעשריִען אזוי, ווי גלײַך ער וואָלט איר נאָכגעמאכט.

— פארוואָס מוטשעט איר אים אזוי? — האָט איליושע געשריִען. — צי דען זעט איר ניט, אז ער פאלט פון די פיס?

ער האָט צוגענומען בא מאָטיען דאָס קינד און עס אראָפּגעלאָזט אף דער ערד. די ארטיסטן האָבן אונטערגעכאפּט מאָטיען אונטער די הענט און געהאָלפן אים זיך אופצוהייבן אף די טרעפּ. איליושע איז געבליבן שטיין בא דער טיר, מיט א געניט אויג האָט ער אָפּגעשאצט די לאגע און א זאָג געטאָן צו בעטיען, וועלכע איז שוין געווען גרייט צו א נײַעם אָנגריף:

— נעמט, מאדאם, דאָס קינד און גייט זיך מיט אײַער וועג. קאָלזמאן מע לאָזט אײַך נאָך אָפּ! אויב איר וועט באשליסן איבערצוכאזערן דעם קאָנצערט, בעטן מיר אײַך, אז איר זאָלט אונדז באצײַטנס געבן צו וויסן!..
און איר, וואָס האָט איר זיך פארזאמלט דאָ? אף וואָס וואַרט איר? — האָט ער אופגעהויבן דעם קאָפּ און א געשריי געטאָן צום אוילעם, וואָס האָט זיך פארזאמלט פון יענער זײַט ברוק בא אמטשיסלאַווסקיס מאגאזין. — דער קאָנצערט, מײַנע הערן, האָט זיך פארענדיקט! אצינד צעגייט זיך, ווי זאַלץ אין וואסער. צי עפּשער מיינט איר, אז באלד וועט צו אײַך ארויס־קומען מוסיו פּוקס?

ער האָט געוווּסט, איליושע, וואָס מע דארף זאָגן! בעטיע האָט געכאפּט דאָס קינד און געדראָעט מיטן פויסט.

— נישקאָשע! — האָט זי געשריִען, — איך וועל נאָך קומען צו אײַך!

— ביטע, מאדאם, ביטע! — האָט איליושע צו איר א פאָך געטאָן מיט דער האנט און איז פארשוווּנדן פון יענער זײַט טיר.

אין איין אָטעם איז ער ארופגעשפּרונגען אף די טרעפּ און זיך אָפּגע־שטעלט לעבן דער צעפּראלטער טיר פונעם גרויסן פאָיע, ווי מע זאָל אים האָבן פארבאָטן ארײַנצוקומען אהער. אף דער ברייטער פענצטער־ברעט איז געלעגן מאָטיע ברען און מיט א פוסטן בליק געקוקט אף דער סטעליע,

פון וועלכער עס איז אראָפּגעהאנגען א געדיכטע נעץ פון פארשטויבטן שפּינוועבס. צוקאָפּנס בא אים איז געזעסן פרומע איסײַעוונע און, ווי פריִער, געווישט מיטן נאסן נאָזטיכל דאָס פארטריקנטע ריטשקעלע בלוט. ליובע איז געשטאנען איבער אים, געבעטן:

— נאָר עס איז דאָך נאריש, מאָטיע! וואָס וועט איר דאָ טאָן איינער אליין? יאשע און איך בעטן אײַך: פאָרט אריבער צו אונדז, כאָטש אף עטלעכע טעג, איר זײַט דאָך קראנק...

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אז איך בין קראנק? — האָט מאָטיע פּראָטעסטירט און ניט אָפּגעווענדט דעם בליק פון דער סטעליע.

יאנקאָ האָט שטילערהייט אײַנגערוימט אלעמען א סאָד:

— זיי האָבן אים געוואָלט דערהארגענען!

— וואָס סוידעט איר זיך דאָרט? — האָט מאָטיע געפרעגט. — איר ווילט פארריידן דעם הונגער? שיקט בעסער נאָטען אין גאָרקיך.

— ער האָט זיך דערמאָנט! — האָט א בורטשע געטאָן יאנקאָ. — די קיך האָט מען פארמאכט מיט פיר שאָ צוריק. באלד איז שוין אָוונט!

— ווו איז ער, נאָטע? ווער ווייסט, ווו ער איז? — האָט אילויושע געוואָלט ויסן.

— די טאלאָנען זײַנען דאָך בא אים! — מאָטיע האָט זיך אָנגעשטרענגט, געוואָלט אופהייבן דעם קאָפּ. פרומע איסײַעוונע האָט אים אונטערגעהאלטן מיטביידע הענט.

— געפונען פון וואָס צו ריידן! — האָט זי געמוסערט אילויושען.

— מיסטאמע וועט ער זיך באלד באווײַזן, נאָטע!

— מע זאָגט, אז פאר גוטס צאָלט מען מיט שלעכטס, — האָט מאָטיע גערעדט מיט זיך אליין. — נאָר מיר האָבן דאָך קיינעם אזויפיל גוטס ניט געטאָן!

די מידקײַט האָט אף א צײַט פארטריבן אפילע דעם הונגער. עס האָט זיך געוואָלט זיצן אומבאוועגלעך און שווײַגן.

בלאָנדזשענדיקע שאָטנס האָבן גענומען אָנפילן די גרויסע פּאָיע. די סטעליע און די ווענט האָבן אָנגעהויבן צו פארלירן זייער קאָליר. די מאָרעשכוירע האָט אלעמען און אלץ ארומגערינגלט... ליובע איז נאָך אלץ געשטאנען צוקאָפּנס בא מאָטיען און געבעטן:

— נו, כאָטש אף הײַנט קומט צו אונדז! איר וועט זיך אָפּרוען בא אונדז!
מאָטיע האָט זיך אופגעהויבן, געבליבן זיצן.

— אָט איז דער טאָג פארבײַ אין... פריידן! — האָט ער געקוקט אין פענצטער.

— וואָס זשע וועט ווײַטער זײַן? — האָט געפרעגט ליאָניע לאנדע.

— און ווײַטער וועט זײַן פייסעך! — האָט געענטפערט מאגאלניק.

— וואָס זשע זיצט איר דאָ אלע, פרײַנט מײַנע? — האָט זיך מאָטיע געווענדט צו אלעמען, ווי גלײַך ער האָט ערשט איצט באמערקט, אז די אקטיאָרן זיצן אין פּאָיע. — מיר שײַנט, אז הײַנט איז שוין שפּעט אָנצוהייבן די רעפּעטיציע, כוץ דעם, האָבן מיר הײַנט קיין מיטיק ניט געגעסן, אלע זײַנען מיד, דארף מען מאכן אן איבערײַס ביז אינדערפרי! און איר

זיצט דאָ? וואָס איז דאָס זיצעניש?.. גייט אהיים, רוט זיך אָפּ! מאָרגן וועלן מיר זיך צונויפנעמען אזייגער אכט אינדערפרי. א גוטע נאכט!

— בעקיצער, ווער עס האָט א היים, גייט אהיים! — האָט דערקלערט מאגאלניק. — מאָרגן וועט זײַן א נײַער טאָג, וועלן זײַן נײַע געשלעגן!

— און ווי האלטסטו, אילױשע, — האָט זיך שטארק אינטערעסירט יאַנ־קאָ, — מאָרגן וועט מען אונדז אָפּגעבן דעם מיטיק פאר די הײַנטיקע טאָ־לאָנען?

— לאָמיר דערלעבן ביז מאָרגן, וועלן מיר זען! וואָס דארפן מיר אזוי ווײַט פארלױפן? — האָט אילױשע אוועקגעמאכט מיט דער האנט.

*

...ערגעץ אפן ראַג האָט זיך אָנגעצונדן א לאמטערן, און אין פּאָיע איז געוואָרן שטאָקפינצטער. אונטער דער סטעליע האָט זיך באוויזן א העלער פּאס — א ווײַטער אָפּשײַן פונעם גאס־לאמטערן, א לענגלעכער און אומ־רויִקער. אין פּאָיע איז שוין לאנג קיינער ניט געווען און אלץ איז אײַנגע־זונקען אין פינצטערניש. מאָטיע האָט זיך אויסגעבעט אינעם קליינעם אדמיניסטראטאָרישן צימערל אפן טיש, אונטערגעלייגט צוקאָפּנס עליעס זאק, אן אָנגעשטאָפּטן מיט שמאטעס. אהער איז ליובע געקומען מיט א פולן טשײַניק הייסער טיי און מיט א לעמעשקע, וואָס זי האָט אפגיך אָפּגעקאָכט אין דער היים, די לעמעשקע איז געווען אײַנגעוויקלט אין א האנטעך — א הייסע. זי איז שוין פון לאנג אוועק, ליובע, נאָר מאָטיע האָט אלץ ניט געקענט אײַנשלאָפן. דער טיש איז אים געווען קורץ און האָט געסקריפּעט אונטער אים. די פיס זײַנע זײַנען געהאנגען אינדערלופטן. סאָפּקאָלסאָף איז עס אים נימעס געוואָרן און ער איז אראָפּ פונעם טיש, ארויסגערוקט אים אין פּאָיע און אליין זיך אויסגעצויגן אפן דיל. ס'איז געוואָרן געראם און באקוועם. מאָטיע האָט זיך נאָך איין מאָל אופגעהויבן צו עפענען די טיר, מאכמעס אין צימערל איז געווען דושנע, ווידער זיך אוועקגעלייגט אפן דיל, ברייט צעוואָרפן די הענט און מיטן נאקן זיך אײַנגעטוליעט אינעם ווייכן זאק. קיין ווייטעק האָט ער שוין ניט געפילט.

ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, און פאר אים האָבן איינע נאָך דער אנדערער געשוועבט סצענעס פון סעגאלס וואָדעוויל „די מומע יענטע מיט דער רויטער לענטע".

אָט דאכט זיך אים אויס, מאָטיען, אז באנאנד מיט אים געפינט זיך נאָך עמעצער. ער הייבט אוף דעם קאָפּ, און מיט פארשלאָפענע אויגן זוכט ער עמעצן אין דער פינצטער. לעכאטכילע זעט ער קיינעם ניט, ווײַל די אויגן־לעפּלעך זײַנען שווער און קאָנען זיך ניט עפענען, נאָר פילן פילט ער, אז איבערן דיל שפּאצירט ארום א ווינטל און איבער אים שוועבן שאָטנס. ער וויל שטארק שלאָפן. אָט־אָט וועט דער קאָפּ זײַנער ווידער אנידער־פאלן אפן זאק. ער כאפּט א קוק אוף דער טיר, דאָרט טראָגט זיך א האמוין אין א ווילדן טאנץ. מאָטיע טוט א ציטער, פארמאכט די אויגן. דער האמוין ווערט פארשוווּנדן... אנטקעגן אים, אפן דיל, זיצט אסיע און קוקט אים גלײַך אין די אויגן ארײַן. זי שמייכלט, און דאָס מויל אירס, די פײַכטע ליפּן אירע זײַנען אָפן.

ער שטרעקט אויס די הענט און ווײַל זיך איבערצײַגן, אַז עס איז מער ניט ווי אַ כאָלעם, אָט וועט ער אָנטאַפּן די לופט, נאָר ער שטויסט זיך אָן אָף אַסיעס האַנט און דריקט זי שטאַרק צום שלייף. זי טוט זיך אַ וואָרף צו אים און לייגט אויך איר קאָפּ צו אים אָף די קני.

אַ גאַנצע מינוט שווײַגן זיי, צי עפּשער גאָר אַ גאַנצע שאָ.

— באַטאָג וואָלסטו ניט געקומען? — פרעגט ער און כידעשט זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט איר פאַרגעבן אַזאַ נאַרישע פראַגע.

— נע־ע! — שאָקלט זי מיטן קאָפּ.

— און באַנאַכט, וואָס? — לאַכט ער.

— באַנאַכט זעט מען ניט, — רוימט זי אים אײַן אַ סאָד און גיט צו פאַרשטיין. — קאָנסט זיך מיר אַפּילע ניט באַווײַזן, נאָר וויסן דאַרף איך, אַז דו ביסט לעבן מיר.

זי עטעמט הייס. מיט דער שטײַפער ברוסט רירט זי אָן זײַן פּאָנעם. דאָס פּײַכטע מויל אירס איז, ווי פריִער, אָפן. זי האָט זיך געקליבן עפּעס זאָגן, נאָר שוין ניט באַוויזן...

די טונקעלע שאָטנס זײַנען געוואָרן בלוי.

אַסיע זיצט באַנאַנד מיט מאָטיען אָפן דיל. אין דער טונקעלער בלויקײַט באַקומען אירע אויגן אַן אומבאַשטימטן קאָליר — פון זיי ציט מיט וואַרעמקײַט. „ווען מע זאָל קאָנען דאָס גאַנצע לעבן עטעמען מיט אָט דער לופט” — טראַכט מאָטיע...

— אויס! מער גיי איך פונדאַנען ניט אוועק! — שעפּטשעט אַסיע אים אין אויער און באַהאַלט דעם קאָפּ אָף זײַנע קני.

— וווהין קאָנסטו דען אוועק? — כידעשט ער זיך.

די דאָזיקע פראַגע פאַרדריסט זי עטוואָס, נאָר זי שווײַגט. וווהין קאָן זי דען אוועק? וווהין זי וועט וועלן...

מאָטיע האָט ניט אַרויסגעלאָזט איר האַנט, געגלעט יעדער פינגער באַזונדער.

— זון, זון! — האָט זי שטיל געפּליסטערט, — פאַרוואָס זשע זוכסטו ניט?

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער דאַרף עס בא איר זוכן. נאָר אַסיע שווײַגט, זי האָט אופגעהויבן די צווייטע האַנט, אונטערגעשטופּט זי צום סאַמע פּאָנעם:

— זון! זון! — פּאָדערט זי. — האָסט טאַקע ניט געפונען? — רייצט זיך אַסיע און לאַכט.

— איך האָב גאָרנישט ניט געזוכט, — פאַרענטפערט זיך מאָטיע און דערמאָנט זיך פּלוצעם וועגן פינגערל מיטן רובין, וואָס ער האָט אַמאָל אָנגעטאַפּט אָף איר פינגער. דוכט זיך, אָף אָט דעם פינגער.

ער זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פילט, ווי איבערן דיל שפּאַצירט שוין ווידער אַ ווינטל.

— איך האָב גאָרנישט ניט געזוכט! — פאַרזיכערט ער זיך אַליין.

— דערציילן! — לאַכט זי הייזעריק און שטרעקט אויס צו איםביידע הענט.

— כ׳האָב געהערט, — אנטפּלעקט זי אים א סאָד, — אז אצינד וועט דער טעאַטער זיך עפענען שוין גאָר אינגיכן, יאָ?

— יאָ, איצט שוין גיך!

— דו וועסט זיך ניט אויסדרייען פון מיר! — האָט זי אים געדראָעט. — סײַווי וועסטו זיך ניט אויסדרייען! זאָג... און אויב איך וועל דיך בעטן...

— וואָס? — האָט ער זיך אינטערעסירט צו וויסן.

— אויב איך וועל בא דיר פרעגן, וואָס פאר א ראָל וועסטו מיר געבן?

מאָטיע האָט א צײַט געשוויגן, דערנאָך א פרעג געטאָן:

— און... „איך האָב קיין לאָמפּ ניט אָנגעצונדן״ געדענקסטו נאָך?

— דאָס איז אן אלטע ליד. איצט זינגט מען אנדערע, — האָט אסיע אוועקגעמאכט מיט דער האנט. — דו שווײַגסט? פארוואָס ענטפערסטו מיר ניט? — איז זי צוגעשטאנען צו אים. — צי עפּשער טויג איך ניט פארן טעאַטער?

מאָטיע האָטווירקלעך געשוויגן. דאָס איז געווען א שלעכטער סימען. זי האָט אָנגעכאפּט זײַן האנט, צוגעצויגן אים צו זיך, ווידעראמאָל געפרעגט:

— צי עפּשער טויג איך ניט פארן טעאַטער?

— אצינד איז גאָר אן אנדער טעאַטער, ניט דער, וואָס דו געדענקסט, אצינד דארף מען גאָר אנדערש...

אסיען האָט זיך אויסגעדאכט, אז ער האָט שווער אָפּגעעטעמט.

— וואָס זשע פאר א טעאַטער איז אצינד? — האָט זי געקוקט אפּן דיל. — אוועלכער דארף ער זײַן?

מאָטיע האָט ניט געענטפערט, ער האָט געפּרוּווט זיך אָפּוווענדן פונעם געשפּרעך. אסיע האָט אָבער אלץ געפאָדערט אן ענטפער:

— אוועלכער?

— אצינד דארף מען בויען דעם טעאַטער מיט ריינע הענט! — האָט ער זיך צוגעשפּארט צו דער וואנט.

אסיע האָט זיך אופגעהויבן, געמאכט צוויי שפּאַן אין דער פּינצטער און זיך אָפּגעשטעלט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

זי איז געשטאנען בא דער אָפענער טיר. עפּעס האָט זי אָפּגעטרייסלט פון זיך. עס האָט זיך איר געוואָלט שרײַען. זי האָט מיט ביידע הענט פארשטעלט דאָס פּאָנעם, און נאָכדעם איז זי לאנגזאם אוועק צו די טרעפּ.

מאָטיע האָט נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באוועגונג אירער. ער האָט זיך א לאָז געטאָן צו איר, אָנגעיאָגט זי שוין בא די טרעפּ.

— גייסט אוועק? — האָט ער איר פארגעבן א פּוסטע פראַגע.

— רעכן, אז איך בין קלאָל ניט געקומען, — האָט זי אים געייצעט.

— באַטראַכט זיך, אסיע, — האָט ער אויסגעשטרעקט צו איר די הענט. זי האָט אים אָפּגעשטויסן.

— גיי ניט צו נאָענט! — האָט זי געפאָדערט און שוין פון די טרעפּ א געשריי געטאָן:

— טראַכטן וואָלט דיר אויך ניט געשאַדט.

מאָטיע איז נאָך לאנג געשטאנען אין דער פּינצטער און געוואַרט אף עפּעס. אף וואָס? אז אסיע זאָל זיך אומקערן?

קאפיטל זעכצן

די גענעראלע רעפעטיציע

די גענעראלע רעפעטיציע איז אויסגעפאלן אף שאבעס. ווען עס האָט גענומען שארײַען אף טאָג, איז שוין אין דער „קאָמעטאַ״ געווען ראשיק. יעדערער האָט עפּעס געטאָן, ערגעץ געלאָפן, פון ערגעץ זיך אומגעקערט. ארבעט האָט געקלעקט פאר אלע־מען. אָנגעהויבן האָט מען דערפון, וואָס אלע צוזאמען האָבן געוואשן די דילן, די טרעפּ (ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אז זיי זײַנען מאר־מאָרנע). מ'האָט געוואשן די בינע, די פענצטער, די טירן — מיט איין וואָרט, אלץ זאָל פינקלען. נאָכדעם האָט יעדער איינער פאנאנדערגעקליבן דעם רעקוויזיט, און אלעמאָל האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עמעצן פעלט עפּעס, און אז אָן דעם עפּעס בלײַבט ער ווי אָן וואסער. ווען אלע האָבן שוין געהאט אלץ, וואָס מע דארף, האָט מען אָנגעהויבן צושטיין צום סופליאָר, צו מיר, הייסט עס, ארומגענומען מיך, געהאלדזט און געבעטן מאמעשע מיט טרערן: „זע זשע, טײַערינקער, פארגעס ניט, אז צום סאָף פונעם ערשטן אקט האָב איך א בולבע! אויב דו וועסט מיר ניט דערלאנגען די ווערטער, איז בעסער נעם א מעסער און שטעך מיך! זײַ א מענטש! קוילע מיך ניט!״. אויב מאָטיע ברען איז געווען דערבײַ, האָט ער געשרײַען און געהודעט, געדראָעט, אז ער וועט קלאל ארויסטרײַבן דעם סופליאָר, און אז קיינער זאָל ניט וואגן זיך ווענדן מיט קיין שום ביטעס צו אים.

— אזוי טאקע זאָלסטו טאָן! — האָט מאָטיע געשרײַען. — אויב זיי קאָנען ניט קיין איורע, זאָלן זיי גיין פוצן שטיוול!

פונקט אכט אינדערפרי איז צום טעאטער צוגעפאָרן א דראָשקע, וואָס האָט געבראכט קוסטאנאָוויטשן און זײַן אסיסטענטקע, וועלכע האָט אים געהאָלפן אין דער ארבעט. זי האָט געטראָגן דעם טשעמאָדאן מיט די פאריקן, צוגעפאסט זיי לויט דער מאָס, געברענט פּראָבקעס און מיט דער סאזשע געמאָלט ברעמען, וואָנצעס, פּייעס, צוגעמאָסטן און געשטוקעוועט וואטע־קישעלעך און ביכלאל באוויזן ניסים: א מאָגערער, אויסגעדארטער אקטיאָר איז מיט דער הילף פון די דאָזיקע קישעלעך געוואָרן דיק, מיט א בויך און מיט א קארק. עמעס, די וואטע און די קישעלעך זײַנען געווען שטארק שמוציק. זיי האָבן געדינט, ווײַזט אויס, ניט איין יאָר דעם בא־רימטן טעאטראלן פאריקמאכער.

דער פאקט אליין, אז קוסטאנאָוויטש איז געקומען צו פאָרן אין „קאָ־מעטאַ״, האָט איבערראשט אייניקע אקטיאָרן, און ווען ער האָט זיך אופגע־הויבן אף דער בינע, זײַנען אלע אופגעשטאנען, ווי עס קומט פאָר אין קאזארמע, ווען עס באווײַזט זיך א גענעראל. נאָר איין אליושע האָט זיך געהאלטן פרײַ. ער האָט פּאָשעט זיך באגריסט מיטן באוווסטן פאריקמא־כער און ווי אן אלטן באקאנטן אים פאָרגעשטעלט דעם קאָלעקטיוו אק־טיאָרן.

— אָט דאָס, כּאַוער קוסטאַנאָוויטש, איז אונדזער סופּליאַר, אים קאָנט איר פֿאַרגרימירן, ווי איר ווילט געפֿינען פֿאַר נייטיק!

דאָס וואָרט „כּאַוער", ווײַזט אויס, האָט ניט שטאַרק אויסגענומען באַם „מאַעסטראָ", נאָר דאָך האָט ער צוגעבאָמקעט, געשמייכלט און דערבײַ באַוויזן אַ פֿול מויל מיט קימאַט ווײַסע יאַסלעס, אין וועלכע עס האָבן געסטאַרטשעט גרויסע שיטערע געלע ציין. ער האָט מיטן קליינעם פֿינגערל פֿון דער לינקער האַנט אַ קראַץ געטאָן די ברעם און בעשאַסמײַסע באַטראַכט די אַקטיאָרן, וועלכע זײַנען געשטאַנען פֿאַר אים אויסגעצויגן.

— זייער צופֿרידן, מײַנע הערן! זייער צופֿרידן... — און דאָס מאָל אַ שמייכל געטאָן בלויז צו איליושען. — און מיך רופֿט מען סאַוועלי מאַרקאָוויטש! ביטע! — האָט ער זיך אַ בייג געטאָן שוין צו אַלעמען.

— אין „קאָמעטאַ", געדענק איך, האָב איך גרימירט קלאַרע יונג, זי איז דעמלט צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אינעם „זעקסטן ווײַב". אַך, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן, אין טעאַטער, מײַנע הערן! ס'איז ניט איבערצוגעבן. קראַכמאַלניקאָוו האָט באַשטעלט אַכט ערטער אין דער ערשטער ריי און האָט צוגעשיקט אַ טשעק אויף אַ הונדערטער, גוראַריע האָט צוגעשיקט דעם סעקרעטאַר זײַנעם מיט אַ נײַער, קנאַקנדיקער „קאַטערינקע"! אָט אַזוי!

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, אויף וועלכן זײַן אַסיסטענטקע האָט פֿאַרנאַנדערגעלייגט די פֿאַריקן.

— נו, פֿון וועמען וועט איך באַפֿוילן אָנצוהייבן?

— אַנו, באַווײַזט, וואָס איר קענט! — האָט מאַגאַלניק אונטערגעשטעלט זײַן פּאָנעם.

קוסטאַנאָוויטש האָט זיך קוים־קוים צוגערירט מיטן פֿינגער צום אַקטיאָרס נאָז, דורכגעפֿירט אַ פּאַסיקל לעבן מויל און געבעטן מאַגאַלניקן, ער זאָל זיך באַווײַזן די אַקטיאָרן.

אַלע האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. וואָס מער מע האָט געקוקט אויף מאַגאַלניקן, אַלץ שטאַרקער האָט מען געלאַכט. עס איז געווען אומפֿאַרשטענדלעך, ווי אַזוי קאָן מען מיט צוויי קוים באַמערקטע פּאַסיקלעך אַזוי ענדערן, פֿאַרקריפּלען אַ פּאָנעם פֿון אַ נאָרמאַלן מענטשן, מאַכן פֿון אים אַן אויסגעשפּראָכענעם טיפּעש. מאַגאַלניק, פֿאַרשטייט זיך, האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרוואַנדלונג ס'איז מיט אים פֿאָרגעקומען, און געלאַכט צוזאַמען מיט אַלעמען, דערמיט האָט ער אויסגעזען נאָך נאַרישער. די אַרטיסטן האָבן זיך געהאַלטן באַ די זײַטן.

פֿון הינטער די קוליסן האָט זיך דערטראָגן דאָס שטילע געוויין פֿונעם פֿידעלע. דער פֿאַרהאַנג האָט שוין פֿעסט אָפּגעטיילט די בינע פֿונעם צושויער־זאַל. נאָטע קאָפּ האָט זיך געטראָגן פֿון דער בינע אין זאַל און פֿונעם זאַל אויף דער בינע און אַלעמאָל געבראַכט צו טראָגן אַ פֿרישע נײַס. איבער דער בינע האָבן שוין גאַנץ וואַזשנע אַרומגעשפּאַנט פֿאַרגרימירטע, אַנדערש געוואָרענע מענטשן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם שטיק שפּיגל־גלאָז, קעדיי נאָכאַמאָל אַ קוק צו טאָן אויף זיך. און געווען איז יעדן אַזוי גרינג, אַזוי ליכטיק אויף דער נעשאָמע, ווי באַ קליינע קינדער, ווען מע שענקט זיי ליבע מאַטאָנעס, אויף וועלכע זיי האָבן לאַנג

געוואַרט, און געווען זײַנען אַלע אַזוי שטאָלץ און גליקלעך ווידער טאַקע ווי קינדער, וועלכע מע האָט צום ערשטן מאָל אוועקגעזעצט באַם טיש צוזאַמען מיט די עלטערע בײַס אַ גרויסן יאָמטעוו.

דער ערשטער גאַסט, וואָס איז געקומען באַגריסן זײַנע קאָלעגן, איז געווען איוואַן מאַטווייעוויטש באַנדורענקאָ, דער טרײַער פרײַנט פון אונדזער טעאַטער. ער אַליין האָט זיך געפילט, ווי עס זאָל זײַן זײַנער אַ יאָמטעוו, ער האָט אַלעמען געווונטשן און פאַרגעזאָגט דערפאָלג און טאַקע אונטערגעשטעלט אַן אַקסל, ווו מע האָט באַדאַרפט: געהאָלפן אויסשטאַטן די בינע, פאַר עמעצן געפּרעסט דאָס רעקל, עמעצן צורעכט געמאַכט די שוועראַנגעפּאַרבטע ברעמען, און צוזאַמען מיט אַלעמען איז ער געווען גליקלעך.

דער צושויער־זאַל איז בעשאַסמײַסע פול געוואָרן מיט אוילעם — גלײַך עס זאָל פאָרקומען ניט באַטאָג, נאָר אין אָוונט, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווען ניט קיין גענעראַלע רעפּעטיציע, נאָר די פאָרשטעלונג. נאָטע קאָפּ איז אַלעמאָל געלאָפן איבערן זאַל, אַרײַנגעכאַפּט זיך הינטער די קוליסן און אײַנגערוימט מאָטיען בעסאָד אַ גאָר וויכטיקע נײַס:

— פונעם זאַוואָד „כוואָראָסטין” איז געקומען פיקוליק אַליין און האָט געבראַכט מיט זיך נאָך פיר מענטשן.

— די מעלוכישע טאַבאַק־פאַבריק, צוועלף פאַרשוין, זיי האָבן פאַרנומען אַ גאַנצע רײ.

— פון קאָנסאַמאָל איז געקומען אַ מענטשן צוואַנציק, נאָכדעם זײַנען געקומען נאָך זעקס...

מאָטיע איז געווען אויסער־זיך. ער איז געווען גרייט אַראָפּ אין זאַל און אַלעמען באַפוילן פאַרלאָזן דעם טעאַטער. נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן, ווײַל קוסטאַנאָוויטש האָט שוין אויך אים אויסגעפּאַרבט דאָס פּאָנעם.

— פונוואַנען האָבן זיי זיך דערוווּסט? ווער האָט זיי דערציילט? — איז ער אָנגעפאַלן אַף נאָטע קאָפּ.

— אָט אַזוי דערוויסט מען זיך! — האָט מאָטיע פּלוצעם דערהערט אַן ענטפער אַף זײַן באַרויגעזער פראַגע און דערזען פאַר זיך וויקטאָר איוואַנאָוויטשן. דער נאַטשאַלניק פונעם פּאָליטפּראָסוועט באַם גובערעווקאָם איז געווען פײַערלעך געשטימט, ער איז געקומען אַף דער בינע, קעדיי באַגריסן די אַקטיאָרן:

— דער אוילעם האָט זיך אויסגעהונגערט. אין שטאָט זײַנען קימאַט ניטאָ קיין טעאַטערן. דער ווינטער איז געווען אַ שווערער, אַלע טעאַטערן — געשלאָסן. וואָס זשע איז דער וווּנדער? — און פאַרענדיקט האָט ער מיט אַ שמייכל: — אָט טאַקע צוליב דעם האָב איך אָפּגעלייגט אין אַ זײַט אַלע מײַנע איניאָנים און, ווי אַ יינגל, געקומען צו לויפן אין טעאַטער. האַקלאַל, כ׳וועל אײַך ניט שטערן, כ׳ווינטש אײַך און בין זיכער אין אײַער דערפאָלג!

ער האָט אופגעהויבן ביידע הענט איבערן קאָפּ, זיך פאַרנייגט פאַר די אַקטיאָרן און אַראָפּ אין זאַל.

דערפאָלג. וואָס זשע איז עס אַזוינס, דערפאָלג?

אין „קאַמעטאַ"־טעאַטער איז געשען אזוי: ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער אקט, ווען דער גאנצער זאַל האָט אפן אלטן שטייגער גע־פּאַטשט מיט די הענט און צופרידן געשריִען, איז אַף דער בינע ארופגע־שפּרונגען דער געוועזענער שטאָלגיסער פונעם „כוואַראַסטין"־זאוואָד פּי־קוליק, וואָס איז געוואָרן דער ערשטער רויטער דירעקטאָר פונעם פּראָ־לעטאַרישן זאוואָד, און געפּאָדערט, אז אלע זאָלן שטיל ווערן, מאכמעס ער, שלוימע פּיקוליק, וויל זאָגן עטלעכע ווערטער. דאָס האָט זיך אים איַינגעגעבן, אָבער ניט מיטאמאָל. נאָר שלוימע האָט געקאָנט, ווען ער האָט געוואָלט, איבערשריַיען אלעמען. דאָס מאָל האָט ער ניט געשריִען, נאָר געוואַרט, ביז אין זאַל וועט ווערן שטיל. ווען ער האָט באקומען די מעגלעכקייַט צו ריידן, איז ער צוגעגאנגען ביז צו דער ראמפּע (אלץ באם אָפענעם פאָרהאנג), האָט באטראכט דעם זאַל מיט א בארויגעזן בליק, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט אזוי:

— ווי איך זע, איז אייַך געפעלן! ווערליק איך פאַרשטיי, זייַט איר אלע צופרידן! אָבער איך פרעג, צי האָט כאָטש איינער פון אייַך א טראכט געטאָן, אז אין אָט דעם טעאַטער, — ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אַנגעוויזן אַף דער בינע, — האָט כאָטש עמעצער פון אייַך באדאַרפט זען, אז אהער זאָלן קומען די מאמעס — יאַשע רויפמאנס, וואסיע פּעטרענקאָס, דאַרע ליובארסקעס, באַריע טוראָוועקיס... און ניט נאָר זייערע מאמעס — זייערע ברידער און שוועסטער, זאָלן זיי וויסן, אז זייערע קינדער זייַנען אונדזערע קינדער, אז זייערע ברידער און שוועסטער זייַנען אונדזערע ברידער און שוועסטער, אז מיר געדענקען וועגן זיי, אז מיר וועלן וועגן זיי דערציילן אונדזערע קינדער און קינדסקינדער! אז מיר וועלן זיי קיינ־מאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן!

אין זאַל האָט זיך אופגעהויבן אזא שטורעם, אז מע האָט געקאָנט טויב ווערן. אלע צושויער האָבן שטייענדיק אַנגעהויבן אפּלאָדירן, שריַיען, דערביַי האָט זיך די מערהייַט א לאָז געטאָן צו דער בינע, יעדער איינער האָט געוואָלט, אז די אקטיאָרן זאָלן דערהערן דאפקע זייַן געשריי.

פּיקוליק האָט נאָך צוגעגעבן:

— אצינד, כעווורע, ציט ניט די נעשאָמע! הייבט גלייַך אָן דעם צווייטן אקט!

דער גאנצער זאַל האָט אונטערגעכאַפּט די ביטע און אַנגעהויבן סקאַנ־דירן:

— דאַ־יאָש דעם צווייטן! דאַ־יאָש דעם צווייטן!

מאָטיע און אילייושע זייַנען געשטאַנען ארומגענומען אין סאמע ווינקל פון דער בינע און געקוקט אפן שטורעמדיקן זאַל. זיי זייַנען געווען אזוי איבעראשט, אז צו זייער באוווסטזייַן איז ווייניק וואָס דערגאנגען. אָבער גאָר גיך האָבן זיי זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף. דאָס איז פאָרגעקומען, ווען נאָטע קאָפּ, דער „פּראוולאיאושטשע, קאָמענדאנט און אדמיניסטראטאָר" פון „קאָמעטאַ"־טעאַטער, האָט זיך באוויזן אין זאַל מיט צוויי בענקלעך, וועלכע ער האָט געטראָגן הויך איבערן קאָפּ און געשטויסן אלעמען, מאכמעס עס איז געווען זייער ענג. פאַר וועמען האָט עס אזוי נאָטע קאָפּ? — האָבן געוואָלט וויסן מאָטיע און אילייושע. און אָט האָבן זיי דער־

זען, ווי אינעם דורכגאנג האָבן זיך מיט מאטערניש דורכגעשטופּט מאָריץ מאָסייעוויטש סעגאַל און מיקע טולקיס.

פאַר זיי האָט עס נאָטע צוגעגרייט די בענקלעך.

דער טעאַטער האָט אַלץ געשטורמעוועט:

— דאַ־יאָש דעם צווייטן!

— דאַ־יאָש דעם צווייטן!

אין דער קאָנספּיראַטיווער דירע איז פּוסט. שפּעטער אָוונט, עס צאַנקט אַ קאַנעצל. אַלע אָנטיילנעמער פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע זײַנען אוועק. הײַנט דאַרפן זיי אויספּילן ביז גאָר אַ פּאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע. הײַנט איז אַ גרויסער יאָמטעוו — דער צווייטער יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דאָ אין דער דירע איז צוליב פאַרבינדונג געבליבן נאָר אידע קראַסנאָשטשאָקינאַ, קלוימערשט אַן איינזאַמע, קראַנקע פרוי. פון דער גאַס הערט זיך אַ פּײַפערײַ. דאָס באַטײַט, אַז גאָר נאָענט גייט אַן אַבלאַווע, די קאָנטרראַזוועדקע האָט אומעטום צעשטעלט אירע אַגענטן, וועלכע זוכן, נישטערן, אין גאַס טאָר מען זיך ניט באַווײַזן אין אַזאַ שפּעטער שאָ.

דער ערשטער קומט אומבאַמערקט באָריס טוראָווסקי. אפן דאַך פון עם הויז נומער 64 אף דער נאָוואָסעלסקער גאַס, ווו עס געפינט זיך די קאָנטרראַזוועדקע, פלאַטערט אַ רויטע פאָן. די פאָן האָבן דאָרט צוגעפעסטיקט יאשע רויפמאַן און וואַסיע פּעטרענקאָ, זיי זײַנען שוין בעשאָלעם אראָפּ פון דאַך, דורך די הויפן האָבן זיי באַוויזן אוועק אף דער טאָרגאָווער גאַס, און בא דער ערשטער מעגלעכקײַט וועלן זיי קומען אהער. ער, באָריס, איז אוועק פאָרויס, קאָנטראָלירן דעם וועג...

שפּעטער קומט דאָרע ליובאַרסקאַיאַ. זי איז געגאַנגען איבער דער נאָוואָסעלסקע און געזען, ווי עס האָט זיך דאָרט צעפלאַטערט די רויטע פאָן. זי האָט באַדאַרפט נאָכקוקן, וויאַזוי רעאַגירט מען אין שטאָט אף דער פאָן, וואָס האָט זיך באַוויזן אפן דאַך פון דער קאָנטרראַזוועדקע. זי דערציילט:

— פון אַלע זײַטן לויפן מענטשן. מע וויל זען מיט די אייגענע אויגן די פאָן. אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן אָן אַ צאָל נײַע רעוואָליוציאָנערע פלוגבלעטלעך. אף דער פּאָטשטאָווע גאַס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן אַ גרופּע יוגנט און עטלעכע דעניקינישע אָפיצערן...

איינציקווײַז קערן זיך אום די אַנדערע אָנטיילנעמער פונעם אונטערערדישן קאָמיטעט.

פון דרויסן דערטראָגט זיך אַ סיגנאַל, אַז ס׳איז איצט געפערלעך צו באַווײַזן זיך אף דער גאַס — מע דאַרף זיך פאַרטײַען.

שטיל. די אומרויִקע שטילקײַט געדויערט לאַנג, נאָר אָט האָט איינער פון די יוגנטלעכע אָנגעהויבן ציִען אַ ניגון אָן ווערטער, מיט אַ צוגעמאַכטן מויל. דאָס איז די באַליבטע ליד וועגן די קאָמונאַרן פונעם נײַנצנטן יאָר. איינציקווײַז שליסן זיך אײַן די אַנדערע, און אָט זינגען שוין אַלע. מע זינגט אָנגעשטרענגט און פאַרזיכטיק אַזוי, אַז קיין איין קלאַנג זאָל ניט

אַרויס פֿון יענער זײַט וואַנט און אַז קיין איין סיגנאַל, וואָס וועט קומען פֿון דרויסן, זאָל ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. און אָט דאָ האָט געטראָפֿן אַ וווּנדער:

די ליד, כאָטש ווי פֿאַרזיכטיק און שטיל מע האָט זי ניט געזונגען, איז אומבאַמערקט אַראָפּ פֿון דער בינע, אַראָפּגעגליטשט זיך אין פֿולגע־פּאַקטן זאַל צו די צערודערטע צושויער און איז מיטאַמאָל אונטערגעכאַפּט געוואָרן:

Под час-тым раз-рыв-ом гремучих гранат
Отряд коммунаров сражался.

לײַכט, ווי אויף פֿליגל, האָט זיך געטראָגן די ליד איבערן זאַל. געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס זינגען ניט די צושויער, נאָר אַ מעכטיקער כאָר, וואָס האָט לעכאָלהאָפּאָכעס אַ גאַנץ יאָר געלערנט די דאָזיקע ליד אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ כאָרמייסטער.

מיט דער ליד האָט זיך פֿאַרענדיקט דער צווייטער אַקט. דעם פֿאָרהאַנג איז אומעגלעך געווען צו פֿאַרמאַכן, ווײַל דער זאַל האָט פֿאָרגעזעצט דאָס געזאַנג. מע האָט געזונגען און אַפּלאָדירט איינצײַטיק. די אַרטיסטן זײַנען געשטאַנען אויף דער בינע און צוזאַמען מיט אַלעמען אַפּלאָדירט.

פֿון די הינטערשטע רייען האָט זיך מיט גרויסע מאַטערנישן דורכגע־שטויסן אַן אַלטער מאַן מיט אַ פּאַנעם פֿול אין קנייטשן. אויף דער שפּיץ נאָז איז בײַ אים געהאַנגען, און אַלפּי־נעס ניט אַראָפּגעפֿאַלן, אַ שווערע בריל מיט דיקע גלעזלעך. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער בינע, אויסגעווישט מיט דער דלאָניע דעם שווייס פֿונעם שטערן און לאַנג געפּאַכט מיט דער האַנט צו מאָטיע ברעזן. ווען מאָטיע האָט סאָפּקאָלסאָף באַמערקט דעם אַלטן, איז ער גיך צוגעגאַנגען צו דער ראַמפּע, אָנגעבויגן זיך צו אים און פֿרײַנטלעך אַ פּאַך געטאָן מיט דער האַנט. דאָס איז געווען זײַן אַלטער באַקאַנטער, דער ביבליאָטעקער סאָלאָמאָן קרישטאָל. דער אַלטער האָט, שווער עטעמענדיק, אויסגעשטרעקט ביידע הענט, אַרומגעכאַפּט מאָטיעס האַלדז:

— דו פֿאַרשטייסט כאָטש, וואָס דו האָסט באַשאַפֿן?..

מער ריידן האָט ער ניט געקאָנט — אין זאַל איז געשטאַנען אַ שטאַרקער טומל.

אינעם דריטן אַקט האָט געוועלטיקט פֿרומע איסײַעווונע, וואָס האָט גע־שפּילט די ראָל פֿון דער מוטער. אָנהייבנדיק פֿון איר ערשטער באַגעגעניש מיטן זשאַנדאַרמסקע פּאָדפּאָלקאָווניק פּירסאָוון און ענדיקנדיק מיט איר לעצטן מאָנאָלאָג, האָט די אַקטריסע געהאַלטן דעם עולם אין פֿיבערדיקער אָנשטרענגונג.

ניין, זי האָט ניט געשפּילט, פֿרומע איסײַעווונע, זי האָט געלעבט אויף דער בינע. זי איז געווען די מוטער, וואָס בענטשט איר איינציקן זון פֿאַרן טויט. זי האָט געוווּסט, אַז מער וועט זי אים שוין ניט זען, און האָט באַשטעטיקט מיט איר מוטערש האַרץ, אַז אַזוי איז ריכטיק! אַזוי דאַרף זײַן! פֿרומע איסײַעווונע האָט ניט געוויינט, ניט אָפּגעווישט שטילערהייט קיין טרער,

ניט אָפּגעווענדט פונעם זון איר געזיכט, נאָר יעדער פויזע אירע, יעדער בליק, די קוים־באמערקטע ציטערנדיקע האַנט, וואָס האָט זיך אויסגע־שטרעקט צום זון, צו איר קינד, און איז געבליבן הענגען אינדערלופטן, האָבן זיך איבערגעגעבן דעם צושויער. ניין, זי האָט ניט געשפּילט, פרומע איסײַ־עוונע. וואָס העכער עס איז די מײַסטערשאַפט פונעם אַקטיאָר, אַלץ ווייני־קער באמערקט מען זי, די מײַסטערשאַפט.

מאָטיע ברען, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער אינעם פינצטערן ווינקל הינטער די קוליסן, האָט קימאַט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז באַלד וועט דער פאָרהאַנג פאַלן. צום גליק, האָט זיך געטראָפן, אַז באַנאַנד מיט אים איז געשטאַנען יאַשע בוביס. באַביידן זײַנען די אויגן געווען רויט פון טרערן, ווײַל פון אַלע מענטשן, וואָס האָבן פאַרפולט דעם טעאַטער, פון אַלע צושויער, אַפילע פון די סאַמע פלאַמיקע טעאַטער־ליבהאָבער, זײַ־נען זיי געווען די אופמערקזאַמסטע, די סאַמע נאַיווע.

אין אַנטראַקט האָבן די צושויער, ניט אופהייבנדיק זיך פון זייערע פלעצער, ווידער געזונגען די ליד וועגן קאָמונאַרן־אַטריאַד:

Навстречу к ним вышел старик генерал,
Расправил усы и хохочет...

אַ קאַמערע אין טורמע. שפּעט באַנאַכט. די לעצטע מינוטן פאַרן מאָרד. נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג האָבן זיך ווידער צוזאַמען געטראָפן די פרײַנט. אײַנגיכן וועט מען זיי ווידער צעשיידן, איצט שוין אויף אייביק. נאָר ניט וועגן טויט, וואָס וואַרט אויף זיי, טראַכטן זיי. זיי זײַנען ווידער צוזאַמען, ווידער צוזאַמען!

נאָר די מינוטן אײַלן, די לעצטע מינוטן פון לעבן. וועגן דעם דערמאָנט דאָס אייגל אין דער טיר פון דער קאַמערע, וואָס עפנט זיך אַלעמאָל אויף; וועגן דעם דערמאָנען די שווערע טריט פונעם אופזעער אינעם טורמע־קאָרידאָר. עס שלאָגט דער שטאָט־זייגער.

אָט האָבן זיך שוין פאַרענדיקט די געשפּרעכן. די אַרעסטירטע זײַנען אַלע מיד, זייער מיד. שטיל. יעדער פון זיי פאַרבלײַבט מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע מאַכשאָוועס. וועגן וואָס טראַכטן זיי אין אָט די געציילטע רעגעס?..

און פאַר אַלעמענס אויגן שטייט אויף דאָס געשטאַלט פון דעם מענטשן, וואָס וועט אויסלייזן דאָס פאָלק פון די הענקערס. קיין שום טיר האָט זיך ניט געעפנט. עס האָבן זיך געשפּאַלטן די קוליסן, און ער איז דערשינען אין דער שײַן פון אַ ליכטיקן שטראַל, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער כאַשכעס פון דער טורמע. און אָט שטייט ער, אַ לעבעדיקער, דאָ. און פלוצעם ווערט לײַכט און קלאָר, אַז ער איז דאָ געווען די גאַנצע צײַט, ער איז געווען מיט זיי, מיט די פאַרורטיילטע, און ווען מע האָט זיי צונויפגענומען אין איין קאַמערע, איז ער — צוזאַמען מיט זיי אַלעמען.

אין זאַל, וווּ עס איז געשטאַנען אַ טויטע שטילקײַט, איז מיטאַמאָל גע־וואָרן טומלדיק — דאָס זײַנען אופגעשפּרונגען פון זייערע ערטער די צו־שויער.

עמעצער האָט אויסגעשריִען:

— זאָל לעבן לעניו!
דער אוילעם האָט זיך מיטאמאָל אויסגעגלײַכט און גענומען זינגען:

Вста-ва-ай, проклятьем заклейменный,
Весь мир голодных и ра-а-абов!
Кипит наш разум возмущенный...

דאָס האָט דער מעכאבער ניט פאָרויסגעזען, דער צושויער־זאַל האָט אף זײַן שטייגער אויסגערעדאגירט די פּיעסע!

Это есть наш последний
И решительный бой!..

וויקטאָר איוואנאָוויטש, וועלכער איז געשטאנען ערגעץ אין סאמע מיט זאַל, האָט זיך א לאָז געטאָן צו דער בינע. לאנג און גערולדיק געווארט, ביז ס׳וועט ווערן שטיל.

— דו ביסט גערעכט, כאווער פּיקוליק, — האָט ער זיך געווענדט צו די צושויער, — מע האָט באדארפט אהער אײַנלאדן די מוטערס, שוועסטער און ברידער פון יאשע רויפמאנען, פעדיע ספּיוואקן, וואסיע פעטרענקאָן, איז׳ע קראסנאָשטשאָקינא... אלע זייערע נאָענטע און קרויווים. דאָס דארף מען טאָן! נאָר הײַנט איז נאָך ניט געווען די פּרעמיערע, עס איז געווען בלויז א רעפּעטיציע, די פּרעמיערע וועט נאָך פאָרקומען, און דעמלט, האָף איך, וועלן אומבאדינגט אײַנגעלאדן ווערן אלע אייגענע און קרויווים פון אונדזערע העלדיש־אומגעקומענע קאָמסאָמאָלצעס!

איך האָב א קוק געטאָן אין זאַל און באמערקט צווישן די צושויער איוואן באנדורענקאָן. די אויגן זײַנע האָבן געגלאנצט, און אליין האָט ער אויסגעזען, ווײַזט אויס, גאָר פײַערלעך.

— דער רעווקאָם האלט, — האָט וויקטאָר איוואנאָוויטש פאָרגעזעצט, — אז די פּרעמיערע דארף מען ווײַזן דעם ערשטן מײַ. קיין בילעטן, מיין איך, דארף מען ניט פארקויפן, בעסער וועט זײַן, אז דער רעווקאָם צוזאמען מיטן טעאטער זאָלן צעשיקן די בילעטן אף די אונטערנעמונגען.

אין זאַל האָט זיך שוין ווידער אופגעהויבן א טומל, מע האָט ראשיק און לאנג אפּלאָדירט. וויקטאָר איוואנאָוויטש איז ווידער געשטאנען, דאָס מאָל מיטן זייגערל אין דער האנט, און האָט געווארט, ביז עס וועט ווערן שטיל.

— איך האלט, — האָט ער זיך געווענדט צו די ארטיסטן, — אז מע דארף די פּיעסע באווײַזן אויך פאר די קינדער.

ס׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א טומל, עמעץ האָט אויסגעשריגן:

— צום ערשטן מײַ וועט מען אף אונדזער זאוואָד אָפּרעמאָנטירן דעם קלוב, די ארטיסטן קאָנען אזויארום ווײַזן זייער פאָרשטעלונג גלײַך אפן זאוואָד!

וויקטאָר איוואנאָוויטש איז געשטאנען מיטן פּאָנעם צו די אקטיאָרן, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָנגעוויזן אפן זאַל און פאָרגעלייגט, אז זיי זאָלן זיך צוהערן צו די פאָרשלאָגן פון די צושויער, אויספילן זייערע ביטעס, נאָר די ארטיסטן זײַנען געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, אומבאמערקט געכאפּט א קוק אפן רעזשיסער — ער האָט באדארפט ענטפערן אף אלץ. די

אקטיאָרן האָבן באטראכט איינער דעם צווייטן, עס האָט אויסגעזען, אז זיי האָבן נאָך ניט פארשטאנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

און מאָטיע ברען? ער איז געשטאַנען ארומגענומען מיט זײַן פרײַנט און שוועער און ביטער וועגן עפּעס געקלערט. מיטאמאָל האָט ער זיך א קער־רעווע געטאָן צו איליושען און אים געשטעלט א מאָדנע פראגע:

— דו ווייסט ניט, ברודערקע, וואָס איז עס אזוינס רעאליזם?

קאפיטל זיבעצן

„נו, וואָס האָבן מיר דאָרט אזוינס?"

ענעם זומער האָבן זיך באוויזן אָן א שיר נײַע אקטיאָרן. אפישן וועגן נײַע פילצוזאָגנדיקע „שטערן". די איליוזיאָן־אייגנטימער האָבן באשלאָסן פאר איין סעזאָן אומקערן דער שטאָט אלע קאָנצערט־ און קינאָ־כּיוועס, וואָס זײַנען געמאכט געוואָרן פאר די לעצטע צוויי יאָר.

וואָס איז שײַעך די קינאָ־שעדעווורען — טראגעדיעס, דראמען און קאָמעדיעס, — איז עס בלויז געווען אן אויסרייד: דער איקער איז באשטאנען אינעם דיווערטיסמענט, וואָס מע האָט פאָרגעלייגט דעם צושויער. אין די דאָזיקע דיווערטיסמענטן זײַנען ארויסגעטראָטן, ווי עס האָבן געמאָלדן די אפישן, בלויז „ליבלינגען פון פובליקום", „אופגייענדיקע עסטראדע־שטערן"... אייניקע „שטערן" האָט מען נאָך צוריק מיט א וואָך געקאָנט טרעפן אפן פריוואָז, ווו זיי האָבן געהאנדלט מיט אלערליי האנט־ און קע־שענע־זייגערס.

אין גרונט פון אָט די פלוצעמדיקע טראנספאָרמאציעס זײַנען געווען די טאָגטעגלעכע אָבלאוועס אף אלע שטאָטישע מערק, די אָבליגאטאָרישע רע־גיסטראציע פונעם ניט ארבעטנדיקן עלעמענט. די טאָלטשאָק־לײַט האָבן גלײַך פארשטאנען, אז די שפּיל איז פארן טײַוול, און מע האָט באשלאָסן, אז מע מוז זיך צופּאסן צו דער נײַער מאכט. פיל פון זיי האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו דער קונסט, און דאָ האָט זיך פאר זיי געעפנט א וועג — א באשאָטענער מיט שמייכלען און אפּלאָדיסמענטן.

קעדיי צו ווערן אן עסטראדע־„שטערן", האָט מען באדארפט פארמאָגן ניט קיין סאך: קוידעמקאָל — א פּאסיקן... אָנצוג.

דער „שטערן" האָט, ווי עס פירט זיך, באדארפט קומען אף דער בינע אין א פראק, מיט א צילינדער אפן קאָפּ. אונטערן פראק האָט געמוזט שעמערירן א ווײַסער הארט־אָנגעקראָכמאלעטער קאָלנער און פון פאָרנט — א ברייט־אויסגעבונדענער שווארצער באנט.

קוים האָט זיך דער צוקינפטיקער „שטערן" באזאָרגט מיט א פראק און א צילינדער לויט דער מאָס, האָט זיך פאר אים געשטעלט א נײַע, ניט ווייניקער וויכטיקע אופגאבע: ער האָט געמוזט געפינען פאר זיך אזא פאַמיליע, וואָס זאָל ריידן אליין פאר זיך...

די אדמיניסטראציע פונעם קאָנצערט־צענטער האָט צוגעגעבן א גרויסן באַדייט דער קליינגעוודיקייט פון דעם נאָמען.

דעם רעפּערטואַר פאַר די „שטערנס" האָט צוגעגרייט דער רעזשיסער פונעם צענטער, אונדזער אַלטער באַקאַנטער מאַריץ מאָיִסייעוויטש סעגאַל. אויך אונדזער באַקאַנטער, מיקע, אַנטשולדיקט, מיכאָיִל יערעמייעוויטש, טולקיס איז געווען אין צענטער א טוער.

עס קאָן אויסקומען מאָדנע, וואָס פּאָפּולערע, הויך־אווטאָריטעטע טעאַטראַלע און מוזיקאַלע טוער האָבן זיך אָפּגערופן (און גאָר הויך!) וועגן אן אַקטיאָר, וועמענס נאָמען זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט און ניט געזען. די אָנפירונג פונעם קאָנצערט־צענטער האָט געוווּסט, וואָס זי טוט: די דערמאָנטע אווטאָריטעטן האָבן געהערט צו די, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלאָזט אונדזער זינדיקע וועלט און אַזויאַרום ניט געקאָנט ניט באַשטעטיקן, ניט אָפּלייקענען דאָס, וואָס מע האָט זיי צוגעשריבן. נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אָפטמאָל פלעגט מען אונטער די אויסצוגן פון די גאָר־גאָר הויכע אָפּרופן שרייַבן אַף די אפישן נעמען און פאַמיליעס פון אַזעלכע טעאַטראַלע און מוזיקאַלע טוער, וועגן וועלכע עס האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געהערט קיין איין לעבעדיקער בען־אָדאָם.

יענעם זומער איז געבוירן געוואָרן די ליד וועגן דער כאַסענע בא שנייערסאָנען:

> אוזשאַסנאַ דושנאָ וו דאָמע שנייערסאָנאַ,
> סע טוט זיך כוישעך, פּריאַמאָ דים אידיאָט...

מיראָן יאַקאָוולעוויטש יאַמפּאָלסקי — דער שעפער פון דער ליד — האָט געבראַכט צו טראָגן זייַן שאַפונג אין קאָנצערט־צענטער אינדערפרי, און אין אָוונט האָט שוין לעאָניד ריאַבינסקי געזונגען וועגן שנייערסאָנען אַף פיר דיוועַרטיסמענטן אין פיר פאַרשיידענע זאַלן. אַף מאָרגן האָט מען שוין אין שטאָט געקאָנט הערן, וויאַזוי האָפּעגוונגסלאָז־פאַרליבטע גרושעס און אוכאַזשאָרן־אָנפאַנגער האָבן, מיט גרויס פלייַס נאָכמאַכנדיק לעאָניד ריאַבינסקין, געזונגען די ליד.

אין דעם איניען האָט זיך דעמלט אריינגעמישט נאָטע קאָפּ און האָט פאַרגעלייגט שאַפן בא דער פּראָקאַטבאַזע א מין געהילפס־צעך, אין וועלכן סע זאָלן אַרבעטן עסטראַדע־אַרטיסטן, וואָס וועלן פאַרן אָנהייב פון יעדן סעאַנס געבן א דיוועַרטיסמענט. „אַזויאַרום, — האָט נאָטע דערקלערט זייַן אידיי, — וועט מען קאָנען צעציִען יעדער סעאַנס ביז אָנדערהאַלבן שאָ און העכערן די פּרייַז אַף בילעטן, אַף וויפל דער צושויער וועט ניט נאָר זען א פילם, נאָר אויך הערן א קאָנצערט!".

פון סאַמע אָנהייב האָט מאַריץ מאָיִסייעוויטש אוועקגעשטעלט דאָס געשעפט בעהאַרכאָווע:

— ניט קיין צעך, ניט קיין אָפּטייל און ניט קיין סעקטאָר! — האָט ער דיקטירט. — א צענטער! א טעאַטראַלער אָדער נאָך בעסער — א קאָנצערט־צענטער. אָט אַזוי וועלן מיר זיך אָנרופן. צענטער — דאָס איז ניט קיין צעך און ניט קיין סעקטאָר, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש!

פונעם ערשטן טאָג איז מאַריץ מאָזסייעוויטש געוואָרן דער פולשטענ־דיקער באַלעבאָס פון אָט דעם אָריגינעלן צענטער — דער קינסטלערישער באַלעבאָס. אין אדמיניסטראַטיווע זאַכן האָט זיך מאַריץ מאָזסייעוויטש ניט געוואָלט מישן, ער האָט פאַרגעלייגט באַשטעטיקן אַלס דירעקטאָר פונעם צענטער זײַנעם אַן אויסגעפּרוווטן פרײַנט, אַ טעאַטראַל און אַ דזשענטל־מען — מיקע, אַנטשולדיקט, מיכאַיל יערעמייעוויטש, טולקיסן.

אַלס קינסטלערישער לייטער פונעם קאָנצערטן־צענטער האָט מאַריץ מאָזסייעוויטש אַזוי דערקלערט זײַנע אויפגאַבן:

— קיין אַרטיסטן מיט נעמען דאַרף איך ניט! אַ נאָמען וועל איך זיי אַליין שאַפן! פּאַר איינע צוויי כאָדאָשים וועל איך פון יעדער עסטראַדע־אַקטיאָר מאַכן אַ פּאָפּולערן עסטראַדע־שטערן, אַ ליבלינג פון פּובליקום.

— קיין זינגער דאַרף איך ניט! — האָט ער פאַרגעזעצט. — אויב דו האָסט אַ שטימע — גיי אין אָפּערע. איך דאַרף האָבן אַ באַהעלפער, וועלכער זאָל טאָן דאָס, וואָס איך וועל הייסן. איך וועל אים הייסן טאָן דאָס, וואָס פון אים וועט פאָדערן דאָס פּובליקום!..

מאַריץ מאָזסייעוויטש האָט אָנגעגרײַפט זיכער און פעסט. דער קאָנ־צערט־צענטער איז פּאַר אַ פּאָר כאָדאָשים אַזוי ברייט זיך צעוואַקסן, אַז ער איז שוין געווען אימשטאַנד אַרײַנצוטראָגן אין פינאַנסדעל אַ גאַנץ פײַנעם שטײַער פון די רעוואָכים. איצט האָט שוין מאַריץ מאָזסייעוויטש ניט געטאָן קיין איין שפּאַן צופוס — צו אים איז געווען צוגעפּעסטיקט אַ פּאַעטאָן מיט אַ פּאָר גוט־אויסגעהאָדעוועטע סוסים, וואָס זײַנען טאָג און נאַכט געשטאַנען לעבן קאָנצערט־צענטער אָדער באַם טויער פון זײַן וווי־נונג, צי גאָר באַם קינאָ־טעאַטער „לירא", ווו ער האָט מיט זײַן טרופּע רעפּעטירט אַ נײַע קאָמעדיע מיטן נאָמען „נײַנצן", „אַ נײַע קאָמעדיע מיט געזאַנגען און טענצע"... דער דעוויז פון דער קאָמעדיע איז געווען: בעסער נײַנצן מאָל לאַכן, איידער זיבעצן מאָל וויינען.

אַלע טאָג האָבן זיך די קופּלעטיסטן פאַרזאַמלט אינעם קינאָ־טעאַטער „לירא" אויף פּראָבע. מאַריץ מאָזסייעוויטש האָט, זיצנדיק אין זאַל, געקאָנט זען דורכן גרויסן פענצטער דעם אַרײַנגאַנג אין „קאָמעטאַ", דעם אַרײַנ־גאַנג אינעם לאַגער פון זײַנע דאַם־סאָנים. לויט זײַן פאַרשטאַנד האָבן אין „קאָמעטאַ" זיך אָפּגעטאָן אומנאָרמאַלע זאַכן: טאַקע אינדערעמעסן, וואָס פּאַר אַ נאָרמאַלער מענטש וועט באַרעכטיקן אַ טעאַטער, וואָס פאַרקויפט ניט קיין בילעטן און שפּילט אַלע טאָג באַ אַן איבערגעפּולטן זאַל? וואָס איז עס, איך בעט אײַך, פּאַר אַ טעאַטער, ווו עס קומט, זײַט מיר מויכל, אַן אָר־גאַניזירטער צושויער... וואַרט אויס, מאָרגן וועט מען זיי הייסן, וועלן זיי קומען אין סטראָי, ווי, לעהאַוודל, די סאָלדאַטן!

„איך וואָלט געוואָלט זען, וואָס פּאַר אַ פּאָנעם עס וועט האָבן אַזאַ טעאַ־טער, ווען מע וועט אים הייסן, ער זאָל וואַרטן, ביזוואַנען דער אוילעם וועט קויפן בילעטן?" — טרייסט זיך אַליין מאַריץ מאָזסייעוויטש און שענקט זיך זעלבסט אַ שמייכל, אַ קאַלטן שמייכל, פון וועלכן עס ווערט ניט גרינ־גער. פאַרקערט.

— דאָס לעבן, — פילאָסאָפירט מאַריץ מאָזסייעוויטש, — איז ווי אַ

מעגטש אף א שיף — עס שלאָגט צום הארצן, עס ווילט זיך ברעכן, נאָר מע מוז אָבער פאָרן ווײַטער.

מאָריץ מאָיסייעוויטש האָט אלעמאָל געפונען א נעכאָמע אינעם גע־שפּרעך וועגן דער „קאָמעטא״, וועגן אלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר.

— לאָזט זיך אויס, — האָט ער אָנגעהויבן נאָך א לאנגן שטילשווײַגן, — לאָזט זיך אויס, אז זיי האָבן שוין פאַרגרעסערט די טרופּע. איר ווילט וויסן מיט וועמען? מיט באנדורענקאָ. פונעם אוקראַינישן טעאטער. וואָס טוט בא זיי באנדורענקאָ? ער לערנט זיי דיקציע. איר האָט אמאָל געהערט אזא וואָרט — דיק־צי־ע? מיר האָבן דרײַסיק יאָר אָפּגעארבעט אין טעאטער און קיינמאָל ניט אויסגערעדט אזא וואָרט, ווי דיקציע. וואָס איז, און אויב אָן דיק־צי־ע, וועט „מוישע״ ניט אופּעסן? הײַנט פארשטייט איר שוין, וואָס דאָ קומט פאָר? מאָטיע ברען און איוואן באנדורענקאָ מיט א דיקציע צווישן זיי, הא?..

ער זעצט פאָר דעם געשפּרעך מיט זיך אליין. זײַנע צוהערער זיצן ארום טיש און הערן שוין ניט — זיי דרעמלען.

מיטאמאָל צעפּראלט זיך די טיר, און עס פאלט ארײַן קלארע, ס׳הייסט ווערא טאגאנאיעווא. זי שטייט אף דער שוועל, די טיר האָט זי נאָך ניט צוגעמאכט, זי איז ניט אליין געקומען. הינטער איר שלעפּט זיך דער קופּ־לעטיסט, דער אופגייענדיקער עסטראַדע־„שטערן״ פּאוועל מוראַמסקי. פאר־וואָס שלעפּט ער זיך נאָך? מיסטאמע האָט ער גוט אויסגעטרונקען. א ניי־דעוריטשקער, מיט א קײַלעכדיק בײַכל, דאָס קעפּעלע איז בא אים א גלאטס, ווי א קינדערש געזעסל, אָן איין האָר.

— געהערט א נײַס? — שרײַט זי אויס.

ס׳איז אָן אויסגעפּרוווטער מיטל אופצווועקן אפילע א טויטן. הערן נײַס וויל יעדער איינער. קלארע, כ׳מיין ווערא טאגאנאיעווא, בייגט זיך עטוואָס אָן איבערן טיש, די שטים אירע איז סוידעספּול:

— מע קאָנטראָלירט שוין ווידעראמאָל די ברויט־קארטלעך און די טאַ־לאָנען אף צוקער. מיסטאמע האָט מען שוין א גוטן גאנווע געטאָן. באזונ־דעריס קאָנטראָלירט מען די ארבעטס־בירזשע. לאָזט זיך אויס, אז ביידע איידעמס קראַכמאַלניקאָוס זײַנען געווען פארעגיסטרירט אף דער ארבעטס־בירזשע ווי ארבעטסלאָזע, וואָס האָבן רעכט אף להאָטעס, האָבן זיי באַ־קומען ברויט־קארטלעך, ווי ארבעטער, און א פּאיאָק...

— און וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, ווייסט איר? — זעצט פאָר ווערא טאגאנאיעווא. — מע האָט געמאָלדן א נײַע מאָביליזאציע. די מאָביליזירטע שיקט מען אין קרים...

מאָריץ מאָיסייעוויטש הייבט זיך שווער אוף פונעם פאָטעל, אויקעט און קרעכצט, גלײַכט אויס די ביינער און קוקט אף דער שוועסטער זײַנער:

— איז וואָס זשע זאָגסטו, זיי מאָביליזירן? נו, זאָלן זיי! מירן זיך אויך אָפּמאָביליזירן! מע דארף דאָך אמאָל עסן מיטיק, דארף מען דאָך! איך וועל גיין אהיים! עפּעס פיל איך זיך ניט פויגלדיק.

דער פאָעטאָן טאנצט איבער די שטיינער, און די פּאסאזשירן הוידען זיך און וויגן זיך און פּרעסן גוט איין די ווייכע געזעסן. ווערא טאגאנאיעווא דערציילט איין נײַס נאָך דער צווייטער, דאָס מויל מאכט זיך בא איר ניט

צו. נאָר קיינער הערט זי ניט. די שטאָט ווערט פאמעלעך דערטרונקען אינעם געדיכט־בלויען פארנאכט, א שטילער און מידער רוקט ער זיך פארבײַ דעם פאעטאָן. ווען די פערדלעך פארקערעווען אף דער אוספּענס־קער גאס, לעבט מאָריץ מאָ:סייעוויטש ׳מיטאמאָל אוף.

— באו — שרײַט ער אויס, ווי גלײַך ער זאָל האָבן אויסגעשפּילט דאָס גרויסע געווינס. — בא דער „קאָמעטא" איז הײַנט פּינצטער!

— דערפאר ווײַל זיי שפּילן אפן שטריק־זאוואָד! — דערקלערט מיקע.

— און דער טעאטער? — כידעשט זיך נאָך מאָריץ מאָ:סייעוויטש.

— וואָס דער טעאטער? מע וועט אים צוגאנווענען? — שמייכלט מיקע.

— קיינער בלײַבט דאָרט ניט?

— וואָס איז? וועמען פעלט ער? — מישט זיך ארײַן ווערא טאגאנאיעווא.

— און עס טרעפט אָפט, אז זיי פאָרן ארויס אף גאסטראָלן? — אינטע־רעסירט זיך אלץ מאָריץ מאָ:סייעוויטש.

— עס טרעפט! — מאכט מיקע אוועק מיט דער האנט.

ער קוקט זיך נאָך ארום, צי עס איז ניטאָ דאָ קיין זײַטיקער אויער, און רוימט עפּעס אײַן מאָריצן.

— אײַ וואָס קריכן מיר אזוי? — שרײַט מאָריץ מאָ:סייעוויטש צום קו־טשער. — טרײַב אונטער, פרײַנט מײַנער! האָסטו גענומען די לייצעס אין האנט, איז — טרײַב! — און ער הייבט אָן זינגען מיט א הייזעריקער שטים:

׳סמעלאָ מי וו באָי פּאָידיאָם!..

ער צעפּירט די הענט, טאָרעט מיקען מיטן עלנבויגן און פּאָדערט:

— דערלאנג! אצינד דארף מען זינגען נאָר איינס:

סמע־עלאָ־אָ מי וו באָי פּאָ־יאָ־דיאָם!

אלע דרײַ קוקן אף אים מיט אויסגעגלאָצטע, איבערגעשראָקענע אויגן, קוקן זיך ארום און ווייסן ניט וואָס צו טאָן: צי זאָלן זיי זינגען צוזאמען מיט אים, צי עפּשער איז בעסער, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, ארויסשפּרינגען פונעם פאעטאָן?..

קאפּיטל אכצן

צוויי פרויען

אסיע האָט אפילע ניט קיין קלאָפּ געטאָן מיט דער טיר, ווען זי איז ארויס פון טעאטער. זי האָט זי שטיל צוגעמאכט, זיך צוגעטוליעט צו איר און געבליבן שטיין, ווי א געליימטע. דעם קאָפּ האָט זי פאריסן און געקוקט אין הימל — געזוכט דאָרט איר שטערן, וואָס איז אזוי פּריצײַטיק אויסגעלאָשן געוואָרן. זי האָט אָבער גאָרנישט ניט געפונען.

אלץ איז אײַנגעזונקען אין א שטומער שטילקײַט. קיין קלאנג, קיין

שאָרך. צוגעלייגט די פויסטן צום פּאָנעם, האָט זי שטום געוויינט. דערנאָך האָט זי געמאכט עטלעכע שפּאַן, אָפּגעשטעלט זיך, ווידער אוועק, פּאַרקערעוועט אפן ערשטן ראָג און זיך ארומגעקוקט. איבערצייַגט זיך, אז די „קאָמעטא" זעט מען שוין ניט, האָט זי ערשט איצט פאַרגאָסן זיך מיט טרערן. זי האָט פאַרשטאַנען, אז הייַנט האָט זי זיך געזעגנט מיט איר טרוים, און מעגלעך, אז שוין אף שטענדיק. דאָס זייַנען געווען אסיעס ערשטע טרערן. זי האָט ניט געוויינט, ווען מאָניע האָט איר דערלאנגט א זעץ אין די ציין, אפילע דעמלט, ווען די גאנצע באָלגאַרסקע גאַס איז געלאָפן נאָך איר, געוואָלט זי פּאַקן, אפילע דעמלט, ווען זי האָט אן איינזאמע געבלאָנקעט באנאכט איבערן טאָלטשאָק און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. ווען די מיספּאַלעלים זייַנען ארויס פון שול און זי געשלאָגן ביז בלוט, האָט זי ניט געוויינט... זי האָט געוווּסט פון קינדווייַז, זי האָט עס אייַנגעזויגן מיט דער מוטערס מילך, אז טרערן האָבן נאָך קיינמאָל קיינעם ניט געהאָלפן, אז טרערן זייַנען א סימען פון שוואכקייַט. אף דער טיראַספּאָלסקער גאַס האָט זי אָנגעיאָגט דער קאַיאָר, אן אויסגעוועבטער פון בלויע אומבאמערקטע פעדעמער, א צאַרטער און פייַכטער. אסיע האָט געשפּאַנט איבערן ברוק און דורכן נעפּל באַטראַכט די ריין־אויסגעוואַשענע שטיינער בא זיך אונטער די פיס. געוואָלט האָט זי גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן, ניט זען גאָרניט, אַלץ פאַרגעסן.

— הייסט עס, אז מענטשן זאָגן עמעס: „ווער עס שטייט אוף פרי..."— האָט זי דערהערט הינטער זיך מענדלס שטים. פון אומדערוואַרטקייַט האָט זי א ציטער געטאָן.

מענדל איז געגאַנגען גלייַך צו איר מיט אויסגעשטרעקטע הענט. אָפּגעשטעלט זיך, זי באַטראַכט און א שמייכל געטאָן:

— דאַנקען גאָט, כאָטש די נעכט זייַנען געוואָרן קירצער, אנדערש וואָלט אונדזער פּאַבקאָם נאָך פאַרגעזעצט די זיצעניש,— האָט ער דערציילט.— גיט א קוק, זאָג איך, עס טאָגט שוין, וויפל איז דער שיר צו ריידן?— ער האָט זי גענומען פאַר א האַנט, אַרייַנגעקוקט אין די אויגן.— אצינד וועלן שוין ניט זייַן קיין דרייַ באַזונדערע פאַבריקן,— האָט ער דערציילט,— גוראַריס, מעסאַקסודיס און פּאַפּאָווס. צוליב וואָס דאַרפן מיר דרייַ פאַבריקן, ווען ס'איז נאָר איין באַלעבאָס? האָבן מיר באַשלאָסן פאַראייניקן זיי. אצינד וואָלט מען באַדאַרפט פאַרברייטערן די צעכן, ס'איז געוואָרן ענג, מע וואָלט גאָר באַדאַרפט אויסבויען א נייַע פאַבריק, אָבער דערווייַל וועלן מיר בויען אן אָפּרו־הויז פאַר די טאַבאַק־אַרבעטער. דאַרף מען וואַלד, און וואַלד איז אין סיביר, און סיביר איז ווייַט, און קיין טראַנספּאָרט איז דערווייַל ניטאָ. בעקיצער, אונדזער פּאַבקאָם וואָלט באַדאַרפט האָבן, אז אינעם מעסלעס זאָלן זייַן, לעכאָלהאַפּאָכעס, איבעריקע צענצוועלף שאָ, אנדערש וועלן מיר ניט באַווייַזן.

ער איז פּלוצלינג אַנשוויגן געוואָרן, באַטראַכט אסיען עטוואָס פאַרוווּנדערט:

— דו הערסט מיך, דאַכט זיך, ניט?!

ער איז אָפּגעטראָטן פון איר אף א שפּאַן, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ע! עפעס ביסטו מיר ניט מיט אלעמען! צי עפשער זײַנען דײַנע שיפן אונטערגעגאנגען אפן יאם און דו האָסט זיי ניט פארסטראכירט ווי סע באדארף צו זײַן? צי עפשער האָט כאָלילע אָפּגעברענט דער פאלאץ דײַנער?

זי האָט ניט געענטפערט.

— אנו, דערציילן! — האָט ער ניט געבעטן, נאָר געפּאָדערט.

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! — האָט זי זיך צעבייזערט. זי האָט ארויסגעריסן איר האנט פון זײַנער, געמאכט עטלעכע פלינקע שפאן, אויסגעזידלט זיך לויטן אלטן שטייגער, ווען זי פלעג אים רופן „בלינדער אשמעדײַ", און איז אוועק צוריק. מענדל האָט זי אָנגעיאָגט, אָנגעכאפּט פאר די אקסל, אויסגעדרייט צו זיך:

— אומעטום האָט אלץ זיך געביטן, אסיע, נאָר דו איינע ביסט געבליבן ני טודי, ני סיודי[1]. ווער לאָזט עס דיך ניט לעבן?

— אליין לאָז איך זיך ניט לעבן!

— פארוואָס?

— אָט דאָס ווייס איך ניט!

מיטאמאָל איז זי מיטן קאָפּ צוגעפאלן צו זײַן אקסל און צעוויינט זיך, ביטער, טרייסטלאָז.

מענדל האָט זיך פארלוירן. אָט־אָט וועט ער זיך אליין צעוויינען. האָט ער ארומגענומען איר קאָפּ, זיך ארומגעקוקט און מיט אומגעדולד געפרעגט:

— לאנג נאָך וועסטו רעוועןְ?

— באלד.

— נישקאָשע, — האָט ער בארויִגעז געבורטשעט, — נישקאָשע, ווען דו וואָלסט געוועו פארנומען, וואָלסטו ניט געהאט קיין צײַט צו כניקען. שוין צײַט טאָן עפּעס רעכטס...

— קעדיי צו טאָן עפּעס רעכטס, דארף מען האָבן ריינע הענט, — האָט זי באמערקט גאנץ שטיל. — גאָרניט ווייסטו ניט, מענדל, גאָרניט.

— ווארט נאָר צו! — האָט ער זיך צעשריִען. — וואָס הייסט, איך ווייס גאָרניט? באקומט זיך, אז קאָלזמאן איך בין געווען אף דער פּאָזיציע, האָסטו דאָ אונטערגעצונדן די שטאָט, צי עפשער האָסטו געקוילעט טאטעמאמע? און ער, — האָט מענדל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער זײַט פון דער גאָספּיטאלנער גאס, — ער ווייסט וועגן דעם?

— ווער — ער? — האָט זי אָנגעשפּיצט איר בליק.

— דו מאך ניט פון מיר קיין כושעם, — האָט ער געפּאָדערט, — דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך רייד וועגן רויטן. דו ווייסט גאנץ גוט.

— וואָס גאָר פלוצעם וועגן אים? — האָט זי זיך געכידעשעט.

— פארוואָס „פלוצעם"? דו ביסט דאָך מיט אים. און די פרוי, מיט וועלכער דו ביסט געקומען אין באשקע, האָט אויך מיר געזאָגט, אז דו ביסט מיט אים. כ׳פארשטיי נאָר ניט, אויב דו ביסט מיט אים, פארוואָס גייסטו אין א מאנטעלע, פארוואָס טראָגסטו אפן קאָפּ א טיכל? ווען דו

---

[1] ניט אהין, ניט אהער (אוקר.).

זאָלסט פרעגן בא מיר, וואָלט איך דיר געזאָגט: קוים ביסטו מיט אים, טאָטו אָן א שינעל און א בודיאָנאָווקע! נישקאָשע, עס וועט דיר פּאַסן.

זי האָט לאַנג געקוקט אף זײַנע עטוואָס געשוואָלענע, באַקלײַענטע הענט, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט ניט גערוט, ארײַנגעקוקט אים אין פּאָנעם:

— דו מיינסט אזוי?

ער האָט אָנגעצילט אף איר זײַן בליק:

— און אויב די הענט דײַנע זײַנען ניט ריין, דאַרף מען זיי מאַכן ריין! דאָס דאַפקע קאָן מען בעסער ווי אומעטום מאַכן אין שפּיטאָל. דאָרט, אויב דו זאָלסט נאָר ווען, קאָנסטו ווערן א צאַדײַקעס, ווײַל פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן זײַנען הייליקע מענטשן.

איבערן קאָפּ איז געלעגן א גרויער הימל, און אײנעם סאַמע עק ערגעץ איז געהאַנגען א לעוואָנע, א קאָלירלאָזע, ווי א צינענער שפּיטאָל־טעלער.

— דו ווייסט גאַרנישט ניט, מענדל! — האָט זי שטיל געזאָגט. — און פּעלערן האָב איך געטאָן, און נאַרישקײַטן...

— איז דאָך גוט, — האָט זיך מענדל קלוימערשט דערפרייט, — דו מיינסט מיסטאַמע, אז איך האָב אין מײַן לעבן נאָר געטאָן טפילעס? אויב דו קלערסט אזוי, איז זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַרוואָס האָב איך נאָר איין אויג? צי עפּשער מיינסטו, אז איך בין געבוירן געוואָרן מיט א בעלמע?

ער האָט זיך ארומגעקוקט, צי קיינער הערט זיי ניט.

— אליין בין איך פון א קליין שטעטעלע, עפּשער האָסטו געהערט אַמאָל, קריוואָיע אָזערא. מײַן טאַטע איז געווען א פּרומער, גאָטספאָרכטי־קער ייִד, א שטילער און בעטעווע זייער א גוטער מענטש. ווען איך בין נאָך געלעגן אין וויגל, האָט מען מיך שוין געלערנט, אז איך דאַרף זײַן אן ערלעכער, א פּרומער. אין כיידער, דעסטגלײַכן, האָט מיר דער רעבע אלע טאָג ארײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ ארײַן, אז איך זאָל פאַרגעדענקען אפן גאַנצן לעבן, אז קאָלזמאַן איך גיי אף מײַנע פיס, מוז איך פאַרבלײַבן א פּרומער, אן ערלעכער ייִד, וואָס דאַרף קוידעמקאָל געדענקען וועגן די אסערעס־האַדיבערעס און באַזונדערס יענעם פּאַסעק, ווו סע שטייט בעפּיירעש גע־שריבן, אז מע טאָר ניט פאַרלאַנגען קיין פרעמדס. האָט זיך געטראָפן, אז איינמאָל, ווען איך בין געווען אלט שוין א יאָר צען, גיי איך נאָך א רעגן איבערן מאַרק און דערזע: אין דער בלאָטע ליגט א פּאַטשיילע, א שטײַף פאַרבונדענע, און אין דער פּאַטשיילע ליגט א מאַיאָנטעק געלט. אז דאָס איז געלט, האָב איך גלײַך באַמערקט, ווײַל פון איין ווינקל האָט געסטאַר־טשעט א רויט צענערל, איך האָב שוין אמאָל געזען אזוינס. האָב איך זיך ארומגעקוקט און דערזען צוויי פרויען, וואָס זײַנען געגאַנגען מיט זייער וועג. האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, אז דאָס האָט איינע פון זיי פאַרלוירן דאָס געלט. בין איך זיי נאָכגעלאָפן, הויך געשריִען צו זיי און אויסגע־שטרעקט די פּאַטשיילע מיט געלט. די פרויען האָבן זיך מאַמעש צעוויינט פון פרייד. איך, פאַרשטייט זיך, בין געווען גליקלעך, ווײַל כ'האָב אויסגע־פילט איינעם פון די גרעסטע געבאָטן, וועגן וועלכע מע האָט מיך גע־לערנט סײַ אין דער היים, סײַ אין כיידער. וואָס זשע האָט זיך אויסגעלאָזט? ווער ס'האָט זיך נאָר דערוווּסט, אז איך האָב געפונען געלט און עס אומגע־קערט צוויי ווילד־פרעמדע פרויען, האָט געלאַכט פון מיר, געמאַכט מיך

גלײַך מיט דער בלאָטע. מער פון אלעמען איז געוועז בײַז מײַן רעבע. ער האָט אף מיר צעבראָכן דעם קאַנטשיק. בעקיצער, דעמלט טאַקע האָט מען מיר אויסגעזעצט אַן אויג. ווילסטו וויסן, וואָס איך זאָג וועגן דעם? — אזוי קומט מיר! ביז דעמלט האָב איך געלעבט מיט פרעמדן סייכל, און מע דאַרף — מיטן אייגענעם!

— הייסט עס, אז דו האָסט ניט באַדאַרפט אומקערן דאָס געלט? — האָט זי זיך געכידעשט.

— הייסט עס, אז דאָס איז געווען בלויז דער ערשטער טאָעס מײַנער, האָב איך פאַר אים באַצאָלט מיט אַן אויג.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל ארומגעקוקט, איבערצײַגט זיך, אז נאָענט איז קיינער ניטאָ, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו אסיען:

— אַן אויג! וואָס איז אַן אויג? זעסט דאָך, אז מע קאָן לעבן מיט איין אויג! איך האָב אַמאָל פארלוירן דעם קאָפּ. לאַך ניט, אָט וועל איך דיר באַלד דערציילן: איך, מיט מײַן שטאַלטנער פיגור, מיט דער בעלמע, וואָס באַשיינט מיך, האָב זיך אַמאָל פאַרליבט. פאַרליבט איז ניט דאָס פּאַסיקע וואָרט — איך האָב זיך פאַרלוירן, איך בין אויסגעגאַנגען. זאָגן איר, הייסט עס אף זיכער מאַכן זיך צו שפּאָט, שיטן זאַלץ זיך אף די וווּנדן, וואָס האָבן אזוי אויך טאָג און נאַכט געיאַטערט זיך. ניט זאָגן, איז געווען נאָך שווערער! צוויי יאָר האָב איך יעדן טאָג געגעבן זיך דאָס וואָרט, אז אָט באַלד נעם איך זיך אָן מיט מוט, גיי צו און זאָג איר וועגן אלץ. זאָל זי טאָן מיט מיר, וואָס זי וויל. יעדעס וואָרט אירס וועט זײַן פאַר מיר א געזעץ. זי איז דאָך ניט געווען קיין פּרינצעסן, זי האָט פּונקט ווי איך געאַרבעט בא גוראַרין אף דער פאַבריק. מיט דער צײַט האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס איז זייער אַן ערלעך, גוט מיידל, שטאַרק אָן אָרעמע. מיט איר פאַר־דינסט האַלט זי אויס א קראַנקע מאַמע און דרײַ קלענערע שוועסטערלעך. „נעם זשע, דו, שויטע איינער, גיי צו צו איר, זאָג איר א וואָרט, און נאָך א וואָרט. דערצייל איר עפּעס, דערקלער איר...״ — אזוי האָב איך געטײַנעט מיט זיך אליין, און... כ׳האָב מוירע געהאַט! דו לאַכסט, האַ?

מענדל איז אַנשוויגן געוואָרן. ער האָט א קוק געטאָן אף די רויט־גע־וואָרענע פײַכטע אויגן אסיעס, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דאָס איבעריקע איז שוין ניט אינטערעסאַנט.

— פאַרוואָס? — האָט אים אסיע אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— איין זאַך וואָלסטו געדאַרפט פאַרגעדענקען, אז די סאַמע הייליקסטע ליבע איז די, וואָס האָט ניט באַקומען קיין ענטפער־געפילן!

— און זי? — האָט אסיע געוויינט.

— וואָס — זי? איר האָט אויך ניט אָפּגעגליקט אין לעבן...

...אָלגאַ וואַסיליעוונאַ איז נאָך געלעגן אונטער דער קאָלדרע, ווען די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט. עס האָט אויסגעזען, ווי אסיע זאָל גאָר־ניט האָבן אוועקגעגאַנגען.

אינעם שפּיטאָל־הויף האָבן צוויי סאָלדאַטן פונעם באַטאַליאָן פאַר גע־זונט געוואָרענע געשיקט געהאַקט האָלץ. דאָס אייבערשטע פענצטערל איז

געווען באַגאָסן מיט רויטער שײַן פֿונעם זון־אויפֿגאַנג. עס איז געקומען אַ נײַער טאָג.

אסיע איז געלעגן אויפֿן האַרטן סאָלדאַטסקע בעטל און האָט אַלץ געזען מענדלס פּלייצע, וואָס האָט זיך אַלץ דערווײַטערט, געוואָרן קלענער.

— דו שלאָפֿסט ניט? — האָט אָלגאַ וואַסיליעוונאַ געפֿרעגט. אסיע האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. קלוימערשט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿענצטערל.

— מע דאַרף שוין אויפֿשטיין?

— לאָמיר נאָך אַ ביסל ליגן.

אסיע האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט זיך צו איר. זיי זײַנען געלעגן שווײַגנדיקע. פֿונעם הויף האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פֿון אַ זעג. ביידע פֿרויען האָבן זיך צוגעהערט, גלײַך ווי דאַפֿקע פֿון דער זעג איז געווען אָפּהענגיק דאָס, וואָס זיי האָבן פֿאַרטראַכט.

אסיע האָט מיט די ליפּן אָנגעטאַפּט אָלגאַ וואַסיליעוונעס פּאָנעם, געבעטן זי:

— ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך אַ ביסל אויסוויינען.

— איך קאָן ניט אַריבערטראָגן דעם טויט פֿון דעם יונגן סאָלדאַט מיטיען! — האָט אָלגאַ וואַסיליעוונאַ אויסגעשריִען, צוגעדריקט זיך מיטן קאָפּ צו אסיעס ברוסט און זיך ביטער צעוויינט.

נאָר אָט האָט זיך שווער מיט אַ גרילץ אויפֿגעעפֿנט די טיר, עס איז אַרײַן גריגאָרי פּאַוולאָוויטש. ער האָט זיך אָנגעבויגן, קעדיי ניט פֿאַרטשעפּען עפּעס מיטן קאָפּ. די פֿרויען האָבן זיך ביידע מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן, געבליבן זיצן אויפֿן בעט.

— עס איז שוין שפּעט? — האָט זיך אָלגאַ וואַסיליעוונאַ דערשראָקן.

— איר קאָנט נאָך אָפּרוען! — האָט ער זיי באַרויקט. — איך דאַרף אײַך אַרײַנשרײַבן אין דער סטראַיאָווקע אויף שפּײַז. נעכטן אין אָוונט האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט די צעטלען. נאָר וויאַזוי דאַרף מען פֿאַרשרײַבן די כאַווערטע? — האָט ער אָנגעוויזן אויף אסיען. — אין די צעטלען האָב איך אײַך אין ערגעץ ניט געפֿונען.

אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט בעשאַסמײַסע דורכגעשטופּט דעם קאָפּ דורך דער גימנאַסטיאָרקע און דערבײַ אונטערגעזאָגט אסיען:

— מעלדע וועגן זיך. דער סטאַרשינאַ דאַרף דאָך וויסן! — זי איז אַראָפּ פֿונעם בעט, גענומען פֿאַרוויקלען דעם פֿוס מיט אַן אָנעטשע. — מע דאַרף זי דורכפֿירן אין אַלע צעטלען. וויפֿל צײַט זי איז שוין באַ אונדז, און קיין אָנצוג האָט זי נאָך ניט באַקומען...

— עס קאָן ניט טרעפֿן, אַז מיר זאָלן דיר אַרויסגעבן אַן אָנצוג, און דו זאָלסט אויסרינען? — האָט אָלגאַ וואַסיליעוונאַ געשפּאַסט.

— איך וועל ניט אַנטלויפֿן! — האָט אסיע אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— וויאַזוי זשע זאָל איך פֿאַרט פֿאַרשרײַבן אײַער פֿאַמיליע אין פֿאָרמוליאַר?

— טשודאַק, — האָט אסיע שטיל געענטפֿערט.

— ווער איז אַ טשודאַק? — האָט זיך פֿאַרינטערעסירט דער סטאַרשינאַ.

— דאָס בין איך — טשודאַק! — איז זי רויט געוואָרן, אסיע.

— א פאמיליע אזא, — האָט אָלגא וואסיליעוונא דערקלערט.

— פארשטענדלעך! — האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ דער סטארשינא און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— איך באגריס דיך, — האָט אָלגא וואסיליעוונא געזאָגט, — אצינד ביסטו א סאָלדאט פון דער רויטער ארמיי.

אסיע האָט געשוויגן, זי האָט, קאָן זײַן, נאָך ניט באנומען דאָס, וואָס עס איז געשען. נאָר ס׳איז איר געוואָרן גרינג אף דער נעשאָמע.

— אויב איך וויל, לאָמיר זאָגן, גיין אצינד אין שטאָט? — האָט זי קאָקעטיש געפרעגט. — דארף איך...

— דארפסטו נעמען אן אָוואָלניטעלנע, — האָט אָלגא וואסיליעוונא אונטערגעכאפּט.

— און אויב איך וועל אוועק אין שטאָט אָן אזא, לאָמיר זאָגן, אָן אזא אָוואָלניטעלנע!.. וואָס וועט דעמלט זײַן?

— וועט מען דיך מישפּעטן, — זי האָט פארשפּיליעט דעם שינעל, צורעכט געמאכט אף זיך דעם רימען. — קאָלזמאן מע האָט נאָך דיך ניט פארשריבן אין פאָרמוליאר, קאָנסטו נאָך איבערטראכטן! — האָט זי געזאָגט.

— דו ווייסט, וועגן וואָס איך טראכט?

פאריסן דעם קאָפּ, איז אסיע געשטאנען אינמיטן צימער א פארטראכטע. אָלגא וואסיליעוונא האָט זי אָנגענומען פאר א האנט:

— איצט הער בעסער, וועגן וואָס איך טראכט. איך טראכט, אז עס האָבן זיך סאָפּקאָלסאָף פארענדיקט דײַנע ספּייקעס, דײַן שטענדיקער נאַוועגאד, דײַנע לויפעבישן פונדאנעען אהין און פון דאָרטן — אהער. און נאָך טראכט איך, אז דער קאָמאנדיר לעווערט, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אז דו געפינסט זיך אין זײַן טייל, וועט ער גאָר אנדערש זיך באציִען צו דיר.

אסיע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

קאַפּיטל נײַנצן

אן ארויספאָר־ספּעקטאקל

דאָס איז פאָרגעקומען דעם דרײַצנטן. א דאטע, וואָס רעדט פאר זיך אליין. קיינער פון אונדז האָט אָבער ניט געטראכט וועגן דעם. עמעס, ליאָניע לאנדע האָט, גרימירנדיק זיך, א זיפץ געטאָן:

— ס׳איז נאָך ווייניק, וואָס הײַנט איז דער דרײַצנטער, איז דערצו נאָך מאָנטיק...

— עס טרעפט זיך, — האָט אונטערגעכאפּט מאגאלניק, — פונקט דעם דרײַצנטן איז בא מײַן באָבען יאלעווע געוואָרן איר ציג!

— עפּשער וואָלסטו גאָר אליין געוואָרן יאלעווע? — האָט זיך ארײַנגעמישט איליושע.

ס'איז געוואָרן שטיל. מע האָט ניט איילנדיק גרימירט די פּנעמער, געמאָלט בלוטלאָזע באַקן, שאַרפע קנייטשן, אויסגעקלעפּט אפּאָלאָן־שיינע נעזער און אויך מיעס־פּאַרקריפּלטע, געדיכטע באַרויגעזע ברעמען, שווערע און שאַרפע קינבאַקן. צײַט איז געווען גענוג — ביזן אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל איז נאָך געבליבן מער ווי א שאָ צײַט. די הויכגעשעצטע און כּאָשעווע געסט האָבן נאָך ניט אָנגעהויבן דעם שפּאַציר הינטער די קוליסן, די מערהײַט טעאַטער־שעצער פלעגן זיך דאָ באַווײַזן נאָכן ערשטן אקט.

דאָס איז געווען אן ארויספאָר־ספּעקטאַקל. געשפּילט האָבן מיר אין דער געוועזענער בראָדסקי־סינאַגאָגע, אינעם סאַמע צענטער שטאָט — אפן ראָג פון דער פּאָטשטאָווע און פּושקינסקער גאַסן. איצט איז דאָ געווען דער קלוב פון דער צווייטער מעלוכישער שוך־פאַבריק. דעם בעלעמער האָט מען פאַרגרעסערט, און פון דער נישע, ווו עס איז געשטאַנען דער אָרנקוידעש מיט די סייפער־טוירעס, האָט מען געמאַכט א צימערל פאַר די אַקטיאָרן, א שמאָל, ענג צימערל, אָן א פענצטער. הינטער די קוליסן איז אויך געווען ענג און פינצטער. אף די הויכע און פעסטע ווענט זײַנען פאַרבליבן די לײַכטער און מאָגנדאָווידס, וועלכע האָבן ניט אזוי באַצירט, ווי דערמאָנט, אז מע געפינט זיך אין א מאָקעם־קאָדעש. די מוירעדיקגרויסע ווענעציִאַנישע פענצטער זײַנען געווען באַדעקט מיט פילקאָליריקע פאַרבן, וועלכע ס'איז אומעגלעך געווען אָפּצוּוואַשן. די דאָזיקע פענצטער האָבן ניט דורכגעלאָזט קיין שײַן, דערפאַר אָבער איז אינעם זאַל געווען געראַם: די סטענדערס, גאַנץ ברייטע, ענלעכע אף שול־פּאַרטעס, האָט מען איבערגעמאַכט אף פּאָשעטע בענק, דער דורכגאַנג צווישן זיי איז געווען א ברייטער. אויבן, אין דער ווײַבערשער שול, האָט מען געמאַכט לאָזשעס — דער ארײַנגאַנג אהין איז געווען פונעם הויף.

אינעם נײַעם קלוב פון די שוך־ארבעטער איז דער טעאַטער ארויסגעטראָטן צום ערשטן מאָל. מיר זײַנען געווען באַשעפטיקט מיט ספּעקטאַקלען לויטן פּלאַן, ארויסגעפאָרן אין מיליטער־טיילן, אף שעף־קאָנצערטן. א ריי פאָרשטעלונגען האָבן אײַנגעקויפט די רויטע דירעקטאָרן פּיקוליק און גאָראָדעצקי. אין דער „קאָמעטא” גופע האָבן מיר געשפּילט מער ניט ווי צוויי מאָל אין דער וואָך — שאַבעס און זונטיק. אציִנד האָט זיך אונדזער ארבעטסטאָג אָנגעהויבן זיבן אזייגער אינדערפרי: מע האָט געלייענט פאַר אונדזערע אקטיאָרן לעקציעס וועגן דער געשיכטע פון טעאַטער, מע האָט אונדז געלערנט, ווי אזוי מע דאַרף זיך באַוועגן אף דער בינע, מע האָט אונדז געגעבן לימודים וועגן פּלאַסטיק, דיקציע און דערצו נאָך פאַרפליכטעט אלע קאָלעקטיוו־מיטגלידער באַזוכן די שול פון פּאָליטגראַמעטע. כוץ דעם, האָבן מיר גאַנץ אָפּט געהאַט באַטאָגיקע פאָרשטעלונגען פאַר קינדער, מיר האָבן גענומען שעפטום איבער דער קינדער־קאָלאָניע אפן נאָמען פונעם קאָמינטערן, וואָס געפינט זיך אף דער פערטער סטאַנציע, אן ערעך פינף־זעקס ווייאָרסט פון שטאָט; צוויי מאָל אין וואָך פלעגן מיר קומען אהין מיטן גאַנצן קאָלעקטיוו ניט נאָר געבן קאָנצערטן פאַר די קינדער, נאָר אויך פאַרברענגען מיט זיי, דורכפירן מיט זיי מאַסן־שפּילן, לערנען מיט זיי לידער.

אונדזערע לערער זײַנען געווען מאַטוויי ליאַראָוו און איוואַן באַנדו־רענקאָ. וויקטאָר איוואַנאָוויטש פלעגט אונדז דערציילן וועגן דעם, וויאַזוי עס האָט זיך געשאַפן און אַנטוויקלט די פּאַרטיי פון קאָמוניסטן אין דער שפּיץ מיט לענינען; צו אונדז איז עטלעכע מאָל געקומען סערגיי אינגו־לאָוו, ער האָט אונדז געלייענט קאַפּיטלעך פון זײַן בוך וועגן פּאָליטעקאָ־נאָמיע. איינמאָל איז בא אונדז געווען צוגאַסט דער דיכטער עדוואַרד באַגריצקי. ער האָט איבערגעלייענט די פּאָעמע „טיל אולענשפּיגל" און די ליד „טויבן". ווען די באַגעגעניש האָט זיך פאַרענדיקט און דער דיכטער איז אַוועק, האָט מיך מאָטיע אָפּגערופן אין א זײַט און א פרעג געטאָן:

— ווער איז ער עס אַזוינס, טיל אולענשפּיגל? ווייסט ניט?

איך בין געשטאַנען אַנטקעגן אונדזער רעזשיסער א שולדיקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ערשט מיט א שאָ צוריק בין איך געווען זיכער, אַז איך ווייס אַלץ. לאָזט זיך אויס...

— דו דערוויס זיך! — האָט מאָטיע געבעטן. — גאָר א פײַנער פאַרשוין אָט דער דאָזיקער טיל אולענשפּיגל! קאָן זײַן, אַז מע זאָל אָנשרײַבן וועגן אים א פּיעסע?

ער האָט נאָך א טראַכט געטאָן, צוגעגעבן:

— מע דאַרף אָנשרײַבן א פּיעסע מיט ראָלן פאַר ליאָניע לאַנדע, פאַר יאַשע בוביסן.

איוואַן באַנדורענקאָ האָט קימאַט פרײַ גערעדט אויף יידיש, און דער ייִד עדוואַרד באַגריצקי האָט ניט געקאָנט אויסריידן קיין איין וואָרט אויף זײַן מאַמעלאָשן. ער האָט געפרעגט בא אונדז: „וויאַזוי דאַרף מען זאָגן אויף יידיש „איך וועל לייענען מײַנע לידער"?" נאָכדעם האָט ער אליין אָנגעהויבן זוכן בא זיך אין זיקאָרן יידישע ווערטער, און מיר האָבן אַלע געלאַכט, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט אויסריידן ווי עס באַדאַרף צו זײַן קיין איין וואָרט. באַגריצקי האָט געלאַכט צוזאַמען מיט אונדז.

די בילעטן אויף אונדזער פאָרשטעלונג האָט פאַרשפּרייט דער פאַבקאָם און דאָס קאָמיוגישע קעמערל: די אַרבעטער, וועלכע האָבן סיסטעמאַטיש אויסגעפילט און איבערגעפּילט דעם פּלאַן, פלעגן באַקומען בילעטן אין די ערשטע רייען. וועגן דעם האָט מען אַרויסגעהאַנגען מוידאָעס אין אַלע צעכן. אין די טעג, וועלכע זײַנען פאַרבליבן ביז מאָנטיק, האָט מען גע־מאָלדן א קאַמף פאַר באַקומען די בעסטע פּלעצער אויפן ספּעקטאַקל.

זיבן אַזייגער אין אָוונט זײַנען די אַרטיסטן שוין געווען הינטער דער בינע, עס איז געווען ענג, ניט געווען ווו אוועקצולייגן פאַר זיך די גרי־מיר־מאַכשירים, אוועקשטעלן דאָס שפּיגעלע. אין זאַל איז נאָך געווען פּוסט און פינצטער, ווײַל אין די הויכע אויסגעפּאַרבטע ווענעציאַנישע פענצטער האָבן נאָך געפלאַטערט די שקיִע־פײַערן און אינדערלופטן זײַנען געשוווּמען קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן אַהער פון דער גאַס.

איך שטיי אין א ווינקל אין אומבאַמערקטער און באַטראַכט אַמזעלן, וועלכער צעגלעט אַקוראַט די קנייטשן אויף זײַן שטערן. נאָר אָט האָט זיך אַרײַנגעמישט דער מעכטיקער קישעפּמאַכער: די קנייטשן פאַרשווינדן, אַמזעלס פּאָנעם, וואָס האָט שטענדיק א קאָליר פון אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל־שאָלעכץ, ענדערט זיך, באַדעקט זיך מיט פרישקײַט, צעבליט זיך און

רויטלט זיך, גלײַך איבער זײַן פּנעם זאָלן זיך האָבן צעשאָטן פולע הויפנס זונען־שטראַלן, די אויגן זײַנע ווערן יינגער, גרעסער, מילדער...

איך טראַכט וועגן דעם, אַז ס'איז אומעגלעך פעסטצושטעלן דעם עלטער פון אַ פרוי. אָט זעט זי אויס אַ סך עלטער, און אָט — אַ סך יינגער. איך קוק אויף פרומע איסײַעוונע און קאָן בעשום־אופן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן, וואָס אַזאַ נעבעכדיקע אַלטע, קראַנקע און איינזאַמע אַלטיטשקע, וועלכע מיר האָבן געטראָפן דעמלט בײַ איר אין שטוב, אינעם נאָך און פינצטערן צימערל, ווו עס האָט געהערשט אַ שטיקנדיקער געריך פון אַלערליי רעפּועס און ביטערער נויט, ווי האָט עס געקאָנט פּאַסירן, אַז אָט די זעלבע פרוי זאָל זיך אַזוי ענדערן, זאָל ווערן אַזוי יונג, זאָל זיך אַזוי צעבליִען און ווערן... — ניין, ניין! איך מיין עס ערנסט, — אַ שיינע פרוי. ניין, זי האָט זיך נאָך ניט פאַרגרימירט. פרומע איסײַעוונע איז גלאַט אַזוי געזעסן בײַם טיש. אַנטקעגן איר איז געלעגן דאָס אָפענע שאַכטל מיט גרים, זי האָט וועגן עפּעס געטראַכט, צי עפּשער האָט זי וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט, נאָר בעשום־אופן האָט זי ניט געקאָנט וויסן, אַז עמעצער קוקט אויף איר, אַז איך שפּיר נאָך יעדער באַוועגונג אירער.

מאַגאַלניק און ליאָניע לאַנדע האָבן זיך שוין, ווי עס פירט זיך, איבערגעוואָרפן מיט שאַרפע רעפּליקעס, אַמזעל האָט דורכגערייניקט דעם האַלדז זײַנעם און אָנגעשטעלט די שטים אויף דער נייטיקער נאָטע. יאַשע בוביס האָט זיך אויסגעצייצעט מיט זײַן פרוי, ווי אַזוי ער זאָל הײַנט שפּילן; איליושע האָט שוין, לויט זײַן שטייגער, אַ וואָרף געטאָן עמעצן אויפן טיש אַ קאָנפעטל און אַפּסנײַ געגומען באַטראַכטן דעם גרים, מיט וועלכן ער האָט באַדעקט דעם שטערן, נאָר אין זאַל איז נאָך אַלץ געווען פּוסט און נאָר בײַם אַרײַנגאַנג האָבן געוואַרט די מיטגלידער פונעם קאָלעקטיוו „קלוב־פרײַנט" מיט די רויטע בענדלעך אויף די אַרבל. און מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ געביטן. אונדזער רעזשיסער מאָטיע ברען, וועלכער איז, ווי שטענדיק, געווען פאַרטאָן מיט צענדליקער פאַרשיידענע זאַכן, איז אַרײַנגעפלויגן הינטער די קוליסן און אויסגעשריִען:

— איר הערט כאָטש?

אויף דער גאַס האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער. די פּײַערלעכע מוזיק האָט זיך דערנעענטערט צום קלוב. מע האָט געשפּילט דעם מאַרש, מיט וועלכן דאָס פּאָלק באַגעגנט זײַנע זיגער. מיט דעם מאַרש זײַנען די אַרבעטער און אַרבעטערנס פון דער מעלוכישער שוך־פאַבריק געגאַנגען אין טעאַטער, צו זיך אין קלוב. פון פאָרנט איז געגאַנגען אַ פאָנענטרעגער.

אַלע אַרטיסטן האָבן אָפּגערוקט פון זיך דעם גרים און זײַנען אַרויס אויף דער בינע, צוגעטוליעט די נעזער ווו נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַרונע, צו יעדער לעכעלע אינעם פאָרהאַנג, און געקוקט, ווי אַזוי דער זאַל ווערט פול מיט אוילעם, ווי אַזוי מע זעצט זיך אויס אויף די בענק, וועלכע זײַנען אויסגערעכנט אויף פינף פאַרשוין יעדערע. מע האָט זיך אָבער אײַנגעאָרדנט צו זעקס און צו זיבן מענטשן, קעדיי עס זאָל זײַן פּלאַץ פאַר אַלעמען. אינעם קלוב־הויף האָט דער אָרקעסטער פאָרגעזעצט שפּילן און פאַרטויבט דעם ראָש אין זאַל. נאָר אָט איז דער אָרקעסטער

אויך אריַין אין קלוב, די מוזיקאנטן האָבן זיך באַזעצט ערגעץ הינטער די לאָזשעס, און די צושויער האָבן פריילעך געשריִען צו זיי, געפּאַכט מיט די הענט, געבעטן, זיי זאָלן דערוויַיל נאָך עפּעס שפּילן. קיינער איז, דוכט זיך, ניט געזעסן שטיל — אַלע האָבן גערעדט, דערציילט עפּעס איינער דעם צווייטן, איבערגעשריִען זיך דורך עטלעכע בענק. אין זאַל איז גע־שטאַנען אַזאַ טומל, אַז ס׳איז שווער געווען צו באַנעמען און פאַרשטיין, וועגן וואָס ריידן, שריַיען, פרייען זיך און זינגען אָט די עטלעכע הונדערט מענטשן.

— מאַגאַלניק, מיר הייבן אָן! — האָט מאָטיע באַפוילן, און אַליין איז ער אוועק אַף דער בינע אַ קוק טאָן, צי אַלץ איז אַפן אָרט.

— איך בין גרייט, — האָט מאַגאַלניק אַ בורטשע געטאָן. ער האָט דער־ביַי אַ ציִ געטאָן מיט די שמאָלינקע און שאַרפע אַקסל, ווי עמעצער זאָל זיך קליַיבן אים שלאָגן. — און וווּ איז יאַנקאָ?

— וואָס הייסט, וווּ איז יאַנקאָ? — איז מאָטיע אונטערגעשפּרונגען און אויסגעגלאָצט אַף אים די אויגן. — אליושע! — האָט ער זיך צעשריִען.

אליושע איז געקומען צו לויפן אַף דער בינע מיטן שפּיגעלע אין דער האַנט. מיט געמאַכטער בייזקיַיט האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס איז?

— דו ביסט, צי דו מאַכסט זיך? — איז מאָטיע אָנגעפאַלן אַף אים.

— נו, מע זוכט אים דאָך! וואָס שריַיסטו, וואָס?

— און וווּ איז נאָטע? — האָט מאָטיע זיך דערמאָנט אין זיַין אופּראַוור־ליאַיושטשע.

— וואָס האָסטו צו מיר? — האָט זיך אליושע שוין טאַקע געבייזערט. — פאַרוואָס דאַרף איך וויסן?

— ער איז קלאַל ניט געקומען?

— נע־ע! — האָט מאַגאַלניק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין זאַל האָט מען שוין אָן אופהער געטופּעט מיט די פיס. מאָטיע איז אָפּגעטראָטן צו דער וואַנט, ווי ער זאָל זיך וועלן אויסהיטן פונעם האָגל, וואָס האָט מיטאַמאָל זיך אַ שאָט געטאָן אַף זיַין קאָפּ. די וואַנט איז געווען גאָר ניט קיין זיכערע — דאָס איז געווען אַ טעאַטער־ווענטל, „אויסגעבויט״ פון אַ דינינק הילצערן רעמל, אַף וועלכן ס׳איז אָנגעצויגן געווען אַן אַל־טער זאַק מיט אליושעס געמעלן.

— שוין צוויי שאָ, אַז מיר זוכן אים! — האָט זיך אליושע מודיע גע־ווען. — באַלד וועט מען ברענגען דעם אויצער. און... כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס איז דער ראָש. יאַנקאָ שפּילט אינעם דריטן אַקט, און ביזן דריטן אַקט וועט מען אים צען מאָל געפינען. מעגסט דאָך דערוויַיל אָנהייבן.

— איך קאָן אָנהייבן דעם ספּעקטאַקל, ווען אַלע אַקטיאָרן זיַינען אַפן אָרט! — האָט מאָטיע אָפּגעשניטן.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די קוליסן און אָנגעשטויסן זיך אַף יאַשע בוביס, וועלכער איז געקומען צו לויפן אַ פאַרסאָפּעטער.

— געפונען די מעציִע! — האָט יאַשע אַ בורטשע געטאָן. — צעשיקט שטאַפעטן אין אַלע עקן, און דער אויצער איז גאָרניט פאַרפאַלן געוואָרן. אָט ליגט ער אַף די טרעפּ...

מאָטיע און אילױשע זײַנען אײַלנדיק אװעק הינטער די קוליסן, פארטשעפעט זיך אף קאָלערלײ שװערע דעקאָראַציעס, װאָס זײַנען געלעגן בא די װענט. פון דאָרט זײַנען זײ געקומען צו א הינטערטיר, װעלכע האָט געפירט אין קעלער. דאָ האָט מאָטיע זיך אָנגעשטויסן אף יאנקאָן. האָט ער זיך אָנגעבויגן, מאָטיע, געפרוּװט אונטערהײבן יענעמס קאָפּ, נאָר דאָס איז געװען אומעגלעך. יאנקאָ האָט זיך צעצויגן איבער די טרעפּ א שװערער, א שװײסיקער, ביזן גאָרגל אן אָנגעגאָסענער מיט סאמאָהאָן.

— קוקט אים אָן, דעם כאַזער! — האָט אילױשע אויסגעשפּיגן.

אף די טרעפּ זײַנען ארויס נאָך אנדערע אקטיאָרן. מע האָט זיך געטוליעט צו דער װאנט אין דער פינצטערניש. די טיר אף דער בינע האָט מען געלאָזט אָפן.

מאָטיע האָט דאָך ניט ארויסגעלאָזט יאנקאָס קאָפּ פון די הענט. ער האָט זיך אװעקגעזעצט אף דעם אײבערשטן טרעפּל, אװעקגעלײגט יאנקאָס קאָפּ צו זיך אף די קני און אָנגעהויבן מיט בײדע הענט רײַבן אים די באקן — אזוי ראטעװעט מען א דערטרונקענעם. יאנקאָ האָט שװער געסאָפּעט. געשטאמלט. ער איז געװען לעבעדיק, נאָר ניט מער. אף מער איז ער אין אזא לאגע פײַיק ניט געװען.

— װאָס פּאָרעסטו זיך מיט אים? — האָט זיך יאשע בוביס געבײזערט. — מע דארף אים ארויסװארפן פאר די הינטן!

— לאָזט מיך, איך װעל אים כאָטש אײן מאָל דערלאנגען און זיך קילן דאָס הארץ! — האָט זיך ארויסגעכאפּט מאגאלניק.

אין דער פינצטער האָט מען דערהערט א מין כליפּעניש, א היכץ. דאָס האָט יאנקאָ עפּעס געבעבעט. מאָטיע האָט אים אָנגעכאפּט פאר די אקסל, אָנגעהויבן טרײסלען און שרײַען:

— װאָס האָסטו אָפּגעטאָן? הא? װאָס?!

— קאַ־אַ־דעש נאָך דער מאמען האָב איך געזאָגט אין בראָד־בראָד־סקיס שול! קאַ־אַ־אדעש! — האָט געקרעכצט יאנקאָ.

— נו, איז װאָס? — האָט זיך מאָטיע אָנגעשפּיצט.

נאָר יאנקאָ האָט שוין װידער געסאָפּעט, געפײַפּט מיט דער נאָז, געקרעכצט. דאָס אלץ איז דערטרונקען געװאָרן אינעם טומל, װעלכער האָט זיך דערטראָגן אהער פונעם זאל, װוּ די צושויער האָבן שוין פארלוירן דעם געדולד.

פון דער בינע איז געקומען צו לויפן אמזעל. ער האָט זיך געהאלטן מיט די הענט באם קאָפּ און געקרעכצט:

— דאָרט... אף דער בינע... זײַנען געקומען דער דירעקטאָר, דער סעקרעטאר פון פּארטיאטשײקע, נאָך אנדערע... אלע זוכן דעם רעזשיסער...

מיטאמאָל איז געװאָרן שטיל. עמעץ איז געגאנגען צו די טרעפּ.

— װאָס זשע האָט איר זיך דאָ צונויפגענומען? װאָס איז געשען? — האָט געפרעגט איװאן באנדורענקאָ.

מע האָט געבראכט אן אָנגעצונדענע ליכט. אף די טרעפּ, װוּ עס איז אזוי אויך געװען פול מיט מענטשן, זײַנען געקומען צו לויפן נאָך א סאך אנדערע. באנדורענקאָ האָט אָנגענומען מאָטיען פאר דער האנט, ארויסגעפירט אים פונעם האמוין אף דער בינע, דאָ זײַנען זײ געװען אלײן.

— צוליב וואָס זשע האָט מען באַדאַרפט דעם טומל? — האָט ער ניט פאַרשטאַנען. — נו, עס טרעפט. אַ מענטש איז קראַנק געוואָרן, נו, איז וואָס זשע?

— ווער זשע וועט שפּילן? — האָט מאַטיע אויסגעשטרעקט די הענט. ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס אויסשרײַען, נאָר באַנדורענקאָ האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט.

— יאָ! יאָ! — האָט ער זיך פאַרטראַכט. — וויאַזוי זשע האָט ער געקאָנט אַזוי טאָן?

אין זאַל האָט מען שוין ווידער געטופּעט מיט די פיס.

— נו, און אויב איך זאָל אָפּשפּילן די ראָלן?.. — האָט ער ניט אײַנגאַנצן זיכער געפרעגט. — ער שפּילט נאָר די ראָל פונעם פּאָדפּאָלקאָווניק פּיר־סאָוו? קיין אַנדערע ראָלן...

— קיין אַנדערע ראָלן — ניט!

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אין זאַל אויסגעשלאָסן די שײַן און דער פאָרהאַנג האָט זיך גלײַך אופגעהויבן. מע האָט נאָך געסקריפּעט מיט די בענק, עמעצער האָט נאָך געזוכט זײַן פּלאַץ, עמעצער איז געבליבן שטיין אינעם דורכגאַנג, וואָס איז געווען פול מיט צושויער, נאָר קיינער האָט שוין ניט געהערט צו זיך אַליין. מע האָט שוין געלעבט און געטעמט פּונקט אַזוי, ווי עס האָבן געלעבט און געטעמט די שוישפּילער, און קיינער האָט ניט געוווּסט, פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען פאַר זיך צום ערשטן מאָל אַקטיאָרן, וואָס שפּילן אָן אַ סופלער. די בודקע איז געווען פּוסט.

מיר זײַנען געזעסן מיט איוואַן מאַטווייעוויטשן אין דער נישע, ווו נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק זײַנען געשטאַנען סייפער־טוירעס, אָנגעטאָנענע אין פּליסענע העמדלעך. קעדיי קיינער זאָל אונדז ניט שטערן, האָט מאַטיע אַרויסגעטריבן פונדאַנען אַלע אַקטיאָרן. מיר האָבן לאַנגזאַם איבערגע־כאַזערט די ראָל פונעם פּאָדפּאָלקאָווניק פּירסאָוו און באַמיט זיך ניט נאָר צו פאַרשטיין, נאָר אויך פאַרגעדענקען, דערקלערן פאַר זיך דאָס, וואָס איז געלעגן צווישן די שורעס. איוואַן באַנדורענקאָ איז פאַרגעשטאַנען צו שפּילן די ראָל ניט נאָר אָן איין רעפּעטיציע — מיט וואָס פאַר אַן אַק־טיאָר האָט זיך אַזוינס ניט געטראָפן? — נאָר אויך אויף אַזאַ שפּראַך, וועלכע ער האָט קנאַפּ געקענט. דערצו האָבן נאָך אַלע צושויער אין זאַל געוווּסט, אַז ער איז ניט קיין יידישער אַקטיאָר. דאָס האָט אויך געקאָנט ווירקן. אַזויאַרום איז אים פאָרגעשטאַנען גאָר אַ שווערע האַלאָכע.

איוואַן מאַטווייעוויטש האָט מיט אַ פּילבאַרן אויער אופגעכאַפּט יעדער וואָרט, יעדער פּראַזע פון דער ראָל, נאָכגעשפּירט נאָך מײַנע ליפּן, בע־שאַס זיי ברענגען אַרויס דאָס אָדער יענץ וואָרט, וויאַזוי דאַרף עס געשאַפן ווערן. דערבײַ האָט ער די גאַנצע צײַט געשמייכלט, ווי ער זאָל באַצײַטנס בעטן די צושויער, זיי זאָלן אים אַנטשולדיקן, ניט באַרויגעז זײַן אויף אים דערפאַר, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך אַזאַ אָל.

אין דער נישע איז אַ שטילע אַרײַנגעקומען פרומע איסײַעוונע. זי איז אַרײַן אַהער גלײַך פון דער בינע, אַוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן איוואַן מאַטווייעוויטשן, פּונקט אַזוי ווי זי דאַרף שטיין אינעם דריטן אַקט, ווען זי קומט צום פּאָדפּאָלקאָווניק פּירסאָוו. איוואַן מאַטווייעוויטש האָט גלײַך

פאַרלוירן דעם אינטערעס צו מיר, ער איז געזעסן פּונקט אַזוי, ווי ער דאַרף זיצן אינעם פּאָטעל בא זיך אין קאַבינעט, און אַרײַנגעקוקט אין די פּאַפּירן, וואָס זײַנען געלעגן אַנטקעגן אים אויפן טיש. אַזוי האָט געדויערט לאַנג, נאָכדעם האָט ער קלוימערשט צופעליק אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דערזען פאַר זיך די אַלטיטשקע, האָט ער זיך אַפּגיך אויפגעהויבן, און אין די אויגן זײַנע, גרויסע און אומבאַוועגלעכע, האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן זײַן ענלעך אַף אַ שמייכל פון מיטגעפיל:

— דאָס זײַט איר רויפמאַנס מוטער? — איז ער געווען גרייט זיך נייגן פאַר דער אַלטער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע...

איוואַן באַנדורענקאָ האָט זיך ספּראַוועט מיט דער ראָל. נאָר ווײַל דער דזשיקער אָוונט האָט געבראַכט אַזויפיל ליידן, באַזונדערס אונדזער רעזשיסער, האָט מאָטיע אויסגעזען ניט אַזוי, ווי מיר זײַנען געוווינט געווען אים צו זען. ער האָט געפינקלט, געפלאַמט און אַלעמען אונדז דערוואַרעמט מיט זײַן פײַער, ער האָט געלעבט אינעם גרויסן געשטאַלט, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט. ווי אַלע מאָל, איז ער געקומען אַף דער בינע אומבאַמערקט, ווי אַן אויפגעלעבטער טרוים... גאָרנישט האָט ניט געקאָנט, דוכט זיך, אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקײַט פון די פאַרוואָרטיילטע קאָמסאָמאָלצעס, יעדערער פון זיי איז געווען פאַרנומען מיט זײַנע מאַכשאָוועס, ווען אין דער האַלבפינצטערער טפיסע־קאַמערע, אַ דערוואַרעמטע פון זייער אָטעם, איז פאַרגליווערט געוואָרן די שטילקײַט און דורך דער דיקער וואַנט האָט זיך פּלוצעם דורכגעשלאָגן אַ ליכטיקער און הייסער שטראַל.

ווען מאָטיע האָט זיך באַוויזן אַף דער בינע אין דער ראָל פון לענינען, האָט דער זאַל, ווי אַלע מאָל, גענומען שטורעמען. די צושויער זײַנען געלאָפן צו דער בינע מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— זאָל לעבן לענין!

...שוין צוועלף מאָל איז געפאַלן און זיך ווידעראַמאָל אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג, נאָר די צושויער זײַנען אַלץ געשטאַנען פאַרגאַפטע, ווי מע שטייט אין אַ סאָלדאַטן־ריי. מיט הויך אויפגעהויבענע קעפּ, שטאָלצע און גליקלעכע, האָבן זיי געזונגען:

Лишь мы, работники всемирной
Великой армии тру-уда,
Владеть землей имеем право!
А паразиты — никогда!

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען מיר זײַנען אַרויס פונעם טעאַטער. אַף דער גאַס איז געשטאַנען אַ ביטערלעך־אומרויִקער אָוואַמאַט. דער יאַם האָט ראַשיק געפּאַטשט, ווי מיט פליגל, און איבער אונדזערע קעפּ האָבן געוווּנקען, געסוידעט זיך איבערגעצײַטיקטע האַרבסטיקע שטערן. אונדז איז געווען גרינג אויפן האַרצן. פרייִלעכע האָבן מיר געשפּאַנט איבער די פּוסטע גאַסן, און געגלוסט האָט זיך ריידן נאַרישקײַטן, אונטערשפּרינגען אַף איין פוס... איוואַן באַנדורענקאָ האָבן מיר אויס־

געסטראָנצלט פאר א כאָסן, וואָס האָט געדארפט זיך אויסקלײַבן א קאלע עמעצן פון אונדז — ס'מאכט ניט אויס, אויב אפילע א מאנצבל, דער כאָסן האָט בלויז געדארפט דערקלערן, פאר וועלכע מײַלעס קלײַבט ער אויס דאפקע די און ניט קיין אנדערע. ס'איז געשטאנען אזא געלעכטער, פון וועלכן מענטשן האָבן זיך אופגעכאפט פון שלאָף, ארויסגעקוקט אָף דער גאס דורך די פינצטערע פענצטער, נאָר מיר האָבן ניט געלייגט קיין אכט — מיר האָבן געשפאנט ווײַטער.

נאָכדעם האָבן מיר אלע צוזאמען מיט איוואן באנדורענקאָן געזונגען זײַן באליבטע ליד:

> Ніч яка місячна, тиха зоряна,
> Світло, хоч голки збирай...[1]

ניט געײַלט האָבן מיר זיך אופגעהויבן איבער דער פאָטשטאָווער גאס ביז צום אלעקסאנדראָווסקער סעדל און קימאַט אומבאמערקט צוגעגאנגען צו דער אוספענסקער גאס. קיינעם האָט זיך ניט געוואָלט שלאָפן, כאָטש עס איז שוין געווען גאנץ שפעט, און קיינער האָט ניט געײַלט אהיים. אונדזער רעזשיסער, ווי עס פאסט פאר א הויפט־קאָמאנדיר, איז געגאנגען פאָרויס און געשוויגן. אילירשע איז צו אים צוגעשטאנען, געוואָלט וויסן, פארוואָס מאָטיע שווײַגט.

— איך האָב אָפטמאָל געליטן דערפאר, ווײַל כ'האָב גערעדט, נאָר קיינמאָל קיין כאראָטע ניט געהאט, וואָס איך האָב געשוויגן.

א שטארקער גערויש האָט מיטאמאָל פארהלושעט די גאס, אופגערודערט דעם ארום. דער טומל איז אלץ געשטיגן. צוערשט האָט זיך גערדאכט, אז די קלאנגען קומען פונעם אוספענסקער סאָבאָר, באלד אָבער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מע קלינגט ערגעץ אונטן, אָף דער רישעליע־גאס, און אז דער קלאנג וואקסט, דערנעענטערט זיך און ווערט אלץ מעכטיקער. די גאס האָט זיך אופגעכאפט, פון ערגעץ האָבן זיך באוויזן מענטשן, זיי זײַנען געלאָפן נאָכן קלאנג, געוואָלט עפעס דערזען אין דער פינצטערניש. די וועגענער פון די פײַערלעשער האָבן שוין געקלאפט גאָר נאָענט, אָן אופהער האָט געקלונגען דער גלאָק. אצינד האָבן אלע דערפילט דעם ביטערן גערוך פון א סרייפע. מיר האָבן א קוק געטאָן אין דער הייך און דערזען דעם הימל אין פלאמיקע, בלוטיקע פלעקן. אילירשע איז אוועק נאָך די פורן, ער איז געלאָפן אָן אן אָטעם, געשריגן צו די פײַערלעשער:

— ווו ברענט, ווו־וו?

— א טעאטער ברענט! א טע־א־טער! „קאָמעטא"!

די ערשטע ווײַל זײַנען מיר געבליבן שטיין ווי שטומע — קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, קיין פיפס ניט געטאָן. אזוי האָט אָבער געדויערט נאָר איין אויגנבליק. אינעם צווייטן אויגנבליק זײַנען מיר שוין געלאָפן אזוי, אז קיין שום ווינט וואָלט אונדז ניט אָנגעיאָגט.

ארום דער „קאָמעטא" איז געווען הייס, ס'איז געשטאנען א ביטערער רויך; אויסגעמישט מיט פלאמען פײַער, האָט ער זיך געריסן דורך אלע

[1] די נאכט א לעוואָניקע, א שטילע, באשטערנטע.
ס'איז ליכטיק, כאָטש נעדעלעך קלײַב... (אוקר.).

פּענצטער. מאָטיע איז געלאָפֿן פאַרויס, פאַנאַנדערגעשטופּט אַלע די, וואָס זײַנען אים געשטאַנען אפֿן וועג, און דער ערשטער זיך אַרײַנגעריסן אין טעאַטער. די טרעפּ זײַנען געווען אײַנגעהילט אין אַ געדיכטן רויך, דורך וועלכן מ׳האָט קיין זאַך ניט געזען. נאָר מאָטיע האָט יעדער טרעפּל געוווּסט אַף אויסוווייניק...

ער איז געלאָפֿן אַרופֿצו, געהערט, ווי עפּעס קלינגט, ווי עמעצער וויינט, שרײַט, פּונקט ווי אַ פּיצל קינד, וואָס מע האָט פֿאַרגעסן אַרויסטראָגן פֿון אַ ברענענדיק הויז.

קאַפּיטל צוואַנציק

אַלץ איבערגעדרייט

ס׳איז געווען אַ גרויער, נעפּלדיקער ווינטיקער פֿאַרטאָג, אַ קאַלטער, אַן אומעטיקער. די פֿײַערלעשער זײַנען שוין אַוועק — מער האָבן זיי ניט געהאַט וואָס צו טאָן. די אַרטיסטן זײַנען געבליבן — זיי האָבן ניט געהאַט וווּהין אַוועקצוגיין. ס׳האָט אָפּגעברענט זייער היים.

אַלע האָבן געשוויגן. יעדער איינער האָט געפֿונען פֿאַר זיך אַ שטיין, אַן אָפּגעברענטן ציגל, אַ טרעפּל און זיך צוגעזעצט. אויסגעשוויגן דעם גרויסן אומגליק. דער ראָג פֿון דער קוזניעטשנער גאַס און אַ גאַנצער קוואַרטאַל פֿון דער אוספּענסקער זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טויערן־אָרט.

ס׳איז געקומען פֿון ערגעץ יאַנקאָ, אַ פֿאַרשלאָפֿענער און ניט קיין ניכטערער. ער האָט געפֿונען דעם רעזשיסער און אַראָפּגעלאָזט זיך אַף דער ערד לעבן זײַנע פֿיס. מאָטיע האָט געשוויגן, ניט פֿאַרגעבן קיין פֿראַגן. יאַנקאָ האָט זיך ניט געכידעשט, וואָס דעם רעזשיסער האָט זיך פֿאַרגלוסט זיצן דאַפֿקע אַפֿן טראָטואַר לעבן טעאַטער. ער האָט אָנגעכאַפּט מאָטיען פֿאַר די פֿיס, צוגעדריקט זיך צו זיי מיטן פּאָנעם און געבעטן, אַז מע זאָל אים מוחל זײַן.

— זאָג אַליין, — האָט ער אײַנגעטײַנעט, — ווי־אַזוי קאָן איך שפּילן טעאַטער אין בראָדסקיס שול, ווו כ׳האָב דרײַ און צוואַנציק יאָר געזאָגט קאַדעש נאָך דער מאַמען, דרײַ און צוואַנציק יאָר!.. נעכטן, ווען כ׳האָב געזאָגט דעם אַלטן קאַליקן, אַז איך וועל שפּילן אין בראָדסקיס שול, האָט ער זיך צעשריִען, געזאָגט מיר, אַז די ערד טאָר ניט טראָגן אַף זיך אַזאַ מעשומעד, ווי איך.

— דו ביסט פּונקט אַזאַ טראַקטירשטשיק, ווי דער אַלטער קאַליק, מיטן אונטערשייד, וואָס דער אַלטער קאַליק האַנדלט מיט סאַמאָהאָן, און דו האַנדלסט מיטן געוויסן! — האָט מאָטיע געשריִען.

ער איז אַוועק אין אַ זײַט, אָפּגעטרייסלט זיך ווי פֿון עפּעס אַן אומריינקייט און געבורטשעט:

— אזוי קומט מיר...

— און אז מיר וואָלטן געשפּילט ניט אין בראָדסקיס שול, נאָר אין דער שאַלאַשנער, וואָלסטו דען ניט אראָפּגעריסן דעם ספּעקטאַקל? — האָט גע־פרעגט אילױשע.

— ווי דו זעסט מיך לעבן, בענעמאָנעס! — האָט זיך יאַנקאָ געשווירן. — אויב דו ווילסט, גיי איך די מינוט שפּילן! — יאַנקאָ האָט זיך צעכליפּעט: — נאַ שלאָג מיך! אילױשע, ווילסט, לייג איך זיך אונטער דײַנע פיס! נאַ! — און ער האָט זיך א וואָרף געטאָן אף דער ערד.

— דײַן אָרט איז אין טראַקטיר, — האָט אילױשע אים אָפּגעשטויסן פון זיך און איז אוועק. אין איין מינוט זײַנען אַנטרונען געוואָרן אַלע אַרטיסטן. יאַנקאָ איז געבליבן אַליין.

ניט אַרומקוקנדיק זיך האָבן זיי אוועקגעיאָגט אף דער קוזניעטשנער גאַס, געלאָפן צום הויז נומער דרײַ און פערציק.

— מע דאַרף גיין צו וויקטאָר איוואַנאָוויטשן! — האָט יאַשע פאָר־געלייגט.

— וואָס עס זאָל זיך ניט געווען טרעפן, פלעגט מײַן שטיפזיידע לויפן צום רעבן! — האָט מאַגאַלניק א צי געטאָן מיט די אַקסל.

— דו גיי, מיש זיך ניט אַרײַן, ווען ערנסטע מענטשן ריידן, — איז אילױשע באַרויגעז געוואָרן, — עלע ניט, גיב איך דיר מײַן וואָרט, אַז דו וועסט שלעכט אָפּשנײַדן!

— וואָס איז? וויקטאָר איוואַנאָוויטש וועט דיר אויסבויען א טעאַ־טער? — איז מאַגאַלניק אַרויסגעשפּרונגען פון זײַן ווינקל.

— זאָל איך אַליין גיין, צי מיר גייען אַלע? — האָט מאָטיע געוואָלט וויסן.

— ווו איז נאָטע קאָפּ? — האָט זיך אמזעל דערמאָנט אינעם אופּראַוו־ליאיעשטשע.

— טאַקע א גרויסע דײַגע, ווו איז נאָטע?

— צום מיטיק וועט נאָטע קומען רײַטנדיק אף א בעזעם. האָט ניט קיין יעסורים, — האָט ליאָניע לאַנדע פאַרזיכערט אַלעמען.

— איך האַלט, אַז מיר דאַרפן אַלע גיין צו וויקטאָר איוואַנאָוויטשן! — האָט יאַשע בוביס באַשלאָסן.

— א קאָמאַנדע פון ניסראָפּים! — האָט פרומע איסײַעווּנע א זיפץ געטאָן.

— נעסקעם![1] — האָט געוואָרנט מאַגאַלניק, וועלכער איז געשטאַנען באַם טויער. — אָט גייט אַהער יאַנקאָ! שאַ־אַ! אָט גייט ער אַריבער אף יענער זײַט גאַס. ער זוכט אונדז. איר זעט?

דאָס איז געווען א טרויעריק בילד. אָט ערשט מיט א פּאָר שאָ צוריק זײַנען מיר געווען שיקער פון גליק, און אַצינד האָבן מיר געבלאָנקעט איבער די פּוסטע גאַסן, וועלכע דער ווינט האָט ריין אויסגעקערט, און זיך געשעמט קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן, ווי גלײַך אַלע זײַנען מיר געווען שולדיק אין דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

---

[1] נעסקעם — א וואָרט פונעם אַקטיאָרישן זשאַרגאָן. באַטײַט: שווײַג, מיש זיך ניט.

אינעם גוברעווקאָם איז אפילע אצינד, אין די פארטאָגיקע שאָען, געווען ליכטיק אין אלע פענצטער. דאָ האָט מען געארבעט קייַלעכדיקע מעסלעסן. באם ארייַנגאנג איז געשטאנען אונדזער באקאנטער וואכמאן, דער מאטראָס. ער האָט אונדז באגעגנט ווי אלטע פרייַנט מיט א גוטן שמייכל.

— אזוי, הייסט עס, זייַט איר געקומען צו וויקטאָר איוואנאָוויטשן? — האָט ער אונדז באטראכט.— נאָר וויקטאָר איוואנאָוויטש וועט אייַך, מעגלעך, ניט אופנעמען.

מאָטיע האָט אן איבעראשטער א קוק געטאָן אף אונדז, מיר האָבן געקוקט אפן מאטראָס און געשוויגן. דער מאטראָס האָט אונדז אלעמען באטראכט, עפּעס באדויערט. עס איז געווען קלאָר, אז ער ווייסט עפעס אזוינס, וועגן וועלכן מע טאָר ניט ריידן. ער האָט נאָכאמאָל א קוק געטאָן אף מאָטיען מיט מיטגעפיל און א צי געטאָן מיט די אקסל:

— גייט ארייַן! קאָן זייַן, אז וויקטאָר איוואנאָוויטש איז נאָך בא זיך.

— נאָך? וואָס הייסט עס „נאָך”?

מיר זייַנען געגאנגען איבער די רעווקאָמאָווסקע קאָרידאָרן מיט ארויפגעלאָזטע קעפ. מאטראָסן האָבן דאָ געארבעט: מע האָט צורעכט געמאכט די עלעקטרע, געטעסעט ברעטער פאר נייַע טירן, עס האָט געשמעקט מיט פרישן פאניער און קאווענעס, קאווענעס, וואָס זייַנען אויך אָנגעטאָן, ווי די מאטראָסן, אין טעלניאשקעס. די טיר פון וויקטאָר איוואנאָוויטשעס קאבינעט איז געשטאנען אָפן. דאָרט איז קיינער ניט געווען. באלד אָבער איז דער נאטשאלניק פונעם פּאָליטפּראָסוועט געקומען. נאָך פון די טרעפ האָט ער אונדז דערזען און פריילעך א פאָך געטאָן צו אונדז מיט דער האנט.

— אָט פונקט די מינוט האָב איך געטראכט וועגן אייַך! — האָט ער אונדז באגריסט. — „ווי, טראכט איך, קאָן מען אייַך געפינען?”

ער איז ארייַן אין קאבינעט.

— קומט ארייַן! קומט ארייַן! זעצט זיך צו! — האָט ער געאייַלט. — צייַט האָבן מיר ביז גאָר ווייניק.

ער האָט צוגעווארט, ביז מיר וועלן זיך אייַנאָרדענען אף די בענקלעך.

— איז אָט, פרייַנט מייַנע, געקומען די צייַט, ווען מיר דארפן זיך געזעגענען! איך פאָר אוועק. הייַנט, פינקטלעכער, אין דרייַ שאָ ארום — האלב צען אזייגער. אייַך, היימישע מענטשן, קאָן איך זאָגן, איך פאָר אפן פראָנט. דאָרט דארף מען נייטיק מענטשן, ווי... ווי אף יעדער פראָנט! — האָט ער געשמייכלט. — האָב איך שוין דאָ פארענדיקט מיט אלע מייַנע איניאָנים, ס׳איז געבליבן נאָר צו געזעגענען זיך.

מאָטיע ברען האָט זיך אופגעהויבן, ער האָט ניט געקאָנט אייַנזיצן אפן אָרט. וויקטאָר איוואנאָוויטש איז אים פארלאָפן דעם וועג:

— כ׳ווייס, כ׳ווייס אלץ.

ער איז געשטאנען איבערן טיש מיט אן ארויפגעלאָזטן קאָפּ.

— מ׳האָט באדארפט זיך ריכטן אף עפעס ענלעכס, — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אליין, — עס זייַנען פאראן אזעלכע, וועמען מיר זייַנען שטארק ניט צום הארצן.

א ווײַל האָט ער געשוויגן.

— וואָלט געווען אַן אַנדער צײַט, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, — וואָלטן די אַרבעטער פֿון דער שוך־פֿאַבריק, פֿונעם שטריק־זאַוואָד, פֿון די יאַנ־וואַר־ווארשטאַטן אויסגעטיילט צוויי־דרײַ בריגאַדעס, און פֿאַר אַ כוידעש־אַנדערהאַלבן וואָלט די „קאָמעטאַ" צוריק אופֿגעשטעלט געוואָרן. מיר וואָלטן זי געמאַכט נאָך שענער. נאָר איצט איז ניט די צײַט! — האָט ער צעפּירט די הענט. — איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז די אַרבעטער פֿון אַלע אונטערנעמונגען האָבן זיך פֿאַרפּליכטעט יעדן טאָג אַרבעטן צוויי וואַכטעס פֿאַרן פֿראָנט און זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ העלפֿט פֿון זייער פּאַיאָק.

ער האָט אַלעמען באַטראַכט מיט אַ פֿאַרשנדיקן בליק, ווי ער זאָל וועלן איבערצײַגן זיך, צי פֿאַרשטייט מען, וואָס ער האָט דערקלערט.

— איצט איז ניט די צײַט, ווען מע קאָן אָפּרײַסן מענטשן אַף זײַטיקער אַרבעט! ניט די צײַט!

ס'איז געוואָרן שטיל, קיינער פֿון די אַרטיסטן האָט שוין ניט געבעטן קיין וואָרט. און טאַקע — ווענן וואָס קאָן מען נאָך ריידן? נאָר פֿון עמעצנס ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפֿץ. אַזוי זיפֿצט מען, ווען עס איז שוין ניטאָ וואָס צו באַדויערן און עס איז שוין ניט געבליבן קיין שום האָ־פֿענונגען.

וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט די אַאודיטאָריע זײַנע, און — אַ מאָדנע זאַך — די שטימונג בײַ אים איז געווען אַ געהויבענע, עס האָט זיך אים געוואָלט ריידן, דערציילן:

— מע וואָלט אײַך געקאָנט אַריבערפֿירן אין אַן אַנדער געבײַדע, — האָט ער זיך געצייצעט מיט זיך אַליין, — נאָר וווהין? פּונקט יענע וואָך האָבן מיר באַטראַכט אַלע טעאַטראַלע געבײַדעס אין שטאָט... שרעקלעך!

מאַגאַלניק, וועלכער איז נאָך זינט ער איז געבוירן געוואָרן ניט אַראָפּ־געפֿאַלן בײַ זיך, האָט אַ בורטשע געטאָן:

— הייסט עס, דאַרפֿן מיר דער „קאָמעטאַ" אָפּזאָגן אַ ראַבאָנען־קאַדעש! אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אַפֿן זייגער און האָט פּלוצעם אַ זאָג געטאָן:

— וואָס וואָלט איר, פֿרײַנט מײַנע, געזאָגט, ווען איך זאָל אײַך פֿאָר־לייגן?..

עס האָבן אַ סקריפּע געטאָן די בענקלעך. מע האָט אופֿגעהויבן די קעפּ.

— דאָס גאַנצע לאַנד, — האָט ער געזאָגט פֿײַערלעך, — אַרבעט איצט פֿאַרן פֿראָנט. פֿאַרוואָס זאָלט איר ניט ווערן קיין פֿראָנט־טעאַטער? ווען איר גייט אײַן אַף דעם, וואָלט איך נאָך באַוויזן פֿאַרן אוועקפֿאָרן אַלץ אָרגאַניזירן פֿאַר אײַך.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, און יעדערער האָט אָן ווערטער אויסגעטײַטשט דעם פֿאָרשלאָג אַף זײַן שטייגער.

וויקטאָר איוואַנאָוויטש האָט געטרוימט אַף אַ קאָל:

— עך, וואָס פֿאַר אַ מאַטאָנע וואָלט עס געווען פֿאַרן פֿראָנט!

— נאָר מיר טרעטן דאָך אַרויס אַף ייִדיש?.. — האָט מאָטיע דערמאָנט.

— נו, איז וואָס? — האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש אים איבערגעשלאָגן. — וואָס איז עס פאַר אַ כעט? פרעגט בא מיר! איך בין פריִער אויך געווען אַפּן פּראָנט. כ׳געדענק, צוריק מיט עטלעכע כאַדאָשים זײַנען געקומען צו אונדז אַרטיסטן — טשוואַשן. האָב איך דעמלט אויך געטראַכט, אַז די רויטאַרמייער וועלן ניט פאַרשטיין, אַז זיי וועלן ניט אופנעמען די אַר־טיסטן. וואָס זשע האָט זיך אויסגעלאָזט? איך ווינטש אײַך ווי אַ גוטער־פרײַנט, אַז איר זאָלט האָבן ניט קיין קלענערן דערפאָלג, ווי די טשוּ־וואַשן. — ער האָט זיך אָנגעבויגן נידעריק איבערן טיש, ווי ער זאָל וועלן דערציילן אַ סאָד. — איר זײַט אַרטיסטן, און אַרטיסטן ריידן אַף דער שפּראַך פון קונסט.

ער האָט שוין, ווײַזט אויס, פאַרגעסן וועגן דער צײַט, וואָס אײַלט אַלץ פאָרויס, און אָנגעהויבן טרוימען:

— אויב איר, פרײַנט מײַנע, וועט באַשליסן צו ווערן אַ פראָנט־טעאַ־טער, וועלן צו אײַך צושטיין אַ גאַנצע ריי אַקטיאָרן — גוטע אַקטיאָרן! — אוקראַיִנער, מאָלדאַוואַנער, רוסישע. קאָלזמאַן די טעאַטער־געבײַדעס זײַנען רויִנירט און קיין סטאַציאָנאַרן טעאַטער פאַרמאָגן זיי ניט, וועלן זיי גערן אַרײַנטרעטן אין אײַער טרופּע. אַזוי־אַרום וועט איר אין וועג קאָנען צו־נויפקלאַפּן אַ קאָנצערט, זאָל זײַן אַף עטלעכע שפּראַכן. אַפּן פראָנט גע־פינען זיך רויטאַרמייער פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן; אויב עמעצער וועט ניט פאַרשטיין, וועט אים דער שאָכן זײַנער איבערזעצן.

ער האָט געמאַכט אַ שפּאַן פאַרן טיש, ווי ער זאָל זיך האָבן דער־מאָנט וועגן גאָר אַ וויכטיקער זאַך.

— וואָס דאַרפט איר בעסער? באַנדורענקאָ איוואַן מאַטווייעוויטש, אויב איר וועט אים בעטן, וועט אויך פאָרן מיט אײַך. באַנדורענקאָ איז אַן אַקטיאָר! ניט לאַנג צוריק האָבן זיך צו מיר געווענדט די ברידער אַסטאַ־כאָוו, איר קענט זיי זיכער גוט, די עמעסע פאַמיליע זייערע איז סאַנדלער, גאָר־גאָר פײַנע עסטראַדע־אַקטיאָרן. הײַנט די זינגערן דרוזשינינאַ האָט מיר שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט וועגן זיך, געבעטן, מע זאָל זי אײַנשליסן אין אַ פראָנט־טעאַטער. מיר קאָנען אָנרופן נאָך אַנדערע אַקטיאָרן.

ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, אַ קוק געטאָן אַף אַמזעלן, וועלכער איז געזעסן אַנטקעגן אים, אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן:

— וויאַזוי זשע האָבן מיר באַשלאָסן? האַ?..

ער האָט פונעם פּלאַנשעט אַרויסבאַקומען אַ בויגן פּאַפּיר, אויסגע־שטרעקט אים מאָטיען:

— זעצט זיך אַף מײַן אָרט און שטעלט אַפּגיך צונויף אַ צעטל פון אַלע אַרטיסטן, פון די, וואָס פאָרן מיטן טעאַטער. — ער האָט זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן: — דעם קאָמענדאַנט אײַערן, כ׳מיין דעם געוועזענעם קאָ־מענדאַנט, נאָטע קאָפּ דאַרף מען אין צעטל ניט אײַנשליסן.

מאָטיע האָט אַרויסגעלאָזט די פּען פון דער האַנט, עטוואָס אופגעהויבן זיך און מיט ברייט צעעפנטע אויגן אַ קוק געטאָן צוערשט אַף וויקטאָר איוואַנאָוויטשן, נאָכדעם אַף אַלעמען. איין יאָשע בוביס האָט זיך אַרויסגע־כאַפּט מיט אַ פראַגע:

— וואָס? וואָס?..

— ווּ איז ער? — האָט מאָטיע אונטערגעכאַפּט.

— ווּ איז ער? — האָט איבערגעפרעגט דער נאַטשאַלניק פונעם פּאָליט־פּראָסוועט און מיט צוויי פינגער געגומען רײַבן דעם שטערן. — כ׳מיין, אַז מע וועט אײַך געבן צו וויסן. איך ווייס נאָר, אַז אונדזערע טשעקיסטן האָבן זיך פון לאַנג שוין אינטערעסירט מיט אים.

— וואָס האָב איך געזאָגט, האַ? — האָט אילײַושע אויסגעשריִען.

— שטענדיק פלעגט ער ערגעץ אײַלן! שטענדיק האָט ער געהאַט סוידעס! — האָט יאַנקאָ דערציילט.

— פרײַנט מײַנע, מירן ניט פאַטערן קיין צײַט, — האָט וויקטאָר איוואַנאָוויטש דערמאָנט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, אַרײַנרוקנדיק דאָס צעטל אין פּלאַנשעט.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז מאָטיע געקומען צו די אַקטיאָרן מיט אַ וואַזשנע דאָקומענט. אָנגעשריבן איז ער געווען אויף אַ בלאַנק פונעם רעווקאָם אויף אַן עמעסער שרײַבמאַשין. ביז איצט געדענק איך דעם דאָזיקן דאָקומענט, פונקט ווי איך וואָלט אים געהאַלטן פאַר די אויגן. אין לינקן ווינקל איז געשטאַנען דער שטאַמפּ:

Одесский губернский
Революционный комитет
Военная комиссия
4 сентября 1920 года
№ 127/08

אין דער גאַנצער ברייט פונעם פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן דער טעקסט. דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, אַז מאָטיע ברען איז דער שעף פונעם פראָנט־קאָלעקטיוו, וואָס באַדינט די טיילן פון דער רויטער אַרמיי און די באַפעלקערונג פונעם בײַפראָנט־ראַיאָן.

אונטערגעשריבן האָט דעם דאָקומענט דער פּאָרזיצער פונעם רעוואָ־ליוציאָנערן קאָמיטעט פון דער אָדעסער גובערניע אי. שומסקי און דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר אַ. רעקיס.

אַצינד האָבן מיר אַלץ געטאָן לויפנדיק. אַלעמאָל האָט זיך אויסגע־קלאָרט, אַז קעדיי מיר זאָלן זיך קאָנען לאָזן אין וועג אַרײַן, פעלט אונדז נאָך ביז גאָר אַ סאַך.

ווי אַן עמעסע באַלעבאָסטע האָט זיך באַוויזן ליובע. זי האָט צונויפ־געשטעלט אַ קאָלאָסאַל צעטל פון זאַכן, אָן וועלכע מיר קאָנען זיך ניט לאָזן אין וועג. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז אינעם צעטל זײַנען געווען פאַר־שריבן, לעמאָשל, גלעזלעך צום לעמפּל, קנויטן, אַ מולטער אויף צו וואַשן

וועש און, פארשטייט זיך, כאָטש עטלעכע שטיקלעך זייף און כאָטש איין פּעקעלע שוועבעלעך... אויב עס וועט זיך אונדז אײַנגעבן — א פּאָר ליכט, זאַלץ, מארליע, וואטע, טשוועקעס און צענדליקער אנדערע קלייניקײַטן, וועלכע עס איז גאָר אומעגלעך געווען צו געפינען אין שטאָט. כוץ דעם, האָט ליובע אלעמען געוואָרנט און אלעמאָל דערמאָנט, אז מע מוז נעמען מיט זיך אין וועג וואַרעם וועש, ווער עס פאַרמאָגט, א קאָלדרע, א היטל — „פארגעסט ניט, אז עס הייבט זיך אָן דער ווינטער!".

— גוט. לאָמיר זאָגן אזוי, — האָט זי עקזאמענירט אונדזער רעזשיסער, ס'הייסט דעם נאטשאלניק פון אונדזער קאָלעקטיוו, — גיט מיר צו פאַר־שטיין, צוליב וואָס דאַרפן מיר שלעפּן מיט זיך אין וועג א מולטער? ניט שוין זשע וועלן מיר ניט געפינען אזא מעציע דאָרט, ווו מיר וועלן זיך אָפּשטעלן?

— און אויב אין יענער מולטער האָט מען געוואַשן וועש פון טיפאָזנע קראַנקע? — האָט ליובע זיך אליין געענטפערט.

מאָטיע האָט אופגעשטעלט מויל און אויערן. וועגן אזעלכעס האָט ער אפילע ניט געטראכט.

— וואָס וואָלט איר געענטפערט, — איז צו איר צוגעשטאנען מאָטיע, — ווען מיר באשטימען אײַך אלס אדמיניסטראטאָר פון אונדזער באַלעבאַ־טישקײַט? וואָס וואָלט איר געענטפערט, ליובע מײַנע?

פאָרמעל איז עס געווען א פראגע, אינדערעמעסן איז עס געווען א באפעל.

ווער ווייסט, וואָס פאר אן אדמיניסטראטאָר ליובע וואָלט געווען, ווען מע לאָדט זי אײַן אין א גרויסן טעאטער! בא אונדז האָט זי פאר עטלעכע מינוט באשטימט אלץ, וואָס יעדער פון אונדז האָט צו טאָן. אָט האָט זי באפוילן, אז עמעצער פון אונדז זאָל דעזשורען אף דער סטאנציע, קעדיי מיר זאָלן וויסן, ווען וועט זײַן א צוג אין דער ריכטונג וואָזנעסענסק — זנאמענקאַ; אָט האָט זי באשלאָסן, אז דער שעף פונעם טעאטער און זײַן רעכטע האנט, ס'הייסט איליושע, זאָלן זיך דורכשפּאצירן איבער די אונטערנעמונגען, ווו דער טעאטער איז ארויסגעטראָטן, און א טאָפּ טאָן, וואָס קאָנען מיר דאָרטן באקומען, וואָס קאָן אונדז צוניץ קומען אין וועג. דאָס איז זי אוועק אין רעדאקציע פון דער שטאָט־צײַטונג און האָט זיך דערשלאָגן, אז מע זאָל אָפּדרוקן פאר אונדזער טעאטער צוויי הונדערט אפּישן וועגן דעם, אז „דער באוועגלעכער פראָנט־טעאטער שטעלט די פּיע־סע „זיבעצן". א פאָרשטעלונג אין פיר אקטן, אז אין די קאָנצערטן נעמען אָנטייל די באוווסטע אוקראַינישע און רוסישע ארטיסטן באנדורענקאָ, די ברידער אסטאכאָוו, דרוזשינינאַ און פיל אנדערע. דאָס האָט זי, גלײַך נאָך דעם ווי מע האָט זי באשטימט אלס אדמיניסטראטאָר, ארויסגערופן צו זיך יאנקאָן אף אן אָפּגעזונדערט געשפרעך:

— שוין לאנג טרינקסטו? — האָט זי אים באשאָנקען מיט א בליק פון מיטלײַד.

— שוין לאנג! — האָט ער אָפּגעזיפצט. — דאָס גאנצע לעבן מײַנס טרינק איך מער, ווי איך קאָן, און ווייניקער, ווי מיר ווילט זיך.

— און אויב, לאָמיר זאָגן, מיר זאָלן דאָס אלץ אָפּשאפן?

— דו לאכסט? — האָט יאַנקאָ זי אָפּגעמאָסטן מיט א קינדעריש־פאַרוווּנדערטן בליק.

— עפּשער וואָלסטו א קלער געטאָן, אַז מיר זײַנען איצט ניט קיין פּאָשעטער טעאַטער — א פראָנט־טעאַטער! דו קאָנסט עס באַנעמען? פאַר ארונטערײַסן א ספּעקטאַקל קאָן מען אַמאָל דאַרפן ענטפערן דעם רעוואָלוציאָנאַל.

— וואָס זשע, דער אַלטער קאַליק וועט דען אויך פאָרן מיט אונדז? — האָט יאַנקאָ א פרעג געטאָן.

זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער מײנט דערמיט צו זאָגן.

מאַגאַלניק האָט עקסטרע געדאַרפט אַלעמען פאַרלאַטען די שיך. דעם וואַרקשטאַט זײַנעם האָט ער אײַנגעאָרדנט בא בוביסן אין צימער. גאַנצע טעג איז ער געזעסן און פלינק געצויגן די דראַטוועס און געקלאַפּט מיטן העמערל.

אַצינד האָבן מיר אַלע קימאַט ווי געוווינט בא די בוביסן. קיין אַנדערע דירע האָבן מיר ניט געהאַט, מיר פלעגן זיך דאָ צונויפקומען גאַנצפרי, באַקומען אָפּטראָגן פון ליובען, אויסהערן באַריכטן פון אונדזער שעף און איליושען וועגן דעם, וואָס האָבן זיי שוין געמאַכט; פונדאַנען פלעגן מיר זיך אַלע צעלויפן, מאַכמעס בא אַלעמען זײַנען געווען דײַגעס איבערן קאָפּ. פרומע איסײַעוונע האָט גענומען צו זיך אין צימער די יונגינקע אָלגאַ דרוזשיניִנאַ.

מיר האָבן ניט געוווּסט, ווען עס וועט זײַן א צוג, און יעדער אינדערפרי האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט מיטן געדאַנק, אַז הײַנט, קאָן זײַן, פאָרט מען.

עס קאָן אויסזען אוּמגלײבלעך, נאָר דער אײנציקער מענטש, וואָס איז אין יענע טעג געווען רויִק, איז געווען דאַפּקע דער שעף אונדזערער.

פאַרנאַכט איז מאָטיע אײנער אַלײן געשטאַנען באַם טעאַטער און געקוקט אַפּן כורבן, וואָס איז איבערגעבליבן פון דער „קאָמעטאַ“. שווײַגנדיק האָט ער זיך געזעגנט מיט די שוואַרצע, אָפּגעברענטע ווענט. דערנאָך האָט ער שטילערהײט אוועקגעשפּאַנט אַרויף איבער דער אויספּענסקער גאַס. די זון איז שוין אַראָפּ נידעריק צום יאַם, און די לעצטע שטראַלן אירע האָבן באַלויכטן מאָטיעס פּלײצע. עס האָבן זיך אויסגעצויגן אַפּן ברוק לאַנגע אומגעלומפּערטע שאָטנס, זײ האָבן לאַנגזאַם און מיד געבלאָנדזשעט.

מאָטיע איז אָנגעקומען צו דער טיר פון דער באַשקע, צוגעטוליעט דעם קאָפּ צו דער טאַפּליע, אַרײַנגעקוקט, געוואָלט דערזען, צי איז עמעצער פאַראַן דאָ.

די באַשקע איז געווען פּוסט.

עס איז געווען קלאָר, אַז די אײַנוווינער האָבן זי שוין לאַנג פאַרלאָזט, און דאָך האָט מאָטיע ניט געגלײבט די אײגענע אויגן. ער האָט אָנגערירט די קליאַמקע, און די טיר האָט זיך מיט א צעצויגענעם סקריפּ אויפגעעפנט, ווי גלײַך זי זאָל זיך האָבן דערפרײט, וואָס מע האָט סאָפּקאָלסאָף זיך דערמאָנט אין איר. פון אונטער די טרעפּ האָט א שלאָג געטאָן א האַרבער רײעך פון פוילקײַט און שימל. א שטשור האָט זיך דערשראָקן און אוועקגעײַלט אין זײַן באַהעלטעניש. אומגעריכט האָט מאָטיע זיך אָנגעשטויסן אַף אַן אַלטיטשקער, וואָס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— וואָס האָט אזוינס פּאַסירט, וואָס איר זײַט געקומען אין אונדזער ווינקל? — איז זי געווען נײַגעריק. — איר זוכט עפּשער עמעצן?

דאָס איז געווען נבֿעס. מאָטיע האָט זי גלײַך דערקענט און דערפילט זיך גאָר ניט באַקוועם. די אַלטיטשקע האָט ווידעראַמאָל געפרעגט:

— עפּשער זוכט איר עמעצן?

— פאַרוואָס עפּעס אין אײַערע מעקוימעס? — איז ער קלוימערשט באַ־רויִקט געוואָרן. — איך בין אַליין פון די מעקוימעס! און אויב איר ווילט וויסן, וועמען איך זוך, קאָן איך אײַך זאָגן — איך זוך אײַך!

— מי־יך? — האָט זי ברייט צעפּירט די הענט. — אַציִנד, יונגערמאַן, קאָן מען מיך אַזוי גרינג ניט געפינען! אַציִנד דאַרף מען, אויב איר ווילט אַרײַנקומען צו מיר אין שטוב, אָנטאַפּן מיטן פינגער אַ פּיפּטשיקל, וועט עס אָנקלינגען. ווי דען מיינט איר? אַציִנד בין איך אַזוי ווי גוראַרי.

— ווינט איר, הייסט עס, מיט דער טאָכטער אײַערער אין אַ נײַער דירע? — אין די שלייפן האָט גענומען פּויקן.

זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ.

— ס'איז עפּעס געשען מיט איר?

— אוועק. אַף דער פּאָזיציע. פּאַר אַ סאָלדאַט.

זי האָט ניט דערציילט, נאָר אויסגעוויינט די רייד:

— אַציִנד איז דאָך געוואָרן אַ מאָדע, אַז מיידלעך זאָלן גיין אַף דער פּאָזיציע, ווערן סאָלדאַטן! ווער דען וועט מילכאָמע האַלטן, אויב ניט מײַן כאַטיע?

— וואָס זשע שרײַבט זי פון דאָרט? — האָט מאָטיע געוואָלט וויסן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט פײַן פון זײַן זײַט אויסצופרעגן די אַל־טיטשקע, נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט צוימען.

— ווער ווייסט, ווען זי וועט אָנשרײַבן... — האָט זי זיך צעוויינט, אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און, פאַרגעסן זיך צו געזעגענען, אוועקגע־גאַנגען.

מאָטיע איז געבליבן שטיין ווי אַ ליימענער, דערפילט, ווי עס שטיקט אים עפּעס אין האַלדז. אַציִנד האָט ער שוין ניט געהאַט ווו היין צו אײַלן.

מאָטיע האָט ניט געפילט, ווי די פיס האָבן אים געבראַכט צו קאַליקס טראַקטיר.

אַ מאָדנע זאַך — די שטענדיק צעפּראַלטע טירן פונעם טראַקטיר זײַנען איצט געווען פאַריגלט פון אינעווייניק. פון דאָרטן האָבן זיך געלאָזט הערן פריילעכע אויסגעשרייען, אַ הויך געלעכטער, אַ טופּען פון פיס. פון די פאַרקלאַפּטע פענצטער האָט זיך דאָך דערטראָגן אַ רייצנדיקער גערוך פון געפילטע פיש. ער איז שוין געווען גרייט אוועקגיין ווײַטער, מאָטיע, ווען די טיר האָט זיך פּלוצעם צעפּראַלט און פון דאָרטן זײַנען אַרויס אַף דער גאַס עטלעכע מענטשן — מע דאַרף זיך דאָך אַ ביסל אָפּקילן, אָפּ־עטעמען.

— וואָס זשע שטייסטו אין דרויסן? אין דרויסן וועט מען דיר גאָרנישט ניט דערלאַנגען, — האָט מאָטיע דערהערט מיקעס קאָל. — קום אַרײַן, זינג עפּעס אָפּ, טאַנץ עפּעס אויס פּאָר זיי, וועט מען דיך אָנהאָדעווען, וועסט זיך גוט אָנשיקערן! כאַפּ זיך אַרײַן, קאַלזמאַן די טיר איז אָפּן...

מאָטיע האָט זיך אויסגעדרייט פון מיקעס הענט און זיך געלאָזט לויפן אהיים. עס איז שוין געווען אזייגער צען אין אָוונט.

מאגאלניק האָט געוואַרט אף אים באם טויער. דערזען מאָטיען, האָט ער געמאכט עטלעכע שפאן אים אנטקעגן און אין איין אָטעם אויסגעשאָסן, אז אפן פינפטן אײַזנבאַן־וועג פאָרמירט זיך א צוג און אז אלע ארטיסטן זײַנען שוין אוועק אף דער סטאנציע מיט די זאכן.

— ווּ זשע זײַט איר פארפאלן געוואָרן? — האָט מאגאלניק געכידעשט זיך און זיך געבייזערט. — ווער ווייסט, צי מיר האָבן שוין ניט פארשפעטיקט, צי דער צוג איז ניט אוועק אָן אונדז.

— אָן אונדז וועט ער ניט אוועק! — האָט מיט אן אומפארשטענדלעכער רויִקייט געענטפערט מאָטיע. — ווּ איז יאנקאָ?

מאגאלניק האָט א פאָך געטאָן מיט דער האנט:

— דאָרט!

— וועלן מיר אויך באלד זײַן דאָרט, — האָט מאָטיע ארופגעוואָרפן אף דער פּלייצע דעם שווערן זאק, וואָס מאגאלניק האָט צוגעגרייט פאר אים.

מאגאלניק מיט זײַן זאק אף דער פּלייצע האָט זיך באמיט ניט אָפּצושטיין פונעם שעף.

קאפּיטל איין און צוואנציק

דער ערשטער קאָנצערט

לויט דער פאראָרדענונג פון ליובע בוביס האָט מען צונויפגעקלאפּט א גרויסן קאסטן פאר אונדזער רעקוויזיט, פאר די קאָסטיומען, פאריקן און דעקאָראציעס.

איינמאָל איז שוין דער קאסטן געשטאנען אין א טעפּלושקע, האָט זיך אײנמיטן דער נאכט אויסגעקלאָרט, אז די דאָזיקע טעפּלושקע ווערט דרינגענד אָפּגעשיקט אין פּארק אף רעמאָנט. מאָטיע און אילױשע זײַנען אלעמאָל געלאָפן אין „קאָנטאָר" דערוויסן זיך, צי וועט ווען־עס־איז אוועק א צוג אין דער ריכטונג, ווּ דער טעאטער דארף, און אויב יאָ, צי וועט עס פּאָרקומען, איידער מאָשיִעך וועט קומען? מיר זײַנען, כאָלילע, ניט געווען איינע אליין אף דער טאָווארנער סטאנציע. כוץ אונדז, זײַנען געווען הונדערטער און הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן, ווי אונדזערע אקטיאָרן, געוואַרט אף א מעגלעכקײַט אוועקצופאָרן. אייניקע זײַנען געשלאָפן אף דער ערד, אויסגעלייגט זיך לעבן די פּארקנס, וועלכע האָבן זיך צעצויגן אף עטלעכע וויאָרסט; די אנדערע זײַנען געזעסן אף זייערע קלומעקעס, די דריטע האָבן טאָג און נאכט געבלאָנקעט איבער די ליניִעס.

אפן דריטן טאָג, ערעוו זון־אונטערגאנג, האָבן מיר פּלוצעם דערזען, ווי א שווארצע כמארע פון לעבעדיקע באשעפענישן איז באפאלן עטלעכע האלב־צעשמעטערטע טעפּלושקעס, וועלכע זײַנען שוין וויפל טעג גע־

שטאנען אף איינע פון די אַנצאַליקע אײַזנבאַן־ליניעס און אף וועלכע קיי־נער האָט זיך אפילע ניט ארומגעקוקט. דער האמוין האָט מיט דער גע־שיקטקײַט פון זעלבסטמערדער זיך געוואָרפן אף די צענעריקטע וואגאָנען, געשפרונגען אף זיי, געדראפעט זיך, געקראָכן, געמיימעסט איינער דעם צווייטן, קעדיי פארכאפן אן אָרט, אויב ניט אין וואגאָן, איז כאָטש אפן טאמבור, אויב ניט אפן טאמבור, איז — אף די בופערן, אויב ניט אף די בופערן — איז אפן דאך.

דער לאָקאָמאָטיוו איז בעשאסמײַסע לײַכט צוגעשוווּמען צו די טעפלוש־קעס, די בופערס האָבן געגומען קלינגען, און די וואגאָנען האָבן זיך א וואקל געטאָן.

פלוצעם האָבן מיר דערהערט די שטים פון אונדזער גוטן „נאָווי", אַלעקסיי מיראָנאָוויטשן. ער האָט געײַלט צו אונדז און לויפנדיק געשריִען:

— ווו זײַנען אײַערע ארטיסטן? די ארטיסטן ווו זײַנען?

דער „נאָווי" איז געווען אָנגעטאָן אין א פארשמאָלצעוועטן מונדיר, אין א הויך היטל פון אן אײַזנבאנער.

ער האָט באמערקט, ווי אויסגעמאטערט מיר זײַנען, און געגעבן צו פארשטיין, אז אויב מיר וועלן שטיין מיט פארלייגטע הענט, וועלן מיר זיך קיין זאך ניט דערשלאָגן.

— אין וועג, — האָט ער אונדז געוואָרנט, — וועט אָפטמאָל אונדז אויס־פאלן שוועריקײַטן.

טײַענדיק צו אונדז, האָט אלעקסיי מיראָנאָוויטש אָנגעכאפט מיטביידע הענט אונדזער קאסטן, יאשע, מאגאלניק און אילױשע האָבן אים געהאָלפן, און דער קאסטן איז ווי א שפילכל ארײַנגעשפרונגען אין א טעפלושקע, וואָס האָט אויסגעזען א סאך פײַנער פון די אנדערע — סײַ דער דאך אי־רער איז געווען אפן אָרט און סײַ די טיר איז געווען גאנץ.

אינעם וואגאָן האָט זיך אופגעהויבן א טומל, מע האָט געפאָכט מיט די פויסטן, געדראָעט אלעקסיי מיראָנאָוויטשן:

— פארנעם זיך בעסער, אויב דאָס לעבן איז דיר נאָך ניט נימעס גע־וואָרן!

דער אײַזנבאַן־ארבעטער האָט מיט א רויקן בליק אָפּגעמאָסטן אלע די, וואָס זײַנען געשטאנען בא דער אָפענער טיר פון דער טעפלושקע. עס האָט אויסגעזען, אז ער האָט גאָרניט געהערט זייערע געשרייען, זייערע דראָונ־גען. ווען עס איז שטילער געוואָרן, האָט ער ווידעראמאָל דערקלערט:

— דער וואגאָן איז פאר קאָמאנדיראָוואָטשנע! באפרײַט דעם וואגאָן! און זיך מיטאמאָל צעשריִען:

— אקטיאָרן זײַנען זיי! פארשטייט איר? טיאטער! ניט קיין זאלץ פירן זיי אף צו ספעקולירן! אפן פראָנט פאָרן זיי! — האָט ער אָנגעוויזן אף אונדז.

ער האָט ארויסגעכאפט פון קעשענע א פײַפעלע, צוגעטראָגן עס צום מויל.

אָט דאָס פאָשעטע פײַפל האָט מיטאמאָל געלייזט אלץ.

ניט ווארטנדיק, ביזוואנען ער וועט אָנהייבן פײַפן, האָבן די „מעשאָטש־ניקעס" זיך צונויפגעשלאָגן אין ענגן קרײַז, ווי א טשערעדע בעשאָס א דונער, און באפרײַט א ווינקל אינעם וואגאָן.

איצט, ווען עס איז שוין קיין שום סאָפעק ניט געווען, אז דער צוג גייט, האָט מען זיך געקאָנט דערלויבן כאפּן א דרעמל. צום ערשטן האָט זיך דערהערט א קורץ, ניט זיכער כראָפּען, וואָס האָט אָבער גלייַך אָנגעהויבן ווערן מוטיקער, פעסטער און איז באלד ענלעך געוואָרן אפן ראשיקן אָטעם פונעם לאָקאָמאָטיוו.

איבער אונדז זייַנען, ווי בייס א שטערנפאל, געפלויגן פונקען, וועלכע מע האָט געקאָנט זען דורכן אָפענעם פענצטערל. די פונקען האָבן אופגעלויכטן און אף אן אויגנבליק באוויזן דעם שווארצן הימל.

— נו, וואָס? פאָרן מיר? — האָט מיך מאָטיע פרייַנטלעך א שטויס געטאָן מיטן פויסט אין דער ברוסט.

ער האָט זיך צוגעהערט צום קלאפּן פון די רעדער, מיט דער דלאָניע געריבן דעם נאקן:

— א כאָכעם אונדזער פאָליטפראָסוועט. וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן די רוסישע און אוקראִינישע אקטיאָרן? אָלגא דרוזשינינא אליין איז אן אויצער פאר אונדז.

— א טעאטער מיט איין פאָרשטעלונג, און דערצו אף ייִדיש, איז צו ווייניק.

— איצט האָבן מיר א ווונדערלעכן קאָנצערט, — האָב איך דערמאָנט.

— דעם קאָנצערט דארף מען ערשט צוגרייטן! — האָט מאָטיע זיך געבייזערט. — אזויפיל צייַט איז בא אונדז אוועק אומזיסט!

ער האָט מיך ארומגענומען, דערלאנגט עטלעכע פּעטשלעך אין דער פלייצע — כ'האָב אים קיינמאָל ניט געזען אזא צוגעלאָזטן.

— דו קאָנסט דאָך! — האָט ער אָנגעהויבן פונדערווייַטנס. — וואָלסט באדארפט דרינגענד אָנשרייַבן אן איינאקטער, זאָל זייַן כאָטש איין סצענע, נאָר אזא סצענע, וואָס זאָל זייַן פארשטענדלעך און נאָענט אלע צושויער! איצט וויסטו שוין, וואָס פאר אן אקטיאָרן מיר פארמאָגן. נישקאָשע, זיי וועלן זיך ספראווען מיט דער רוסישער שפּראך. מיר האָבן אזא פרומע איסייַעוונע, א ליאָניע לאנדע! שטעלסט זיך פאָר, וואָס זיי קאָנען ווייַזן אף דער בינע? דו פארשטייסט עס כאָטש? — ער האָט ארויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע א קליין ביכעלע אין א פעסטן אייַנבונד און עס אריינגעלייגט מיר אין דער האנט. אין דער פינצטער טאפּן אָן מייַנע פינגער עפּעס אן אויסגעקוועטשט געמעל אפן שארבלעטל. אינעם ביכעלע — א קלייַנער בלייַפעדער.

— זאָל עס זייַן בא דיר. טראכט און פארשרייַב. ביזוואנען מירן קומען אפן אָרט, קאָן זיך מאכן, דו זאָלסט עפּעס צוטראכטן.

בעסאָד:

— וויקטאָר איוואנאָוויטש האָט עס מיר געגעבן!

דאָס האָט, ווייַזט אויס, באדארפט שטארק העכערן אין מייַנע אויגן דעם לוין פון דעם קליינעם ביכעלע, וואָס כ'האָב געהאלטן אף דער דלאָניע.

— יאשע בוביס און ליובע! — האָט ער זיך ווידער דערמאָנט. — וואָלטן זיי געהאט א פאסיקע פּיעסע, וואָלטן מיר ערשט דעמלט דערוווּסט זיך, וואָס פאר אן אקטיאָרן זיי זייַנען!

ווי אַף צו באַשטעטיקן די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער לאָקאָמאָטיוו שטאַרק און צעצויגן צעהודעט מיט אַ שווער־הייזעריקער געמבע.

באַנדורענקאָ, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אין פֿענצטער, האָט אַף אַ קאָל געמאָלדן, אַז אַלע זאָלן הערן:

— מיר פֿאָרן צו צו אַ סטאַנציע!

פֿיל פֿון די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אופֿגעכאַפּט און גענומען זיך פֿאַרען מיט די קלומקעס זייערע. אַנדערע זײַנען געשמאַק געשלאָפֿן. עפּעס איינער אַ פֿאַרשוין מיט אַ שטאַרק פֿאַרוואַקסענער באָרד האָט געגרעדט אַף אַ קאָל: „אונדז איז וואָס? מיר זײַנען דאָך ניט קיין קאָמיסאַרטשיקלעך, מיט אונדז וועט זאַבאַלאָטנע זיך ניט אינטערעסירן...‟

ביז דער צוג איז געשטאַנען, האָט אין וואַגאָן געהערשט אַ שטומע אָנגעשטרענגטקײַט. נאָר אַט האָט דער צוג זיך ווידער געלאָזט לויפֿן.

אינעם פֿענצטער האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אַ קאָפּ. דאָס האָט איינער פֿון די מעשאָטשניקעס, וואָס איז געפֿאָרן אַפֿן דאַך, זיך אַראָפּגעהאַנגען און געוואָרנט זײַנע פֿרײַנט:

— מיר פֿאָרן קיין יערעמייעווקע! אין ראַזדעלניע איז גאַזשאַלאָוו, ער וועט אויסטרייסלען פֿון אונדז אַלץ. איר הערט, איי, סאָליסטן, שאַנטראַפּאַ!

אינעם וואַגאָן האָט מען זיך אופֿגעכאַפּט פֿון די ערטער. דער באַבערדלטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט בא דער טיר אַפֿן פּאָסטן, צוגעהערט זיך, נאָכדעם עטוואָס אָפּגערוקט די טיר, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, ווידעראַמאָל צוגעהערט זיך.

— זאָל זײַן שאַ! — האָט ער געפּאָדערט.

דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער, די רעדער האָבן שוין קיימאָט ניט געקלאַפּט, נאָר געזשיפּעט, דורך דער האַלב אָפֿענער טיר איז אַראָפּגעפֿלויגן פֿון וואַגאָן דער ערשטער זאַק, נאָך אים — אַ צווייטער, אַ דריטער, אינעם וואַגאָן איז מיטאַמאָל געוואָרן געראַמער.

דער הייזעריקער האָט זיך דורכגעשטופּט צו אונדז. ער האָט לײַכט מיטן פֿוס אַ שטויס געטאָן אַמזעלן, וועלכער איז געשלאָפֿן אַפֿן קאַסטן. אַמזעל איז אופֿגעשפּרונגען.

— עפֿן! — האָט דער הייזעריקער אים פֿאַרגעלייגט און אַ ווונק געטאָן אַפֿן קאַסטן.

— צוליב וואָס? — האָט זיך מאַגאַלניק אופֿגעהויבן.

— ניט מיט דיר רעד איך! — האָט אים אָפּגעשטויסן דער הייזעריקער. — מיטן פּאַפּאַשאַ רעד איך! פֿאַרשטאַנען?

און ווידער צו אַמזעלן:

— עפֿן אוף, פּאַפּאַשאַ! איך וועל אַהין אַרײַנשטופּן מײַן זעקל! בא אײַך וועט מען, ווײַזט אויס, ניט טרייסלען! האַ?..

ער האָט זיך אויסגעדרייט, אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט דעם זאַק זײַנעם, אַ שלעפּ געטאָן אים צו אונדזער קאַסטן.

— באַלד נאָך ראַזדעלניע וועל איך אים אָפּנעמען! — האָט ער פֿאַרזיכערט.

אַ ווונק געטאָן צו אַמזעלן מיט אַ מאַמזערישן שמייכל:

— פּאָנימעו!

— אַט וועל איך דיר באַלד מאַכן „פּאָנימע״! — איז צוגעטראָטן צו אים מאַגאַלניק. — פּרווו נאָר!

— אַנו, טראָג זיך אָפּ פונדאַנען! — האָט אים אילױשע פאַרגעלייגט.

איוואַן באַנדורענקאָ האָט זיך אוועקגעשטעלט באַם קאַסטן.

דער הייזעריקער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. מיט גלעזערנע אייגעלעך האָט ער אונדז אַלעמען באַטראַכט, גראָב אויסגעזידלט זיך.

איבער דער אײַזנבאַן־ליניע איז געלאָפן אַ מענטש. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין די אָפענע טירן פון די וואַגאָנען און וועגן עפּעס געפרעגט. וועגן וואָס ער פרעגט, האָבן מיר ניט געהערט, נאָר איין מאַגאַלניק, אַן אופגערעגטער, האָט אויסגעשריגן מיט גרויס פרייד:

— דאָס זוכט ער דאָך אונדז! איר הערט?

און טאַקע בעעמעס: דער מענטש האָט געזוכט אַרטיסטן. ווען ער איז צוגעקומען צו אונדזער טעפּלושקע, האָבן מיר גלײַך דערהערט:

— די אַרטיסטן זײַנען דאָ?

— דאָ! דאָ!

— פאַרוואָס זשע גייט איר ניט אין אַגיטפּונקט? — האָט ער זיך געוווּנדערט.

— וואָס האָבן מיר דאָרט פאַרגעסן? — האָט יאַנקאָ ניט פאַרשטאַנען.

— איר זײַט אַרטיסטן? — האָט איבערגעפרעגט דער מענטש.

— נו, אַרטיסטן! — איז אַרויס פון פאָרנט ליובע, אונדזער אַדמיניסטראַטאָר.

— איז קומט גיכער מיט מיר! מע וואַרט דאָך אַף אײַך! איך בין דער נאַטשאַלניק פונעם אַגיטפּונקט, פּראַכאַראָוו איז מײַן פאַמיליע, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט.

— און דער קאַסטן? — האָט אילױשע געפרעגט.

— באַלד וועלן מיר שיקן עטלעכע רויטאַרמייער, וועלן זיי ברענגען דעם קאַסטן אַרײַן, — האָט אומגעדולדיק געמאָלדן דער נאַטשאַלניק פונעם אַגיטפּונקט, — קומט!

— איז וואָס? — האָט יאַשע בוביס זיך אַרײַנגעמישט.

— אָט וואָס, מענטש איינער: אונדז האָט מען נאָך נעכטן געזאָגט, אַז עס פאָרן אַרטיסטן. מיר האָבן ווי עס באַדאַרף צו זײַן גלײַך געמאָלדן וועגן דעם די רויטאַרמייער. זיי וואַרטן אַף אײַך, אַ גאַנצע נאַכט וואַרטן זיי.

מאָטיע ברען האָט מיטאַמאָל אויסגעגאָסן אַף אַלעמענס קעפּ אַן עמער קאַלטע וואַסער:

— אַ בינע פאַרמאָגט איר?

— וואָס עס איז ניטאָ, דאָס איז ניטאָ, — האָט פּראַכאַראָוו אַ קנייטש געטאָן די ליפּן. — צוליב וואָס דאַרפן מיר זי, די בינע?

— און מיר פירן אַ ספּעקטאַקל! — האָט מאָטיע געגעבן צו פאַרשטיין.

— אַ ספּעקטאַקל! זייער גוט! — האָט זיך דערפרייט דער שעף פונעם אַגיטפּונקט. — מירן צונויפנעמען די כעוורע, וועט צום אָוונט געבוירן ווערן אַ בינע.

— וואָס הייסט עס „צום אָוונט"? — איז מאָטיע ארויס פון די קיילים. — צי מיינט איר עפּשער ניט, אז מיר וועלן דאָ פארבלײַבן ביז מאָרגן? ווען וועט קומען? מיר דארפן פאָרן ווײַטער!

— פאָ־אָרן? — האָט פּראָכאָראָוו זיך געכידעשט. — פאָרן וועט איר, ווען עס וועט זײַן א צוג. מירן אײַך העלפן!

— און דאָס וואָס איז? — האָט יאשע בוביס אָנגעוויזן אף די וואגאָנען, לעבן וועלכע מיר זײַנען געשטאנען.

— די גייען אין פּארק, אף רעמאָנט, — האָט פּראָכאָראָוו אוועקגעמאכט מיט דער האנט, — אויב מיר זאָלן אײַך לאָזן פאָרן אין די וואגאָנען, וועט איר זיכער פארברענגען דאָ דעם ווינטער!

ערשט איצט האָבן מיר באמערקט, אז אף דער רעכטער האנט, מיט וועלכער פּראָכאָראָוו פאָכעט, זײַנען בא אים פאראן בלויז צוויי פינגער, און די לינקע האנט פארמאָגט ער אינגאנצן ניט, דער עק פונעם פוסטן ארבל איז געווען ארײַנגעשטעקט אונטערן רימען פונעם שינעל. מאָדנע, נאָר מיר האָבן זיך מיטאמאָל דערפילט זייער נאריש, גלײַך ווי מיר וואָלטן צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען אן אינוואליד, נאָך מער: ווי גלײַך מיר זײַנען שולדיק אין דעם, וואָס בא פּראָכאָראָוון זײַנען פון ביידע הענט פארבליבן בלויז צוויי פינגער.

— ווײַט איז פונדאנען דער אגיטפּונקט? — איז פרומע איסײַעוונע ארויס פון פאָרנט און זיך געשטעלט אנטקעגן פּראָכאָראָוון.

— אָט דאָס זײַנען אנדערע דיבורים! — צום ערשטן מאָל האָבן מיר באמערקט א שמייכל אף זײַנע ליפּן.

ער איז געגאנגען גיך, מיר האָבן קוים באוויזן נאָכצוטיאָגן נאָך אים. קעדיי ניט אָפּשטיין, זײַנען מיר געלאָפן איבער די פּײַכטע רעלסן, אף וועלכע עס איז נאָך געלעגן דער פארטאָגיקער טוי.

דער אגיטפּונקט האָט זיך געפונען אינעם געוועזענעם זאל פונעם ערשטן קלאס און איז געווען איבערגעפּולט מיט מענטשן אין שינעלן. קעדיי אײַנצוהיטן די ווארעמקײַט, האָט מען אף באנאכט צוגעמאכט די פענצטער. עס האָט זיך געפילט דאָ א הארבער ספּעציפישער סאָלדאטישער געוויך. פּראָכאָראָוו האָט, פארשטייט זיך, עטוואָס איבערגעטריבן. די רויטאר־מייער האָבן ניט געוואַרט אף אונדז א גאנצע נאכט — די מערהײַט פון זיי איז געשלאָפן, פונקט אזוי ווי עס שלאָפן קינדער — אונטערגעצויגן צום בויך די פיס און צוגעשפּארט מיט דער נאָז צום שאָכנס פּלייצע. אזוי איז געווען ווארעמער. אייניקע סאָלדאטן זײַנען געווען פארטאָן אין פארשיי־דענע זאכן: איינער האָט געלאטעט דעם שינעל, אן אנדערער — דאָס העמד. עמעצער האָט זיך געגאָלט, עמעצער איז גלאט געזעסן און מיט ביידע הענט ווי ווײַט מעגלעך געריבן די מידע, מעגלעך, פארוואונדעטע, צי קראנ־קע פיס.

אלע ווענט פונעם אגיטפּונקט זײַנען געווען פארהאנגען מיט פּלאקאטן און לאָזונגען. אנטקעגן ארײַנגאנג איז אף דער וואנט געהאנגען א פּלאקאט, אף וועלכן ס'איז געווען אויסגעמאָלט ווראנגעל מיט אן אויסגעשטרעקטער לאנגער האנט צום האלב־אינדזל קרים. נאָר איבער דער דאָזיקער האנט

איז אופגעהויבן א שארפע רויטארמייִשע שווערד, ארום וועלכער ס'איז מיט גרויסע פלאַמיקע בוכשטאבן געווען אָנגעשריבן:

„ווראַנגעל לעבט נאָך, דערשלאָג אים אָן שום ראַכמאָנעס!"

די רויטארמייער, וועלכע זײַנען נאָרוואָס גאַנץ געשמאַק געשלאָפן, האָבן מיטאַמאָל זיך אופגעכאַפּט פון די ערטער און אונדז ארומגערינגלט. דורך דער טיר, וועלכע איז שוין געווען צעפּראַלט, זײַנען ארײַנגעקומען אַלץ נײַע און נײַע סאָלדאַטן, אופגערודערטע, ווי גלײַך זיי האָבן פארשפּעטיקט מײַעדייע וואָס. פראָכאָראָוו האָט אופגעהויבן די האַנט און געמאָלדן:

— כאַווײַרים! צו אונדז איז אָנגעקומען א טעאַטער! א גובערנסקער טעאַטער! דאָס איז אײַך ניט קיין קופּלעטיסטן צי אַנדערע קונצנמאַכער! איך בעט אײַך, אז איר זאָלט באַגריסן אונדזערע געסט.

ער האָט אַליין געוויזן מיט דער אייגנציקער האַנט, וויאַזוי מע דאַרף באַגריסן די ארטיסטן.

ס'האָט זיך אופגעהויבן א טומל, א פּליעסקערײַ. דער נאַטשאַלניק פונעם אַגיטפּונקט האָט בעשאַסמײַסע פאַרגעזעצט:

— הײַנט אין אָוונט וועלן די ארטיסטן ווײַזן אונדז זייער ספּעקטאַקל וועגן דעם, וויאַזוי עס האָבן געקעמפט און אומגעקומען זיבעצן קאָמסאָמאָלצעס פון אָדעס...

— אין אָוונט? — האָט עמעצער אַן אַנטוישטער אויסגעשרײַען. — און אַצינד?..

— אַצינד... — האָט פראָכאָראָוו א קוק געטאָן אין אונדזער זײַט, — אַצינד...

ער האָט ניט באַוויזן צו דערקלערן, וואָס זשע וועט פאָרקומען אַצינד, ווי פרומע איסטײַעוונע איז אויסגעוואַקסן לעבן אים מיט אַן אופגעהויבענער האַנט. זי האָט פארקוועטשט א פעסטן פויסט, געמאַכט א קורצינקן שפּאַן פאָרויס, געבליבן אַזוי שטיין מיט א שטאָלץ־אופגעהויבענעם קאָפּ און אָנגעהויבן לייענען הויך, ווי זי זאָל לייענען א באַפעל פארן כאַיל, וואָס איז פארגליווערט געשטאַנען לויט דער קאָמאַנדע „סמירנאָ!":

Разворачивайтесь в марше!
Словесной не место кляузе,
Тише, ораторы!
Ваше
Слово,
Товарищ маузер!

דאָ ניט לאַנג איז די דאָזיקע ליד געווען אָפּגעדרוקט אין אונדזער גובערנסקער צײַטונג, איך האָב זי איבערגעלייענט און... גאָרניט. און אָט האָט די זעלבע ליד איבערגעלייענט אַן אַקטריסע און מיך אָנגעכאַפּט פארן גאָרגל, אופגעעפנט מיר די אויגן. הײַנט וויאַזוי האָט זי געווירקט אויף די רויטארמייער, וועלכע האָבן די ליד אויסגעהערט צום ערשטן מאָל?

וועגן דעם האָט מען געקאָנט מישפּעטן לויט דער שטילקײַט, וואָס איז געשטאַנען אין איבערגעפּולטן זאַל. אפילע ווען די ליד האָט זיך שוין פארענדיקט, האָט די שטילקײַט נאָך געדויערט, אופגערודערטע האָבן אַלע שווײַגנדיק געקוקט דער אַקטריסע אין די אויגן און געוואַרט נאָך אויף עפּעס.

אזוי האָט געדויערט לאנג, עפּעס א גאנצע מינוט. און ערשט דעמלט האָט אופגעריסן א שטורעם. ווער עס האָט געהאט הענט, האָט געקלאַפּט מיט די הארטע דלאָניעס. מע האָט געשריַען פון פרייד, אנדערע האָבן גע־פּאַטשט מיט די בודיאָנאָווקעס.

און די אקטריסע?

זי איז געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט א באַרוישטע פונעם אומגעריכטן דערפאָלג.

און וויַיטער? כ'געדענק, אז ליאָניע לאנדע איז ארויס צו דער באַנק, וועלכע האָט אונדז אָפּגעטיילט פון די צושויער, מיט א וויַיבערישן שאַלכל אפן קאָפּ, דאָס פּאַנעם זיַינס, צעאַקערט מיט קנייטשן, האָט זיך אינגאַנצן פארענדערט, דאָס איז געווען אן אלטע מוטער, וועלכע האָט נאַרוואָס באַ־קומען א בריוו פון איר זון, דעם סאָלדאַט. צוערשט האָט מען געלאַכט, וויַיל דער אויסזען ליאָניעס האָט ארויסגערופן א געלעכטער, נאָר ביסלעכ־וויַיז איז דער אוילעם געוואָרן ערנסט. מע האָט אָנגעהויבן צו פארשטיין די ביטערע ליידן פון א מוטער, וועלכע ווארט אף א גרוס פונעם פראָנט, פון איר זון. און ווען ליאָניע האָט מיטאַמאָל אראָפּגעריסן דאָס שאַלכל פונעם קאָפּ און איז שוין געוואָרן א סאָלדאַט, וועלכער דערקלערט דער מוטער זיַינער, אז ער איז מער ניט קיין פּאַשעטער סאָלדאַט, אז ער איז שוין א רויטארמייער, וועלכער קעמפט פאר דער רעכט צו לעבן, ווי א מענטש, פאר פריַיהיַיט, פאר גליק פאר אלע קנעכט און הונגעריקע, איז אין זאַל געשטאַנען אזא שטרענגע שטילקיַיט, וועלכן דער גרעסטער אקטיאָר וואָלט געמעגט מעקאַנע זיַין.

אָלגא דרוזשינינא האָבן די סאָלדאַטן באַגעגנט ווי א באַסמאַלקע פון א מיַיסעלע. איר וויַיס קלייד, די זילבערנע שיכעלעך האָבן ארויסגערופן בא פיל פון די צושויער, ווי אויך בא אונדז, אקטיאָרן, א ווארעם געפיל. אפילע ווען אָלגא וואָלט ניט געזונגען, וואָלטן די סאָלדאַטן אף לאנג זי פארגע־דענקט. נאָר אָלגא איז געווען אן עכטע אקטריסע. די גלעקלדיקע אריע פון דעליבס „לאקמע" האָט געקלונגען מיט זילבערדיקער צארטקיַיט. דרוזשי־נינא איז געווינט געווען צו דערפאָלג און אף אלע באַגיַיסטערטע אויסגע־שוייען און אפּלאָדיסמענטן געענטפערט מיט א שמייכל.

וועגן דעם קאָנצערט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן האלב זעקס אינדערפרי, האָט מען שוין געוווסט אומעטום. ווען מיר זיַינען ארויס אף דער גאַס, זיַי־נען אונדז נאָכגעגאַנגען צענדליקער מענטשן.

איַילנדיק און גליטשנדיק זיך איבערן נאַסן אַספאַלט, איז געלאָפן צו אונדז פראָכאָראָוו מיט אויסגעשטרעקטע צוויי פינגער און זיך געזידלט בעקויל־ראַם:

— יאָלקי־מאָטאַלקי, ווו זשע זענט איר פארפאלן געוואָרן? איך האָב שוין איבערגעקערט די סטאַנציע!

ער איז צוגעגאַנגען צו אונדז און פריַינטלעך געשמייכלט:

— גאָזשאַלאָוו האָט זיך נאַרוואָס אומגעקערט. מיר האָבן אים דאָ דער־ציילט וועגן קאָנצערט. ער וויל זיך באַגעגענען מיט איַיך. קומט, לאָמיר גיין אין גאָרקיך. גאָזשאַלאָוו וועט נאָכדעם קומען אהין.

מיר זיַינען געגאַנגען מיטן שעף פונעם אגיטפּונקט. ער האָט אונדז

געבראַכט צו אַ טיר, איבער וועלכער עס איז געהאַנגען אַ שילדל מיט גרויסע רויטע בוכשטאַבן OPTЧK. די מעשאָטשניקעס, וועלכע האָבן פונדערוויַטנס געשפּירט נאָך אונדז, האָבן זיך איבערגעוווּנקען, געקרעכצט, געשמייכלט: „אַזוי קומט זייַ!”...

דער נאַטשאַלניק פונעם אַגיטפּונקט האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר און אונדז איבערגעציילט, דערנאָך האָט זיך די טיר הינטער אונדז פאַרקלאַפּט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אונדזער אַדיסייע דויערט

זאָגט אייַך, וואָס איר ווילט, נאָר אָן שפּאַס, אָן געלעכטער קאָנען אונדזערע אַרטיסטן ניט אויסקומען. זיי וועלן שפּאַסן אַפילע, ווען מע וועט זיי בראָטן אין געגעם אויף די סקאָוורעדעס.

איך האָב זיך שטאַרק פאַרכידעשט, וואָס אין אַזאַ אַנשטאַלט,
ס'הייסט אין טשעקאַ, שמעקט מיט אוקראַיִנישן באָרשטש.

ווי אַלעמאָל, איז פּראָכאָראָוו אײַלנדיק אַרײַן צו אונדז און מיט דער האַנט געוויזן, אַז מיר זאָלן גייַן אַרויף נאָך אים, אויפן צווייטן שטאָק.

דאָרט איז אין אַ גרויסן, קימאַט פּוסטן צימער געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, וועלכן מע האָט אַפּגיך צונויפגעשלאָגן פון געטעסעטע ברעטער. און אַמזעל האָט גלײַך באַוויזן פאַרכאַפּן אַן אָרט בײַם סאַמע עק טיש, לעבן פענצטער. אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין געזופּט פון אַ היפּשער שיסל דעם אוקראַיִנישן באָרשטש, וואָס האָט אונדז אַזוי פאַרשמעקט נאָך פון די טרעפּ.

אינגיכן איז אין צימער געוואָרן שטיל. אַלע האָבן מיר באַקומען פּונקט אַזאַ שיסל מיט באָרשטש, ווי אַמזעל. שוין אָפּגערעדט פונעם באָרשטש גופא, וואָס איז געווען טאָם־גאָנײַדן, איז אַכוץ אויפן דנאָ פון דער שיסל געווען גרויסע שטיקער פלייש. אַזוינס האָבן מיר אַפילע אין חלום ניט געזען. אויפגעהויבן די קעפּ פון די שיסלען האָבן מיר ערשט דעמלט, ווען פּראָכאָראָוו האָט זיך באַוויזן. בײַנאַנד מיט אים איז געגאַנגען אַ מענטש פון מיטעלן עלטער.

— כאָווער גאָזשאַלאָוו! — האָט פּראָכאָראָוו אים פאָרגעשטעלט.
בײַ אונדז האָט געקלעקט סייכל אויפצושטיין פון די ערטער.

— זעצט פאָר, זעצט פאָר, — האָט גאָזשאַלאָוו גוטמוטיק געזאָגט. אַליין איז ער אַוועק צום אָפענעם פענצטער, אויסגעדרייט זיך צו אונדז און ווידער געשמייכלט: — כאַפּט איבער, קאָלזמאַן עס איז פאַראַן! ס'קאָן זיך מאַכן, אַז אויף וועטשערע זאָל גאָרנישט ניט זײַן.

ער האָט אראָפּגענומען פונעם קאָפּ דאָס היטל, אוועקגעשטעלט אַף דער פענצטער־ברעט. אצינד האָט זיך דאָס פּאָנעם זײַנס אינגאנצן געענ־דערט. אנטקעגן אונדז איז געשטאַנען נאָך גאָר א יונגער מענטש מיט אן אַשקאַליריקער טשופּרינע.

— נו, און פראָכאָראָוו באלײדיקט אײַך ניט? — האָט ער מיט זײַן פראַגע אַרויסגערופן אונדז אַף א געשפּרעך. בעשאַסמײַסע האָט ער אקוראַט און לאַנגזאַם צונויפגעדרייט א ציגאַר.

ווען דער מיטיק האָט זיך פארענדיקט, איז גאָזשאַלאָוו צוגעגאַנגען צו פרומע איסײַעוונע און איר אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם. פרומע איסײַעוונע האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

— איר שפּילט די ראָל פון יאַשע רויפמאַנס מוטער? — האָט ער גע־פרעגט.

— איר האָט געזען אונדזער ספּעקטאַקל? — האָט זי זיך דערפרייט.

— געזען, אין אָדעס. יאַשע רויפמאַן איז געווען מײַן פרײַנט, און אויך וואַסיע פּעטרענקאָ, און באָריע, און א סאַך אנדערע, — האָט ער צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ. — און יאַשע רויפמאַנס מוטער, פרידאַ אבראַמאָוונאַ, קען איך זייער גוט.

ער האָט ווידער באַטראַכט פרומע איסײַעוונע, גענומען איר האַנט אין ביידע זײַנע וואַרעמע גרויסע דלאָניעס. די אויגן בײַ פרומע איסײַעווגען האָבן גענומען פינקלען, דאָס פּאָנעם האָט זיך באַדעקט מיט ראָזע פלעקן. גאָזשאַלאָוו האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט ווי א קונדעס.

— זײַט זיך מוידע, — האָט ער געזאָגט, — איר האָט ניט דערוואַרט, אז מע פירט אײַך אין טשעקאַ עסן באָרשטש?

אינגיכן האָבן מיר קלאָל פאַרגעסן, ווו מיר געפינען זיך. אלע האָבן גערעדט מיטאַמאָל, געכאָכמעט זיך, געפּרוווט איבערשרײַען איינער דעם צווייטן. גאָזשאַלאָוו איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אונדז, ער האָט ניט אופגע־הערט צו שיטן מיט ווערטלעך.

גאָזשאַלאָוו איז אומגעריכט אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פענצטער, ווו ער איז געזעסן, אוועקגעוואָרפן דאָס אָפּשניצל פונעם ציגאַר אין א ווינקל און מיט נײַגעריקײַט גענומען אונדז באַטראַכטן, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן זיך האַלטן אן אייצע מיט אונדז.

— וואָס וואָלט איר געזאָגט, כאַוויירים, ווען מיר זאָלן דעם אָוונטיקן קאָנצערט אַריבערטראָגן אין דעפּאָ?

מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, און זיך איבערגעקוקט. פאַרכאַפּט פון זײַן אייגענער אידיי, האָט ער ניט באַמערקט, אז מיר זײַנען אין פאַרלעגנהײַט.

— די דעפּאָ איז — וואָ! — האָט ער ברייט צעפירט מיט די הענט. — דעפּאָ איז — אַלץ! ווער סע וויל — קום אַרײַן! ערטער וועלן קלעקן פאַר אַלעמען! איר פאַרשטייט?

מיר האָבן פאַרלאָזט די געבײַדע פון דער טשעקאַ, ווען ס'האָט שוין גע־נומען טונקל ווערן. פּראָכאָראָוו האָט אונדז געגעבן א סאָלדאַט, וואָס האָט אונדז אָפּגעפירט אין דעפּאָ. באַם אַרײַנגאַנג פון וואָקזאַל איז געהאַנגען א גרויסער פּלאַקאַט:

אָדעסער טעאַטער!
נײַע רעוואָליוציאָנערע דראַמע

זיבעצן

דער שרעקלאָזער קאַמף פון א הײַפעלע קאָמסאָמאָלצעס מיט דער ווײַסגוואַרדײַישער קאָנטררעוואָלוציע.

גרויסער קאָנצערט!..

עס ווערן אײַנגעלאַדן אַלע אײַזנבאַן־ און דעפּאָ־אַרבעטער, רויטאַרמייער און רויטע קאָמאַנדירן.

עס ווערן אויך פאַרבעטן אַלע פּאַסאַזשירן.

דער אָוונט וועט פאָרקומען אין דער געבײַדע פון דעפּאָ.

אַרײַנגאַנג — פרײַ, אָנהייב פּונקט 8 אַזייגער אין אָוונט.

ביזן סאַמע דעפּאָ האָט אונדז באַגלייט א האַמוין, צווישן וועלכן סע זײַנען געווען רויטאַרמייער, מעשאָטשניקעס און קינדער. זיי זײַנען אונדז נאָכגעגאַן, ווי זיי וואָלטן מוירע האָבן, אַז מיר קאָנען אַנטלויפן.

קיין שײַן איז אין זאַל ניט געווען. א גרויסער לאָמפּ האָט געברענט נאָר אף דער בינע. אַלס בינע האָט געדינט אַן אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרמע, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פונעם זאַל מיט א גרויסן ברעזענט, וועלכער איז געהאַנגען אף א דראָט. דער אוילעם האָט זיך געסטאַרעט פאַרכאַפּן די פּלעצער וואָס נעענטער צו דער בינע. אַנשטאָט בענק זײַנען געשטאַנען אף די רעלסן אײַזנבאַן־„סקאַטן”. אינעם צווייטן עק פון דעפּאָ איז געווען נאָך איין פּלאַטפאָרמע, אַן איבערגעפּולטע מיט מענטשן, ס׳הייסט א מין גאַליאָרקע. אונטער דער סטעליע פון דעפּאָ — אף די באַלקנס — זײַנען אויך געווען צושויער, מערסטנס קינדער — זיי זײַנען געהאַנגען צווישן הימל און ערד. ס׳איז שווער געווען זיך אָנצושטויסן, וויאַזוי זיי האָבן אַהין זיך פאַרקליבן. די איבעריקע צושויער זײַנען פּאָשעט געזעסן אף דער ערד. דער נאַטשאַלניק פונעם אַגיטפּונקט און צוויי זײַנע געהילפן, וועלכע זײַנען מיט אונדז אַרויף אף דער בינע, זײַנען גרייט געווען אויסצופילן אַלע אונדזערע פאָדערונגען.

צוויי סאָלדאַטן האָבן אונטערגעהויבן דעם שווערן ברעזענט־פאָרהאַנג, און פראָכאָראָוו איז אַרויס אפן ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט אוועקגעשטעלט איין פוס אפן טעלער פונעם בופער און אופגעהויבן איבערן קאָפּ די האַנט. ווען אין זאַל איז געוואָרן שטיל, האָט ער זיך געווענדט צו די צושויער מיט א רעדע.

ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז די טעג פונעם שוואַרצן באַראָן זײַנען שוין געציילטע, און דעמלט, — פראָכאָראָוו האָט געשניטן מיט זײַן איינער האַנט די לופט, ווי מיט א שווערד, — דעמלט וועט אונדזער לאַנד פרײַ אָפּעטעמען און וועט מיט פעסטע טריט גיין מיטן וועג, וועלכן דער כאַ־ווער לענין ווײַזט אונדז אָן!

— און וווהין זשע פירט דער דאָזיקער וועג? — האָט זיך דערהערט א פּיסקליאַטע שטימעלע פונעם זאַל.

די דאָזיקע ביז גאָר פּאָרזיכטיקע פראַגע איז געווען אײַנגעטונקען אין אַ גיפטיקער סלינע. דער, וועלכער האָט געפרעגט, האָט אָבער מיט גאָר־נישט ניט ריזיקירט: אין זאַל איז געווען פינצטער. פּראָכאָראָוו איז אָבער שוין, ווײַזט אויס, געווען גוט צוגעוווינט צו אַזעלכע פראַגן, האָט ער געענטפערט רויק, אַפילע מיט פאַרגעניגן:

— צום קאָמוניזם פירט דער וועג, כאַווײרים! צום קאָמוניזם!

דער ענטפער איז געפעלן געוואָרן. אין זאַל האָט מען אַפּלאָדירט.

— בא וועמען איז נאָך פאַראַן פראַגן? — האָט ער זיך געווענדט צום אוילעם. דער זאַל האָט געשוויגן. — קיין פראַגן, הייסט עס, זײַנען מער ניטאָ?

אין יענעם אָוונט זײַנען מיר אַלע געווען, ווי מע זאָגט בא אונדז, אין דער פאָרם, ניט געקוקט דערויף, וואָס די אויסצוגן פון „זיבעצן", וועלכע די אַרטיסטן האָבן דאָ געשפּילט אַף רוסיש, זײַנען געווען צוגעגרייט אין אײַלעניש. עס זײַנען פאָרגעקומען אַ סאַך אומדערוואַרטע אומפאַרגעסלע־כע געשעענישן: דער אוילעם האָט אָנגעהויבן געבן אײַצעס די אַקטיאָרן, אָנגעוויזן זיי, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג אַוועקצוגיין, מאַכמעס אויב מע וועט אַוועק אין אַן אַנדער זײַט, קאָן מען זיך אָנשטויסן אַף אַ שפּיק. הײַזיקע קעפּ האָבן געפאָדערט, אַז מע זאָל די רויטע פאָן, וועלכע מע האָט באַדאַרפט אַרויסהענגען אַפן דאַך פון דער קאָנטרראַזוועדקע, אַרומוויקלען אַרום זיך, ניט פאַרלירן זי, כאָלילע. אײנעם דריטן אַקט האָט עמעצער געוואָרפן אַ שווערן שטיין דעם שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע.

אַפן אַנדערן טאָג, אַזייגער צען אין אָוונט, איז געקומען צו אונדז גאַ־זשאַלאָוו. מיר זײַנען נאָך געשמאַק געשלאָפן. ערשט אין אַ מינוט אַרום האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זײַנען אָפּגעשלאָפן אַ האַלבן מעסלעס.

— אָט וואָס, כאַווײרים, — האָט ער געזאָגט, — באַלד שיקן מיר אָפּ אַ וואַגאָן צו דער סטאַנציע זאַטישיע, אַהין דאַרף זײַן אַ וויאָרסט פופציק, עפּשער נאָך ווייניקער. מיט איין וואָרט, דער וואַגאָן וועט דאָרט זײַן אײַנדערפרי. דאָרט איז פאַראַן אַ שפּיטאָל. איר שטעלט זיך פאָר, וויאַזוי עס וועלן זיך דערפרייען די פאַרוווּנדעטע, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז צו זיי זײַנען געקומען אַרטיסטן! דאָס וועט זײַן — וואָ! — האָט ער ברייט צעפירט די הענט.

...ער האָט אַליין אונדז באַגלייט ביז צום וואַגאָן, וועלכער איז געשטאַ־נען ווײַט פון דער סטאַנציע. ער האָט נאָכגעשפּירט, אַז מע זאָל ברענגען אונדזער קאַסטן, אים אײַנאָרדענען אין וואַגאָן, און אונדז אָנגעזאָגט:

— איר וועט זײַן דאָרט אַ טאָג־צוויי, ווײַזט די פאַרוווּנדעטע אַ פּראָג־ראַם פון דער פּיעסע, אַ קאָנצערט. דער שעף פונעם שפּיטאָל וועט זיך שוין באַמיִען, אַז איר זאָלט אָוועקפאָרן מיטן ערשטן צוג קיין זנאַמענקע. איך וועל גלײַך איבערגעבן דורכן סעלעקטאָר, אַז איר פאָרט צו די פאַר־וווּנדעטע. דאָס וועט זײַן אַ פרייד פאַר אַלעמען.

...דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע זאַטישיע באַטאָג. פֿונעם פֿינצטערן און ענגן וואַגאָן זײַנען מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין די אָרעמס פֿון אַ קיל ווינטל, וואָס האָט אַרומגעיאָגט איבערן סטעפּ. דאָס ווינטל האָט געשמעקט מיט לאָבאָדע, מיאַטע און פּאָלין. דער קאָפּ האָט זיך אַזש פֿאַרדרייט. עס האָט זיך געגלוסט אַ וואָרף טאָן אויף דער ווייכער ערד, צעשפּרייטן די הענט און קוקן אויף די געדיכטע וואָלקנס, וואָס שווימען אין דער הייך.

באַגעגנט האָבן אונדז צען רויטאַרמייער פֿונעם באַטאַליאָן פֿאַר געזונטווערנדיקע. מיט זיי צוזאַמען איז אויך געקומען דער שעף פֿונעם שפּיטאָל דאָקטאָר בעלענקי. אין סטעפּ האָט גלײַך אָנגעהויבן שמעקן מיט קאַרבאָלקע און יאָד.

דעם ערשטן קאָנצערט האָבן מיר געגעבן אין אַ שאָ אַרום. אונדזערע צושויער זײַנען געווען צוויי, דרײַ אָדער פֿיר מענטשן.

פֿרומע איסײַעוונע האָט געלייענט פֿאַר צוויי סאָלדאַטן, בײַ וועלכע די אויגן זײַנען געווען געדיכט פֿאַרבאַנדאַזשירט:

...и идут без имени святого
Все двенадцать вдаль
Ко всему готовы,
Ничего не жаль...

אין אַן אַנדער פּאַלאַטע האָט יאַשע בוביס געשפּילט אויפֿן פֿידל און ליאָניע לאַנדע האָט דערציילט אַ מײַסע, וויאַזוי ער האָט אַמאָל געפּאַקט אויפֿן טאָלטשאָק אַ גרויסע מעציע — אַ פּאָר טאַכטויגנים.

אונדזערע צוהערער האָבן געלאַכט, און מיר זײַנען געשטאַנען בײַ דער טיר און שטיל געוויינט.

דער שפּיטאָל האָט זיך געפֿונען אויף אַ פֿאָלוואַרק, וווּ עס האָט, ווײַזט אויס, געוווינט אַ וואַזשנער פּאָריץ. דאָ זײַנען געווען אַ סך צימערן, און אין אַלע צימערן זײַנען געלעגן פֿאַרווונדעטע, זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט קומען אויף אונדזער פֿאָרשטעלונג, — זײַנען מיר געקומען צו זיי. לויט דער אָנווײַזונג פֿונעם דאָקטער בעלענקי זײַנען מיר אַרײַנגעקומען אין אַ צימער, געפֿונען אַן אָרט, פֿונוואַנען עס וועט זײַן באַקוועמער פֿאַר די אַקטיאָרן, און טאַקע גלײַך צוגעטראָטן צו דער פֿאָרשטעלונג. דאָס איז געווען אַ מין טעאַטער, וועלכער האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט עקזיסטירט.

מיר זײַנען אײַנצײַטיק אַרויסגעטראָטן אין עטלעכע פּאַלאַטעס. ליובע האָט געלייענט די ליד וועגן דער גאָלדענער פּאַווע אין איין צימער, און יאַשע בוביס האָט אין דער זעלבער צײַט געלייענט אין אַן אַנדער צימער אַ פֿראַגמענט פֿון „זיבעצן". אין אַ דריטן צימער האָט אילױשע פֿאָרגעשטעלט דעם האָפֿן־טרעגער, וועלכער זעט זײַן זונעלע נאָר דעמלט, ווען ער שלאָפֿט...

פֿאַרן אָנהייב פֿון אונדזער פֿאָרשטעלונג האָט דער דאָקטער בעלענקי באַטראַכט יעדן פֿאַרווונדעטן, געטאַפּט די האַנט זײַנע, געפֿרעגט וועגן עפּעס שטילערהייט און ערשט נאָכדעם אונדז אָנגערופֿן זײַן נאָמען. לויטן

טאָן, מיט וועלכן דער דאָקטער האָט פאָרגעשטעלט דעם פארוואונדעטן, האָבן מיר פארשטאנען, צי דארף מען אין דעם צימער לייענען שטיל, צי קאָן מען דאָ ווײַזן א פראגמענט פון דער פאָרשטעלונג. אזייגער עלף באנאכט האָט זיך דער דאָקטער בעלענקי אומגעקערט אן אופגעלעבטער, א פרישער, גלײַך ווי ער זאָל קומען פון א שפאציר. ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דער דאָקטער בעלענקי איז דאָס מאָל אוועק פון שפיטאָל א סאך פריִער ווי אלעמאָל, מאכמעס צו אים איז געקומען א גאסט. טרעטנדיק אף די שפיץ פינגער, קעדיי אונדז ניט אופצוּוועקן, זײַנען זיי ביידע, דער דאָקטער און זײַן גאסט, ארײַן אין קיך. דער דאָקטער בעלענקי האָט ארויסבאקומען פון דער דוכאָווקע א פולן טשײַניק מיט אָקרעפּ און זיך אוועקגעזעצט צום טיש.

מיר זײַנען נאָך ניט געשלאָפן און מיט גרויס נײַגעריקײַט נאָכגעשפירט איזם. דער באנאכטיקער גאסט זײַנער איז געווען א קלייניוּוּקסיק מענטשל, ניט קיין סאך העכער פונעם טיש, בא וועלכן ער איז געזעסן, מיט גרויסע אויערן, פון וועלכע עס האָבן ארויסגעסטארטשעט געדיכטע שווארצע האָר, מיט צוויי עטוואָס דערשראָקענע אומרוִקע אויגן. אין עטלעכע מינוט ארום זײַנען מיר שוין אלע געזעסן ארום טיש און עפּעס צוגעביסן. דעם דאָקטערס פרײַנט האָט מען גערופן שאמיס, נאָר דער דאָקטער האָט אים די גאנצע צײַט גערופן לערער שאמיס.

ווי נאָר מיר האָבן זיך באקאנט, איז דער לערער שאמיס צוגעטראָטן צום געשפרעך, צו וועלכן ער האָט זיך, ווײַזט אויס, פון פריִער געגרייט:

— אן ערעך צען ווערסט פונדאנען געפינט זיך א קליין שטעטעלע שירײַעוואָ, אָדער ווי מיר, יידן, רופן עס — שירײַעס. איז שטעלט זיך פאָר — אין דעם דאָזיקן שירײַעס לעבן מענטשן, וועלכע טרוימען וועגן טעאטער.

דער לערער שאמיס האָט געקענט ריידן און האָט ליב געהאט צו ריידן. ער האָט ארײַנגעבראָקט פיל אומדערווארטע ווערטלעך מיטן כעזשבן, אז די, וואָס הערן אים, זאָלן זיך גלײַך אונטערגעבן.

— מיר, — האָט קאלט דערקלערט מאָטיע, — זײַנען א פראָנט־טעאטער. מיר האָבן א באשטעטיקטן מארשרוט, וועלכן מיר קאָנען ניט ענדערן.

דאָס האָט באטײַט, אז ווײַטער איז אף דער טעמע ניטאָ וואָס צו ריידן.

דער דאָקטער בעלענקי האָט געהאלטן אף דער דלאָניע דאָס בלעכענע קוּוּערטל, פון וועלכן עס האָט זיך אופגעהויבן א געדיכטער דאמף, און זיך געווענדט דאפקע צו דעם הייסן קווערטל:

— כ'פארשטיי ניט, — האָט ער ארײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די שארפע אקסלען זײַנע, — איר וועט ניט פאָרן? אן אנדער טעאטער וועט דאָך זיכער ניט פאָרן. וואָס זשע דארפן טאָן די שירײַעווער?

— זיי דארפן שאפן אן אייגענעם טעאטער, — האָט מאגאלניק געגעבן אן אייצע.

— אָט־אָט־אָ! — האָט צוגעבאָמקעט מאָטיע ברען. דוכט זיך, צום ערשטן מאָל אין לעבן איז ער מאסקים געווען מיט מאגאלניקן.

אונדזער נײַער באקאנטער, דער לערער שאמיס, האָט אָנגעוווירן דאָס

לאָשן. ער איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן. מיר האָבן זיך ניט אײַלנדיק אופגעהויבן פון טיש און אוועק אין אונדזערע ווינקלען, ווו מיר האָבן געקאָנט זיך אויסציִען אפן ווארעמען געלעגער און פארגעסן וועגן אלץ אין דער וועלט.

— אזוי, אזוי! — האָט דער לערער שאמיס גערעדט מיט זיך אליין. — איר זאָגט, אז מע דארף אין שירײַעס שאפן אן אייגענעם טעאטער? קאָן זײַן, אז איר זײַט טאקע גערעכט, און אויב איר ווילט וויסן, האָבן מיר שוין אן אָנהייב אויך...

— ניט ווײַט פון שירײַעס, א ווערסט דרײַ פון אונדז, — האָט שאמיס דערציילט, — געפינט זיך א טשאָנאָוסקער אָטריאד, כ׳מיין, אז איר ווייסט ניט ערגער פון מיר, מיט וואָס די טשאָנאָווצעס פארנעמען זיך. איז אָט, אין דעם אָטריאד... — ער האָט דערציילט פאמעלעך, ניט געײַלט, מיט אלערליי דעטאלן, — הײַנט שטעלט אײַך פאָר, — האָט שאמיס פאָרגעגעזצט, — אז מיר זיצן אזוי פארנאכט אינעם שול־הויף,ריידן וועגן דעם, וועגן יענעם. פאָרן פלוצעם צו עטלעכע רײַטער און צווישן זיי א פרײַלן אין שטיוול, אין א שינעל, אפן קאָפּ — א בודיאָנאָווקע. א וואָרט פאר א וואָרט...

דאָ האָט זיך דער לערער שאמיס אָפּגעשטעלט. ער האָט באמערקט, אז דער איינציקער צוהערער זײַנער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז זיצנדיק אײַנגעשלאָפן. ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט און פאָר־געזעצט:

— מיר שײַנט, אז ווען איר הערט כאָטש איין לידל פון אָט דער דאָ־זיקער טשאָנאָווקע, ווען איר הערט איר זיס שטימעלע, וואָלט איר אלע געעפנט מויל און אויערן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן צימער, פאריסן דעם קאָפּ צו דער סטעליע און זיך אליין פארגעבן א פראגע:

— ווי־אזוי זינגט זי דאָרט?

און מיט די דינינקע פינגער געגומען רײַבן דעם שטערן, און עפּעס אונטערבאָמקען, שטילערהייט — זיך דערמאָנט עפּעס, און אָנגעהויבן זינגען:

איך האָב קיין לאָ־אָמפּ ניט אָנגע־ע־צונדן,
פינצטער איז בא מיר אין שטוב...

פארכאפּט פון דער ליד, וואָס ער האָט געזונגען, האָט שאמיס ניט באַ־מערקט, אז מאָטיע ברען שטייט הינטער אים. יאָ, מאָטיע איז געשטאנען א פארגאפטער, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן.

— עפּשער ווייסט איר דעם נאָמען פון אָט דעם מיידל? — האָט ער אָנגעכאפּט מיט דער האנט שאמיסעס אקסל. דער לערער האָט זיך גוט איבערגעשראָקן. ער איז אָבער באלד געקומען צו־זיך און א שמייכל געטאָן:

— עפּעס א פראגע, צי איך ווייס? אוודע ווייס איך.

...עס האָט קוים אָנגעהויבן שארײַען אף טאָג, ווען מיר האָבן זיך אוועק־געלאָזט קיין שירײַעוואָ.

אין שטעטל שירײַעס

מיר שפּאַנען איבער דער לויזער בלאָטע נאָך דער פור, אָף וועלכער עס זיצן, איבערגעדעקט די קעפּ מיט זעק, אונדזערע פרויען. אונטער די פיס צעקריכט זיך און זיפּצט די ערד, צו די שיך קלעפּן זיך שווערע שטיקער ליים, און אליין זײַנען מיר אויך געוואָרן שווערע, אויסגעווייקטע פונעם אומופהערלעכן רעגן. די קעלט האָט אונדז ארומגענומען און אײַנגעקאָרטשעט. קיינער הערט שוין ניט, וואָס שאמיס דערציילט, נאָר אים אַרט עס ניט. ער טײַנעט מיט נאָך מער היסלײַוועס:

— און אָן דאָרט, זעט איר? — ווײַזט ער מיט דער האנט. — דאָרט הייבט זיך אָן דער באוווסטער אָסינאָווקער וואלד.

מיר קוקן אין יענער זײַט, וווהין שאמיס האָט אויסגעשטרעקט די האנט, און זעען גאָרניט, אלץ איז פארטרונקען אין כאשכעס.

— מיט וואָס זשע האָט ער זיך אזוי קוינע־שעם געווען, דער אָסינאָווקער וואלד? — פרעגט עמעץ.

— אין טאקע דערמיט האָט ער זיך קוינע־שעם געווען, וואָס זאבאָלאָטני, יימאך־שמוי, וועגן וועלכן איר האָט ניט איין מאָל געהערט, שטאמט פון אָסינאָווקע, און די באנדע זײַנע האָט ער פון אָנפאנג געהאלטן אינעם אָסינאָווקער וואלד. דער פאָטער זײַנער און דרײַ ברידער ווינען נאָך הײַנט אין אָסינאָווקע.

— אוי־וואַ! — רופט זיך אָן, קלוימערשט אָן איבעראשטער, מאָטיע. — הייסט עס, אז איר פארמאָגט באוווסטע לאנדסלײַט. און מיר האָבן גאָרניט געוווּסט דערפון!

— איז ער אָפטמאָל געווען בא אײַך אין שטעטל? — וויל וויסן ליאָניע לאנדע.

— ער האָט אונדז, כאָלילע, ניט פארגעסן! — זיפּצט אָפּ דער לערער שאמיס. — נאָר אצינד איז ער פארנומען מיט מער וויכטיקערע זאכן. זינט בא אונדז אין ראיאָן האָט זיך באוויזן דער אָטריאַד פון טשאָנאָווצעס, איז ער אנטרונען געוואָרן מיט זײַן באנדע.

דער געשפּרעך האָט אונדז אָפּגעווענדט פונעם נודנעם און קאלטן רעגן, נאָר אומגעריכט הייבן מיר אָן צו פארשטיין דעם לערער שאמיס — דאָס אומופהערלעכע ריידן זײַנס העלפט אים פאריאָגן פון זיך דעם שטענדיקן אומעט, די נויט, וואָס איז צוגעשטאנען צו אים, ווי די נאסע ליים צו די פיס.

— און אָט זײַנען מיר געקומען! — האָט אויסגערופן אונדזער באַגלייטער.

די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן א לאנג הויז, וואָס איז מער ענלעך געווען אָף א באראק, די פענצטער זײַנען ביז די לאָדנס ארײַנגעוואקסן געווען אין דער ערד. דאָס דאָזיקע הויז איז געשטאנען עטוואָס אין א

זײַט פון דער גאס און איז געווען ארומגעצוימט מיט א ריוו. דאָ איז, ווײַזט אויס, אמאָל געווען א שטיינערנער פלויט, פון וועלכן מע האָט מיט דער צײַט צעשלעפּט די שטיינער, און פארבליבן איז נאָר דער ריוו. איצט איז ער געווען פול מיט רעגנוואסער. צווישן הויז און דעם ריוו — קימאט אף א גאנצער דעסיאטין — א פלאץ, ווו אינעם סאמע מיט שטייען צוויי סלופּעס, וועלכע זײַנען איבערגעדעקט און פארייניקט מיט א דריטן.

גיכער פון אלץ איז דאָ געווען עפּעס א שול און אפן פלאץ זײַנען פאָרגעקומען פארמעסטונגען צווישן די שילער...

אונדזער פור איז דורכגעפאָרן אונטער אָט דער „טרײַומפאלער ארקע" און געבליבן שטיין לעבן דעם הויז.

די שול, לאָזט זיך אויס, ארבעט שוין לאנג ניט. און די געבײַדע איז פארוואנדלט געוואָרן אין א טעאטער, און אין א טעאטער, ווייסט דאָך יעדער איינער, איז ניטאָ וואָס צו גאנוועןן! פונעם ענגן און פינצטערן פאָדערהויז זעט מען דעם זאל מיט די בענק — אומגעפּער אָנדערהאלבן צענדליק בענק, און די בינע, א נאקעטע, א הוילע, דער פאָרהאנג שטייט א צונויפגעוויקלטער צוגעשפּארט צו דער וואנט.

— דאָס, ווי איר זעט, איז אונדזער טעאטער. אצינד קומט ארײַן צו מיר, וועלן מיר זיך אָפּרוען פונעם וועג, אף וויפל אונדז שטייט הײַנט פאָר א גרויסער טאָג! — האָט דער לערער שאמיס אופגעעפנט א טיר, וועלכע מיר האָבן ניט באמערקט אינעם פינצטערן פאָדערהויז.

מיר זײַנען ארײַן אין א קערקערל מיט א ליימענעם דיל. צו די ווענט האָט זיך שוין לאנג ניט צוגערירט קיין מענטשלעכע האנט. דאָס פענצ־טערל, אנטקעגן ארײַנגאנג, איז געלעגן קימאט אף דער סאמע ערד.

— אָט דאָ, פרײַנט מײַנע, ווױן איך, — האָט אונדז שאמיס געמאָלדן און דערבײַ א זיפץ געטאָן.

— וויפל ערטער האָבן מיר, הייסט עס, אין טעאטער?

— וויפל עס קומען מענטשן, אזויפיל לאָזן מיר ארײַן! — האָט שאמיס געענטפערט. — ווי איר זעט, זײַנען בא אונדז אין טעאטער ניט פאראן קיין לאָזשעס, און אפילע קיין אמפיטעאטער פארמאָגן מיר ניט. איז, אויב עס קומען, לאָמיר זאָגן, איבעריקע צען־צוואנציק מענטשן, הייסן מיר די אנדערע זיך צונויפּרוקן. אָט אין דעם באשטייט די גאנצע כאָכמע! — ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף די קני פארן אייוועלע, צונויפגענומען די שפּענדלעך, ארויסגעשארט דעם אש. — אז מע דארף, פּאקן מיר אָן אין אָט דעם טעאטערל דאָס גאנצע שטעטל שירײַעס.

זיצנדיק אף די קני באם אייוועלע, האָט שאמיס דערציילט:

— ווער עס וויל ארײַנגיין אין טעאטער, דארף ברענגען צוויי גלעזער פּאפּשוי־מעל אָדער דרײַ גלעזער הירזש ציִ א גלאָז פּאסאָליעס. די דאָזיקע טאקסע איז שוין בא אונדז אײַנגעשטעלט פון לאנג — דאָס דארף מען שוין בא אונדז קיינעם ניט דערקלערן, אלע ווייסן עס אף אויסווייניק! האָט איר מיך פארשטאנען? אצינד דארפן מיר נאָר דערלעבן ביז אָפּדערנאכט, וועט איר שוין זען, וואָס פאר א גוטס מע וועט אונדז ברענגען צו טראָגן, — האָט ער גערעדט אין אייוועלע ארײַן. — איך האָף, אז נאָכן

ספּעקטאַקל װעלן מיר אין אָט דעם אײװעלע אָפּקאָכן אַזאַ מאַמעליגע, אַף װעלכער אַלע מאַלדאַװאַנעס װעלן אונדז מעקאַנע זײַן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און צוגעגעבן:

— װאָס, אַשטייגער, װאָלט געװען, װען מיר שרײַבן אַרײַן אין דער אַפּישע, אַז פאַר אַן אָרט אין דער ערשטער רײ דאַרף מען ברענגען אַ האַלבע גלאָז בוימל מיט צװײ ציבעלעס? האַ? איר זײַט דאָך פאָרט אַ גונערנסקער טעאַטער, ניט אַבי װער.

— אַזױ, הייסט עס! — האָט אונדזער שעף בייז אַ זאָג געטאָן. — איז אָט, הערט, כאָטשער שאַמיס, אויב איר װילט מיט אונדז לעבן בעשאָלעם, זאָלן מיר מער ניט הערן קיין װאָרט ניט װעגן פּאַפּשױ־מעל, ניט װעגן פּאַסאָליעס. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען! — האָט שאַמיס אַ בורטשע געטאָן אין אײװעלע אַרײַן. — װאָס איז דאָ צו פאַרשטיין? איז װאָס זשע, זײַט מוחל, װעט איר מיר באַפעלן אָנצושרײַבן אַף דער אַפּישע?

— מיר האָבן אונדזערע אייגענע אַפּישן, אַף װעלכע ס׳איז אַלץ אָנגעשריבן.

— און פאַרן אַרײַנגאַנג װאָס?

— דער אַרײַנגאַנג איז פרײַ פאַר אַלעמען...

— איר האָט באַשלאָסן, הייסט עס, שטעלן שאַמיסן צום נאַר?

— נו, און אַ רעװוקאַם איז דאָ פאַראַן באַ אײַך, אין שירײַעס?

— דער רעװוקאָם איז אין פּעטראָװראָװוקע! — האָט שאַמיס אַ צי געטאָן די אַקסל.

— נו, און אַ ראַטנמאַכט איז דאָ פאַראַן? אַ ראַטנמאַכט? — האָט שוין מאָטיע געשריִען.

— כ׳פאַרשטײ ניט, װאָס גייט זי אײַך אַזױ אָן, די ראַטנמאַכט? איר דאַרפט האָבן די ראַטנמאַכט, צי איר דאַרפט האָבן אוילעם, װעלכער זאָל קומען אין טעאַטער?

טײַנען מיט שאַמיסן איז געװען איבעריק... װײניקער װי פאַר צװײ שאָ האָט זיך דער קלײנינקער טעאַטער איִנגאַנצן געענדערט. די פּאָדלאָגעס האָבן איצט געשמעקט מיט פרישקײַט, די בינע האָט אויסגעזען געראַמער, דער פאָרהאַנג האָט אָן אופגעהויבענער, אַ צעװויקלטער גאַנץ פײַן באַצירט די בינע. אונדזערע פרויען האָבן פאַר די פאָר שאָ באַװיזן פּאָשעט װוּנדער: זיי האָבן געמאַכט אַ ליאַלקע פון שאַמיסעס צימערל. און אויך באַװיזן אָפּצוקאָכן אַ טאָפּ קאַרטאָפּליעס און אַ הירזשענע קאַשע. װוּ זיי האָבן געקראָגן הירזש און קאַרטאָפל, האָבן מיר, מאַנצבלען, ניט געװוּסט.

נאָכן עסן האָט מאָטיע מיר פאָרגעלייגט:

— קום, לאָמיר זיך דורכגיין, — און מיר זײַנען ביידע אַרויס אַף דער גאַס.

אונדז איז געװען אַלצײנס, אין װאָס פאַר אַ זײַט זיך לאָזן. געגאַנגען זײַנען מיר לאַנגזאַם און געשװיגן.

„און אויב מירן זי באַגעגענען?“ — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

מיר האָבן געבלאָנקעט איבער די פּוסטע שטעטלשע גאַסן. פון אַלע פענצטערלעך האָבן אַרויסגעקוקט אַף אונדז נײַגעריקע אויגן.

— ביטע, מײַנע הערן, האבע די ערע! קומט אריַין! — האָבן מיר דערהערט א שטים הינטער די פּלייצעס. דאָס איז געווען א פּלאטשיק מענטשל מיט לויפנדיקע אויגן.

— א דאנק א שיינעם, אן אנדערשמאָל וועלן מיר יאקאָס אריַינקומען צו איַיך, — האָט מאָטיע זיך פארנייגט פארן אלטיטשקן.

מיר האָבן געמאכט נאָך עטלעכע שפּאַן און דערזען א שילד איבער דער גאנצער וואנט פון דער שטוב, לעבן וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

Ширяевская фотография
Х. Паисъ

— שיריַיעווער! — האָט מאָטיע אונטערגעשטראָכן. — מיר זאָלן, כאָלילע, ניט פּלאָנטערן מיט מאָסקווע.

ער האָט זיך אופגעהויבן אפן גאנעק און א צי געטאָן די טיר. איך בין געגאנגען נאָך אים. מיר זיַינען אריַין אין א פינצטערן צימער. פאר־וואָס האָט עס מאָטיע באשלאָסן אריַינצוגיין דאפקע אהער? מיר שיַינט, אז אף דער פראגע וואָלט ער אליין ניט געקאָנט ענטפערן. די פאָטאָגראַ־פיע, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט געהערט צו א ברייטער און שווערער ייִדענע. זי האָט זיך זייער דערפרייט מיט אונדז, ווי גליַיך מיר וואָלטן איר געבראכט א יעדיִע, אז אירער א בילעט האָט אויסגעשפּילט דאָס גרויסע געווינס.

— עפשער ווילט איר זיך פאָטאָגראפירן? עפשער וועט איר אויסטרינ־קען א גלאָז טיי?

אין עטלעכע מינוט ארום זיַינען אין דער פאָטאָגראפיע אָנגעלאָפן אזוי־פיל מענטשן, ווי גליַיך עס האָט דאָ אויסגעבראָכן א סרייפע. מערסטנס זיַינען עס געווען פרויען. אלע האָבן מיט גרויס אָפּשיַי געקוקט אף אונדז, און, ווערדליק מיר האָבן פארשטאנען, האָבן זיי וועגן אונדזער טעאטער געוווּסט א סאך מער ווי מיר אליין.

מאָטיע איז אף אלע פראגן אָפּגעקומען מיט א שפּאַס. גאנץ מעגלעך, אז ער האָט אפילע ניט אלץ געהערט, וואָס מע האָט גערעדט, וויַיל זיַין בליק איז די גאנצע ציַיט ארומגעלאָפן איבער די פאָטאָגראפיעס, וועלכע זיַינען געהאנגען אף אלע ווענט. בלויז איין מאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער באלעבאָסטע און א פרעג געטאָן:

— און די טשאָנאָווצעס האָבן זיך בא איַיך פאָטאָגראפירט?

— טשאָנאָווצעס? וואָס איז דאָס אזוינס? — האָט די באלעבאָסטע אויס־געזונגען די פראגע.

— די טשאָנאָווצעס איז פארבאָטן זיך צו פאָטאָגראפירן! — האָט דער־קלערט א באָכערל פון א יאָר דריַיצן. — דאָ דרייט זיך נאָך ארום זאבאָ־לאָטני און זיַין באנדע. אָט האָט מען היַינט אינדערפרי ווידער...

— וואָס היַינט? וואָס אינדערפרי? וואָס דרייסטו מענטשן א ספּאָדעק? — זיַינען אף אים אָנגעפאלן די פרויען. — אינדערפרי איז ריַיטנדיק דורכגע־

פאַרן איינער א שיקער, — האָט דערקלערט מאַדאַם פּאַיס, — האָט מען שוין צעלאָזט א פּליאַטקע! אז מענטשן האָבן ניט פון וואָס צו ריידן!

דאָס יינגל האָט געשוויגן, א שולדיקער האָט ער געקוקט אף אונדז, ווי ער וואָלט געבעטן, אז מיר זאָלן ניט זײַן בייז אף אים.

מאַטיע האָט צו אים א שמייכל געטאָן, און דאָס יינגל האָט גענומען שײַנען.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין טעאַטער, זײַנען נאָך אַלע, ווי פריער, געשלאָפן.

— לייג זיך צו, — האָט מאַטיע מיר פאַרגעלייגט, — ביז נאַכט איז נאָך ווײַט.

נאָכדעם איז ער ווידער אוועק, מאַטיע, דאָס מאָל אליין. עס איז שוין געווען שטאָקפינצטער, ווען כ׳האָב זיך אופגעכאַפּט. איבערן דאך האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט דער רעגן, אונדזערע כעווררע זײַנען געזעסן אף דער בינע און געשוויגן. מאַטיע איז, ווײַזט אויס, נאַרוואָס געקומען, ער איז געשטאַנען אין ווינקל און אָפּגעטרייסלט פון זיך די נעץ.

— איז וואָס זשע זיצן מיר ווי די כאַסאַנים? — האָט אילױשע א פרעג געטאָן.

— און וויאַזוי וואָלסטו געוואָלט זיצן?

איך האָב א קוק געטאָן אפן זאַל. ער איז געווען פּוסט. אף דער בינע האָט איינזאַם געברענט א לעמפּל, די טיר אין פאָדערהויז איז געווען צעפּראַלט.

— א שאָד, וואָס דו האָסט דעם זייגער דײַנעם פאַרגעסן אין אָדעס אפן וואָקזאַל! — האָט מאַגאַלניק קלוימערשט געהאַט א טײַנע צו יאַנקאָן. — ווען דו וואָלסט געהאַט דעם זייגער, וואָלטן מיר געוווּסט, וויפל איז עס אַצינד...

— איך קאָן אײַך זאָגן פּינקטלעך, — האָבן מיר אומדערוואַרט דער־הערט א שטים.

דאָס איז געווען ניט נאָר אומדערוואַרט, נאָר טאַקע גאָר וווּנדערבאַר, ווײַל צו אונדז האָט זיך געווענדט אַן אומבאַקאַנטע פרוי.

מיר האָבן אַלע נאָכגעשפּירט, ווי זי אײַלט צו אונדז איבערן פּוסטן זאַל. זי האָט געשמייכלט, געפּאַכט צו אונדז מיט דער האַנט און זיך פאַר׳ענטפערט, גלײַך זי וואָלט זיך פאַרשולדיקט פאַר אונדז.

— גלײַך פונעם סטעפּ קום איך! אפילע אין שטוב צו זיך ניט אַרײַנ־געגאַנגען!

דאָס איז געווען מאַריאַ שעווטשוק, די שירײַעווער „ראַטנמאַכט״, ווי דער לערער שאַמיס האָט זי געהאַט אָנגערופן.

זי האָט זיך געגריסט מיט יעדערן באַזונדער, מיט די הענט געווישט דאָס פּאָנעם, איבער וועלכן עס זײַנען געפלאָסן ריטשקעלעך רעגנוואַסער.

— איך קאָן אײַך זאָגן די פּינקטלעכע צײַט, — האָט זי אונדז פאַרזי־כערט, — ס׳איז האַלב זיבן.

— זי־יבן? — האָט ליאָניע לאַנדע איבערגעפרעגט.

— און דו, וויפל האָסטו געמיינט? — זי האָט זיך צעלאַכט, א פּליעסקע

געטאָן מיט די הענט און מיט א נײַגעריקן בליק באטראכט ליאָניען, וואָס האָט באנאנד מיט איר אויסגעזען ווי א ליליפוט.

שעווטשוק האָט געטראָגן פעסטע מענערשע שטיוול, א ברעזענטענע בורקע מיט א קאפּיושאָן, א שווארץ־געוואָרענעם פונעם רעגן. אונטערן קאפּיושאָן איז איר קאָפּ ארומגעכאפּט געווען מיט א ווארעם טיכל, און אונטערגעבונדנס אונטערן קינבאק מיט א גרויסן קנופּ.

— דאָס האָט איר אזוי פײַן אופגעראמט דעם טעאטער? — זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך געוווּנדערט, ווי אקוראט עס זײַנען אויסגע־שטעלט די בענק.

— און דעם פאָרהאנג האָט איר אויך אופגעהאנגען? — האָט זי א פליעסקע געטאָן מיט די הענט. — און מיר זײַנען געווען זיכער, אז דעם פאָרהאנג אונדזערן דארף מען ארויסווארפן. און מער האָט איר ניט, ווי איין לאָמפּ? אײַ, אײַ, אײַ! — האָט זי געצאָקעט מיט דער צונג. — עס איז פינצטער! מער ליכט דארף מען! מער שײַן! באלד וועל איך ברענגען נאָך צוויי לעמפּלעך.

— און ווו איז דער אוילעם? ווו זײַנען די צושויער? — איז ארויס פאָרויס ליובע. ווײַזט אויס, אלס אדמיניסטראטאָר האָט זי זיך באנוצט מיט אירע רעכט.

— דער אוילעם? — האָט זיך מאריא שעווטשוק געכידעשט. — אזוי פרי ווילט איר האָבן דעם אוילעם? ווארט אויס, מע וועט נאָך צעטראָגן דעם טעאטער. פּוב־לי־קא בודע[1], — האָט זי א זיכערע אוועקגעמאכט מיט דער האנט און געלאכט דערבײַ אזוי נאטירלעך און מיט אזא קלינגענדיקער שטים, אז מיר האָבן גענומען לאכן צוזאמען מיט איר

— נאָר פאָרט, ווען זשע וועט קומען די „פּובלי́קא"? — האָט ליובע גע־וואָלט וויסן.

— ווען? ווארט צו! איר קענט ניט די שירײַעווצעס, — האָט מאריא שעווטשוק נאָך אלץ געלאכט. — צום אלעם ערשט עסט מען אָפּ וועטשע־רע, נאָכדעם גייט די יוגנט ארויס שפּאצירן, און ווען מע באמערקט, אז מע הייבט שוין אָן גיין אין טעאטער, טוען זיך אלע א לאָז. אזוי אז צו עלף, האלב צוועלף וועט דער טעאטער אײַערער זײַן געפּאקט! פּובליקא בודע!..

אלץ, וואָס מאריא שעווטשוק האָט דערציילט, האָט בא אונדז ארויסגע־רופן א געלעכטער. מיט איר איז קלאל געווען פריילעך: אָנגעהויבן האָט זי איר געשפּרעך אף אוקראַיניש און באלד אריבער אף ייִדיש. פונוואנען קען זי ייִדיש? א שיינע פראגע! בעסער וועט זי דערציילן, ווען עס פארענדיקט זיך אין שירײַעוואָ א ספּעקטאקל. אין שירײַעוואָ פארענדיקט מען א ספּעקטאקל אינדערפרי, אז דער אוילעם זאָל פונעם טעאטער שוין גיין גלײַך אין מארק ארײַן. ווער עס איז א פרומער ייִד, לויפט פונעם טעאטער צו שאכראס! אזוי טאקע האָט זי געזאָגט: שאכראס! זי האָט אלץ געוווּסט, מאריא שעווטשוק!

ווען זי האָט גענומען פאָרשטעלן אייניקע צושויער פון שירײַעוואָ,

---

[1] אן אוילעם וועט זײַן (אוקר.).

האָבן מיר זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פֿון געלעכטער. גאָר פּלוצעם האָט זי זיך דערמאָנט:

— און וווּ איז ער, דער לערער שאַמיס וווּ איז?

— ער איז אַוועק צו די טשאַנאַוואָצעס, — האָט עמעץ דערקלערט.

— זײַ זײַנען דאָך ניטאָ! — האָט מאַריִאַ שעווטשוק באַדויערנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צעוויקלט דאָס טיכל אויפֿן קאָפּ.

— זיי זײַנען אויף שטענדיק אַוועק? — איז מאַגאַלניק געוואָרן אומגעדולדיק.

— ניִ![1] — האָט אים מאַריִאַ שעווטשוק באַרויִקט, אַרומגעקוקט זיך, ציִ עס איז ניטאָ קיין זײַטיקער. — אײַך קאָן איך זאָגן, — זי האָט זיך אָנגעבויגן צו ליובען, — די טשאַנאַוואָצעס זײַנען שוין דעם דריטן טאָג אויף אַן אָפּעראַציע... אין די דײַטשישע כוטאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפֿשטאַנד, זיי האָבן דאָרט דערהאַרגעט, די קורקולן, דרײַ רויטאַרמייער, צוויי קאָמיסאַרן און אַ דאָקטער. מיט איין וואָרט, די טשאַנאַוואָצעס זײַנען דאָרט.

זי האָט ווידער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי זי זאָל וועלן וואָרענען, אַז מער דאַרף מען וועגן דעם ניט ריידן. דאָך האָט זי צוגעגעבן:

— זיי דאַרפֿן הײַנט־מאָרגן זיך אומקערן.

שוין בײַם אַרויסגאַנג האָט שעווטשוק זיך אָנגעשטויסן אויפֿן לערער שאַמיס. אין אויסגעווייקטער פֿונעם רעגן, האָט ער זיך אינגאַנצן אײַנגעהויקערט, עס איז געווען אַ ראַכמאָנעס צו קוקן אויף אים. מאַריִאַ שעווטשוק האָט אים אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט, געוואָלט עפּעס פֿרעגן, נאָר שאַמיס האָט איר עפּעס אײַנגערוימט אַ סאָד. ער איז אָפּגעגאַנגען פֿון איר אויף אַ טראָט און אָנגעהויבן זי באַטראַכטן, ווי ער זאָל וועלן זען פֿון דער זײַט, וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק האָט געמאַכט אויף איר זײַן סאָד.

— כ'האָב געהערט, — האָט זי אַ קוק געטאָן אין אונדזער זײַט, — באַלד וועל איך זיך אַליין געניי דערוויסן...

זי האָט ווידעראַמאָל אויסגעשריִען:

— באַלד ברענג איך לאָמפּן!

— נו, וואָס האָבן מיר דאָרט? — האָט מאָטיע מיט אַ כוויזעק־טאָן אַ פֿרעג געטאָן שאַמיסן.

— גאָרניט, — האָט דער לערער שטיל געענטפֿערט און אָפּגעזיפֿצט.

— און דאָך? — האָט יאַשע געפֿרעגט.

— כ'ווייס... מע זאָגט...

— וואָס זאָגט מען? — איז מאַגאַלניק געוואָרן נײַגעריק.

— מע זאָגט... — האָט שאַמיס אַ בורטשע געטאָן, — אַז אין שטעטל האָט מען געזען איינעם פֿון זאַבאָלאָטניס גאַזלאָנים.

אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט צו אים. איין מאָטיע האָט פֿאַרגעזעצט זיך גרימירן.

— אַ ייִנגל האָט אײַך געזאָגט? — האָט ער געפֿרעגט, קוקנדיק אויף זיך אין שפּיגעלע.

---

[1] ניין (אוקר.).

— ניט קיין יינגל, נאָר עלטערע, און ניט איינער, נאָר צוויי צענד־ליקן! — האָט שאמיס אָפּגעזיפצט.

— מע דאַרף זײַן אַ נידעריקער נעפעש, פּרײַנט מײַנער, אַף האָדעווען זיך מיט „מע זאָגט"... — האָט מאָטיע קימאַט געשריִען.

— איר זענט אַמאָל געווען אין אַ שטעטל בעשאַס אַ פּאָגראָם? לאָמיר זאָגן, אין אַזאַ שטאַרק־באַוואָפנטער פעסטונג, ווי שירײַעס? — האָט שאַ־מיס געפרעגט. — פאַר די זעקס מילכאָמע־יאָר איז דאָ, בארעכהאַשעם, ניט פאַרבליבן קיין איין מאַנצבל; איינע ווײַבער, אויסגעבאָדענע אין זייערע אייגענע טרערן. אין אַזאַ פעסטונג, ווי שירײַעס, רײַסן זיך די פּאָגראָמ־שטשיקעס אַרײַן מיט גרויסער פּאָמפּע. דאָ זײַנען זיי העלדן...

איליושע האָט פאַרמאַכט דעם פאַרהאַנג. אין טעאַטער האָבן אָנגעהויבן קומען צושויער. לויט די געשפּרעכן, וועלכע מיר האָבן איצט שוין געהערט דורכן אַראָפּגעלאָזטן פאַרהאַנג, איז ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז אַהער זײַנען געקומען, אַמערסטנס, קונדייסים, ייִנגלעך. עמעצער האָט אונטערגעהויבן דעם פאַרהאַנג, אַוועקגעשטעלט אַף דער בינע אַ לאָמפּ און געפּאָדערט:

— גייט אַרויס צום אַרײַנגאַנג פון טעאַטער. דאָרט וואַרט מען.

מאָטיע האָט אַ בעט געטאָן ליובען:

— גיט אַ קוק, ווער איז דאָרט! כאַפּ זיך אויך אַרויס! — האָט ער מיר באַפוילן. — עפּשער וועסטו דאַרפן צוהעלפן.

אײַלנדיק איבערן זאַל, האָב איך איבערגעציילט די צושויער. אַרום און אַרום צוועלף מענטשן. ליובע האָט, דאַכט זיך, געטאָן דאָס זעלבע. אין דרויסן זײַנען מיר אַרויס צוזאַמען. קיינעם האָבן מיר ניט געזען. דער רעגן האָט, ווי פריִער, נודנע, אומופהערלעך געזשוזשעט. אַרום איז געשטאַנען אַ כאַשכעס.

— אַהער גייט! — האָבן מיר דערהערט, ווי מע רופט אונדז.

איך האָב ניט גלײַך דערקענט מאַריאַ שעווטשוקס שטים. אין דער פינצטער האָבן מיר זי ניט געזען, זי איז געזעסן רײַטנדיק אַף אַ פערד, אָנגעבויגן זיך צו אונדז.

— איין לאָמפּ האָב איך געפונען, בלויז איינעם, ווײַל כ'האָב קיין צײַט ניט. איך פאָר גלײַך צו די טשאַנאָוועצעס. אויב איך וועל באַווײַזן, וועל איך זיך אײַנדערפרי אומקערן מיט זיי...

זי האָט זיך אויסגעגלײַכט אין זאָטל, צוגעגעבן שטיל:

— און וועגן דעם, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן און וווהין, דאַרף מען ניט ריידן. טאַקי?[1]

מיר האָבן פאַרשטאַנען און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. זי האָט אַ פּאָך געטאָן מיט די לייצעס, און דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. אין אַ מינוט אַרום האָט דער רעגן פאַרטויבט דאָס צאָקען פון די פּאָד־קאָוועס.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין זאַל, איז שוין די צאָל צושויער געשטיגן: אַף די בענק זײַנען געזעסן דרײַצן מענטשן.

---

[1] אַזוי (אוקר.).

די צווייטע סרייפֿע

אין אָנגעשטרענגטע שטילקייט אינעם איבערגעפֿולטן טעאַטער־זאַל איז אַ סאַך טײַערער פֿון טומלדיקע אויסגעשרייען און שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. וועגן דעם האָב איך געטראַכט, זיצנדיק אין דער סופֿליאָר־בודקע, ווען עס איז געגאַנגען דער דריטער אַקט. אין דעם אַקט האָב איך ניט געהאַט וואָס צו טאָן, — פֿרומע איטײַעוונע האָט געקענט אָן אויסווייניק ניט נאָר איר ראָל, נאָר די גאַנצע פּיעסע. און דער דריטער אַקט איז געווען אירער.

אין טעאַטער זײַנען געזעסן העכער דרײַ צענדליק מענטשן, נאָר אויסגעזען האָט, אַז דער זאַל איז איבערגעפֿולט; די צושויער האָבן זשעדנע געשלונגען ניט נאָר די ווערטער, נאָר די טעאַטער־לופֿט, וואָס צעגליט דעם קויעך־האַדימיען, פֿילט אָן דאָס האַרץ מיט זיסן טרויער און צווינגט אַלעמאָל אופֿצושפּרינגען פֿונעם אָרט, אויב, פֿאַרשטייט זיך, דער צושויער איז אַלט אַ יאָר פֿערצן־פֿופֿצן.

דער דונער האָט אויסגעבראָכן אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען דער פּאָדפּאָלקאָווניק פּירסאָוו באַפֿוילט, אַז מע זאָל ברענגען צו פֿירן דער אַלטיטשקערס זון. יאַנקאָ־פּירסאָוו האָט באַוויזן נאָר אופֿצוהייבן די האַנט, ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ טויבער הילך. לעכאַטכילע האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הינטער די קוליסן, ווו ס'איז פֿינצטער און שטאַרק ענג, איז עפּעס אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער סטעליע. נאָר אָט האָט זיך דערהערט אַ נײַער דונער, וועלכער האָט אַראָפּגעשלײַדערט די צושויער פֿונעם הימל, ווו זיי האָבן געשוועבט. איבערן זאַל האָט זיך דורכגעטראָגן אַ מוירעדיקער יאָמער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק, אַ לויפֿעניש, די פֿרויען האָבן געשריִען, געקוויטשעט, געבראָכן די הענט און געלאָפֿן צום אַרויסגאַנג, פֿאַלנדיק אויפֿן וועג איבער די איבערגעקערטע בענק. אַצינד האָבן שוין אַלע געוווסט, אַז ניט ווײַט פֿונדאַנען גייט אַ שיסערײַ און אַז זי דערנעענטערט זיך אַהער, אַז די, וואָס שיסן, אײַלן אַהער אויף שיקערע פֿערד. אַ באַקאַנט בילד, אוי־וויי!

אין דער פֿינצטער האָט מיך עמעצער אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ. דאָס איז געווען דער לערער שאַמיס. איך האָב צוערשט ניט פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס ער האָט צוגעפּויזעט אַהער, געוואָלט אים דערלאַנגען די האַנט, ער זאָל מיר העלפֿן אַרויס פֿון דער בודקע. ער האָט אָבער אָפּגעשטויסן מײַן האַנט, שווער געסעטעמט און געכליפּעט:

— איך האָב אָבער געזאָגט, איך האָב געזאָגט!

עס האָט מיט אים געטרייסלט, די ציין אין מויל האָבן באַ אים געקלאַפּט, זײַנע הענט, קאַלטע און פֿײַכטע, האָבן זיך צוגעקלעפּט צו מײַן פּאָנעם; מיר זײַנען ביידע אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער פּאָדלאָגע אונטער דער בינע. שאַמיס האָט מיך אויך דאָ ניט אָפּגעלאָזט — מיט ביידע הענט האָט

ער ארומגעכאַפּט די פּלייצע מײַנע, צוגעטוליעט זיך צו מיר און שווער געעטעמט.

אַ פּאַרקלעמטער אין שאַמיסעס אָרעמס, האָב איך זיך צונויפגעדרייט, זיך געוואָרפן, געקלאַפּט מיטן קאָפּ אין זײַן ברוסט און סאָפּקאָלסאָף זיך ארויסגעריסן פון אים. מיט איין שפּרונג בין איך שוין געווען בא דער סופּליאַר־בודקע. כ'האָב ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט. די בינע איז געווען באלויכטן — אַ ברייטער פײַער־פּאַס האָט זיך באַוועגט, געשוועבט איבערן זאַל און איבער דער בינע. אין הויף האָט געברענט אַ גרויסער שײַטער און די שײַן פון אים איז געפאַלן אהער.

אייניקע באַנדיטן האָבן, זיצנדיק אף די פערד, וועגן עפּעס געשמועסט. אַלעמאָל איז עמעצער פון זיי אוועקגעפאָרן, קעדיי אויסצופילן אַ באַפעל פונעם עלטסטן. די אַנדערע האָבן געוואַרט אף באַפעלן. די פערד אונטער זיי האָבן אומגעדולדיק געטופּעט. זיי האָבן פאַריסן די קעפּ און מיט די פילבאַרע אויערן געכאַפּט יעדן זײַטיקן שאָרך.

מיר איז פאַרגעשטאַנען זיך דורכשמוגלען דורכן פּוסטן זאַל און ארויס־כאַפּן זיך דורך דער אָפענער טיר. איך האָב זיך ארויסגעדראַפּעט פון דער סופּליאַר־בודקע, געכאַפּט אַ גוטן נעריק, געבליבן ליגן אָן אַן אָטעם.

— איך זע גאָרניט! — האָב איך דערהערט ליאָניע לאַנדעס קאָל. איך האָב מיט דער האַנט אים פאַרשטעלט דאָס מויל.

— אין דער פינצטערניש זעט קיינער גאָרניט, — האָב איך אים אײַנ־גערוימט.

— כ'האָב פאַרלוירן די ברילן, — האָט ער הייס געעטעמט מיר אין פּאָנעם, — איך זע גאָרניט.

— ווו זײַנען אונדזערע?

— כ'ווייס ניט. איך זע גאָרניט.

— האָסט געהערט?

— מאַגאַלניק האָט געשריִען. מער ווייס איך גאָרניט.

אויסשטרעקנדיק אין דער פינצטער די הענט, האָט ליאָניע מיט די פינגער געטאַפּט די לופט.

אַ מוירעדיקער דונער האָט פאַרטויבט אַלעמען אין שול־הויף. אינעם גערודער האָט זיך ארײַנגעריסן אַ גרילצנדיקער קוויטש פון אַ פרוי. פאַרגעסנדיק אין געפאַר, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער. דער גוואַלד האָט זיך געטראָגן פון דער זײַט, ווו עס האָט געברענט דער שײַטער. אהין, ווײַזט אויס, האָט מען געשלעפּט די פרוי, און יענע האָט געגוואַלדעוועט. די שטים אירע האָט מיר געשײַנט צו זײַן באַקאַנט. נאָר ניט ליובעס, ניט פרומע איסײַעוונעס שטים איז עס געווען.

איך בין געלאָפן איבערן פּוסטן זאַל, געפאַלן, ווידעראַמאָל אופגעהויבן זיך און ווידער געלאָפן. אָנגעשטויסן זיך אף אַ טויבער וואַנט און געבליבן שטיין. ווײַטער איז ניט געווען ווּהין צו לויפן.

די פרוי, וואָס האָט געשריִען, איז געשטאַנען באַנאַנד מיט מיר — אונדז האָט בלויז אָפּגעטיילט די וואַנט. איך האָב געהערט, ווי זי האָט געכליפּעט, געהיכצט — שרײַען האָט זי שוין מער קיין קויעך ניט געהאַט, און נאָך האָב איך געהערט, ווי דער אַטאַמאַן באַרויִקט זי:

— הער אוף, כאנע! — האָט ער איר אײַנגערעדט, ווי א גוטערפרײַנט. — נו, הער שוין אוף! — ס'האָט זיך געפילט, אז ער איז בארויגעז, — הער אוף, זאָג איך דיר!

כאנע? פונוואנען זשע איז מיר באקאנט איר שטים?

זאָל זי זאָגן נאָך איין וואָרט, וועל איך זיך דערמאָנען, ווו איך האָב געהערט איר שטים. איך בין צוגעפאלן מיטן אויער צו דער וואנט.

און דאָרט, פון יענער זײַט, סאָפּען הייס די שיקערע פערד און עס טרישטשען די האָלעוועשקעס אינעם שײַטער, דאָס שיסערײַ האָט שוין אינגאנצן אופגעהערט. אף וואָס וואַרטן זיי?

אָט וועט זי באלד עפּשער זאָגן. נאָך איין וואָרט...

כאנע, ווער זשע איז זי?

נאָר זי שווײַגט.

א געשריי האָט זיך דערהערט ערגעץ פון אויבן. עמעצער האָט קורץ און בייז געפאָדערט:

— האַדיע!

איך האָב פארשטאנען, אז עמעצער איז ארופגעקראָכן אף דער „טרױומ־פאלער ארקע”. וואָס טוט ער דאָרטן?

פלוצעם האָט דער אטאמאן ווידער א געשריי געטאָן:

— כאנע! צו דיר רייד איך!

זי האָט ניט געענטפערט. ס'האָט זיך דערטראָגן א בייזער קנאַל פון א בײַטש.

פלוצעם האָב איך זיך דערמאָנט: ס'איז דאָך אונדזער באקאנטע, די באלעבאָסטע פון דער שירײַעווער פאָטאָגראפיע! פארוואָס האָט מען זי אהער געבראכט צו שלעפּן? וואָס פאָדערט ער פון איר, דער אטאמאן?

פון יענער זײַט וואנט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א גערודער, א גע־שריי און א ווילדע זידלעניש. עמעץ איז ארײַן אין טעאטער, קאָן זײַן, אז דאָס איז געוועזן דער אטאמאן אליין צי עמעצער פון זײַנע געהילפן. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן זאל און האָט צו עמעצן געשריגן:

— אָט האָט איר האָלץ! קאָסאַי, נעם טראָג ארויס!

צוויי לאנגע באנדיטן האָבן געכאַפּט די בענק, ארויסגעטראָגן זיי און געוואָרפן אפן שײַטער. דערבײַ האָבן זיי זיך געזידלט און עמעצן געדראָעט. צוויי מאָל זײַנען זיי פארבײַגעגאנגען ליאָניע לאנדע, וועלכער איז געלעגן לעבן דער בינע, און אים ניט באמערקט.

מיטאמאָל איז געוואָרן ליכטיק — באגאָסענע מיט קעראָסין האָבן די בענק זיך צעפלאקערט און אײַנגעהילט די פערדישע קעפּ אין א ראָזער שײַן. די באנאכטיקע כאשכעס איז אָפּגעטראָטן פונעם שול־הויף — אלץ ארום האָט געברענט: עס האָבן געברענט די טירן און די ראַמען פון די פענצטער, וועלכע זײַנען אויך געפלויגן אין שײַטער, עס האָט געפלא־קערט דער נידעריקער שינדלדאך, די אלטע, שוין לאנג שווארץ־געוואָ־רענע שינדעלעך האָבן זיך צונויפגעדרייט אין טרײַבלעך, געטרישטשעט און געפאלן פון דאך גלײַך אין שײַטער ארײַן.

* * *

דאָס איז געווען ווײַטער, געדענק איך ניט, איך האָב שוין מער גאָרנישט ניט געזען. ווען מע האָט מיך אופגעוועקט, האָב איך נאָך לאַנג ניט געקאָנט דערמאָנען זיך, ווי?אזוי איז מיר געלונגען ארויסצושפּרינגען פון דער סופּליאָר־בודקע און ווי?אזוי האָב איך אין דער פינצטער געפונען ליאָניע לאַנדעס פּענסנע.

ליאָניע אליין איז געשטאנען צוגעשפּארט מיטן אקסל צו דער אָפּגע־ברענטער וואנט, אויסגעשטרעקט די הענט און מיט א געבראָכענער שטים דערציילט:

— איך האָב גאָרנישט ניט געזען! גאָרניט!

— דאָס איז עפּשער בעסער! — האָט שטיל אָפּגעזיפצט פרומע איסײַ־עווגע.

...א טונקעלער און קאלטער פרימאָרגן האָט אָפּגעדעקט די ערד. ערשט באנאכט איז זי געווען אַן אויסגעטאָפּטשעטע, א צענעריקטע, איצט איז זי דאָס ערשטע מאָל נאָך לאַנגע בלאָטיקע וואָכן געווען א שטײַפע, מיט אָנגעגלייזטע קאליוזשעס, וואָס האָבן מיט א גרין־בלוילעכער שײַן געקוקט צום הימל.

אין שול־הויף איז געווען א גרויסער אוילעם, נאָר דאָס זײַנען געווען שוין גאָר אנדערע מענטשן. קוים שלעפּנדיק די פיס, בין איך ארײַן אין שאמיסעס צימערל. אלפּי־נעס איז דאָ גאַנץ געבליבן דער דאך. אויך אינעם צימערל איז פול געווען מיט מענטשן. אפן טאָפּטשאַן איז געזעסן מאר?א שעווטשוק, און באנאנד א צונויפגעדרייטע, א פארכאלעשטע די אייגנטימערן פון דער פּאָטאָ־אטעליע כאנע פּא?ס. זי האָט געהאלטן דעם קאָפּ אף מאר?עס קני, געכליפּעט, געיאָמערט און פון צײַט צו צײַט אופּ־געכאַפּט זיך פון אָרט און גענומען שרײַען אף א קאָל, געשלאָגן מיט די פויסטן דעם צעשויבערטן קאָפּ אירן און געבעטן:

— מענטשן! הארגעט מיך, מענטשן! טוט מיר אָן א מיסע, מענטשן!

מאר?א שעווטשוק האָט שטײַף געדריקט אירע הענט, געפּרווט שרײַען אף איר, דראָען, נאָר כאנע איז געווען טרייסטלאָז. אירע געשוואָלענע רויטע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ניט באוועגט זיך, געווען ווי בלינדע.

— ס'איז געווען שפּעט באנאכט, — האָט זי זיך דערמאָנט, — ס'איז שוין געווען זייער שפּעט, ווען זיי האָבן זיך ארײַנגעריסן צו מיר אין שטוב. האָב איך געוואָלט מאכן א גוואַלד, איך טו א קוק — ער אליין, י?מאך־שמוי, זאבאָלאָטני, קומט ארײַן צו מיר און זאָגט: „שרײַ ניט! מירן דיר גאָרנישט ניט טאָן!"

זי האָט זיך ווידער אופגעכאַפּט פונעם אָרט און גענומען זיך שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ:

— מענטשן, טוט מיר אָן א מיסע! מענטשן, איך וועל עס סײַווי ניט אויסהאלטן!

מאר?א שעווטשוק האָט זי ווידער געהאלטן בא די הענט און צוזאמען מיט איר געוויינט...

און אינעם שול־הויף, עטוואָס א צוגעפארבטן פונעם ערשטן שניי, אונטער דער סאמע „טריומפאלער ארקע", איז געלעגן מאָטיע ברען. מיט ברייט־צעעפנטע אויגן האָט ער געקוקט אפן הימל, איבער וועלכן ס'האָבן געיאָגט שטיקער לײַכטע, דורכזיכטיקע כמארעס. אָנפאלנדיק איינע אף דער צווייטער, האָבן זיי זיך אראָפגעלאָזט נידעריקער, קעדיי בלוי און גרוי מאכן דאָס פארבלויטע פּאָנעם זײַנס.

גוט איז געווען מאָטיען צו ליגן אזוי פראנק־און־פרײַ. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער אף אן עמעס אָפגערוט, ניט געטראכט וועגן גאָרניט, וועגן גאָרנישט ניט געזאָרגט, ער האָט אפילע ניט אויסגעווישט דעם גרים פונעם פּאָנעם. גאָלדענע פאסן, ווי זון־הערעלעך, האָבן געפלאטערט איבער זײַן גרויסן שטערן. אסיע איז געשטאנען אף די קני און ניט אָפגעריסן דעם בליק פון זײַן פּאָנעם.

פּונקט ווי אסיע, האָב איך געקוקט אין איין פּינטל. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען מאָטיען אזא רויקן. קוקנדיק אזוי אף אים, האָב איך געפונען דאָס ערשטע וואָרט פארן ביכעלע, וואָס ער האָט מיר געשענקט, דאָס ציטעריקע וואָרט, וואָס האָט זיך אף שטענדיק פארקריצט אין מײַן זיקאָרן. דאָס וואָרט איז א קורצס, עס באשטייט פון זעקס אויסיעס: קאָמעטע...

א קאָמעטע קומט שטענדיק אומדערווארט, און זען קאָן מען זי נאָר דעמלט, ווען זי דערנעענטערט זיך צו דער זון: עס איז ניט אזוי גרינג צו געפינען און דערזען א קאָמעטע, כאָטש עס טרעפט, אז אייניקע קאָמעטעס זײַנען אומגעהייער גרויס.

ווען איך האָב אופגעהויבן דעם קאָפּ און א קוק געטאָן אף יענער זײַט ריוו, האָב איך דערזען אלע אײַנווינער פון שירײַעוואָ, — קינד־און־קייט, ווי מע זאָגט, זײַנען געקומען זיך געזעגענען מיט מאָטיע ברען.

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר פארלאָזט דאָס שטעטל. ווען מיר זײַנען געקומען אהער, האָט אונדז קיינער ניט באגעגנט; ווען מיר זײַנען אוועק, האָבן אונדז באגלייט אלע אײַנווינער. עמעס, צווישן זיי איז דער לערער שאָמיס ניט געווען, ער איז געלעגן בא זיך אין קערקערל אפן טאָפּטשאַן מיט א געשוואָלן פּאָנעם פון טרערן. ער האָט זיך געזעגנט מיט יעדן פון אונדז באזונדער און לאנגזאם געשאָקלט מיטן קאָפּ. ריידן האָט ער שוין ניט געקענט.

מיר האָבן אוועקגעטראָגן מיט זיך א טרונע, וועלכע מע האָט אפגיך צונויפגעקלאפּט. געטראָגן האָבן זי באנדורענקאָ און אילױשע — זיי זײַנען געגאנגען פון פאָרנט. יאשע בוביס און זײַן פרוי ליובע זײַנען געגאנגען פון הינטן. א רײַטער־עסקאדראָן פון טשאָנאָווצעס האָט אונדז באגלייט, און איבער אלעמען האָט געפלאטערט א צעוויקלטע רויטע פאָן. שטיל האָבן מיר זיך אופגעהויבן בארג־ארויף, און די ארומיקע שטילקײַט האָט אונדז באגלייט.

ס'האָט זיך אָנגערוקט דער אָוונט, און ס'איז געוואָרן אלץ שווערער אופּצוהייבן זיך איבער דער שמאָלער און גליטשיקער סטעזשקע, ווו אונטער די פיס זײַנען געווען גריבער. נאָר מיר האָבן געמוזט וואָס גיכער אוועק פונדאנען, ווײַל אונדז אלעמען האָט נאָכגעפאָלגט א ביטערער און

הארבער גערוף. אונטער אונדז, האָט זיך געדאכט, האָט נאָך געברענט דער טעאטער, אין וועלכן מיר האָבן באַוויזן אָפּשפּילן בלויז א העלפט פון דער פּיעסע.

מאגאלניק האָט מיך א טאָרע געטאָן מיטן עלנבויגן און געוויזן אפן קאָמאנדיר פונעם רײַטער־עסקאדראָן, וואָס איז געפאָרן באנאנד מיטן פאָ־נענטרעגער:

— געדענקסט, ווען אסיע איז אוועק פון דער רעפּעטיציע און מיר האָבן געקוקט דורכן פענצטער? דאָס איז ער דאָך געווען מיט איר...

— ששש! — האָט פרומע איסײַעוונע אויסגעשטרעקט צו אונדז די הענט און מיט ראכמים געבעטן, מיר זאָלן שווײַגן.

אונטער אונדז איז, ווי אלעמאָל, געפאָרן א פור: כוץ אמזעלן, איז אף דער פור געזעסן ליאָניע לאנדע.

ער האָט ניט געזען, וויאזוי מאגאלניק איז מיטאמאָל אוועק פאָרויס און עפּעס אײַנגעטײַנעט מיט ליובען.

ווען מיר האָבן ארופגעקלעטערט אפן בארג, האָט ליובע באפרײַט איר אקסל פון דער טרונע און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט מאגאלניקן. ניט ארומ־קוקנדיק זיך, איז ליובע אוועק פאָרויס, ווי גלײַך זי זאָל האָבן בעדייע דורכצולייגן פאר אונדז א וועג.

פון דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ קאפּיטל אינעם לעבן פון אונדזער טעאטער, אין שפּיץ פון וועלכן עס האָט זיך געשטעלט ליובע. זי האָט מיט אונדז אָנגעפירט דרײַ און דרײַסיק כאדאָשים, אָדער, ווי איר ווילט זיך, אָן דרײַ כאדאָשים דרײַ יאָר. דאָס זײַנען געווען יאָרן פון שעפערישער פרייד, נאָר דאָס איז שוין, ווי מאָטיע ברען וואָלט זיך אויסגעדריקט, „פון א פּיעסע, וואָס איז נאָך ניט אָנגעשריבן".

אינהאלט

פונעם אווטאָר 3
1. אן אומדערוואַרטע באַגעגעניש 5
2. א סאָף? 16
3. אין איינער א נאַכט 26
4. אַסיע 34
5. איין טאָג 50
6. „זיבעצן" 66
7. וויַהי בוּיקער, וויַהי ערעוו 75
8. אן עקסקורסיע 89
9. ווו זשע איז אַסיע? 102
10. אין פאַלע־ראַיאַל 112
11. פון וואָס הייבט מען אָן? 121
12. אין איינעם א פרימאָרגן 127
13. אינמיטן העלן טאָג 136
14. ווען לאַכן מענטשן פון קעלער? 146
15. דער דורכפאַל 157
16. די גענעראַלע רעפּעטיציע 167
17. „נו, וואָס האָבן מיר דאָרט אַזוינס?" 175
18. צוויי פרויען 179
19. אן ארויספאָר־ספּעקטאַקל 185
20. אַלץ איבערגעדרייט 194
21. דער ערשטער קאָנצערט 203
22. אונדזער אָדיסייע דויערט 211
23. אין שטעטל שירײַעס 218
24. די צווייטע סריפּע 226

Хаим Айзикович Зильберман

КОМЕТА

М. «Советский писатель», 1976, 232 стр. План выпуска 1976 г. № 212. Художник В. И. Левинсон. Редактор М. С. Беленький. Худож. редактор Е. Ф. Капустин. Техн. редактор И. М. Минская. Корректор А. Б. Стрельник.

Сдано в набор 11/V 1976 г. Подписано к печати 16/IX 1976 г. Формат 84×108$^{1}/_{32}$. Бумага тип. № 1. Печ. л. 7$^{1}/_{4}$. Усл. печ. л. 12,18. Уч.-изд. л. 14,71. Тираж 2300 экз. Зак. № 402. Цена 56 коп. Издательство «Советский писатель». Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.